STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05739

MENTSHN UN IDEYEN

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

מענטשן און אידייען

מיט פֿרײַנטשאַפֿט און דרך-ארץ
דעם ליבן שריפֿטשטעלער
ח' ראובן בריינין א מתּנה —
א. אַלמי

נױ-יאָרק
דעם 3 מאַי
1934

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
ייִדישע פֿאָלקס ביבליאָטעק

פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב — װאַרשע — 1933

Copyright by A. ALMI
(Elias Sheps) 1933
PRINTED IN POLAND

Ludzie i Idee — A. Almi

Druk. „POL“ Przejazd 11.

דער מענטש — דאָס איז די העכסטע
אידייע פון דער שעפונג.
שעפעריש צו זיין — דאָס זאָל זיין
די העכסטע אידייע פון דעם מענטש.

א. אַלמיס ווערק:

די צווייטע עקזיסטענץ
ביי די ראַנדן (לידער)
אין עליאַש'ס קיניגרייך (לידער)
פאַר די ליכט (לידער)
די כינעזישע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע
יידישע פאָלקס־מעשיות פון 1863
די רייד פון בודא
מענטש און וועלט (עסייען)
פּאַראַדיעס
הומאָרעסקעס און שאַרזשן
ווען ס'גלוסט מיך צו לאַכן (פעליעטאָנען)
אויפן וועג פון די געטער
ליטעראַרישע נסיעות (עסייען)
מיט זיך און מיט אַנדערע (דערציילונגען)
געקליבענע לידער
מענטשן און אידייען (עסייען)

מענטשן און אידייען

(עסייען. — שמועסן. — באַטראַכטונגען. —
מעדיטאַציעס. — קריטיק.

אינהאלט

I

דער גרויסער פּלאַן 11
די חכמה אין דער נאַרישקייט . . 29
פרייער ווילן . . . 36
וואָס די זעקס האָבן געענטפערט . . 43
צווישן מוק און באַרג . . . 53
שווער צו זיין אַ גרינבערג . . . 59
אַ וועלט אָן מענטשן . . . 67
סינטעז 73

II

ברוך שפּינאָזאַ פאַרן געריכט . . 83
ביבל-קריטיק און ליטעראַטור-קריטיק . . 97
נעאָ-אַנטיסעמיטיזם 103
אַ בריוו פון אַ ווילדן 110
איינער פון אַ מיליאָן 120
פאַרוואַנדלונגען . . . 127
אַ בריוו פון צוקונפט-מענטש . . . 137

III

מאַהאַטמאַ גאַנדי	143
עמיל לודוויג	151
מאָריס ראָזענפעלד	160
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי	174
דוד עדעלשטאַט	185
נח פּרילוצקי	197
אַלעקסאַנדער האַרקאַווי	204
ב. עפּעלבוים	211
א. לוצקי	222
זיסמאַן סעגאַלאָוויטש	241
א. ש. זאַקס	249
ה. ד. נאָמבערג	255

IV

קונסט אין פילאָזאָפישן ליכט	265
אין יאָר 632 נ. פ.	281
דער נאַקעטער גאָט	293
אַרום מאַגנאָליאַ סטריט	298
מענטש און אינזעקט	305
וועגן לשון	312
גראַם-שטראַם	318
דיינעס	326

דער גרויסער פלאז

(מחשבות אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט)

אַ קאָמיש פילם-בילד: אַ מענטש פאַלט אַריין אין ים אַריין. ער שווימט מיט אַלע כוחות, אַ פאַרצווייפלטער, און זוכט עפעס אַן אָנהאַלט, זאָל זיין, ווי דאָס ווערטל גייט, אַ שטרוי, זיך אָנצוכאַפּן און ראַטעווען. מיטאַמאָל דערזעט ער אַ גרויסן פעלז. זיין פנים לייכט-אויף. מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט ער זיך צום פעלז, קריכט אויף אים אַרויף, זעצט זיך אַנידער אַן אויפגעלעבטער און דערפילט זיך אַזוי זיכער, באַרויִקט. דאָ, אויפן פעלז, וועט ער וואַרטן, ביז הילף וועט קומען. נאָר... וואָס איז דאָס? דער פעלז הויבט זיך פלוצלינג אָן באַוועגן, דרייען זיך און לאָזט זיך דאַן שווימען, וואָס ווייטער — אַלץ האַסטיקער. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דער „פעלז" — דאָס איז גאָר אַ ריזיקער וואַלפיש און אויף זיין רוקן זיצט דאָס דער מענטש. און דעם מענטשנס פנים פאַרקרימט זיך פון שרעק, פון אימה און פאַרצווייפלונג. ווו וועט אים דער וואַלפיש פאַרשלעפּן? און אפשר וועט ער זיך באַלד אונטערטוקן אין שטורמישן ים?... דאָס פּובליקום אין טעאַטער קייכט פון געלעכטער איבער דעם אומגליקלעכנס הילפלאָזיקייט און פאַרלוירנקייט — און ס'איז דאָך חירקלעך אַזוי קאָמיש! אַזוי קאָמיש!

אָבער געפינען מיר זיך נישט אַלע – איך און דו און

15074.ל

ער — אין דער אייגענער טראַגי־קאָמישער לאַגע, וואָס יענער אומגליקלעכער ? אָט נאָר־וואָס אַזוי רויק, אַזוי זיכער, גלייך די וועלט וואָלט געלעגן אין אונזערע הענט, און מיטאַמאָל — פאַרלוירן, פאַרפירט, ווי אויף אַ זינקנדיקער שיף, אָדער אויפן רוקן פון אַ וואַלפיש אינמיטן אַ שטורמישן אָקעאַן. אונזער גאַנץ לעבן איז דאָך אַזאַ קאָמיש שפּיל פון געפונענע און פאַרלוירענע זיכערקייטן, פון „אָט געווען" און „אָט נישטאָ", סיי אין דעטאַלן, אין דעם לויף פון די אַטאָמישע טאָג־טעגלעכע געשעענישן; סיי אין דעם גאַנצן סך־הכל, אין אוניווערסאַלן געשען פון אונזער עקזיסטענץ. אין דער פריער יוגנט, ווען אַלץ אַרום אונז און אין אונז זעט אונז אויס אַזוי זיכער, אַזוי גרונט־פעסט, שפּירן מיר דאָס זעלטענער; אין די שפּעטערדיקע יאָרן, זאָס אין דערפאַרונגען און אין אַנטוישונגען — אַלץ אָפטער און אָפטער.

ס'איז גאָרנישט נויטיק אויסצורעכענען די אַלע לויפנדיקע פּאַסירונגען אין דעם קורצן לעבנס־שפּאַן, וואָרום יעדער פון אונז האָט דאָך זיי אַליין איבערגעלעבט און דורכגעלעבט; ס'איז אפילו גאַנץ עגאַל, צי מ'קומט מחמת זיי, אָט די דעטאַלן פון אונזער אייגן לעבן, צו טרויעריק־פּעסימיסטישע שלוסן, ווי קהלת און שאָפּענהויער; אָדער צו אַן אָפּטימיסטיש־האָפערדיקן סך־הכל, מיט אַ גרויסן לעבנס־ציל פאַר די אויגן, אַ תכלית, וואָס צוליב אים איז אַלץ כדאי. די רייד זאָל דאָ זיין נישט מכוח אונזער אינדיווידועלן ז י י ן און נישט־זיין, נאָר פון דעם אוניווער־סאַלן ז י י ן אונזערן, וואָס ציט זיך פון אַלע דורות און צייטן, פון אדמען ביז מיר און דיר. וואָס איז דאָס אַזוינס ? נאָך וואָס איז דאָס אַזוינס ? און ווו אַזוינס זענען מיר ערגעץ אין דער וועלט ? איך ווייס: דאָס זענען קשיות, וואָס קלינגען שוין קינדיש, ווייל מ'פרעגט זיי שוין טויזנטער יאָרן און נאָך טויזנטער יאָרן וועט מען זיי פרעגן — — — יעדער ענטפערט אויף זיין שטייגער, לויט זיין אויסטייטש און לויט זיינע מיטלען און מעטאָדן, מחמת דער פילאָזאָף, ווי דער טעאָלאָג; דער וויסנ־שאַפטסמאַן, ווי דער מיסטיקער, מיינט, אַז ער מוז ענטפערן, און

ער מיינט אַזוי, ווייל ער וויל אזוי — וויל געפינען יבשה, וווּ די תיבה זאָל זיך קאָנען פאַראַנקערן. דער מענטשלעכער געדאַנק, ווי נחס טויב, פליט אַרום אין פינסטערן חלל, אין די אומגעהייערע רוימען און זוכט און נישטערט. ווי דער אַלטער אַרכימעדעס האָבן מיר נאָך אַלץ דעם ווּנטש צו געפינען דעם צענטראַל־פונקט פון דער וועלט, פון דעם אוניווערס, וואָרום געפינען דעם צענטראַל־פונקט מיינט פאַרן מענטש: געפינען זיך אַליין, געפינען זיכערקייט און צוועק פאַר אונזער עקזיסטענץ.

נאָר אַמאָל ביינאַכט, אינמיטן דערנאַכט, בעת מיר וועקן זיך איבער פון אַ שווערן חלום, אָדער סתם אַזוי, אָן אַ באַוווּסטער סיבה, און מיר דערזעען זיך אין דער אומענדלעכער פינסטערניש אַליין אין בעט, האָבן מיר דאָס געפיל, אַז דאָס בעט אונזערס איז, אין די ווערטער פון אַן אַלטן פאָעט, אַ פאַרלוירענע שיף אויפן ים פון פינסטערניש, פון דיקן חושך. און ס'איז נישט דאָס בעט אַליין — די גאַנצע ערד־וועלט, וואָס אויף איר געפינען מיר זיך, איז, דאַכט זיך אונז, אָט אַזאַ פאַרלוירענע, פאַרבלאָנדזשעטע שיף, אָדער טאַקע גאָר אַ ריזיקע חיה, וואָס אויף איר רוקן האָבן מיר זיך אַרויפגעכאַפּט, ווי יענער טראַגי־קאָמישער פאַרשוין אין דעם פילם־בילד, און די חיה טראָגט זיך מיט אונז אין דער אומענדלעכקייט ערגעץ, דרייט זיך בליץ־שנעל אַרום זיך אַליין, ווי אַ הונט, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין אייגענעם עק, און אַרום דער זון, וואָס דרייט זיך אויך אין דעם אומגעהייערן חלל. אויפן רוקן פון דעם ריזיקן קערפער, וואָס אַנטקעגן דעם ענדלאָזן א ר ו ם, איז ער קלענער ווי דער וואַלפיש אַנטקעגן ים. יאָגט זיך דור נאָך דור, איינער פאַלט אַראָפ און פאַרשווינדט ערגעץ, אַ צווייטער כאַפּט זיך אַרויף, כדי דערנאָך אַראָפּצופאַלן און פאַרשווינדן. אויפן רוקן פון דעם פינסטערן וועלט־קערפער האָבן מיר אויפגעבויט שטעט, לענדער, ציוויליזאַציעס, און מיר רייסן זיך איינער מיטן אַנדערן, שלאָגן זיך, האַסן זיך, טויטן זיך, קליגן זיך און נעמען זיך אַזוי ערנסט, גלייך מיר וואָלטן נאָך געלעבט אין דער

וועלט פון ספר-בראשית, מיט א פעסטן באָדן אונטער די פיס און זיבן זיכערע הימלען איבער אונזערע קעפ.

דיין בליק רייסט זיך צום פענצטער, אין דער נאַכט אַריין, ווו ליכטיקע פינטעלעך שפּאַרן-דורך די פינסטערניש. דו ווייסט, אַז אָט די פינטעלעך זענען פּלאַנעטן, זונען און אַ סך פון זיי „אפשר" באַווינטע וועלטן, ווי די, ווו מיר געפינען זיך. זענען מיר אפשר גאָרנישט אַזוי איינזאַם? אָבער זיי זענען אַזוי ווייט, אַזוי פאַרוואָרפן איינער פון אַנדערן, אַז עס נעמט אַמאָל מיליאָנען ליכט-יאָרן ביז אַ שטראַל פון אַ געוויסן שטערן, אָדער פּלאַנעט גרייכט אונז... אַזאַ געדיכטע פינסטערניש, אַזאַ אומבאַהייערער חלל — אומענדלעכקייט — און דאָ און דאָרט אַ פינטעלע, אַ ציטערדיק פלעמל... אַ פחד באַפאַלט דיך. דיר דאַכט זיך, אַז דו שפּירסט בפועל ממש, ווי דער קערפּער, וואָס אויף אים האָבן מיר זיך אַזוי צעלייגט, באַוועגט זיך, טראָגט זיך ערגעץ — אַ פחד, נישט מחמת די מאָדערנע וויסנשאַפט, וואָס האָט פריער געפּסקנט, אַז אויב אַ דערשיינונג חוזרט זיך איבער אַזויפיל און אַזויפיל מאָל, איז עס אַ נאַטור-געזעץ, האָט זיך עוין איצט דערטראַכט צום געדאַנק, אַז דאָס איז לחלוטין קיין ראיה נישט, און אויב די זון איז מיליאָנען און מיליאַרדן מאָל אונטערגעגאַנגען, איז עס בשום-אופן נישט קיין סימן, אַז זי וועט מאָרגן אויך אויפגיין; עס איז נישט דער פחד פאַר דעם אומבאַוווּסטן גורל, וואָס מאָרגן, אָדער אין קומענדיקן מאָמענט, קאָנען די אַלע ביז-איצט-אָנגענומענע נאַטור-דערשיינונגען אויפהערן פונקציאָנירן און מיר וועלן מיט אונזער וועלט פאַרזונקען ערגעץ אין שאול-תחתיה. ס'איז דער פחד פאַר דער אומגעהויערער אומבאַגרייפלעכער מאַכט, וואָס איז שולט אינם באַשאַף. ס'איז די אימה פון אומוויסן, וואָס מיר האָבן געירשנט פון דעם ווייטן אור-מענטש, וועלכער האָט אויך נישט געוווּסט און וואָס פאַר אים זענען די נאַטור-כּוחות אויך נישט געווען קיין זיכערע, „געזעצלעכע" דערשיינונגען.

און ווייסן מיר איצט דען מער, ווי דער אור-מענטש — איצט, נאָך אַלע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און אַנטפּלעקונ-

גען? אין 19-טן יאָרהונדערט, בעת די וויסנשאַפט האָט אָפּגע־האַלטן איין טריומף נאָכן אַנדערן, זענען די וויסנשאַפטלייט אַזוי פאַרשיכּורט געוואָרן פון זייערע דערפאָלגן, אַז זיי זענען ביי זיך פולשטענדיק זיכער געווען אין דער ענדלעכער לעזונג פון דעם וועלט־רעטעניש. נאָך אַביסל און נאָך אַביסל — און דער וויסנשאַפטסמאַן וועט דערגיין דעם סוד פון דעם באַשאַף. אָבער, וואָס מער די וויסנשאַפט האָט זיך געגראָבן אין דער וועלט, אַלץ גרעסער איז די וועלט געוואָרן, אַלץ אומבאַדייטנ־דיקער האָט אויסגעזען דאָס אַנטדעקטע, און דאָס אַנטדעקטע גופא איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ ספק: צי איז עס באמת אַזוי, אָדער אַ וויסנשאַפטלעכע אילוזיע? דער וויסנשאַפטסמאַן פון 20-טן יאָרהונדערט איז שוין גאָרנישט זיכער ביי זיך. אדרבא, ער איז זייער סקעפּטיש לגבי אונזער פעיִקייט און כּוח ווען ס'איז „דעם הימל צו דערלאַנגען”. דער איבערגאַנג אין דער וויסנשאַפט פון אָפּטימיזם צו סקעפּטיציזם דערמאָנט אַ בילד פון דער קינדהייט: דאָס קינד לאָזט זיך לויפן צום רויט־ברע־נענדיקן האָריזאָנט, וואָס זעט אין דער דעמערונג־שעה אויס אַזוי נאָענט, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען; נאָך אַ שפּאַן און נאָך אַ שפּאַן און דאָס קינד רירט־אָן מיט די הענט־לעך דעם האָריזאָנט. אבער וואָס מער עס לויפט, אַלץ ווייטער ווערט דער האָריזאָנט, אַלץ מער „אַנטלויפט” ער, און דאָס קינד בלייבט שטיין אָן כּוחות, אַנטוישט, מיט אַ נאָגנדיק געפיל אינם יונגן הערצל.

ווען ג אַ ל י ל יי האָט אין 1609 צום ערשטן מאָל אָנגעשטעלט זיין קליינעם טעלעסקאָפּ אויפן הימל, איז דער רוים מיטאַמאָל אומגעהייער גרעסער געוואָרן פאַרן מענטש, וואָס ביז דאַמאָלט האָט ער געקוקט אין הימל אַריין מיט זיי־נע נאַקעטע אויגן און געזען אַזוי ווייניק. ער האָט פּלוצלינג דערזען בערג אויף דער לבנה; די לבנות פון יופּיטער; דעם רינג ארום סאַטורן און די שטערן פון „מילך־וועג”. גאַליליי אַליין האָט איינמאָל באַגייסטערט אויסגערופן, אַז ער האָט אויסגעצויגן דעם אוניווערס „אַ טויזנט מאָל גרעסער ווי ער

איז געווען אין דער פאַרשטעלונג פון די פריערדיקע דורות".
אָבער אומגעהייער קלענער, ווי דער אוניווערס איז געווען ביז
גאַליליין, איז גאַליליים אוניווערס אַנטקעגן דעם איצטיקן, וואָס
ריזיקע טעלעסקאָפּן האָבן אַנטפּלעקט פאַרן מענטשלעכן אויג.
דער פאַקט איז, אַז ביזן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט די
מענטשהייט נישט געהאַט קיין באַגריף מכּוח דער געוואַלטיקער
גרייס פון דעם וועלט-רוים. דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער
אַסטראָנאָם, ד"ר עדווין ב. פּראָסט, האָט מיט אַ צייט
צוריק דערקלערט, אַז בלויז אין משך פון זיין לעבן איז דער
אוניווערס אויסגעוואַקסן אַ מיליאָן מאָל. ס'איז איצט אומ-
מעגלעך זיך משער צו זיין אויף וויפיל גרעסער דער וועלטאַל
וועט נאָך אויסוואַקסן אין די שפּעטערדיקע צייטן, בעת די
וויסנשאַפט וועט האָבן נאָך גרעסערע און בעסערע טעלעסקאָפּן.
צוזאַמען מיט דער גרייס פון אוניווערס, וואַקסן און מערן זיך
פאַר אונזערע אויגן די סודות און די רעטענישן פון באַשאַף.
מיליאַרדן פּלאַנעטן און שטערן באַשפּרינקלען גאַנץ
שיטער דעם אומענדלעכן חלל, און בעת דו קוקסט אויף די
פון זיי, וואָס דאָס נאַקעטע אויג קאָן דערזען אין די לויטערע
נעכט, און דיין הארץ ווערט אָנגעפילט מיט ערפורכט, טראַכסטו:
זענען אויך די אַנדערע פּלאַנעטן, אָדער כאָטש טייל פון זיי
באַוווינט מיט לעבעדיקע, דענקנדיקע באַשעפענישן, אָדער
אונזער קליינער פּלאַנעט איז דאָס איינציקע פּינטעלע, ווו עס
ראָיעט זיך לעבן? די רעליגיע האָט געמאַכט אונזער ערד
פאַר דעם צענטער פון אוניווערס און זון, לבנה און שטערן —
פאַר אירע באַדינער. שוין די סברה, אַז אויך אויף אַנדערע
פּלאַנעטן געפינט זיך לעבן און וועזנס ענלעך צו די ערדישע
מענטשן, איז אין אירע אויגן אפּיקורסות, וואָרום אַ נישט —
פאַרוואָס האָט גאָט אויסגעקליבן אונזער קליינעם פּלאַנעט
אַראָפּצושיקן אַהער משה, קריסטוס, בודאַ? די רעליגיע קאָן
דעריבער ווי-ס'איז נאָך שלום מאַכן מיט יענער וויסנשאַפטלע-
כער טעאָריע, וואָס האַלט, אַז בלויז אונזער ערדישער פּלאַ-
נעט איז געבענטשט, אָדער פאַרשאָלטן, מיט לעבן. פאַרשטייט

זיך, אַז די דאָגמאַטישע רעליגיע קאָן נישט אָננעמען די פולע הנחה פון דערדאָזיקער טעאָריע, אַז לעבן איז דאָ אַנטשטאַנען צופעליק. עס געפינען זיך איצט איניקע אָנגעזעענע וויסנ־שאַפטסלייט, וואָס גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון לעבן אויף אַנדערע פּלאַנעטן, נישט נאָר, ווו עס הערשן ענלעכע באַדינ־גונגען, ווי אויף אונזער ערד, נאָר אפילו דאָרט, ווו אַזוינע באַדינגונגען זענען נישטאָ, וואָרום אויב מיר ווייסן פון איין סאָרט באַדינגונגען — פון אונזער ערדישער דערפאַרונג — איז עס דאָך בשום־אופן קיין ראיה נישט, אַז עס קאָנען נישט זיין קיין אַנדערע באַדינגונגען פאַר לעבן. די סקעפּטיקער לגבי אַ לעבן אויף אַנדערע פּלאַנעטן האָבן דאָ אַן אייזערנעם— אין פלוג גערעכטן — אַרגומענט: מיר ווייסן אונטער וואָס פאַראַ באַדינגונגען לעבן איז מעגלעך. אויב ערגעץ זענען אַזוינע באַדינגונגען נישטאָ — ווי קאָנען מיר רעדן פון לעבן, לעבן, ווי מיר פאַרשטייען עס?

אָבער, וואָס אַזוינס איז לעבן? מיר ווייסן גענוי פון וואָסערע עלעמענטן עס זענען צונויפגעשטעלט אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע קערפּערס. קיינער קאָן אָבער נישט זאָגן פאַרוואָס איין קערפּער אין דער נאַטור איז „לעבעדיק" און אַן אַנדערער „טויט". מיר ווייסן די תנאים פון לעבן, אָבער נישט וואָס און פאַרוואָס לעבן גופא איז — מיר קאָנען קיין לעבן נישט פאַבריצירן אין לאַבאָראַטאָריע. סוף־כל־סוף איז ד ע ק אַ ר ט ס דעפיניציע פון לעבן: — „איך דענק — הייסט עס, אַז איך לעב" — די טרעפלעכסטע. פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר זיך נישט קאָנען פאָרשטעלן לעבן — דענקנדיק לעבן — אויף פּלאַנעטן, ווו עס הערשן גאַנץ אַנדערע תנאים, ווי אויף דער ערד? קערפּערס, וואָס קאָנען אויסהאַלטן גרויס היץ, מחמת צו נאָענטקייט צו אַ זון; אָדער גרויס קעלט, מחמת צופיל ווייטקייט פון אַ זון? פון אונזער סוביעקטיווער דער־פאַרונג ווייסן מיר, אַז מיר מוזן האָבן לופט צו אָטעמען; אָן לופט, אָדער אין וואַסער הערן מיר דערשטיקט. הייסט עס דעריבער, אַז אין וואַסער איז נישט מעגלעך קיין לעבן? אָבער

די טייבן און ימען ראָיען מיט אַ פאַרשיידנאַרטיק לעבן און אַ פיש ווערט דערשטיקט, ווען ער פאַלט אַריין אין דער לופט-אַטמאָספערע פון דער יבשה. אַנדערע באַשעפענישן קאָנען עק-זיסטירן סיי אויף דער יבשה, סיי אין וואַסער. מיר באַוועגן זיך אין אַ וועלט פון דריי דימענזיעס. פונדעסטוועגן קאָן זיך די וויסנשאַפט שוין איצט פאָרשטעלן אַ פערטע דימענזיע, כאָטש געַנוי וואָס דאָס איז און ווי דאָס איז קאָנען מיר זיך נישט אויסמאָלן. יעדנפאַלס איז עס, ווי עס איז צו זען, נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיר זאָלן „אָננעמען" מעגלעכקייטן, וואָס זע-נען נישט בנמצא אין אונזערע דערפאַרונגען. פאַרוואָס-זשע אויך נישט אויסמאָלן זיך אַ לעבן אונטער באַדינגונגען, וואָס זענען פרעמד אונזער דערפאַרונג? בלויז איין אַסטראָנאָם — איינער פון די גרעסטע — פראָפ. וו. דע-סיטער, — זאָגט זיך אַרויס, אין זיין בוך „קאָסמאָס", אַז מיר האָבן קיין רעכט נישט צו באַשטימען, אַז די באַדינגונגען, וואָס „האַלטן אויס", ווי עס קומט אונז פאָר, אין אונזערע אייגענע הימלען, מוזן אויך זיין אַזוי אויף יענע „פראָנטן", וואָס זענען ווייט פון אונז — מיליאָנען ליכט-יאָרן.

פון די פּלאַנעטן אין אונזער זונען-סיסטעם האָט די וויסנשאַפט אויסגעקליבן בלויז צוויי — מאַרס און ווענוס — וואָס אויף זיי זאָל מעגלעך זיין לעבן. ווענוס האָט געדאַרפט וואַרטן ביז 1932, ביז צוויי אַסטראָנאָמען האָבן אַנטדעקט אויף איר דעם עלעמענט קאַרבאָן (קוילן-זויער), וואָס איז (לויט די ערדישע תנאים) נויטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען. דאָך וועלן אַפילו אַזעלכע באַרימטע אַסטראָנאָמען ווי ראָסעל, דזשינס, עדינגטאָן, קאַמפבעל, קאָבלענץ און ניקאָלסאָן, וואָס גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון לעבן אויף דידאָזיקע צוויי פּלאַנעטן, נישט שווערן, אַז זייער השערה איז אַ ריכטיקע. די אַסטראָ-פיזיק האָט, הייסט עס, לעת-עתה נישט גענוג באַווייזן צו באַ-שטעטיקן זייער „פאַרדאַכט", אָדער טעאָריע, און אַן ערלעכער וויסנשאַפטסמאַן וועט באַאין-אופן נישט זאָגן מיטן פולן מויל

„יאָ“. אײדער ער האָט גענויע עדות אויף דעם. דאָס אַבסטראַקטע דענקען, וואָס זאָל מיט דער הילף פון ריינער לאָגיק און אינטויציע דערגיין צו געוויסע שלוסן, איז דורך די עקזאַקטע וויסנשאַפטן, וואָס בויען אַלץ אויף לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן, פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ טעמפּן ווינקל. די וויסנשאַפט, וואָס האָט געעפנט אַזעלכע אומענדלעכע האָריזאָנטן און אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן אַזוינע אומגעהייערע וווּנדער, האָט צו דערוועלביקער צייט געצאַמט, געפּענטעט — דעם פילאָזאָפישן געדאַנק. ער שלעפּט זיך נאָך פון הינטן, טריט-בײ-טריט, נאָך דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. דערפאַר האָט אונזער צייט נישט אַרויסגעבראַכט קיין פילאָזאָפישע גאונים, וואָס זאָלן קאָנען שטיין אין איין ריי מיט אַן אַריסטאָטל, שפּינאָזאַ, קאַנט.

אָבער ווי שטאַרק מיר זאָלן נישט באַוווּנדערן די וויסנשאַפט מיט אירע גיגאַנטישע שפּרייזן, זענען דאָך דאָ אידייען און ראַיאָנען, וווּהין בלויז דער אַבסטראַקטער געדאַנק קאָן אַריינדרינגען; ווו בלויז דורך לאָגיק און אינטויציע קאָנען מיר תופס זיין דאָס, וואָס די לאַבאָראַטאָרישע וויסנשאַפט קאָן נישט און „טאָר“ נישט, אויב זי וויל פאַרבלייבן דאָס, וואָס זי איז — „אָננעמען“. אַזאַ געביט איז די אידייע וועגן לעבן אויף אַנדערע פּלאַנעטן. דער ריינער געדאַנק זאָגט אונז אונטער, אַז עס איז נישט מעגלעך, אַז אין דעם גאַנצן אוניווערס זאָל בלויז דעם קליינעם פּינטעלע ערד צוגעטיילט ווערן לעבן. אָט די אַלע מיליאַרדן קערפּערס — טייל פון זיי טויזנטער און מיליאָנען מאָל גרעסער פון דער ערד — דרייען זיך סתם אַזוי? אויב מיר האָבן דעם מינדסטן גלויבן אין עפּעס אַ שכל, וואָס געוועלטיקט אין דער וועלט, קאָנען מיר בשום-אופן נישט איינגיין אויף דעם, אַז דערדאָזיקער שכל האָט געפּטרט אַזויפיל ענערגיע און קונציקייט אין דער איינריכטונג פון די פאַרשיידענע זונען-סיסטעמען גלאַט אין דער וועלט אַריין... און אַז ס'איז דאָ אַ שכל אין דער וועלט, וועט מודה-זיין אפילו דער מאַטעריאַליסט-אַטעיִסט. ס'איז גענוג אַ קוק צו טון אויף דעם

קונציקן מעכאַניזם פון אונזער אייגענעם גוף, אויף דער חכמה, וואָס שטעקט אין דער קאָנסטרוקציע פון דעם מינדסטן גרעזע-לע און נישטיקסטן ווערימל, פון אַן אַטאָם און פון די הימל-שע קערפּערס; אומעטום ראַיעט זיך אויף אונזער קליינעם פּלאַ-נעט מיט אַ פאַרשידנאַרטיק און פילפאַרביק לעבן — אויף דער יבשה און אין די וואַסערן, אין לופטן און צווישן פעלזן; אין די זאַמדן און אין בויך פון דער ערד — און דאָ זאָלן מיל-יאַרדן ריזיקע קערפּערס זיך סתם אַרומבלאָנקען אין אוניווערס „לעבלאָזע". דאָס לייגט זיך נישט אויפן שכל.

לאַפּלאַס, דער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער, איז דורך וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג געקומען צו דיזעלבע שלוסן (בנוגע דער אַנטשטייאונג פון אונזער פּלאַנעטן-סיסטעם), וואָס סוועדענבאָרג און קאַנט, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט זייער שיטה דורך אַבסטראַקטן דענקען. טייל אידייען פון אַריס-טאָטל זענען אויך היינט אַזוי ניי, נישט געקוקט אויף אַלע וויסנ-שאַפטלעכע דערגרייכונגען, ווי אין דער בלי-צייט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. שפּינאָזאַס פּאַנטעיזם איז נישט פאַרטונקלט געוואָרן דורך דער מאָדערנער וויסנשאַפט, כאָטש שפּינאָזאַ האָט נישט עקספּערימענטירט אין קיין לאַבאָראַטאָריע. דאַקעגן זעען מיר, אַז וויסנשאַפטלעכע בנינים, וואָס זענען אויפגעשטעלט גע-וואָרן נאָך לאַנגע יאָרן שווערער לאַבאָראַטאָרישער פאָרשונג, פאַלן-איין ווי קאָרטנשטיבלעך. ס'איז גענוג אָנצעווייזן אויף דאַרווינס שיטה מכּוח דער אַנטשטייאונג פון דעם מענטשלעכן מין — אַ שיטה, וואָס איז געוואָרן ממש אַ תורה-מסיני פאַר יעדן פריידענקנדיקן – פאַלט אַלץ מער אַרונטער אונטערן שאָטן פון ספקות. פּראָפ. אָסבאָרן איז נישט דער איינציקער אַפּיקורס אין דערדאָזיקער טעאָריע, און אַזוי איז עס אויך מיט ניוטאָנס גראַוויטאַציע, וואָס האָט געקריגן אַזאַ מעכטיקן שטויס פון איינשטיינען. דאָס אַלץ באַווייזט אונז, אַז וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, איז נישט אַלעמאָל זיכער און אַז דאָס אַבסטראַקטע—פילאָזאָפישע–דענקען איז נישט אַלעמאָל אומזיכער... אדרבא, דער אַבסטראַקטער געדאַנק קאָן זיך אָפט דורכשלאָגן אַ וועג צו

אזעלכע הויכן און טיפן, ווו די וויסנשאפט, באוואפנט מיט אירע לאבאראטארישע אינסטרומענטן, קאן קיין צוטריט נישט האבן. פיגוראטיוו גערעדט קאן מען זאגן, אז דער אבסטראקטער געדאנק איז אן אדלער און די וויסנשאפט איז א מעכאנישע לופטשיף. ווי ווונדערבאר די לופט-שיף זאל נישט זיין, וועט דער מענטשלעכער געדאנק זיך שטענדיק רייסן צו שוועבן אויף אדלער-פליגלען און זייער פלאטער וועט תמיד ארויסרופן א ציטער אין אונזערע נשמות...

בעת מיר טראכטן, קוקנדיק אויפן אויסגעשטערנטן הימל, וועגן אנדערע וועלטן און דער „קאמאן סענס" וויל נישט דערלאזן די מעגלעכקייט פון מיליארדן און מיליארדן אומבאלעבטע קערפערס אינם וועלט-חלל, נישט געקוקט אויף אלע וויסנשאפטלעכע טענות, קומט אויך אויפן זינען די פלוגתא מכוח דער אנטשטייאונג פון דער וועלט. אין אכטצעטן יארהונדערט זענען סוועדענבארג און קאנט ארויסגעקומען מיט דער טעאריע, אז אונזער זונען-סיסטעם האט זיך ארויספארמירט פון דער ריזיקער נעבולא-מאסע, אבער דער פראנצויזישער נאטוראליסט בופאן האט געהאלטן, אז אונזער ערד מיט אירע שוועסטער-פלאנעטן און זון זענען דער פועל-יוצא פון א צופעליקן צוזאמענשטויס צווישן דער זון און א גיגאנטישן קאמעט. לאפלאס האט מיט אים נישט מסכים געווען און זעלבסטשטענדיק געקומען צום רעיון פון דער נעבולא-טעאריע, וואס האט באהערשט די וויסנשאפטלעכע מוחות ארום א יארהונדערט, ביז טשאמבערלין און מולטאן פון שיקאגע האבן פובליקירט זייער השערה, אז די זון האט זיך צונויפגעשטויסן מיט א מאסע פון קליינע קערפערס, ווי מעטעארן, אדער פלאנעטאידן. דידאזיקע השערה האבן אויפגעכאפט, אבער שטארק מאדיפיצירט דזשינס און דזשעפעריס אין ענגלאנד — פון א מאסע דראבנע קערפערלעך איז ביי זיי געווארן איין ריזיקער שטערן. וואס איז פארבייגעגאנגען זייער נאענט פון דער זון, ארויסרופנדיק אויף איר אן אויסברויז פון אזא קראפט, אז

גאַנצע שטיקער זענען פון איר אָפּגעריסן געוואָרן. אָט די טעאָריע מכּוח דער אַנטשטייאונג פון אונזער פּלאַנעטאַרישן סיסטעם, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו בופּאָנס, האָט אין 1931—32 געקריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ פון פּראָפ. דאָס-גאָנס נייסטער טעאָריע — אַ טעאָריע, וואָס נעמט אַוועק פון באַשאַף די „צופעליקייט" און „קאַטאַסטראָפאַלישע צוזאַמענשטויסן" און פירט אַריין מער געזעצמעסיקייט, אַ סדר, ווו ראַדיאַציע און גראַוויטאַציע שפּילן די הויפּט-ראָל אין דער באַשאַפונג פון פּלאַנעטן. אָבער אויך גאָנס השערה, וואָס מוז האָבן אין אָנהייב צוויי ריזיקע שטערן, וועלכע באַאיינפלוסן איינע די אַנדערע און פון זיי טיילן זיך אָפּ די איבעריקע הימלשע קערפּערס, באַפרידיקט נישט און לאָזט זײַן די קשיא: פונוואַנען און ווי־אַזוי זענען אָט די צוויי שטערן באַשאַפן געוואָרן?...

איך האָב בלויז פאַרבייגייענדיק אָפּגעשטעלט זיך אויף די הויפּט-השערות מכּוח דער אַנטשטייאונג פון אונזער וועלט און וויל זיך דאָ נישט אַוועקלאָזן אין די עולמות-העליונים פון דער אַסטראָנאָמיע, וואָרום דער עיקר וויל איך דאָ אָנווייזן אויף די לעצטע אָפּשלוסן און אויספירן פון דער אַסטראָ-פיזישער וויסנשאַפט, ווו דער שכל-הישר מוז דערזען אַ מערקווירדיקע הילפלאָזיקייט — און דאָס דערפאַר, וואָס די וויסנשאַפט האָט נישט געוואָלט אַריינגעמען אין איר גבול פון פאָרשונג דעם אַבסטראַקטן געדאַנק. די נעבולאַ-טעאָריע, ווי די טעאָריעס וועגן אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער זון מיט אַ ריזיקן מעטעאָר, אָדער אַ ריזיקן שטערן, מוזן אויסקומען קינדיש, אויב מיר האָבן אין זינען, אַז אונזער פּלאַנעטאַרישער סיסטעם איז נישט דער איינציקער, נאָר אין וועלט-רוים געפינען זיך נאָך מיליאָנען און מיליאָנען פּלאַנעטאַרישע סיסטעמען. די אַסטראָנאָמען האָבן אין דעם פאַל ווי פאַרמאַכט די אויגן בנוגע אַלע אַנדערע קערפּערס, אַ חוץ די, וואָס באַוועגן זיך אַרום אונזער אייגענער זון. זייערע השערות פון „צוזאַמענשטויסן" און „קאַטאַסטראָפעס" לייקענען אינדירעקט אָפּ נישט נאָר אַן אַנדער וויסנשאַפטלעכן „אַקסיאָם" — געזעצמעסיקייט און נויטווענדיקייט אין דער נאַ־

טור — נאָר שטעלן אויך פאַרן „קאָמאָן סענס״ די קשיא, פאַרוואָס איצט חזרן זיך נישט איבער אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס... אָבער אין דער אייגענער צייט זענען די דערמאָנטע טעאָריעס, ווי געזאָגט, כמעט בכיוון בלינד צו די מיליאָנען אַנדערע פּלאַנעטאַרישע סיסטעמען, וואָרום אַנדערש וואָלטן דאָך די חשובע וויסנשאַפטסמענער נישט געקאָנט רעדן וועגן „צופאַל״ און „קאַטאַסטראָפע״. אין אַנדערע ווערטער: אויב מיר נעמען־אָן, אַז אונזער פּלאַנעטאַריש סיסטעם איז אַנטשטאַנען צופעליק, דורך אַ צופעליקן צוזאַמענשטויס פון דער זון מיט אַן אַנדער הימלשן קערפּער, אָדער דורך וועלכן־ס׳איז ענלעכן צופאַל, מוזן מיר דאָך אָננעמען דיזעלביקע צופאַל־טעאָריע לגבי די אַנדערע מיליאַרדן שטערן און פּלאַנעטן... און אויב ווידער אַ צופאַל חזרט זיך כסדר איבער, אין איטלעכן פאַל פון וועלטן־באַשאַף, איז עס דאָך שוין נישט קיין צופאַל, נאָר אַ געזעץ, אַ סיסטעם — דער פּועל־יוצא פון אַן אוניווערסאַלן פּלאַן.

אָט די קשיא האָט מסתמא באַאומרויקט דעם פּראָפ. גאָן, ביז זי האָט אים דערפירט צו זיין טעאָריע, וואָס איז אַ מין סינטעז צווישן די פריערדיקע טעאָריע פון קאַטאַסטראָפע מיט דער השערה פון געזעצמעסיקייט און נויטווענדיקייט. אָבער פּראָפ. גאָן וועט נאָך אַלץ נישט זאָגן מיטן פולן מויל, אַז דער באַשאַף איז דער רעזולטאַט פון אַן אוניווערסאַלן פּלאַן, פון אַ באַוווסטזיניק־שעפערישן געדאַנק. דאָס קאָן מען דאָך וויסנשאַפטלעך נישט באַווייזן אין לאַבאָראַטאָריע, און אויפן אַבסטראַקטן געדאַנק און אינטויציע וועט זיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאָרשטייער פון דער וויסנשאַפט נישט פאַרלאָזן, — פון אַזוינע אויסנאַמען ווי דזשינס, מיליקאַן, פּראָפעסאָר קאָמפּטאָן רעד איך נישט, זענען זיי דאָך טאַקע אויסנאַמען און איינער פון זיי, דזשינס, האָט געמוזט אויסשטיין אַ שאַרף־שניידנדיקע קריטיק פון זיינע קאָלעגן פאַר דער „אפּיקורסות״, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין בוך „דער מיסטעריעזער אוניווערס״, ווו ער זאָגט בפירוש, אַז דער אוניווערס ווערט רעגירט פון אַ מאַטעמאַטישן פאַרשטאַנד. אָבער

דער שכל-הישר, — אָדער אַבסטראַקטער געדאַנק, — זאָגט אונז אונטער, אַז די מעשה מכּות דער צופעליקייט פון וועלטן-באַשאַף איז פונקט אַזוי נישט אויסגעהאַלטן, ווי די מעשה מיט דער צופעליקייט פון לעבן. איינס איז געקניפּט מיטן אַנדערן: נעמען מיר אָן, אַז דער באַשאַף פון וועלטן איז נישט קיין צופאַל, מוזן מיר אויך אָננעמען, אַז לעבן איז אַ טייל פון גרויסן פּלאַן. אויב אויפן ווענוס, — וואָס איז אַרומגע-רינגלט מיט אַן אייביקער דיקער כמאַרע און מ'זעט דאָרט קיינ-מאָל נישט קיין אויסגעשטערנטן הימל, — זענען פּאַראַן וויסנ-שאַפטסלייט, האָבן זיי אפשר אויסגעאַרבעט אַ טעאָריע, אַז ווע-נוס איז די איינציקע וועלט און די באַדינגונגען, וואָס מאַכן מעגלעך די עקזיסטענץ פון אַ וועלט, מוזן זיין אָט פּונקט אַזעל-כע ווי אויפן ווענוס. אָבער אויך אויף דער ערד וואָלטן מיר געקאָנט אויסאַרבעטן אַזאַ טעאָריע, אַז די עקזיסטענץ פון אַ פּלאַנעט איז מעגלעך נאָר, ווען ער איז פונקט אַזוי גרויס ווי אונזער גלאָבוס און איז פונקט אין אַזאַ דיסטאַנץ פון דער זון, ווי די ערד. מיר ווייסן אָבער, אַז טייל פּלאַנעטן זענען אומגעהייער גרעסער, און אַנדערע אומגעהייער קלענער, אַ סך ווייטער, אָדער אַ סך נענטער פון דער זון, ווי די ערד, מיט פאַרשידנאַרטיקע גראַוויטאַציע-באַדינגונגען — און מיר זענען געצוואונגען אָנצונעמען דעם פאַקט, אַז פאַרשידענע פּלאַנעטן קאָנען, ווי אַזעלכע, עקזיסטירן אונטער פאַרשידענע באַדינ-גונגען. על-כּן איז דער שכל מחייב, אַז אויך לעבן איז מעגלעך נישט נאָר אונטער ערדישע תּנאים, נייערט אויך אונ-טער תּנאים, וואָס זענען אַזוי אַנדערש ווי יענע, וואָס דער-מעגלעכן די עקזיסטענץ פון אַנדערע הימלשע קערפּערס...

אָבער אפילו אָן אָט דעם שכל-הישר, וואָס מיר זעען אין דער אַנאַלאָגיע צווישן פּלאַנעטאַרישער עקזיסטענץ און דער עקזיסטענץ פון פּלאַנצן און לעבעדיקע ברואים, קאָנען מיר זיך סיי-ווי נישט פאָרשטעלן, ווי ס'איז שוין פריער אָנ-געוויזן געוואָרן, אַז די מיליאַרדן פּלאַנעטן אין וועלט-רוים זע-נען „לעבלאָז" און בלויז אונזער ערדיש פּינטעלע (און אפילו

נאָך עטלעכע פינטעלעך) איז צוגעטיילט געוואָרן לעבן. גייען מיר איין אויפן געדאַנק, אַז לעבן איז דער העכסטער אויס־דרוק פון דעם באַשאַף (וואָרום לעבן איז געדאַנק און, דער עיקר: ווילן און דאָס באַוווסטזיין פון עקזיסטענץ), זעט אַ „טויטער״ אוניווערס אויס נאַריש, אומזיניק, אומזיסט פאַר־שווענדטע ענערגיע און שכל — יאָ, שכל! ווען דאָך ווי. פריער באַמערקט, אפילו אַן אַטעיִסט שבעאַטעיִסט נישט לייקענען אין דער שכלדיקייט פון אפילו דער קלענסטער קאָנסטרוקציע — פון דעם מינדסטן געוויקס און פון דעם אַנימאַלישן לעבן — אַ פשיטא שוין פון אַ פּלאַנעטאַרישע סיסטעם! און אויב שכל, קאָן דער פשוטער מענטשלעכער „קאָמאָן סענס״, ווי באַלד ער איז נישט געפּענטעט פון רעליגיעזן, אָדער וויסנשאַפטלעכן דאָג־מאַטיזם, בשום־אופן נישט איינזען, פאַרוואָס אָט דער אוניווער־סאַלער פאַרשטאַנד האָט אַרויסגעוואָרפן אַזויפיל אַרבעט צו באַ־שאַפן מיליאַרדן און מיליאַרדן ריזיקע פּלאַנעטן, וואָס זאָלן זיך באַוועגן ווי גולמס און בלויז איין ערדיש פינטעלע האָט ער מזכה געווען מיט לעבן, אין זיינע נידעריקע און העכסטע אויס־דרוקן: איינפאַכע גרעזעלעך און זשוקלעך און אַזעלכע גאונים און חכמים ווי משה, בודאַ, קאָנפוציוס, שפּינאָזאַ, רעמבראַנד, ביוטאָן, טאָלסטאָי, איינשטיין, צו דערמאָנען בלויז עטלעכע... ניין, ס׳איז נישט נויטיק צו וואַרטן אויף לאַבאַראַטאָרישע באַ־שטעטיקונגען, כדי זיך איבערצוצייגן, אַז דער אַנטשטיי פון וועלטן איז נישט געווען קיין צופאַל, קיין קאַטאַסטראָפע, און אַז אויך דער אַנטשטיי פון לעבן איז דאָס נישט געווען; אַז לעבן איז נישט קיין יוצא־מן־הכלל, נאָר דער כלל, דאָס געזעץ פון דער יצירה — בקיצור, דער פועל־יוצא פון אַן אוניווערסאַלן פּלאַן. אַן אינווייניקסטע שטים זאָגט דאָס אונז. דאָס רעדט צו אונז אונזער געדאַנק, וואָס איז אַ חלק און אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אייביקן און אַלץ־אַרומנעמענדיקן געדאַנק. מיר דאַרפן זיך צו אים בלויז צוהערן און גלויבן. ס׳איז לאָגישער צו גלויבן אין אָט דעם רעיון, ווי אין די פאַרשידענע טעאָריעס מכּוח „צו־

פאַל״, וועלכע זענען פול מיט סתירות און מיט זעלבסט־פאַרלייקעניש, ווי איך האָב דאָס, האָף איך, באַוויזן.

אָבער... גוט. דער אוניווערס ווערט געפירט און רעגולירט פון און לויט אַ באַשטימטן, שכלדיקן פּלאַן און די ציטערדיקע פינטעלעך, וואָס דו זעסט איצט דורכן פענצטער אויפן לויטערן הימל, זענען אַלע חלקים פון איין אוניווערסאַלן סדר און מיר זענען נישט אַליין אויפן גלאָבוס, נאָר נאָך מיליאַרדן וועלטן ראַיען מיט באַוווסטזיניקן לעבן — וואָס איז דער תכלית פון דעם אַלעם? וואָס איז די ענד־ציל, וואָס זאָל באַרעכטיקן אין אונזערע אייגענע אויגן די אַלע יסורים און מאַטערנישן אין דעם קורצן שפּאַן פון אונזער ערדישן ז י י ן? דו זוכסט אין דער לויטערער נאַכט אַן ענטפער, נאָר קיין ענטפער קומט נישט פון ערגעץ. די שטערן פלעמלען, פלעמלען און אין האַרצן גליט אַ בענקשאַפט און טרויער. דו ווייסט, אַז סוף־כל־סוף ווייסן מיר אַזוי ווייניק און אַז אפילו די „דערשיינונגען״ וואָס אַנטפּלעקן זיך פאַר דיין אויג, זענען נישט מער, ווי נעמען פאַר וויזיעס און אילוזיעס און דו ווייסט נישט, וואָס עס איז „אמת״ און וואָס עס איז אויסראַכטעניש... און וואָס איז דאָס, אייגנטלעך, אַזוינס טאַקע דער „אמת״? און וואָס איז אילוזיע? דו זאָגסט אוניווערס — וואָס איז עס אַזעלכעס? איז עס אפשר, ווי קאַנט האָט אַמאָל געזאָגט: „בלויז אַ פאָרם פון מענטשלעכן געדאַנק״, אָדער ווי בערטראַנד ראָסל האָט זיך נישט לאַנג צוריק אויסגעדריקט, אַז עס איז בכלל נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי אוניווערס? און וואָס איז „צייט״ און וואָס איז „אָרט״? מיר זענען פּראָדוקט אין איין קליין ווינקעלע פון דעם גאַנצן א ו מ ב ע ה י י ע ר און מיר זענען קוים, וואָס ביי אונז אונטער דער נאָז טוט זיך — טאָ ווי קאָנען מיר אַמאָל תופס זיין דעם גאַנצן פּלאַן, דערגיין אַ טאָלק? מ'מוז דאָך זען אַ זאַך אינגאַנצן, פון אַלע זייטן, זיין אינדרויסן פון איר און וויסן איר אינהאַלט, כדי צו קאָנען זי אָפּשאַצן, וויסן, וואָס זי איז. אָבער מיר זענען אפילו נישט קיין באַדייטנדיקער טייל־

פון דעם אוניווערסאַלן וווּנדער, און אַ ווערטל זאָגט, אַז אַ נאַר
טאָר מען נישט ווייזן קיין האַלבע אַרבעט... בפרט, אַז מיר
אַליין זענען אַ טייל פון דערדאָזיקער אַרבעט, אינווייניק, אין
איר. דערפאַר קומען אויס ס׳רוב וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס אַזוי
נאַריש, אַזוי קינדיש, אומבאַהאָלפן. איינשטיין האָט געשטעלט
אַ טרעפלעכע, כאָטש אין פלוג שפּאַסיקע, קשיא מכּוח ניוטאָנען:
ניוטאָן האָט זיך געפרעגט, ווי אַזוי די וועלט אַרבעט און אויפ־
געשטעלט אַ גאַנצע טעאָריע צו באַווייזן פאַרוואָס און ווי־אַזוי.
אָבער — האָט ער דען געקאָנט באַווייזן, אַז עס האָט געקאָנט
אַנדערש זיין, אַז די כּוחות פון דער נאַטור וואָלטן געקאָנט,
אָדער געדאַרפט פונקציאָנירן אויף אַן אַנדער אופן? ווי ס׳איז
דערפון צו זען, איז דאָס פרעגן קשיות גופא „אויסעראָרדנונג״.
ווען מיר זעען אַן איבערגעקערטן טיש, ווייסן מיר פון אונזער
פריערדיקער דערפאַרונג, אַז אַ טיש דאַרף שטיין מיט די פיס
אַראָפּ און אונזער פראַגע, פאַרוואָס ער שטייט איצט מיט די
פיס אַ ר ו י ף, האָט דאַן אַ זין. אָבער לגבי דער וועלט האָבן
מיר נישט קיין פריערדיקע דערפאַרונגען. מיר האָבן אַלץ גע־
טראָפן אָט אַזוי ווי עס איז און עס איז דעריבער „נאַריש״ צו
פרעגן, פאַרוואָס עס איז אַזוי.

דאָך פרעגט זיך, חילט זיך פרעגן, מוז זיך פרעגן —
און איינשטיין אַליין איז דער גרעסטער פרעגער... דו קוקסט
אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט אַריין און דיין האַרץ וויל
וויסן, פאַרוואָס און צוליב וואָס איז דאָס אַלץ, און דערהויפּט:
וואָס איז דיין ר אָ ל אויף אָט דער אוניווערסאַלער סצענע?
צוליב וואָס ביסטו געקומען און וווּהין וועסטו אַוועק? דו פילסט,
אַז ס׳מוז ערגעץ זיין אַ תּכלית און אַמאָל כאַפּט דיך אַרום אַ
גערעכטער צאָרן קעגן דיין הילפלאָזיקייט און קעגן דער מאַכט,
וואָס האַלט דיך, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס, איינגעוועבט אין
דער גרויסער מיסטעריע, וואָס לאָזט דיך ליידן, צאַפּלען זיך,
אויסגיין, נישט וויסנדיק צוליב וואָס; דו ווילסט דאַן, ווי איוב,
זיך אויפהייבן קעגן דעם באַשעפער און מיט אַ פויסט צו די
אומענדלעכקייטן אויסשרייען: וואָס דער ציל און דער תּכלית זאָלן

נישט זיין, ווייל איך נישט זיין קיין שפּילכל אין די הענט פון דעם אוניווערסאַלן מייסטער! אָבער דיין פּויסט לאָזט זיך אומ־מעכטיק אַראָפּ און דו פאַרשעמסט זיך פאַר זיך אַליין. דו ווייסט, אַז קיינער וועט דיר נישט ענטפערן, אַז בעל־כרחך ביסטו געבוירן געוואָרן און בעל־כרחך לעבסטו אויפן רוקן פון דער ערד־חיה, וואָס שווימט אין די אומענדלעכע רוימען, צווישן אַנדערע מיליאָנען און מיליאַרדן הימלשע קערפּערס — אָט אַזוי פון אייביק ביז אייביק! — און באַלד וועסטו מיט דיין גאַנצן דור פאַרשווינדן, אָפּגעווישט ווערן און אַ נייער דור וועט פאַר־נעמען דאָס אָפּגעליידיקטע אָרט. וואָס איז פאַר דיר אָנגעגרייט אויף „דערנאָך”? — ווער ווייסט! ווער ווייסט! רויק קוקן די לויטערע הימלען. די שטערן „אויבן” ציטערן, ציטערן, ווי עס ציטערט דיין בענקשאַפט אין די בלאָע נעכט...

די חכמה אין דער נארישקייט

אין אַ היימישער, געמיטלעכער געזעלשאַפט, ביי אַ גלעזל טיי, קומט צורייד וועגן אַ באַקאַנטן יידישן דיכטער, און איינער אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, באַמערקט: „ער איז אַ נאַר"; אַנדערע האַלטן אונטער זיין באַהויפּטונג. אָנשטאָט צו פאַרטיידיקן דעם דיכטער, פרעג איך: „וואָס איז שכל? ווער איז קלוג?" דאָס איז, נאַטירלעך, אוממעגלעך צו דעפינירן. מ'מוז רעדן אַרום און אַרום, אָבער די אַלע פיינע, קלוגע, פּראַקטישע לייט וועלן אייך שטענדיק זייער לייכט אָנווייזן מיטן פינגער אויפן חכם און אויפן נאַר.

ביים דורכשניטלעכן מענטש איז אַ חכם דער, וואָס איז פּראַקטיש, וואָס ווייסט זיך ווי צו באַגיין אין לעבן, דורכשלאָגן זיך זיין וועג, „אַרויפגעאַרבעט" זיך אין זיין פאַך, געשעפט, אָדער פּראָפעסיע, אַלצאיינס, ווי אַזוי ער האָט דאָס דערגרייכט, אפילו דורך נישט-ריינע מיטלען — וואָרום אָפּשווינדלען יענעם, „אָפּפּריצעווען" איז דאָך אוודאי אַ גרויסע חכמה. דער באַשווינדלטער איז אַ נאַר, אַ יאָלד, אַ למך. דער שווינדלער איז אַ געשייטער, קלוגער חברהמאַן.

לויט דערדאָזיקער מאָס זענען, פאַרשטייט זיך, די מאָרגאַנס, די ראָקפעלערס, די גולדס און די פאָרדס די פאַרשטייער פון חכמה, די טיטאַנען פון שכל; די באַרימטע אַדוואָקאַטן,

וואָס ווייסן די קונץ ווי צו דרייען, פאַרדרייען, אַרומדרייען און איבערדרייען דאָס געזעץ, זענען נישט קלוגער פון שלמה המלכן.

אָבער נישט אַלעמאָל איז פּראַקטישקייט, אָדער „אַרויס-געאַרבעטקייט" דער סינאָנים פון חכמה ביים דורכשניטס-מענטש. ביי אים איז אויך אַ חכם דער, וואָס קאָן אַריינזאָגן, וואָס האָט אויף יעדן וואָרט אַן ענטפער, נישט געקלערט. אַזעלכער מעג אפילו אַליין זיין אַ שלים-מזל, אַ קבצן, אָבער אַ חכם איז ער. מען באַדויערט אַזוינעם: אַ חכם, אָבער בלויז מיטן מויל; מ'פרעגט אויך: וואָס טויג אים די חכמה, אַז קיין פּרנסה דערפון האָט ער נישט?

אַז איר וועט זיך צוקוקן צו דעמדאָזיקן „חכם", וועט איר באַמערקן, אַז ער האָט נישט קיין ברעקל אייגענעם איינפאַל, אַז ער ווייסט בלויז ווי זיך פלינק צו באַנוצן מיט אַלטע, סטאַנדאַריזירטע ווערטלעך, וואָס מיינען אָפט גאָרנישט; אַז ער זשאָנגלירט מיט פאַרטיקער חכמה, אָפט פון צווייפלהאַפטן כאַראַקטער. און דאָס איז דאָך אמת מכּוח די מערסטע מענטשן: נישט נאָר זיי האָבן פאַר זיך פאַרטיקע ווערטער, נאָר אויך פאַרטיקע טערמינען, פאַרטיקע „חכמה", פאַרטיקע ענטפערס. די חכמה באַשטייט נאָר אין פלינקייט, אין גוטן זכּרון. וואָס שנעלער איינער קאָן אַ שליידער טון, ביי דער פאַסנדיקער געלעגנהייט, אַ פאַרטיק ווערטל, אַלץ אַ גרעסערער חכם איז ער. ס'דאַרף גיין מיט דער שנעלקייט פון „גוט-מאָרגן" — „גוט יאָר". טאָמער פאַרלירט איר זיך, בעת עמעץ זאָגט אייך אַריין, אָדער שטאַמלט, נישט וויסנדיק אופן מאָמענט, וואָס אָפּצוענטפערן, זענט איר, במחילה, אַ נאַר.

טאָמער וווּנדערט איר זיך אויף זאַכן, וואָס זענען שוין „זעלבסטפאַרשטענדלעך" פאַר אַלעמען און איר פרעגט קשיות אויף דערשיינונגען, וואָס זענען „אַלטעגלעך" און קיינער פרעגט שוין נישט אויף זיי — דאַן זענט איר אַ הילפלאָזער שוטה, אויב נישט אַ פולשטענדיקער אידיאָט. איר וועט ווערן צו ליי-טישע געלעכטער.

לויט אָט דעם פּאָפּולערן באַגריף פון שכל, קאָן מען

אריינשטעלן, אין צעטל פון נאראנים די גרעסטע דענקער, פי-לאזאפן, וויסנשאפטסלייט און דיכטער פון אלע צייטן און דורות.

זיי פרעגן דאך אזעלכע קינדערשע קשיות; זיי פארוווּנ-דערן זיך דאך אויף אזעלכע געוויינטלעכע, זעלבסטפארשטענד-לעכע זאכן:

שטעלט זיך פאר אזא זאך:

אין א געזעלשאפט פון פיינע, קלוגע דאמען און הערן, וואס פארברענגען אין זייער קלוגע שמועסן, פאסירט א קליינ-קייט: אן עפל פאלט אראפ פון טיש, אדער פאלט-ארויס פון א דאמעס האנט, און איינער פון דער געזעלשאפט שטעלט פלוצ-לינג א קלאץ-קשיא: — פארוואס איז דער עפל געפאלן אראפ און נישט „ארויף"?

איר ווייסט אליין, וואס עס וואלט פאסירט. אלע וואלטן אויסגעשאסן א געלעכטער איבער דער „אידיאטישער קשיא: נו, אויב זיי וואלטן נישט געוואלט אפן פארשעמען דעם פרע-גער, וואלטן זיי דאס געלעכטער אין זיך דערשטיקט און אפ-געקומען מיט איבערקוקן זיך. ביי אלעמען וואלט געבליבן, בהסכם-כולם, אז דער פרעגער איז אן אידיאט. אויב דער אומ-גליקלעכער פרעגער וואלט אין דער געזעלשאפט געהאט א כלה וואלט זי מער נישט געוואלט האבן צו טון מיט אזא שוטה, וואס אלע לאכן פון אים.

אדער, למשל, דערזעלבער, צי אן אנדערער, זעענדיק ווי עמעצער פאלט אראפ פון א לייטער, שטעלט אריין א פראגע פארוואס דער פאלער איז געפאלן, צי מחמת גראוויטאציע, אדער מחמת וועלכעס ס'איז אנדער געזעץ אין דער נאטור.

די פראגע וואלט אויפגענומען געווארן מיט דעם אייגע-נעם חוזק, ווי די קשיא מכוח דעם פאלנדיקן עפל.

— אזא שוטה בן פיקהאלץ! געהערט עפעס קשיות? ווו דען זאל דער עפל פאלן, אויב נישט אראפ, אויף דער ערד אראפ? האט שוין דען עמעצער אמאל געזען, אז ס'זאל פאלן ארויף? אדער, וואס הייסט עפעס, ווי אזוי א מענטש קייקלט זיך אראפ פון א לייטער? פשוט, ער האט זיך אויסגעגליטשט און געפאלן,

וואָס איז דאָ פאַראַן צו פרעגן? און חוץ דעם, האָט איר שוין געהערט אַזאַ מעשה: אַ מענטש, נעבעך, קייקלט זיך אַראָפּ פון אַ לייטער און ברעכט שיער נישט רוק-און-לענד, שטעלט זיך אַ צווייטער מענטש אַוועק קלערן, פאַרוואָס און ווי אַזוי ער איז געפאַלן, אַנשטאָט צו לויפן אויפהייבן דעם געפאַלענעם!

קלאָר ווי דער טאָג, אַז ביי אַ מענטש, וואָס פרעגט זיך אַזעלכע קשיות, איז נישט מיט אַלעמען אין „אויבער-שטיבל". שוין ער — ער איז אַ בהמה...

היינט דערציילט דידאַקטיקע מענטשן, אַז „קלאָר ווי דער טאָג" איז אויך נישט זייער קלאָר, וועלן זיי אייך גלייך אַוועק-פירן אין אַ משוגעים-הויז.

מילא, צי אייזיק ניוטאָן איז געקומען צו זיין גראַוויטאַ-ציע-טעאָריע צוליב דעם עפל, וואָס ער האָט קינדהייז געזען אַראָפּפאַלן פון אַ בוים, אָדער דאָס איז בלויז אַ מעשה אַזאַ, איז נישט וויכטיק. דער עיקר איז, אַז דער פּרינציפּ פון גראַ-וויטאַציע איז אין דעם עפל. אויב דער מענטש וואָלט זיך קיינמאָל נישט פאַרוואונדערט אויפן פאַלנדיקן עפל, וואָלטן מיר געבליבן ביי חוהס עפל פון עץ-הדעת...

נאָר וואָס ס'שייך דעם פאַלנדיקן מענטשן פון אַ לייטער, איז עס נישט קיין סתם אַ מעשה נאָר אַ פאַקט, וואָס האָט פּאַ-סירט מיט איינשטיינען. ביז נישט לאַנג צוריק האָט מען בלויז געמיינט, אַז געפאַלן איז אַ מוליער און פּראָפ. איינשטיין, וואָס האָט דאָס צוגעזען, האָט זיך פאַרוואונדערט וועגן זיין פאַלן; אין פּאַסאַדענאַ האָט איינשטיין אָבער דערקלערט, אַז געפאַלן איז טאַקע ער אַליין און פאַלנדיק האָט ער געטראַכט — נישט, אַז ער קאָן אַרויסקומען אַ קאַליקע — נאָר — לויט וועלכן געזעץ פאַלט ער, צי לויט ניוטאָנס גראַוויטאַציע, אָדער מחמת די „לע-כער" אין רוים...

אָט די „נאַרישע" פראַגע האָט פאַרשנעלערט די פאַרענ-דיקונג פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע.

דערזעלבער איינשטיין האָט נישט לאַנג צוריק געשריבן, אין זיין פּראַקטפולער, טיף-מענטשלעכער עסיי: „וואָס איך גלויב"

דאָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל, אַז דער מענטש, וואָס קאָן זיך שוין מער נישט וואונדערן, איז אַזוי גוט ווי טויט.

און ער איז גערעכט.

וואונדערן זיך איבער דאָס „זעלבסטפאַרשטענדלעכסטע״, איבער דאָס געוויינלעכסטע, איבער דאָס קלענסטע, וואָס די מערסטע מענטשן שענקען שוין דערצו נישט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט — דאָס ברענגט צו נאַרישע, קינדערשע קשיות. און די נאַרישקייטן דערפירן צו דער העכסטע חכמה.

קינדער און פילאָזאָפן און דיכטער און וויסנשאַפטסלעכע פאָרשערס פאַרוואונדערן זיך דווקא אויף אַזעלכע זאַכן און דערשיינונגען, וואָס די קלוגע, פּראַקטישע און ניכטערע מענטשן זעען שוין אפילו נישט, אָדער האַלטן, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו וואונדערן זיך. אַזוי איז עס.

יעדעס קינד איז פּאָטענציעל אַ פילאָזאָף, נאָר די פּראַקטישע וועלט מיט אירע קלוגע טאַטעס און דערציער קלאַפּן דערפון ביסלעכוויַיז אַרויס דעם פילאָזאָף; אָדער מען שרייט־אָן אויפן קינד, פאַרוואָס עס פרעגט אַזעלכע נאַרישקייטן, אָדער מען טראַכט צו אַ געשיקטן ליגן, צו באַפרידיקן דעם קינדס נייגיר.

אין יעדן פילאָזאָף, דיכטער און וויסנשאַפטסמאַן לעבט שטאַרק דאָס קינד. דאָס קינד וואונדערט זיך און פרעגט קשיות — און דער אויסגעוואַקסענער שכל זוכט די קשיות צו פאַרענטפערן. אָן די „נאַרישע״ קלאָץ־קשיות וואָלט קיין דיכטונג, קיין פילאָזאָפיע, קיין רעליגיע און קיין וויסנשאַפט נישט מעגלעך געווען. די אַלע קומען פון איין קוואַל, פון איין טיפער קינדערשער נייגעריקייט.

נישט לאַנג צוריק האָב איך געזען פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס, וואָס אַן אַמעריקאַנער וויסנשאַפטסמאַן האָט אָראָפּגעכאַפּט פון די פאַלנדיקע שנייעלעך — טויזנטער מאָל פאַרגרעסערט — דורך אַ מיקראָסקאָפּ — און וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע קונסטווערק; יעדעס שנייעלע איז אַ פּרעכטיקע, קינסטלערישע העפ־

טונג, יעדעס פון אַן אַנדער פאָרם, אָבער אַלע האָבן זיי אָדער זעקס שפּיצן אָדער זעקס זייטן.

האָב איך אַ טראַכט געטון ; ווער ווייסט צו וואָסערע הויך פילאָזאָפישע שיטות אָט די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס וועלן דערפירן : דער פילאָזאָפישער שכל וועט אפשר אין דעם קליינינקן שנייעלע געפינען נאָך אַ „באַשטעטיקונג", אַז דער באַשאַף איז נישט סתם אַזוי, אַ צופאַל, אָן אַ פּלאַן, אָן אַ תכלית, וואָרום שוין נישט צו רעדן פון דער גרויסער אָרדנונג, וואָס הערשט אין אוניווערס, איז אפילו דאָס דראָבנינקע שנייעלע, וואָס אָט איז עס און באַלד צעגייט עס, פּלאַנמעסיק-קינסטלעריש אויסגעאַרבעט.

און פון דעם שנייעלע וועט דער פילאָזאָפישער שכל אויך אפשר לערנען, אַז גאָט איז נישט נאָר אַ מאַטעמאַטיקער, ווי דזשיימס דזשינס דרינגט אין זיין ווערק „די מיסטעריע פון אוניוועורס", נאָר אויך אַ קינסטלער, דער קינסטלער איבער קינסטלער, דער מלך מלכי המלכים איבער דער קונסט, וואָס גיט אכטונג, אַז אפילו אַזאַ נישט-דויערהאַפטיק ווערק, ווי דער שניי, זאָל זיין קינסטלעריש-פיין אַרויסגעגעבן. פון די זעקס שפּיצן, אָדער זייטן, וואָס יעדעס שנייעלע פאַרמאָגט, וועט מען, מעגלעך, אויך קומען צו דער מסקנה, אַז די מיסטעריע פון ציפערן איז נישט קיין בבא-מעשה און אַז מסתמא איז עפּעס אויך דאָ אינם ציפער 6, וואָרום אַנדערש — פאַרוואָס האָט יעדעס שנייעלע פונקט זעקס שפּיצן, אָדער זעקס זייטן, נישט איינס, פינף און דאָס אַנדערע אַכט, אָדער דריי, אָדער דרייצן ?

ציפערן... ספירות... צרופים... וועט מען אפשר, אַ דאַנק דעם שנייעלע, דערזען דעם וועג פון דער קבלה ביז אַלבערט איינשטיין ? אַ קשיא אויף אַ מעשה ! און פּינקט ווי איינשטיין האָט געפונען — אין זיין איינהייטלעכער פעלד-טעאָריע — אַן איינסקייט אין כוחות, וואָס האָבן ביז אים אויסגעזען באַזונדער און פאַרשידן, וועט מען אפשר געפינען אַ סינטעז צווישן רעליגיע, קונסט און וויסנשאַפט. אַז ס'איז דאָ אַ נאָענטע שייכות צווישן זיי איז, אייגנטלעך, קלאָר — יעדנפאַלס פאַר מיר און

פאַר אַנדערע אַזעלכע, ווי איך; אָבער איצט האָב איך אין זינען אַ סינטעז, וואָס נישט נאָר זייער אור-שורש זאָל זיין איינס, נאָר אויך זייער לעצטער סך-הכל זאָל דערשיינען פאַרן מענטש האַרמאָניש, ווי אַ דריי-אייניקייט, וואָס קאָן נישט צע-שיידט ווערן.

אָבער... איך האָב זיך פאַרעט. דאָס איז שוין אַ באַזונ-דערער ענין, וואָס צו אים וועל איך זיך נאָך מסתמא אומקערן. דער עיקר, וואָס איך האָב דאָ געוואָלט אויסברייען, איז, אַז די גרעסטע חכמה ליגט אָפט אין דער גרעסטער נאַרישקייט — נישט אין דער וואָשנער קלוגשאַפט און איבערגעשפּיצטקייט פון דער טאָג טעגלעכער פּראַקטיק; אָט האָב איך בלויז אָנגע-וואָרפן, וואָס מען קאָן אַלץ אויספירן פון אַ פּשוט שנייעלע אָדער פון אַן עפּל — אַלץ דערשיינונגען, וואָס אַ דערוואַקסע-נער שכלדיקער מענטש וועט זיך אויף זיי אפילו נישט אָפּ-שטעלן. אַן עפּל פאַלט — פאַלט ער; אַ שניי שנייט — נו, דאַרף מען אָנטון די קאַלאָשן. אָבער זיך אַוועקשטעלן גלאָצן אויפן שניי — דאָס איז מעשה-שוטה. אפילו אויפהייבן דעם קאָפּ צו די שטערן—דאָס איז אַן ענין פאַר בטלנים, שטערנזע-ערס און סתם בהמות, וואָס האָבן נישט עפּעס בעסערס צו טון...

נאָר... ווער איז אין אמתן דער שוטה?

ש. אַלמי

פרייער ווילן

פּראָפ. אַרטור ה. קאָמפּטאָן, דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער פיזיקער, אַ נאָבל-פּרעמירטער, האָט אין אַ לעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין יעיל-אוניווערזיטעט, דערקלערט, אַז קיינמאָל איז נאָך דער גלויבן אין דעם פרייען ווילן פון דעם מענטשן נישט אַזוי באַפעסטיקט געווען, ווי אין אונזער צייט. „די נאַטור, — האָט ער געזאָגט, — פאָלגט נישט קיין באַשטימטע פיזיקאַלישע געזעצן און פיזיקאַלישע געזעצן זענען נישט גענוגנדיק פאָראויסצובאַשטימען די צוקונפט פון וועלכן ס'איז אָביעקט, לעבעדיקן, אָדער נישט-לעבעדיקן". ווי לאַנג די וויסנשאַפט איז געווען פעסט איינגעגלויבט אין דעם רעיון, וואָס עס האָבן אַרויסגעבראַכט נאָך די פאַרצייטיקע חכמים, ווי די אַטאָמיסטן לוציפוס און דעמאָקריט, אַז די פיזיקאַלישע געזעצן זענען רעגולירט ווי אַ זייגער און אַלצדינג קאָן — און מוז — בלויז דורך זיי דערקלערט ווערן, אפילו דער מענטשלעכער גורל; ווי לאַנג די תורה פון קאַוזאַליטעט, פון סיבה און פועל-יוצא, האָט געהערשט און באַהערשט דעם פילאָזאָפיש-וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, האָט אַזאַ זיכערקייט אין דעם פרייען ווילן פון דעם מענטשן, ווידער, וואָס עס האָט נאָר-וואָס אַרויסגעזאָגט פּראָפ. קאָמפּטאָן און פריער פאַר אים — מיליקאַן און עדינגטאָן — נישט געקאָנט געמאָלט זיין.

אמת, שוין גאָר פאַרצייטן האָט דער און יענער חכם, ווי אַ שטייגער סאָקראַטעס און פּלאַטאָ, זיך געראַנגלט געגן אָט דעם דעטערמיניסטישן פּרינציפּ, וואָס מאַכט, לויט זייער מיינונג, דעם מענטשן פאַר אַ מין ליימענעם גולם, אָן אייגענעם ווילן, אונטערגעוואָרפן די פיזיקאַלישע געזעצן פון דעם גאַנצן באַשאַף, ווי יעדער נישטיקער אַטאָם, און סאָקראַטעס האָט דערקלערט, אַז אויב דעם מענטשנס האַנדלונגען זענען באַשטימט פון פיזיקאַלישע געזעצן, זענען זיינע מאָטיוון און צילן גאָרנישט ווערט און דאָס גאַנצע לעבן איז זינלאָז; אָבער דאָס איז גיכער געווען אַ רעוואָלטירנדיקער אויסדרוק, ווי אַ וויסנשאַפטלעכע ראיה. ערשט די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט אין אַ געוויסער מאָס געגעבן אַ באַווייזלעכן ענטפער אויף דער פראַגע, צי די פיזיקאַלישע געזעצן, וואָס „באַשרייבן" די באַוועגונג פון די פּלאַנעטן און כעמישע קאָמבינאַציעס פון די אַטאָמען, זענען אויך גענוגנדיק צו „באַשרייבן" די האַנדלונגען פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען. אַ סך בייגעשטייערט צו דעם ענטפער, וואָס רוקט אַרויס דעם פרייען ווילן פון דעם מענטשן, האָט מאַקס פּלאַנקס, קוואַנטום־טעאָריע, וואָס לערנט אונז, צווישן אַנדערע זאַכן, אַז מיר קאָנען אַבסאָלוט נישט זיכער זיין מכּוח דעם אויפפיר פון עלעקטראָנען.

אויך די רעליגיע, ווי די פילאָזאָפיע, האָט זיך כּסדר געראַנגלט צווישן דעטערמיניזם און פרייען ווילן. נעמט די רעליגיע אָן דעם דעטערמיניסטישן פּרינציפּ, הייסט עס, אַז דעם רשע קומט נישט קיין שטראָף פאַר זיינע שלעכטע מעשים און דעם צדיק קומט נישט קיין קניפּ אין בעקל פאַר זיינע גוטע מעשים. ביידע טוען בלויז דאָס, וואָס ס'איז זיי „אָנגעשריבן" געוואָרן פאָרויס, און געגן וועלכן זיי האָבן קיין ברירה נישט. האָט די רעליגיע געמוזט פּסקענען, אַז דער מענטש האָט יאָ אַ פרייען ווילן, אים איז יאָ געגעבן געוואָרן די ברירה צו וויילן צווישן גוטס און שלעכטס, ליכט און פינסטערניש, צווישן יצר־הרע און יצר־טוב. פון דער אַנדערער זייט אָבער פאַרפלאַנצט די רעליגיע אין אירע מאמינים דעם גלויבן, אַז אַלץ איז פון

גאָט, אַז דער מענטש טוט נישט קיין קלאַפּ מיט אַ פינגער אָן גאָטס רצון; אַז דער גלויביקער מוז אַלץ פאַר ליב נעמען, זיך פרייען מיט זיין באַשטימטן חלק און זאָגן „גם זו לטובה". דער ווידערשפּרוך איז דאָ זייער שאַרף.

איך געדענק, ווי איך האָב זיך אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אויסגעטענהט מיט אַ חסידישן פּרנס פון אַ קליין פּויליש שטעטל. אַ חבר מיינער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און מ׳האָט אים דע־ריבער געוואָלט קובר זיין קבורת חמור, נעבן פּאַרקאַן. דאָס איז שטאַרק געגאַנגען אין לעבן מיין חברס עלטערן. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זייער טייערער זון זאָל ליגן נעבן פּאַרקאַן. האָב איך זיך געווענדט צו איינעם פון די פּרנסים און געוואָלט ביי אים פּועלן, אַז מען זאָל דעם זעלבסטמערדער מקבר זיין מיט חשיבות, ווי יעדן מת. אָבער דער פרומער פּרנס האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז אַ מענטש, וואָס פאַרטיליקט זיך אַליין, פאַרדינט נישט קיין בעסער אָרט. פרעג איך אים: „גלויבט איר, אַז אַלצדינג ווערט געטון מיטן רבונו של עולמס רצון?" און דער פּרנס ענטפערט: „אַוודאי גלויב איך! בין איך דען, חלילה, נישט קיין ייד?" „אויב אַזוי, — זאָג איך מיט נאַיוון נצחון, — קאָנט איר זיך דאָך מסתמא נישט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען אויספירן אַזאַ וויכטיקן אַקט, ווי זיך אַליין דערהרגענען, אָן גאָטס רצון? הייסט דאָך עס, אַז מיין חבר האָט בלויז אויסגעפירט, וואָס גאָט האָט גע־וואָלט"... דער פּרנס האָט זיך, אמת, אין פלוג פאַרלוירן, אָבער נאָכגעגעבן האָט ער פונדעסטוועגן נישט...

אין אַ דייטשישן וויצבלאַט האָב איך אַמאָל געלייענט אַן אַנעקדאָט מכּוח אַ סטודענט פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט, אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דעטערמיניזם. איינמאָל האָט מען אים צערעסטירט פאַר עפּעס אַ מיאוסער מעשה און ווען מען האָט אים געבראַכט פאַרן ריכטער און דער ריכטער האָט אים גע־פרעגט, ווי עס קומט, אַז ער, אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע, אַ גע־בילדעטער מענטש, זאָל אַזוינס אָפּטון, האָט ער קורץ גע־ענטפערט: „איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפן!. דער ריכ־

טער וווּנדערט זיך: „היתּכן ?" און דער סטודענט דערקלערט אים: „די מענטשלעכע האַנדלונגען זענען דער פּועל־יוצא פֿון אַ גאַנצער קייט פֿיזיקאַלישע געזעצן. אַלץ איז אַזוי־אַרום פֿאָר־אויסבאַשטימט, טאָ ווי קאָנט איר דערוואַרטן, אַז ווי באַלד מיר איז פֿאָראויסבאַשטימט געוואָרן אָפּצוטון אַזאַ און אַזאַ אַקט, זאָל איך עס נישט טון, זיך אַרויסדרייען פֿון די אַלע נאַטור־געזעצן, וואָס האָבן מיך געפֿירט דערצו? איך פֿאַרלאַנג דערי־בער מיין באַפֿרייאונג. וואָרום אויב איר פֿאַרמשפּט מיך, וועט עס הייסן, אַז איר באַשטראָפֿט אַ מענטשן דערפֿאַר, וואָס ער טוט דאָס, וואָס ער מוז. על־פּי די פֿיזיקאַלישע געזעצן פֿון באַשאַף". דער ריכטער האָט אַ שמייכל געטון און געענטפֿערט: „דיזעלבע נאַטור־געזעצן, וואָס האָבן פֿאָראויסבאַשטימט דיך צו באַגיין דאָס פֿאַרברעכן, האָבן אויך פֿאָראויסבאַשטימט דעם פּאָ־ליציסט דיך צו אַרעסטירן און מיר, דעם ריכטער, דיך צו באַשטראָפֿן מיט פֿינף יאָר תּפֿיסה".

אָבער איז דער דעטערמיניסטישער פּרינציפּ, אָדער גלויבן, אַז דער מענטש האָט נישט קיין פֿרייען ווילן, נאָר אַז זיין גורל ווערט פֿאָראויסבאַשטימט און רעגולירט פֿון די נאַטור־געזעצן, באמת אַזאַ באַליידיקונג און אומגליק פֿאַר דעם מין מענטש, ווי סאָקראַטעס האָט געגלויבט? איז עס בעסער, אויב מען האָט אונז אַריינגעוואָרפֿן אין אוניווערס אַריין אויף הפקר, מיר זאָלן זיך דאָ שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, אָדער עס וואָלט אפשר בעסער געווען, ווען אונזער גורל איז אַ חלק פֿון אוניווערסאַלן פּראָצעס, וואָס דאָס גיט אונז כאָטש די טרייסט, אַז אונזער גורל איז געקניפּט און געבונדן מיטן גאַנצן באַשאַף און אַז מסתּמא איז עפּעס יאָ דאָ אַ תּכלית אין דעם אַלעם. אין פֿערזענלעכן לעבן פֿון יחיד האָט דער דעטערמיניסטישער פּרינציפּ נאָך די מעלה, וואָס ער פֿאַרשפּאָרט אַ סך האַרץ־קלעמעניש, וואָס „אפשר" און „טאָמער" ברענגען — אפשר ווען איך וואָלט אַזוי געטון, וואָלט זיך בעסער אויסגעלאָזט? טאָמער אַזוי און טאָמער אַנדערש! דער דעטערמיניסטיש־איינגעגלויבטער מענטש טראַכט זיך, אַז דאָס, וואָס איז געווען און וואָס עס איז, *מוז* זיין

און ווען ער זאָל אפילו נאָך צען מאָל איבערלעבן דאָס־זעלבע געלעבן, וועט ער ווידער איבערטון דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געטון. אין דערדאָזיקער לעבנס־פילאָזאָפיע באַהעפטן זיך דעטערמיניזם און פאַטאַליזם און זיי ביידע פירן צו אַ סטאַגנאַציע באַנעם פון דער וועלט. נאַטירלעך איז דער ענטפער אויף דער קשיא, צי דאָס איז בעסער אַזוי, אָדער ניט, אָפּהענגיק פון איינעמס געשמאַק. אָבער וואָס מיך אינטערעסירט איצט, איז דער עיקר די פראַגע, צי מיר קאָנען שוין מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן?

ניט פראָפ. קאָמפטאָן, ניט עדינגטאָן, ניט מיליקאַן, ניט בערגסאָן און ניט די אַנדערע וויסנשאַפטסלייט און פילאָזאָפן פון דער היינטיקער צייט, וועלן אויף דעם ענטפערן מיטן פולן מויל. זיי זאָגן, אַז פרייער ווילן איז איצט זיכערער, אָבער שווערן אויף דעם ביי אַ ספר־תורה וועט קיינער ניט פון זיי. סוף־כל־סוף איז יעדער ענטפער אויף אָט דער קשיא, ווי אויף אַלע אַנדערע גרויסע וועלט־קשיות, שפּעקולאַטיוו און מען קאָן זיי טייטשן אַזוי און אַנדערש. וויליאַם דזשיימס האָט אַמאָל געבראַכט אַ משל פאַר זיינע סטודענטן, צו באַווייזן זיי, אַז דער מענטש האָט יאָ אַ פרייען ווילן. אָט, — האָט ער געזאָגט, — גייט ער שוין יאָרן־לאַנג איבער די־און־די גאַסן און געסלעך צום אוניווערזיטעט. דאָס איז דער בעסטער און לאָגישסטער וועג, אָבער היינט האָט ער פּלוצלינג ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט גיין צום אוניווערזיטעט אויף אַ גאַנצן אַנדער וועג. אָט דאָס איז, הייסט עס, דער פרייער מענטשלעכער ווילן: אים איז אָנגעצייכנט דער־און־דער וועג און לויט די געזעצן פון לאָגיק איז דאָס דער בעסטער וועג. אָבער ער האָט באַשלאָסן צו טון פונקט דעם היפּוך פון אַלע געזעצן און גיין אויף אַ וועג, וואָס ער אַליין האָט פאַר זיך אויסגעקליבן. דער פרייער ווילן האָט מנצח געווען!

דאַכט זיך, אַז דאָס איז זייער קלאָר. נאָר ווען איך האָב געלייענט דעם משל, האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז מען קאָן פון אים אַרויסציען אַ גאַנץ אַנדערן נמשל — אַ נמשל, וואָס

זאָל גאָר זיין לטובה דעם דעטערמי)יסטישן פרינציפ. דו, פּראָס. דזשיימס, ביסט טאַקע אַלעמאָל געגאַנגען אויף דעם-און-דעם וועג, וואָס איז דער קורצסטער, דער בעסטער און דער לאָגישסטער. אָבער דיר איז „פאָראויסבאַשטימט" געוואָרן, אַז דעם-און-דעם טאָג, אין דער-און-דער שעה, זאָלסטו גיין אויף אַן אַנדער וועג. בו, ווען דער מאָמענט פון דערדאָזיקער פאָראויסבאַשטימונג איז געקומען און אַ געהיימער כּוח האָט דיך אָנגעהויבן צו ציען, אַז דו זאָלסט דווקא איצט גיין אויף אַן אַנדער וועג, איז דיר איינגעפאַלן, אַז דו ווילסט דאָס טון, כּדי צו דעמאָנסטרירן דעם פרייען ווילן פון דעם מענטשן, און דו ביסט דעריבער געגאַנגען אויפן וועג, וואָס איז ווייטער און להיפּוך דעם „קאָמאָן סענס". אַזאַ שטאַרקע גבורה האָט דער דעטערמיניסטישער פרינציפּ אין דער וועלט...

ווי איר זעט, איז עס אַבסאָלוט נאָך נישט זיכער, צי דער מענטש האָט יאָ, אָדער נישט, אַ פרייען ווילן און איז דער מייסטער פון זיין אייגן גורל; מיר זעען אויך, אַז יעדן משל און יעדן אַרגומענט קאָן מען טייטשן אַהין און אַהער, וואָרום נאָך אַלע אויפטואונגען פון דער פילאָזאָפיע און דער וויסנשאַפט שטעקן מיר נאָך אַלץ אין סאָפיזם, בפרט, אַז אונזערע גרויסע גייסטער, זאָל עס זיי צו קיין גנאי נישט זיין, ברענגען אָפט אַזעלכע ביישפילן, וואָס קלינגען זייער קינדיש.

אין מיינע פריע יוגנט-יאָרן, ווען אין מוח האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצושפאַרן די אַלע שווערע וועלט-קשיות, וואָס אויף זיי ברעכט זיך שוין דער מענטש דעם קאָפּ זינט ער איז צום שכל געקומען, האָט מיך אָט די קשיא וועגן יאָ אָדער נישט פרייען ווילן שטאַרק געעגבערט און איך האָב פּראָבירט מאַכן אַ קאָמפּראָמיס צווישן דעטערמיניסטישן פּרינציפּ און פרייער בחירה, האָב איך זיך דאַן פאָרגעשטעלט, אַז די יצירה איז אַ מין דראַמע, וואָס דער מחבר האָט זי אָנגעשריבן פון אלף ביז תּיו, פון אָנהויב ביזן סוף פון די דורות, אַלץ פּונקטלעך אויסגעשטעלט, ווי יעדער טאַלאַנטפולער דראַמאַטורג טוט, מיט די באַזונדערע ראָלן פאַר ראובן און שמעון און דזשאָן און סטע-

פאן. וואס-זשע בלייבט איבער פאר אונז אליין? דאס ווענדט זיך שוין, ווי ווער שפילט זיין ראלע... איינער שפילט זי בע-סער, דער אנדערער — ערגער. בלויז, הייסט עס, אויף אזוי-פיל אויסדרוק האט אונזער פרייער ווילן, קאן דאך אמאל א גוטער אקטיאר מאכן פון א ראלע כמעט לחלוטין עפעס אנדערש ווי דאס, וואס דער מחבר האט אנגעצייכנט. און אז איר זעט צוויי אקטיארן אין דערזעלבער ראלע, האט איר פאר זיך צוויי פארשידענע אויסטייטשונגען. א חוצדעם קאנען מיר לויט דעם דעטערמיניסטישן וועלט-קוק אויף דערקלערן נבואה — איך מיין פאראויסזאגונגען וועגן קאמפליצירטע פאסירונגען אין דער צו-קונפט, וואס האבן זיך געענוי פארווירקלעכט. נעמט די מערק-ווירדיקע פאראייסזאגונגען פון א נאסטראדאמוס און פון אנדערע ווי אויך דערפארונגען אין אייער אייגן לעבן, ווו פאראויסזא-גונגען, אדער פאראויסזעעניש, צי חלומות וועגן געוויסע גע-שעענישן זענען שפעטער מקוים געווארן, די וויסנשאפט לייגט, ליידער, זייער ווייניק אכט אויף אט די נביאות, וואס קאנען דערקלערט ווערן בלויז ווען מיר נעמען אן דעם גאנצן באשאף מיט אלע זיינע פאסירונגען, ווי א פארטיקע זאך, ווו די צו-קונפט איז שוין „אנגעשריבן", נאר מ'דארף זי בלויז דערזען. א נאיווער יוגנטלעכער ענטפער אויף א הארבער קשיא.

אמת. אבער איר האט דאך געזען, אז אפילו גרויסע דענקער ברענגען גאנץ אפט נאיווע ארגומענטן אויף באווייזן זייערע טע-אריעס און איך דארף זיך דעריבער אפשר גארנישט שעמען מיט מיין יוגנטלעכער השערה. מיר קאנען נאך לעת-עתה נישט זיכער זיין מיט אונזער חכמה, מיט קיין שום פון אונזערע טע-אריעס. נישט אומזיסט איז אזא וויכטיקער וויסנשאפטסמאן ווי ווערנער הייזענבערג אנומלט ארויסגעקומען מיט דעם רעיון, גע-בויט אויף זיינע וויסנשאפטלעכע דערפארונגען, אז גארנישט איז זיכער, אז דאס, וואס מיר נעמען-אן ווי דער פועל יוצא קאן גאר זיין די סיבה און די סיבה אין אפשר דער פועל-יוצא. יא, גארנישט איז זיכער. נאר איינס איז יא זיכער. און דאס איז — אז מיר זענען אומזיכער...

וואָס די זעקס האָבן געענטפערט...

דער באַקאַנטער ענגלישער שריפטשטעלער דזש. ג. ווי. סאַליוואַן האָט זיך געווענדט צו זעקס פון די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשער און דענקער פון דער היינטיקער צייט מיט פראַגן, וואָס באַרירן אייביקע פּראָבלעמען — פּראָבלעמען, וואָס וועלן אפשר קיינמאָל נישט צופרידנשטעלנדיק געלעזט ווערן: עקזיסטירט די וועלט אויך אָביעקטיוו, מחוץ אונזער באַוווסטזיין? ווערט דער באַשאַף רעגירט פון באַוווסטזיניקן שכל? איז לעבן דער פּועל־יוצא פון אַ פּלאַן, אָדער איז בלויז אַ צופאַל? וואָס איז געווען פריער: גייסט, אָדער מאַטעריע? וועט די וויסנשאַפט ביכולת־זיין „צוצושטעלן" גענוגנדיקע באַווייזן פאַר אַ לעבן נאָכן פיזישן טויט?

די זעקס וויסנשאַפטסלייט, וואָס האָבן געענטפערט אויף די פראַגן, זענען: דזשיימס דזשינס, דער באַרימטער ענגלישער פיזיקער; אַרטור סטענלי עדינגטאָן, פּראָפעסאָר פון אַסטראָנאָמיע אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט; פּראָפ. שרעדינגער, איינער פון די גאָניאַלסטע מוחות צווישן די יונגערע פיזיקער; פּרינץ בראָגלי, אַ נאָבעל־פּרעמירטער, וואָס זיינע פאָרשונגען אין אַטאָמישער פיזיק האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון די פראַנצויזישע געלערנטע; ה. ג. וועלס, דער „אַמאַטאָר"־וויסנשאַפטסמאַן און שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך איבערהויפּט

קונה־שם געווען מיט זיין „זעלט־געשיכטע" און גאר לעצטנס מיט זיין ניי גרויס ווערק „די וויסנשאפט פון לעבן" (בשותפות מיט דזשוליען ס. האקסלי); און מאקס פלאנק, א נאבעל־פרעמירטער, וואס זיין קוואנטום־טעאריע, צוזאמען מיט איינשטיינס טעאריע פון רעלאטיוויטעט, דעקן פאקטיש דאס גאנצע פעלד פון דער מאדערנער פיזיק.

ווי עס איז צו זען, האבן מיר דא נישט צו טון מיט קיין חדר־יינגלעך. סאליוואן האט פארזיכטיק און מיט גרויס פארשטענדניש געמאכט דעם אויסוואל: זיי זענען באמת, נאך איינשטיינען, די גרעסטע פון די אייראפעישע וויסנשאפטסלייט. איינשטיין איז שוין געווען אין אמעריקע, בעת סאליוואן האט דורכגעפירט זיינע אינטערוויוען, א נישט וואלט אנשטאט זעקס געווען זיבן; נאר סיי־ווי זענען איינשטיינס מיינונגען מכוח די געשטעלטע פראגן שוין גוט באקאנט, איבערהויפט פונם שמועס צווישן אים און טאגארען. די ענטפערס פון די זעקס זענען קורץ און שארף. צי זיי קאנען באפרידיקן אונזער הונגער נאך וויסן, נאך פארשטיין און באגרייפן די מיסטעריע פונם באשאף — דאס איז שוין אן אנדער פראגע. די זעקס גרויסע גייסטער זענען געקומען צו פארשידענע אויספירן, זענען דא און דארט סותר איינער דעם אנדערן, אבער זיי זענען נישט, ווי אמתע וויסנשאפטסלייט, קיין דאגמאטיקער און ווילן זייערע מיינונגען קיינעם נישט אנהענגען, ווי א תורה. זיי ווייסן — ווי יעדער דענקנדיקער מענטש — אז סוף כל־סוף ווייסן מיר נאך ווייניק; אז אונזער שכל קאן דערגיין ביז א געוויסער גרענעץ און ווייטער — נישט פון פינטל. די הויפט רעטענישן, וואס רעגן און אינטריגירן אונז, וועלן אייביק בלייבן א מיסטעריע. דאס האט נישט לאנג צוריק אפן און מיט זיין כאראקטעריסטישן שמייכל מודה־געווען נישט קיין קלענערער, ווי אלבערט איינשטיין.

דאך זענען די ענטפערס פון די זעקס אומגעהויער אינטערעסאנט. מיר קריגן פון זיי א קלארן באגריף — אויב נישט מכוח דעם סוד פון דער וועלט — איז מכוח דעם פילאזאפישן אויספיר, וואס די וויכטיקסטע פארשטייער פון דער וויסנשאפט

זענען צו אים דערגאַנגען, אויפן יסוד פון זייער אָנגעשטרענגטער און אומאויפהערלעכער פאָרשונג; מיר קאָנען דערפון אויך לערנען, וואָס מיר מעגן להבא יאָ, אָדער נישט דערוואַרטן פון דער וויסנשאַפט. איך ברענג דאָ די פראַגן און ענטפערס אין דער אָרדנונג, ווי סאַליוואַן גיט זיי איבער.

ס א ל י וו א ן: גלויבט איר, אַז דאָס לעבן אויף אונזער פּלאַנעט איז דער פּועל-יוצא פון אַ צופאַל, אָדער אַ טייל פון אַ גרויסן פּלאַן?

ד ז ש יי מ ס ד ז ש י נ ס: איך בין גענייגט צו דער אידעאַליסטישער טעאָריע, אַז באַוווסטזיין איז פונדאַמענטאַל און אַז דער מאַטעריעלער אוניווערס שטאַמט-אָפּ פון באַוווסטזיין, נישט באַוווסטזיין פון דעם מאַטעריעלן אוניווערס. אויב דאָס איז אַזוי, מוזן מיר אָננעמען, אַז ס'איז דאָ אַן אַלגעמיינער פּלאַן. מיין נייגונג צו אידעאַליזם איז דער רעזולטאַט איבערהויפּט פון די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס — צומביישפּיל דער פּרינציפּ פון אינדעטערמיניזם, וואָס איז קעגנעריש צו דער אַלטער וויסנשאַפטלעכער לערע, אַז די נאַטור ווערט רעגירט פון שטרענג-דעטערמיניסטישע געזעצן; לויט דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער אויפפאַסונג איז דער אוניווערס גיכער אַ גרויסער געדאַנק, ווי אַ גרויסע מאַשין. ס'איז זייער מעגלעך, ווי ס'ווייזט זיך מיר אויס, אַז יעדעס אינדיווידועלע באַוווסטזיין איז אַ צעל אין אוניווערסאַלן שכל.

ס א ל י וו א ן: דענקט איר, אַז וואָס-נישט-איז פונם מענטשן — אַ חוץ זיין איינפלוס און די דערינערונג פון זיינע פריינד — בלייבט איבער נאָכן קערפּערלעכן טויט?

ד ז ש יי מ ס ד ז ש י נ ס: אין באַטראַכט פון מיין באַמערקונג, אַז אונזערע אינדיווידועלע שכלס זענען חלקים פון אוניווערסאַלן שכל, איז אייער איצטיקער פראַגע אויסער אָרדנונג. אָבער חוץ דעם איז אָט דאָס פּראָבלעם אַ פּסעוודאָ-פּראָבלעם. דערין איז קודם פאַרמישט די פראַגע פון צייט. ווי זאָלן מיר באַטראַכטן צייט — ספּעציעל אין ליכט פון דער רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע? איך בין גענויגט מסכים צו זיין מיט

דעם וואָרט פון ה ע ר מ אַ ן ו ו ע י, אַז „פּאַסירונגען פּאַסירן נישט; מיר באַגעגנען זיך מיט זיי". און דער פּאַקט, וואָס מיר באַגעגנען זיך מיט זיי אין דעמזעלבן מאָמענט, איז זיכער וויכטיק. דאָס פאַרשטאַרקט, לויט מײַן מיינונג, דעם אויספיר, אַז מיר אַלע זענען חלקים פון אַן אַלגעמיינעם געדאַנק.

ע ד י נ ג ט אָ ן: מיר זעט עס אויס גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס לעבן, ווי אַ פיזישע דערשיינונג, איז אַנטשטאַנען צופעליק. איך האָב נישט קיין גרונט אָפּצולייקענען די אידייע, אַז לעבן איז דער פועל־יוצא פון געוויסע פיזיקאַלישע פּאַרמישונגען. דאָס וועט מען אפשר אַמאָל קענען עקספּערימענטאַל דעמאָנסטרירן. אָבער באַוווסטזיין איז, גלויב איך, אַ גאַנץ אַנדער ענין. באַוווסטזיין איז פונדאַמענטאַל. דאָס מוז שוין פאָראויסגעזעצט ווערן אין אַלע דיסקוסיעס מכּוח דעם אָפּשטאַם און דער נאַטור פון אַלצדינג. דער מאַטעריעלער אוניווערס גופא איז פאַרן באַוווסטזיין אַן אינטערפּרעטאַציע פון געוויסע סימבאָלן. ווען מיר רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פון אוניווערס, מיינען מיר פּאַקטיש ב אַ ו ו ו ס ט ז י י ן. ס'איז זינלאָז צו רעדן מכּוח דער עקזיסטענץ פון וואָס־נישט־איז, סיידן מיר רעכנען עס פאַר אַ חלק פון דעם באַוווסטזיין־געוועב.

וואָס איז שייך אַ לעבן נאָכן טויט, וויל איך באמת נישט דיסקוטירן דידאָזיקע פראַגע.

פּ ר אָ פ. ש ר ע ד י נ ג ע ר: איך דענק, אַז דער מאַטעריעלער אוניווערס און באַוווסטזיין זענען געמאַכט פון דעמזעלבן שטאָף. ס'וועט פאַר מיר נישט זײַן קיין גרויסע איבעראַשונג, אויב דער מענטש זאָל אויסגעפינען די געזעצן, וואָס לויט זיי אַרבעט די נאַטור. מיר קאָנען נישט רעדן פון דער נאַטור, ווי עפּעס, וואָס איז באַזונדער פון שכל. די נאַטור, מכּוח וועלכער מיר רעדן איז די נאַטור, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אונזער שכל; מיר קאָנען נישט וויסן פון קיין אַנדערער

איז לעבן אַ צופאַל, אָדער אַ טייל פון אַ גרויסן פּלאַן?

דאָס לעבן, ווי מיר קאָנען עס, איז, ווי ס'זעט־אויס, זיכער אָפּהענגיק פון ספּעציעלע פיזישע באַדינגונגען. אויב איינער שטודירט, למשל, די עלעמענטן, געפינט ער אויס, אַז דער עלע-

מענט קאַרבאָן (קוילנשטאָף) באַזיצט גאַנץ אומגעווייטנטלעכע אייגנשאַפטן. דידאָזיקע אייגנשאַפטן זענען באַזונדערס באַסיק אויפצובויען אָרגאַנישע קערפּערס. איז ווי וואָלט זיין, אויב קאַרבאָן וואָלט נישט עקזיסטירט אויף אונזער פּלאַנעט — וואָלט לעבן מעגלעך געווען? ס׳ווייזט־אויס, אַז נישט, כאָטש ס׳זענען אפשר דאָ פאָרמען פון לעבן (אויף אַנדערע פּלאַנעטן, הייסט עס — א. אַז.) וואָס מיר ווייסן פון זיי גאָרנישט. אָבער דאָס גאַנצע לעבן אויפן ערדישן פּלאַנעט איז אָפּהענגיק פון קאַרבאָן, און קאַרבאָן אַליין, זעט אויס, פאַרמאָגט די אויסערגעוויינטלעכע אייגנשאַפט, וואָס איז נייטיק. ס׳קאָן דעריבער גרייכלעך זיין, אַז לעבן איז אַ צופאַל, אָדער אַ צוזאַמענפאַל.

אָבער, אויב איך דענק, אַז לעבן איז אפשר דער פועל־יוצא פון אַ צופאַל, דענק איך דאָס נישט וועגן באַוווסטזיין. מכּלח באַוווסטזיין קאָן מען נישט רעדן אין פיזיקאַלישע טערמינען, מחמת באַוווסטזיין איז אַבסאָלוט פונדאַמענטאַל. מ׳קאָן עס נישט איבערזעצן אין די טערמינען פון עפּעס־אַנדערש.

פּרינץ בראַגלי: איך קאָן נישט גלויבן, אַז לעבן איז אַ צופאַל. אדרבא, איך האָב אַ שטאַרקן איינדרוק, אַז לעבן האָט נישט געקאָנט אַנטשטיין צופעליק.

סאַליוואַן: אויב אַזוי, איז עס אַ טייל פון אַ פּלאַן?

פּרינץ בראַגלי: יאָ.

סאַליוואַן: איז מעגלעך עפּעס צו וויסן וועגן דעם פּלאַן?

פּרינץ בראַגלי: ס׳קאָן זיין מעגלעך. אָבער אַזאַ וויסן קאָן מען נישט דערגרייכן מיט וויסנשאַפטלעכע מיטלען. דאָס איז אַ וויסן פון אַ גאַנץ אַנדער מין, ווי דאָס וויסנשאַפטלעכע. כ׳ווייס נישט וואָס פאַראַ מין וויסן דאָס קאָן זיין נאָר איך וועל נישט זאָגן, אַז אַזאַ וויסן איז אוממעגלעך.

צי איך גלויב אין אומשטערבלעכקייט? דאָס איז אַ פראַגע פון באַווייזן, פון ראיות. אָבער, לויט מייך מיינונג, איז נישטאָ גענוג באַווייזן צו באַרעכטיקן דעם גלויבן אין השארת־הנפש.

סאַליוואַן: דענקט איר, אַז מ׳קאָן באַוווסטזיין דערקלערן אין טערמינען פון מאַטעריע?

פ ר י נ ץ   ב ר א ג ל י: ניין. איך זע נישט איין ווי באַוווסטזיין קאָן אַרויסוואַקסן פון מאַטעריעלע זאַכן. איך האַלט באַוווסטזיין און מאַטעריע ווי צוויי פאַרשידענע דערשיינונגען פון איין זאַך. ס׳איז פאַראַן איין סובסטאַנץ, וואָס ביידע, סיי באַוווסטזיין, סיי מאַטעריע, ווערן דערפון געשאַפן. די דערשיינונג פון סובסטאַנץ, וואָס מיר עקזאַמינירן דורך וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, רופן מיר מאַטעריע; די אַנדערע דערשיינונג, פון וועלכער מיר דערגרייכן קענטעניש — נישט וויסנשאַפטלעך, נאָר דירעקט — רופן מיר באַוווסטזיין.

ה. ג. ו ו ע ל ס: צי דאָס לעבן איז אַ טייל פון אַ פּלאַן? אויב ס׳איז דאָ אַזאַ פּלאַן, איז ער אינגאַנצן מחוץ אונזער באַוווסטזיין. מיר לעבן אין אַ וועלט, ווו דער רוים האָט דריי דימענזיעס און צייט איז אַ רעאַליטעט. מיר מוזן טראַכטן פון יעדער זאַך אין דידאָזיקע באַגריפן. אָבער איך דענק, אַז ס׳איז אויך מעגלעך, אַז דער אוניווערס איז סטאַטיש און פיר־דימענזיאָנעל.

ס א ל י ו ו א ן: האַלט איר פאַר מעגלעך, אויף וועלכן ס׳איז אופן, צו קומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דערדאָזיקער איבער־מענטשלעכער רעאַליטעט?

ה. ג. ו ו ע ל ס: ניין. אונזער גאַנץ פילן און דענקען איז נייטיקערווייס באַשרענקט דורך די מענטשלעכע חושים. איך גלויב נישט, אַז מיסטישע, רעליגיעזע מעדיטאַציע איז עפעס מער ווי אַ צוריקגאַנג צו דערפאַרונג. ווען איך האָב אין אַ טייל פון מיינע ווערק געשילדערט מענטשן, וואָס זונדערן זיך אָפּ אויף אַן איינזאַם אָרט, כדי זיך איבערצוגעבן צו התבודדות, האָב איך אַלעמאָל אין זינען געהאַט אָט דעם סאָרט מעדיטאַציע. איך גלויב נישט, אַז רעליגיעזע מעדיטאַציע איז אַ זוכן פון עפעס נייעס. ס׳איז נישט קיין מעטאָדע אויף מאַכן אַ קאָנטאַקט מיט וועלכער־ס׳איז עקסטראַ־מענטשלעכער רעאַליטעט. באמת גלויב איך נישט, אַז אַ ספּעציפישער רעליגיעזער אינסטינקט, אָדער חוש, עקזיסטירט אין דעמדאָזיקן זין. דער מענטש איז דורכאויס באַשרענקט צו געדאַנקען און אַספּיראַציעס

דאָס פאַרנעמען זיך מיט מענטשלעכע ווערטן — מיטן לעבן און דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין. דער שכל האָט נישט קיין כּוח אַריבערצוגיין דיזיקע גרענעצן.

וואָס ס'איז נוגע צו דער פראַגע וועגן אומשטערבלעכקייט, גלויב איך לחלוטין נישט אין השארת-הנפש פונם יחיד. דער מענטש בלייבט-איבער נאָכן טויט אין פּראָפּאָרציע צו דעם באַשטייער, וואָס ער מאַכט צום אַלמענטשלעכן דענקען.

מאַקס פּלאַנק: איך גלויב, אַז אונזער לעבן איז אַ חלק פון אַ גרעסער לעבן, וואָס מיר קאָנען נישט פאַרשטיין, אָבער דאָס איז נישט קיין וויסנשאַפטלעכער גלויבן. דאָס איז אַ גלויבן, וואָס מוז באַרעכטיקט ווערן מיט גאַנץ אַנדערע טעמים, ווי וויסנשאַפטלעכע. אייער פראַגע קאָן בלויז פאַרענטפערט ווערן דורך דער פאַנטאַזיע, וואָס רעפּרעזענטירט זאַכן צו אונזער „איך" אין נישט וויסנשאַפטלעכע טערמינען. די גלויבנס, וואָס ווערן אויסגעדריקט אין דער פאַנטאַזיע, זענען נישט אונטערגעוואָרפן קיין וויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונגען. אייער פראַגע קאָן דעריבער נישט באַשטימט ווערן דורך וויסנשאַפטלעכע באַווייזן.

סאַליוואַן: גלויבט איר, אַז מ'קאָן באַוווסטזיין דערקלערן אין טערמינען פון מאַטעריע און מאַטעריעלע געזעצן?

מאַקס פּלאַנק: ניין. באַוווסטזיין איז פונדאַמענטאַל. איך האַלט, אַז מאַטעריע וואַקסט-אַרויס פון גייסט. מיר קאָנען נישט אַרויסגיין מחוץ פון באַוווסטזיין. אַלצדינג, פון וואָס מיר רעדן, אַלצדינג, וואָס מיר באַטראַכטן פאַר עקזיסטירנדיק, זעצט-פאָרויס — באַוווסטזיין.

אָט אַזוי האָבן געענטפערט די זעקס וויסנשאַפטלעכע ריזן אויף די גרעסטע פּראָבלעמען, וואָס רעגן און באַאומרויקן שוין טויזנטער יאָרן דעם מענטשלעכן געדאַנק. אַנאַליזירן מיר די ענטפערס, זעען מיר, אַז אויב בנוגע אַנדערע פּונקטן, איבערהויפּט אין שייכות צו דער פראַגע, צי לעבן איז אַ צופאַל, אָדער אַ פּלאַן, זענען פאַראַן חילוקי-דעות, זענען זיי אָבער אַלע מסכּים אויף איין פּונקט — און דאָס איז, אַז באַוווסטזיין —

אָדער גייסט — איז פונדאַמענטאַל, אַז דער מקור און עסענץ פון באַשאַף איז אַ רוחניותדיקער. און די מאַטעריע איז בלויז אַ פועל־יוצא פון גייסט. דאָס איז אַן אומגעהייער וויכטיקער פונקט, מחמת ער באַווייזט, אַז ס׳איז לחלוטין פאַנאַנדערגעפאַלן דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־באַנעם, וואָס האָט ביז גאָר נישט לאַנג צוריק דאָמינירט די וויסנשאַפט, טיילנדיק זיך אויף צוויי דעות: אַזאַ, וואָס האָט געהאַלטן דאָס גייסטיקע ווי אַן אַרויס־קום פון מאַטעריע; און אַזאַ, וואָס האָט לגמרי געלייקנט די עקזיסטענץ פון גייסט, איבערגעצייגט געווען, אַז אַלצדינג איז מאַטעריע און דאָס, וואָס מיר רופן „גייסט״, אָדער באַוווסטזיין, איז בלויז אַ מאַטעריאַליסטיש־מאַשינאַרטיקע פונקציע. — אָט דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־באַנעם האָט געמוזט זיך צוריקציען פון דער סצענע, אינם ליכט פון די נייסטע וויסנשאַפטלעכע דער־גרייכונגען, איבערהויפט פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע און מאַקס פלאַנקס קוואַנטום־טעאָריע. דאָ און דאָרט ווערט נאָך געמאַכט אַ פאַרצווייפלטע פּראָבע צו ראַטעווען דעם מעכאַ־נישן מאַטעריאַליזם, אויב נישט לגבי דעם גאַנצן אוניווערס, איז כאָטש לגבי דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, ווי דאָס, למשל, באַמיט זיך צו טון וואַטסאַן דורך זיין שיטה פון „בי־הייוויאַריזם״ אין דער פסיכאָלאָגיע, אָבער זייער טעטיקייט איז ווי דאָס אויפפלאַמען פון אַ ליכטל, איידער ס׳גייט אינגאַנצן אויס.

וואָס ס׳איז שייך צו דער צווייטער וויכטיקער פראַגע, וואָס די זעקס האָבן געענטפערט — צי דאָס לעבן איז אַ צופאַל, אָדער אַ טייל פון אַ גרויסן פלאַן — רירט זי אָן דעם סאַמען יסוד פונם רעליגיעזן געדאַנק. אויב לעבן איז אַ טייל פון אַ פלאַן, הייסט עס, אַז ס׳איז דאָ אַ פלאַנירער, אַן אוניווערסאַלער, באַוווסטזיניק־שעפערישער שכל, וואָס שאַפט, פילט־אויס און באַ־הערשט דעם אוניווערס. דאָס איז דער לאָגישער אויסגאַנג פון אַזאַ הנחה. און דזשיימס דזשינס אין ענגלאַנד, ווי ראָבערט מיליקאַן (דער אַנטדעקער פון די קאָסמישע שטראַלן) אין אַמע־

ריקע, איז טאַקע דערגאַנגען צו אַט דעם רעליגיעז-מיסטישן געדאַנק.

אַז ס'איז לאָגישער (אויב ס'איז דאָ לאָגיש צו רעדן מכּוח לאָגיק...) אָנצונעמען די הנחה פון פּלאַנמעסיקייט, ווי די הנחה פון צופאַל, קאָן מען, לויט מיין מיינונג, איינזען, ווען מ'אַנאַליזירט פּראָפ. שרעדינגערס אַרגומענט לטובה צופאַל — זיין משל מיטן קאַרבאָן-עלעמענט; וואָרום, אויב איינער פון די זיילן פון דער מאָדערנער פיזיק, קלייבט אויס אַזאַ באַווייז, באַטראַכט ער אים, מסתמא, פאַר זייער וויכטיק, פאַר „שלאָגענד". און זיין אַרגומענטאַציע איז, אַז וויבאַלד דער עלעמענט קאַרבאָן וואָלט נישט בנמצא געווען, וואָלט קיין לעבן נישט מעגלעך געווען, איז דערפון געדרונגען, אַז לעבן איז אַנטשטאַנען צופעליק. אָבער דאָס איז אַלצאיינס, ווי זאָגן, אַז ווי באַלד קיין פאָדעם וואָלט נישט געווען, וואָלט נישט מעגלעך געווען אויפצונייען אַ מלבוש. ערשטנס וואָלט מען מסתם געפונען אַ מיטל ווי צו מאַכן אַ מלבוש אָן פאָדעם-שטעך (און פּראָפ. שרעדינגער איז דאָך אַליין מודה, אַז „ס'זענען אפשר פאַראַן פאָרמען פון לעבן, וואָס מיר ווייסן פון זיי גאָרנישט"); אָבער אַזאַ פילאָזאָפיע איז דאָ איבעריק, מחמת דער עיקר איז, וואָס דער שניידער ווייסט, אַז כּדי אויפצושטעפן אַ מלבוש, מוז ער האָבן פאָדעם און — ער גרייט לכתחילה צו פאָדעם... דער נמשל איז קלאָר: דער קאַרבאָן איז לכתחילה צוגעגרייט געוואָרן, כּדי מעגלעך צו מאַכן דעם באַשאַף פון לעבן... נאַטירלעך קאָן קיינער מיט זיכערקייט נישט זאָגן אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער דער אַרגומענט מיטן קאַרבאָן באַווייזט בשום-אופן נישט, אַז לעבן איז אַ ריינער צופאַל.

יעדער אינטעליגענטער מענטש, וו אָס פאַרטראַכט זיך אַמאָל וועגן די אייביקע פּראָבלעמען פון דער יצירה (און איז דען מעגלעך נישט צו פאַרטראַכטן זיך ?), וועט געפינען די, אָדער יענע, פונקטן אין די ענטפערס פון די זעקס, וואָס וועלן אים אפשר מער באַאומרויקן, ווי באַפרידיקן, און שאלות אויף שאלות וועלן אים נעמען עגבערן, אָבער דאָס איז די טאָטאַליטעט פון

דעם דערגרייכטן וויסן, דער קווינטעסענץ פון דער וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג, צו וועלכער די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע דענקער פון אייראָפּע (און אויך פון אַמעריקע) זענען דערגאַנגען. קיין דינגען זיך וועט דאָ נישט העלפן, וואָרום דער אויפריכטיקער וויסנשאַפטסמאַן וועט — אין די גרענעצן פון דער וויסנשאַפט — נישט מאַכן קיין שום דערקלערונגען, אָדער פאַרזיכערונגען, וואָס קאָנען נישט אונטערגעשטיצט און באַוויזן ווערן מיט די געהעריקע באַווייזן און עדות. דאָס איבעריקע בלייבט דעריבער פאַר אונזער פאַנטאַזיע און אינטויציע.

צווישן מוק און בארג

יעדעסמאָל, ווען דער מענטש וואַרפט זיין בליק אויף די ריזיקע בערג, דערפילט ער זיך אזוי קליין, אַזוי נישטיק, ווי אַ מילבל, אַז פשוט אַ רחמנות נעמט אים אַרום אויף זיך אַליין. אמת, ער האָט אַ טרייסט: זיי, די ריזן, שטייען אָט דאָ, ווו מ׳האָט זיי אַוועקגעשטעלט, אָן לעבן, אָן ווילן, אָן שכל — זיי ווייסן אפילו נישט, אַז זיי עקזיסטירן; בעת ער, דאָס מילבעלע, באַוועגט זיך וואוהין און ווען ער וויל; ער דענקט, טראַכט, ווייסט, פאַרשטייט, אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס? — לויפט אַריבער אַ שאָטן איבער זיין האָפערדיקן שטאָלץ — אַז דאָס זיין, דאָס וויסן פון זיין, איז אָנגעזאַפּט מיט ליידן, מיט צער? און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט סוף-כל-סוף אָט דאָס גאַנצע וויסן? גאָרנישט מיט גאָרנישט. עס איז ווי אַ טראָפּן אין ים און אין סך-הכל איז דאָס העכסטע וויסן, אַז — מ׳ווייסט נישט.

וואָלט דאָס אַלץ נאָך אפשר נישט אַזוי טראַגיש געווען און מיר וואָלטן ווי ס׳איז שלום געמאַכט מיט אונזער גורל, צו-ליב די ביסלעך פאַרגעניגן, שטייט אָבער דער מלך-המות כסדר מיטן שווערד איבערן קאָפּ און לאָזט נישט קיין פולע הנאה האָבן פון די ברעקלעך תענוג: ווילאַנג קאָנען מיר דען שטאָל-צירן איבערן טויטן באַרג? אַ קורצע ווייל, און נאָכדעם זענען מיר פונקט ווי דער באַרג, אָן לעבן, אָן באַוווסטזיין...

ווי איז שוין, אז דער מענטש הויבט־אויף זיינע אויגן צום הימל און דערזעט דעם אימגעהייערן חלל, וואָס איז באַשפּרענקלט מיט די ליכטיקע, ציטערדיקע פּינטעלעך, וואָס זענען שטערן און פּלאַנעטן? דאַן מוז שוין דער מענטש להלוטין מבטל־זיין דעם יש זיינעם. איינפאַך חוזק מאַכט ער פון זיך. וואָס בין איך דען? — פרעגט ער זיך — פּלעווע אין ווינט, א טפה סרוחה, אַן אויכגעבלאָזן איי. ווי האָפערדיק־אָפּטימיסטיש איינער זאָל נישט זיין, ראַפּט דער אויסגעשטערנטער הימל אַרויס אין אים אימה, הילפלאָזיקייט, פאַרלוירנקייט. פיזיש און גייסטיק געפאַלן און קליין דערפילט ער זיך. אָט, טראַכט ער, דריי איך זיך אַרום, אַ פּינטעלע, אָנגעלאָדן מיט זאָרג, מיט צרות, מיט חלומות, מיט טענות און האַלט זיך מיט מיין באַגאַזש אַזוי וויכטיק, אַזוי וואַזשנע, אַזוי גרויס. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט און אָנזען האָב איך אין דעם אומגעהייערן רוים, ווו אפילו „מיין" גאַנצע ערד איז בלויז אַ שטויבעלע?

די אָפּטימיסטישע פּילאָזאָפיעס ווילן פון דעם מענטשן פאַרטרייבן דאָסדאָזיקע געפיל פון מינערווערטיקייט, אַרויסרייסן פון אים דעם בטול־היש, דאָס שפלות, דערהויבן אים, און דערפרייען זיין הארץ מיט דעם באַווּסטזיין, אַז נאָך־אַלעמען איז אין באַשאַף נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי גרעסער און קלענער, וויכטיקער און אומוויכטיקער, מחמת איינס דערגאַנצט דאָס אַנדערע. דאָס שטויבעלע איז פּונקט אַזאַ יחסן ווי דער באַרג־ריז, וואָרום פון די שטויבעלעך איז דאָך דער באַרג צונויפגעשטעלט; דער פּיצינקער אַטאָם איז אַזוי חשוב, ווי די סאַמע זון, ווייל די זון, ווי יעדער קערפּער, איז דאָך אַ „קאָמפּאָזיציע" פון איינצלנע אַטאָמען. לויט דער פּאַנטעיִסטישער פילאָזאָפיע איז בכלל נישט עייך צו רעדן מכוח פּרטים. אויב אַלץ איז איינס און איינס איז אַלץ, איין אומענדלעכע איינהייט.

אָבער די אַלע רייד זענען אין לעצטן סך־הכל מאָרט אַבסטראַקט. בלויז זייער ווייניק יחידים, טאַקע אויף די פינגער איבערצוציילן, דערגייען צו דער מדרגה צו פילן זיך איינס מיט אַלץ. געוויינטלעך פילן זיך מענטשן (אויב זיי פאַרטראַכטן

זיך נאָר וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען) פאַרלוירן און נישטיק אין דעם גרויסן זיין. די מערסטע מענטשן קאָנען נישט דענקען אַבסטראַקט. מ׳מוז זיי ווייזן אַ בילד, מאַכן אַ חשבון פון ציפערן, מעסטן מיט אַ מאָס, כדי זיי זאָלן תופס־זיין אַן ענין. און דאָס האָט לעצטנס געטון פּראָפ. אַרטור ה. קאָמפּטאָן, אַ נאָבל־פּרייז־געווינער פאַר פיזיק. ער האָט „אויסגעמאָסטן" דעם מענטשנס פיזישע גרויס אין פאַרגלייך צו אַנדערע קערפּערס אין דער נאַטור און איז געקומען צום אויספיר, אַז דער מענטש איז רעלאַטיוו גאָרנישט אַזוי קליין, ווי ער האָט זיך איינגעשמועסט. אדרבא, לויט דער דאָזיקער קלאַסיפיקאַציע, וואָס ער האָט דורכגעפירט אויף אַ שטרענג־וויסנשאַפטלעכן אופן, איז דער מענטש גאַנץ היפש, פאַרנעמט זייער אַ בכבודיק אָרט אין אוניווערס.

פּראָפ. קאָמפּטאָן הויבט־אָן זיינע „אויסמעסטונגען" פון דעם קלענסטן, וואָס מיר קאָנען מיט אונזער אויג נישט זען, און דערגייט צום גרעסטן, וואָס שפּרייט זיך אויף אַ שטח פון אַ סך, אַ סך מיליאָנען ליכט־יאָרן — און ער ווייזט, אַז דער מענטש פאַרנעמט אַ צענטראַלן פּונקט. סך־הכל האָט דער געלערנטער אין זיין קלאַסיפיקאַציע 13 גרופּן, יעדע נומערירט לויט איר רעלאַטיוון שייכות צו די אַנדערע גרופּן, און דער מענטש קומט אויס אויפן 6־טן אָרט — צווישן מוק און באַרג... דאָס איז זיכער אַ גאַנץ חשוב אָרט. מיר האָבן זיך, הייסט עס, גאָרנישט וואָס צו שעמען... אדרבה, מיר האָבן גענוג אורזאַכן שטאָלץ צו זיין. און מיר מעגן מיט דער העלסטער פאַרב אויסמאָלן אויף אַ שילד דעם ציפער 6 .און זי אויפהייבן איבער אונזערע קעפּ. 6 — דאָס בין איך, דער מענטש! דאָס איז מיין אָרט אין אוניווערס און קיינער קאָן מיך פון דאַנען נישט אַראָפּטרייבן. דרך־ארץ!

דער וויסנשאַפטסמאַן קלאַסיפיצירט אָט אַזוי זיינע גרופּן— ס׳איז כדאי זיך דערמיט צו באַקענען:

1) פּראָטאָן, 2) עלעקטראָן, 3) אַטאָם, 4) באַקטעריע,

5) מוק, 6) מענטש, 7) באַרג, 8) ערד, 9) זון, 10) זונען־סיסטעם, 11) מילך־וועג, 12) גאַלאַקסן, 13) אוניווערס.

דער גרעסטער ציפער איז, ווי ס'איז צו זען, דער ציפער 13. דאָס דערקלערט אפשר דעם פאַקט, וואָס 13 ווערט באַטראַכט פאַר אַ שלים־מזלדיקער צאָל, און אַ סך מענטשן היטן זיך פאַר אים, ווי פאַר אַ בייזן משחית; זיי וועלן נישט וווינען אין אַ הויז נומער 13, נישט אָנהייבן עפּעס צו טאָן דעם 13־טן און נישט פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט פון 13 מענטשן... עס איז אָבער לעת־עתה שווער צו זאָגן, אויב דער אוניווערס נומער 13, ווי די 12 גרופּן געפינען זיך, איז באמת אַ שלים־מזלדיקער. זיכער איז בלויז, אַז די ערד אונזערע, וואָס טראָגט גראָד דעם ציפער 8, איז זייער שלים־מזלדיק און צרהדיק. נאָר אָבערגלויבישע מענטשן וועלן מסתמא זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס אונזער ערד איז אַ שכנה אין אוניווערס נומער 13. בלייבט דעריבער צו האָפן אויף איין ישועה: די ערד זאָל זיך אַרויסקלייבן פון אָט דעם אוניווערס. די צרה איז נאָר, וואָס פון קיין אַנדער אוניווערס ווייסן מיר נישט. און ס'איז אַ גוטע סברא, אַז קיין אַנדער אוניווערס איז טאַקע נישטאָ...

אַ סך לייט וועלן זיך אפשר אויך פילן באַליידיקט פון פּראָפ. קאָמפּטאָנס אָװעקשטעלן דעם מענטש בכלל ביים ציפער 6. זיי וועלן אין דעם זען אַ גרויסע חוצפה: וואָס הייסט עפּעס איין סאָרט מענטש? זיי, אָט די לייט, באַטראַכטן זיך פאַר העכער, וויכטיקער, גרעסער. און אויב דער סתם מענטש איז נומער 6, זענען זיי כאָטש נומער 12, צי גאָר נומער 16, גרעסער, הייסט עס, פון סאַמע אוניווערס. פרעגט אַ יונגעמאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ לידל; רעדט מיט וועלכן קאָכלעפל איר ווילט; הערט זיך צו צו אַ רעדאַקטאָר, אַ גביר, אַ רעדנער — און איר וועט זיך פון יעדן פון זיי דערוויסן, אַז ער איז איבער דעם עולם, חשובער פון דער מאַסע. און דאָ קומט גאָר אַ געלערנטער און מעסט נישט איטלעכן מענטש באַזונדער, כדי צו קלאַסיפיצירן לויט קטן און גדול, נאָר שטעלט זיי אַלע אַוועק אונטער איין שילדל מיטן נומער 6. אַזאַ סקאַנדאַל!

נאָר שפּאַס אָן אַ זייט. פּראָפּ. קאָמפּטאָן האָט מיט זיינע נומעראַציעס מער אויפגעטון צו דערהויבן דאָס חשיבות (ביי זיך אַליין) פון דעם מענטשן, ווי אַלע אַבסטראַקטע אָפּטימיסטישע פראַזן פון דעם און יענעם האָפּערדיקן פילאָזאָף. דאָך קאָן נאָך אַלץ בלייבן אַ ספק אין האַרץ: נו, און אַז מיר ווייסן שוין פון דער קאָמפּטאָנישער קלאַסיפיקאַציע, אַז מיר פאַרנעמען אינם באַשאַף אַ צענטראַלע פּאָזיציע — אין וואָס געווינען מיר דערפון? קודם ווער שטייט פאַר אונז? אַ מוק! און נאָך אונז? — אַ באַרג! איז די פּאָזיציע צווישן מוק און באַרג באמת אַזאַ געהויבענע? אמת, נאָכן באַרג קומט די ערד און די זון און דער זונען-סיסטעם און די גאַלאַקסן; אָבער דאָס איז דאָך אַלץ רעלאַטיוו. פּאַקטיש איז עס אַ שיינער שפּרונג פון מענטש צו דער זון! סיי-ווי, ווי די זאַך זאָל נישט זיין, ווערט אונזער גורל אויף דער ערד דערפון נישט גרינגער און אונזער הילפלאָזיקייט בלייבט ווי געווען. נאָר פּראָפּ. קאָמפּטאָן באַנוגנט זיך נישט מיט נומעראַציעס אַליין. ער טייטשט זיי אויס. ער לערנט אונז עפּעס פון אונזער פּאָזיציע.

דער גרויסער געלערנטער קומט צו דער מסקנה, אַז בעת אָט די אַלע אַנדערע גרעסערע קערפּערס, אַנטקעגן וועלכער מיר זעען זיך אָן ווייניקער, ווי דער מוק אַנטקעגן אונז, זענען ווי ליימענע גולמס, איז דער מענטש אַ שעפער וואָס זיין געדאַנק האָט די גרעסטע השפעה אויף דעם גאַנצן באַשאַף, איז דערפאַר דער מענטש איבער אַלץ, די העכסטע דערגרייכונג — ער דערהייבט דעם מענטש צו דער מדרגה פון אַ גאָט, ווען ער זאָגט:

„דער מענטש, אין זיין צענטראַלער פּאָזיציע, קאָן טון מער צו ענדערן דעם אוניווערס, ווי די זון, אָדער די שטערן, אָדער וועלכע אַנדערע איינהייט... דער מענטש איז נישט דער אומוויכטיקסטער אינדיוויד, ווי די מאַטעריאַליסטישע וויסנשאַפטסלייט שטעלן אים פאָר. דער מענטש, וואָס וווינט אין אַ הויז, ווערט נישט אומוויכטיקער פון זיין דירה. פאַרוואָס זאָל דער מענטש באַטראַכט ווערן פאַר ווייניקער וויכטיק, ווי די זון און

שטערן און גאַלאַקסן פון אוניווערס?... דער מענטש איז מסתמא דער וויכטיקסטער און אינטערעסאַנטסטער אינדיוויד אין קאָס-מאָס. ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז דעם מענטשנס געדאַנק האָט אַ השפעה אויף דער מאַטעריע, וואָס דערפון קאָן מען דרינגען, אַז די געדאַנקען פון דעם מענטשן זענען פון דעם גרעסטן באַטייט אין דער וועלט.

„ס׳לייגט זיך דעריבער אויפן שכל — זאָגט דער גע-לערנטער ווייטער — אַז דאָס מענטשלעכע לעבן פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַן אין אוניווערס, און דאָס איז דער פּועל-יוצא פון דער אַרבעט פון אַן אַלהעכסטער אינטעליגענץ... אָט די הנחה פירט אונז אַרויף אויפן רעיון, אַז די נאַטור פּרעזערווירט אומ-באַדינגט די לעבעדיקע נשמות, וואָס זענען פאַרנומען מיט אַזאַ אַרבעט — דאָס מיינט אומשטערבלעכקייט. אַלע באַווייזן (פון דער נייער פיזיק) זען אויס צו זיין געגן דעם מעכאַניסטישן שטאַנדפּונקט און עס בלייבט נישט קיין סיבה צו דאַכטן, אַז די נשמה שטאַרבט אינאיינעם מיטן קערפּער”.

ווי איר זעט, איז דער פּראָפעסאָר אַריבער פון ציפערן צו דער אומשטערבלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה און גאָט... אָבער דאָ וועל איך זיך אָפּשטעלן און געבן די לייע-נער די מעגלעכקייט אַליין צו טראַכטן און צו קומען צו קאָנ-סעקווענצן...

שווער צו זיין א גרינבערג

...זענט איר אַ סטאַליניסט? דער יונגערמאַן האָט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און געוואַרט אויף אַן ענטפער. מיין לייכטער שמייכל האָט אין אים אַרויסגערופן אַ חשד: אַהאַ, כ׳פאַרשטיי שוין — אַ טראָצקיסט. אַ יונגע דאַמע, וואָס האָט זיך מיט מיר געקענט שוין אַ לענגערע צייט, האָט זיך צעלאַכט: ער — אַ טראָצקיסט? ער איז בכלל קיין מאַרקסיסט נישט. איר פאַרשטייט? לויט זיין אידעאָלאָגיע איז ער גאָר — אַ גאַנדיסט. נישט אַזוי? — האָט זי געוואָלט מיין באַשטעטיקונג. איך האָב שווייגנדיק זיך אַרומגעקוקט. אין דער קליינער גרופּע מענטשן, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן אָוונט געהיצט איבער פּאָליטישע, סאָציאַלע און קינסטלערישע פּראָבלעמען, האָבן זיך געפונען סטאַליניסטן, טראָצקיסטן, גאַנדיסטן און אַנדערע „פאַרשוויניסטן”. אַזוי האָבן זיי זיך אַליין אידענטיפיצירט. בלויז מכוח אַ צוויי-דריי איז מען נישט זיכער געווען, וואָס זיי זענען...

די יונגע דאַמע האָט נישט אָפּגעלאָזן: הייסט עס טאַקע אַ גאַנדיסט? טשעקאַווע, זאָגט-זשע מיר, אדרבא, ווי אַזוי רעכנט איר אָנצוווענדן דעם גאַנדיזם אין אייראָפּע, אין אַמעריקע, וווּ ס׳איז נישט קיין פראַגע פון נאַציאָנאַלער, נאָר סאָציאַלער באַפרייאונג? און אַז איך האָב איבערגעשלאָגן דעם שטראָם רייד, וואָס האָט ערשט

אָנגעהויבן צו פּלייצן פון איר, מיט דער לאַקאָנישער באַמערקונג, אַז איך בין נישט קיין גאַנדיסט, האָב איך זי אינגאַנצן צעמישט: אַזוי, קיין גאַנדיסט אויך נישט — וואָס־זשע דען זענט איר?

זי האָט מיך געצוווּנגען צו ענטפערן, כאָטש כ׳האָב לחלוטין קיין חשק נישט געהאַט דערצו. מיין ליבע פריינדין, — האָב איך איר געזאָגט — שוין יאָרן לאַנג, ווי איך מי זיך מיט אַלע כּוחות צו זיין אַן אַלמיסט און ס׳איז מיר נאָך אַלץ נישט געראָטן. איז עס דאָך די שווערסטע זאַך אויף דער וועלט צו זיין „איך", „דו", און דאָ וויל מען דווקא וויסן, צי איך בין אַ סטאַליניסט, אַ טראָצקיסט, אָדער אַ גאַנדיסט — דאָס הייסט: עמעצער אַנדערש.

אָט, — האָב איך ווייטער גערעדט, — איז אייער נאָמען גרינבערג. האָט איר זיך שוין אַמאָל אַ פרעג געטון, צי איר זענט אַ גרינבערגיסט? און ס׳איז, גלויבט מיר, גאָרנישט קיין קלייניקייט פאַר אַ גרינבערג צו זיין אַ גרינבערגיסט, צי פאַר אַ גאָלדשטיין — אַ גאָלדשטייניסט; אָדער פאַר אַ איוואַנאָוון — אַ איוואַניסט; צי פאַר אַ מוירפין — אַ מוירפיסט. אַ סך שווערער איז אַזוינס, מיין ליבע, ווי פאַר יעדן פון זיי איז צו זיין אַ טראָצקיסט, אַ סטאַליניסט, אָדער אַ גאַנדיסט. וואָס איז, למשל, טראָצקיזם, סטאַליניזם? פּאָליטישע שיטות, פּראָגראַמען, וועגן און שטעגן אין דער אָנווענדונג פון מאַרקסיזם.

דאָס איז לייכט, זייער לייכט. איר דאַרפט בלויז גלויבן אין דעם, זיין איבערצייגט. יעדער גרינבערג און יעדער איוואַנאָוו און יעדער מוירפי קאָן דאָס באַווייזן. איטלעכער פון זיי קאָן אויך איבערנאַכט בייטן זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע איבערצייגונגען, ווי דאָס פּאַסירט טאַקע: נעכטן אַ סטאַליניסט, היינט אַ טראָצקיסט און מאָרגן — אַ גאַנדיסט; אָדער אַזוי, נעכטן אַ מאַרקסיסט און היינט — אַ היטלעריסט, צי פאַרקערט.

זעט איר, פאַר טראָצקין איז שוין גאָרנישט אַזוי לייכט צו זיין אַ טראָצקיסט און פאַר סטאַלינען — אַ סטאַליניסט. דאָס הייסט, אויב דער נאָמען פון אַ מענטשן מיינט עפּעס, אויב דער

נאָמען איז נישט סתם אַ פסעוודאָנים, אַ שטעמפּל און נישט מער; אויב מיטן נאָמען ווערט געמיינט די אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט און גרינבערג איז גרינבערג און מוירפּי איז מוירפּי—דאַן איז עס אַן אומגעהויער שווערע עובדה צו זיין — איך אַליין, געווי צו וויסן, וואָס איך אַליין בין אַזוינס.

לאָמיר ווידער אָנכאַפּן טראָצקין. זיין נאָמען איז פאַר־בונדן מיט אַ סאָציאַל־פּאָליטישער שיטה. אָבער איז דאָס דער גאַנצער טראָצקיזם? דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן טראָצקיזם, איז דאָך סוף־כל־סוף די שוים אויפן שטורמישן ים פון דער פּערזענלעכקייט טראָצקי. אין דעם ים זענען פאַראַן פאַרשידע־נע עלעמענטן, כוחות, געוויקסן, מינעראַלן, תהומות און אַ—גרונט. נו, אָן מליצה: טראָצקי האָט אין זיין לעבן זיכער געליבט, גע־האַסט, געטרויערט, זיך געפרייט, געגלויבט, געצווייפלט, געוואָלט איין זאַך און נישט געוואָלט די אַנדערע זאַך, אָפט אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, נאָר געטריבן פון דראַנגען, סטיכיעס, אינ־סטינקטן, דורות־אַלטע, אַטאַוויסטישע — איז ווער קאָן פאַרנונ־פטיק זאָגן, אַז אָט די סאָציאַל־פּאָליטישע ריכטונג, וואָס גייט אונטערן נאָמען טראָצקיזם, איז — טראָצקי, טראָצקיזם?

ווען טראָצקי בלייבט מיט זיך אַליין, אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט און דערשפּירט די מיסטעריע פון דער וועלט, פאַרטיפט זיך אין די אייביקע מחשבות פון לעבן און טויט, פון מענטש־לעכן גורל אויף דער ערד, פון אונזער ענדלעכער הילפלאָזי־קייט אונטער אַלע טריומפן — דאַן שטעלן מיר זיך פאָר, איז ער אַ גאַנץ אַנדער טראָצקיסט, ווי דער, וואָס מיר אַלע קענען. נישט אין זיינע רעדעס, פּאַמפלעטן און ביכער איז טראָצקי — טראָצקי, נאָר אין דעם, וואָס ער האָט נ י ש ט געזאָגט, אין דעם, וואָס קאָן דורך ווערטער נישט אויסגעדריקט ווערן. בקצור, אין דעם טראָצקי, וואָס טראָצקי אַליין האָט נאָכנישט אַנטפּלעקט און נישט אַנטדעקט, איז דער אמתער טראָצקיזם.

געוויס איז טראָצקי דאָ בלויז אַ משל. מ׳קאָן דאָ אַוועק־שטעלן סטאַלינען, גאַנדין, יעדן גאָלדשטיין און מוירפּי און

איוואַנאָוו און גרינבערג. יאָ, פריילין גרינבערג. צו זיין אַ גרינבערגיסט מיינט פאַר גרינבערגן — זיך אַראָפּלאָזן אין זיך, אָדער, ווי אונזער פראָפ. שניאורסאָן וואָלט געזאָגט: מאַכן אַן עקספּעדיציע אין דער אייגענער נשמה; וואַנדערן אין די לאַבירינטן פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט, זיך פּלאָנטערן אין דעם מוראדיקן געוועב פון אַלערליי קאָמפּלעקסן, פון אינסטינקטן, סטיכיעס, ליידנשאַפטן, וואָס ציען זיך דורך די נערוון אין בלוט-געפעסן פון הונדערטער דורות, ביז דעם וויטן אור-מענטש, ביז דעם אדם הקדמון.

די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט האָט זיך ברייט פאַרצווייגט און — אָפּגעצווייגט. טעאָריעס, טעזעס, היפּאָטעזעס און אַלע מעגלעכע — און אוממעגלעכע — שלוסן. אָבער אַלע האָבן זיי איין ציל: אויפפּלאָנטערן דעם מענטש, געפינען דעם אַריאַדנעס-פאָדעם — דאָס פאָדעם-קנייל, וואָס די קרעטישע פּרינצעסין האָט — אין דער גריכישער לעגענדע — געגעבן טעזען, כדי ער זאָל קאָנען געפינען דעם וועג פון לאַבירינט אַרויס; אָבער אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט איז עס נישט אַזוי פּשוט — יעדער כאַפּט-אָן אַן אַנדער פאָדעם און ס'דאַכט זיך אים, אַז אָט-אָט איז דער שורש, דער נשמה-גרונט; און דער פּלאָנטער בלייבט. דער מענטש איז נאָך אַלץ פאַרשאָטן אין זיך אַליין, נאָך אַלץ נישט אויפגעגראָבן.

מוראדיקער ווי אַלע מלחמות, איז די מלחמה פון מענטש מיט זיך אַליין, דער געראַנגל צווישן די פאַרשידנאַרטיקע כוחות. אַזוי אין די טיפענישן פון דער ערד — עלעמענטן-קאַמף, די לאַווע קאָכט, גאַזן רייסן זיך, מעטאַלן ווערן צעשמאָלצן און איבערגעשמאָלצן. פון צייט-צו-צייט ברעכט עס אויס אין אַ קאַטאַסטראָפע: וווּלקאַנישער אויפטרייסל, ערד-ציטערניש; אַזוי אויך אין די ווייטע רוימען און אַזוי אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — מחמת אומעטום רוי, נאָכנישט פאַרטיק. נאָכנישט סינטעטיזירט, פאַרהאַרטעוועט. מיר האַלטן נאָך אינמיטן די מעשי-בראשית.

פּרצעס „משוגענער בטלן" איז, אייגנטלעך, נישט משוגע

און נישט קיין בטלן, ווארום אָט אַזאַ משוגענער און אַזאַ בטלן איז יעדער פון אונז — ווען מיר בלייבן אַליין מיט זיך, ווען מיר טראַכטן: ווער בין איך? בין איך — איך? און צו וואָס און פאַרוואָס בין איך? אַ סך שטימען שרייען אין אונז. אַ סך ווילנס רייסן זיך אין אונז, אין היפּוכדיקע ריכטונגען. דורך אונזערע אָפענע אויגן קוקן פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן אויף דער וועלט. דער איינציקער ווילן, וואָס דעמאָנסטרירט זיך דורך גרינבערגן, איז דער ווילן פון איין כּוח, וואָס האָט בלויז אויסערלעך באַוועלטיקט אַלע אַנדערע ווילנס אין זיין, אָדער איר, פּערזענלעכקייט. בלויז ביי איינציקע קומען צוויי, אָדער מער ווילנס צום גלייכן אויסדרוק און די געלערנטע פּסיכאָלאָגן קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן מיט דידאָזיקע טאָפּל-פּערזענלעכקייטן, מיט די דר. דזשעקעלס און מר. היידס אין איין מענטש. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז אַלע אַנדערע זענען איין-געשטאַלטיק, און איין-וויליק.

זיין אַגרינבערגיסט מיינט דעריבער: דע את עצמך, דער-קען זיך אַליין, הער אָדער מאַדאַם גרינבערג. און דערקענען זיך אַליין קאָנסטו נאָר, ווען דו האָסט זיך געפונען, ווען דעם מענטש מיטן נאָמען גרינבערג איז געראָטן אויפצוגראָבן און אַרויסצופּלאָנטערן פון אַלע לאַבירינטן און קאָמפּלעקס-געוועבן די פּערזענלעכקייט גרינבערג, אַרויסשטעלן, הייסט עס, גרינבערגן מיט זיין עצם-גרינבערגיזם, מיט דעם מהות גרינבערג—אָט דאָס איז דער גרינבערג-תּוך, דאָס איז גרינבערג מיט די ביינער; דאָס איז דער גרינבערג, וואָס איז דורכויס גרינבערג, מיט איין גרינבערג-ווילן, מיט איין גרינבערג-געדאַנק, מיט איין גרינבערג-ציל. דאַן ערשט, וועט גרינבערג קאָנען זאָגן מיטן פולן מויל, אַז ער איז אַ גרינבערגיסט.

די פראַגע איז נאָר, צי קאָן גרינבערג באַווייזן אַזאַ קונץ — אויפגראָבן און אַרויספּלאָנטערן גרינבערגן. און דער ענטפער איז — ניין. דערווייל קאָן ער דאָס נישט. ער וועט עס אפשר קאָנען אין אַ צייט שפּעטער — לעת-עתּה גראָבט ער זיך, פּלאָנטערט זיך, באַמיט זיך אויפצוקלערן זיך אַליין, אויס-

צולעזן. די פסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט העלפט אים אין דעם מיט אַלע אירע מיטלען און מעטאָדן. ס'איז ערשט אַן אָנהייב, אַן עקספּערימענט.

שווער צו זיין אַ גרינבערג! ווער ווייסט וויפיל דורות ס'וועט נאָך אַזוי שווער זיין. ווער ווייסט וויפיל וואַסערן ס'וועלן אַריבערלויפן, איידער גרינבערג וועט קאָנען זיין אַ גרינבערגיסט.

וואָרום נישט נאָר דעם מענטשנס פסיכיק — זיין נשמה-לעבן — איז פאַרפלאָנטערט אין אַלערליי קאָמפּלעקסן, ווו ס'דרינגען און דינגען זיך כלערליי כוחות און סטיכיעס, דראַנגען און פאַרלאַנגען, ראַנגלען זיך צווישן זיך, ווי יעקב מיטן מלאך, נאָר אפילו דער גוף זיינער, דאָס „זינדיקע" לייב איז אַ'ן אייביקן קאָנפליקט מיט זיך אַליין, — אָט, ווי דאָס ווערט פאָרמולירט אין דעם וווּנדערלעכן ווערק פון דעם פילאָ-זאָף און מאַטעמאַטיקער פ. ד. אוספּענסקי: „אַ נייער מאָדעל פון דעם אוניווערס."

„יעדער טייל פון דעם קערפּער, — שרייבט אוספּענסקי, — וואָס האָט אַ באַשטימטע פונקציע, יעדע אָרגאַן, יעדעס הייטל, יעדער צעל, האָט זיין באַזונדער לעבן און זיין אייגן באַזונדער באַוווּסטזיין. דידאָזיקע באַוווּסטזיינס אונטערשיידן זיך זייער שטאַרק אין זייער אייגנשאַפט און אין זייער פונקציעס פון דעם אינטעלעקטועל-עמאָציאָנעלן באַוווּסטזיין, וואָס איז אונז באַקאַנט און וואָס געהערט צום גאַנצן אָרגאַניזם. אָבער אָט דאָס לעצטע באַוווּסטזיין איז בשום אופן נישט דאָס איינציקע. עס איז אפילו נישט דאָס שטאַרקסטע און קלאָרסטע".

אָט אַזוי איז עס: געראַנגל צווישן גוף און גייסט און אין גייסט מיט זיך אַליין, ווי אין גוף מיט זיך. פון דרויסן אַ גאַנצער מענטש — אָט ווי אַ מענטש דאַרף זיין, אַ גרינבערג, אָדער אַן איוואַנאָוו, אָדער אַ מורפי! — אָבער פול מיט גע-ראַנגל, מיט קאָנפליקט, מיט קאָנטראַסטן. וואָלט גרינבערג אפשר צעשאָסן געוואָרן אויף שטיקלעך פון אַזאַ אייביקער מלחמה אין אים, אָבער דער נס איז, וואָס אונטער די אַלע קאָנפליקטן און

היפּוּכים איז דאָ אַן איינהייט, אַ פּאָטענציעלער צוזאַמענהאַנגס־כּוח, אָדער ווי אוספּענסקי — דער געטרייער תּלמיד פון וויליאַם דזשיימסאָן — דריקט זיך אויס: „זייער קאָמפּליצירטע מאַטעמאַטישע שייכותן" — זיי האַלטן צונויף דעם אוניווערס. זיי האַלטן צונויף דעם מענטש.

„דאָס מיינט, — דערקלערט ער, — אַ וועלט, ווו אַלצדינג איז פאַרבונדן, ווו גאָרנישט עקזיסטירט באַזונדער און ווו צו דערזעלבער צייט האָבן די שייכותן צווישן די זאַכן אַ ווירקלעכע עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון די זאַכן גופא; אָדער מעגלעך: „זאַכן" עקזיסטירן אפילו נישט און בלויז „שייכותן" עקזיסטירן".

אין צוויי צירקלען דרייט זיך דאָס מענטשלעכע לעבן — לערנט אונז אוספּענסקי אין זיין דערמאָנט ווערק, ווי אויך אין זיין „טערטיום אָרגאַנום" — דער דרויסנדיקער צירקל און דער אינערלעכער צירקל:

„די גאַנצע מענטשהייט, וואָס מיר ווייסן זי און וואָס צו איר געהערן מיר, פאָרמירט דעם דרויסנדיקן קרייז. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס איז אונז באַקאַנט, איז די געשיכטע פון דעם דרויסנדיקן קרייז, אָבער אין אָט דעם קרייז איז דאָ נאָך אַ קרייז, וואָס דער מענטש פון דרויסנדיקן קרייז ווייסט פון אים גאָרנישט, און וואָס זיין עקזיסטענץ שפּירן מיר צייטנווייס קוים־קוים, כאָטש דאָס לעבן פון דעם דרויסנדיקן קרייז, אין זיינע העכסט־וויכטיקע מאַניפעסטירונגען, און באַזונדערס אין זיין עוואָלוציע, ווערט פאַקטיש אָנגעפירט פון דעם אינערן קרייז".

צו ברענגען אָט דעם „אינערן קרייז" צום באַוווסטזיין פון דעם מענטשן, וואָס לעבט אין דעם אויסערן קרייז, אין אַנדערע ווערטער: אַריינצופירן דעם דריי־דימענזיעלן מענטש אין דער וועלט פון דער פערטער דימענזיע — דאָס מיט זיך אוספּענסקי, וואָס זיין לערע קלינגט ווי קבלה און איז אין אמתן מאַטעמאַטיק, וועלכע פאַלט אַריין — מוז אַריינפאַלן — אין מעטאַפיזיק. אויפצופלאָנטערן דעם פלאָנטער פון דער מענטשלע־

כער פערזענלעכקייט — דאָס ווילן אַלע פּסיכאָלאָגן. די פרוידס, די אַדלערס, די וואַטסאָנס.

אָבער אַלע האַלטן איצט ביים אלף. אַלע שיטות בנוגע דעם מענטש, ווי בנוגע דעם אוניווערס זענען אין לעצטן סך־הכל שפּעקולאַטיוו. אפשר וועלן אייניקע פון זייערע געדאַנקען זיך צום סוף אַרויסווייזן פאַר ריכטיקע, און אפשר וועלן זיי אַלע מיט דער צייט פאַרוואָרפן ווערן. איינס איז זיכער: דער מענטש איז אומגעהויער קאָמפּליצירט. אַזוי איז דער אוניווערס. אַזוי איז דאָס מינדסטע מילבל.

דערפאַר איז גרינבערגן דערווייל אוממעגלעך צו זיין אַ גרינבערגיסט.

אַ וועלט אָן מענטשן...

דזשוליען האַקסלי, אַן אייניקל פון דעם גרויסן טאָמאַס האַקסלי, און אַליין אַ וויכטיקער וויסנשאַפטסמאַן, איז אַרויס מיט וואָרנונג, אַז אויב געבורט־באַשרענקונג וועט ווייטער גיין מיטן זעלבן טעמפּאָ, וועט ממש ווערן אויס וועלט. אמת, האַקסלי געהערט נישט צו דער קאָנסערוואַטיווער און פּאַטריאָטישער באַליאַסטרע, וואָס ציטערט פאַר געבורט־באַשרענקונג, ווי דער שטן פאַר תיירויך, וואָס וויל וואָס מער מענטשן פאַרן פאָטער־לאַנד, כדי צו פאַרשטאַרקן די נאַציע, דעם שטאַט און זיין קאַ־נאָנען־פלייש אין מלחמות, ווען נאָר מ׳טוט אַ רוף; אַדרבא, ער אַליין האָט נישט איינמאָל פאַרטיידיקט די באַוועגונג צו באַ־שרענקען די צאָל געבורטן; אָבער איצט האָט ער זיך דער־שראָקן, מחמת די באַוועגונג, דאַכט זיך אים, איז שוין צו ווייט אַוועק. מ׳קינדלט אַלץ ווייניקער און ווייניקער, טאָ וואָס וועט זיין דער תכלית? די וועלט וועט דאָך פּשוט קומען צו אַן ענד.

מילא, מיט די, וואָס רעדן אין נאָמען פון פאָטערלאַנד, נאַציע, שטאַט — מיט זיי איז נישטאָ וואָס צו דיסקוטירן. זייער שטאַנדפּונקט קאָן מען פאַרשטיין. נאָר ווען איינער רעדט סתם פון אַ געפאַר, אַז די מענטשהייט ווערט פאַרקלענערט און אָפּ־געשוואַכט ווערן, אָדער טאַקע איינגאַנצן אונטערגיין, קלינגט עס

אין מיינע אויערן יעדנפאַלס — גאַנץ קאָמיש. וואָס-זשע איז? און אַז אונטערגיין — איז וואָס? איז עס באמת אַזאַ ווונ־דערבאַרע וועלט, וואָס מיר דאַרפן זיך אַזוי זאָרגן פאַר איר קיום? דער קלוגער עמערסאָן האָט די פראַגע גאַנץ לייכט גע־פטרט. אין זיין צייט האָט זיך איינמאָל פאַרשפרייט אַ נבואה, אַז די וועלט וועט אונטערגיין אין אַ באַשטימטן טאָג. די ניי־ענגלענדער זעגען אפילו שוין אַרומגעגאַנגען אין ווייסע תכריכים, גרייט פאַר דעם „לעצטן טאָג". בלויז עמערסאָן האָט זיך גע־מיטלעך שפּאַצירט איבער די באָסטאָנער גאַסן, גלייך ווי נישט אים מיינט מען... און ווען אַ פריינד שטעלט אים אָפּ אין גאַס און וווּנדערט זיך אויף זיין רויִקייט: ס'טייטש? היתכן? די וועלט גייט דאָך אונטער! האָט עמערסאָן גלייכגילטיק גע־ענטפערט:

— איז וואָס-זשע דאַרף איך זיך זאָרגן? ס'איז עפּעס מיין וועלט?

וואָס עס איז שייך געבוירט-באַשרענקונג וועט עס, חלילה, נישט אומברענגען די וועלט. די וועלט וועט זיך ווייטער זיין וועלט, נאָר קיין מענטשן וועלן נישט זיין. נאַטירלעך, אויב מיר זאָלן אָננעמען דעם „סוביעקטיוון שטאַנדפּונקט" פון דער פילאָזאָפיע, וואָס לערנט אונז, אַז קיין אָביעקטיווע עקזיסטענץ איז נישטאָ, אַז מחוץ אונזער באַוווּסטזיין איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, דאַן, הייסט עס, וועט קיין וועלט נישט זיין. די וועלט, נאָך קלאָרער צו מאַכן דעם רעיון, איז דאָ אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס איז דאָ אַ מענטשלעכער באַוווּסטזיין, וואָס ווייסט, אַז זי איז דאָ; אויב אָבער קיין מענטשן וועלן נישט זיין, וועט קיין וועלט אויך נישט זיין און — באַסטאַ! צום גליק איז אויך דאָ אַן „אָביעקטיווער שטאַנדפּונקט", וואָס איז, פאַר־שטייט זיך, פּונקט דער היפוך פון „סוביעקטיוון שטאַנדפּונקט"; חוצדעם — ווער צווינגט אונז בכלל צו דענקען פילאָזאָפיש? דערווייל איז נאָך אַזאַ געזעץ נישטאָ.

קאָנען מיר דעריבער זיך פאָרשטעלן, אַז עס וועט זיין אַ וועלט אָן מענטשן. עס וועלן אַרומלויפן און אַרומקריכן

בלויז פּירפּיסיקע חיות און אַלערליי שרצים. פייגל וועלן פליען אין לופטן און נישט האָבן וועד עס זאָל זיי שיסן. די פיש וועלן אַרומשווימען אין די וואַסערן און נישט מורא האָבן, אַז מען וועט זיי אַרויסשלעפּן אויף שבת. די מאָסקיטן וועלן נישט האָבן ווען צו בייסן און דערקוטשען. דאָס וועט זיין אַן אמתע נקמה אָן די וואַנצן, ווי דאָס ווערטל גייט. צום באַ־דויערן וועט נאָר נישט זיין ווער עס זאָל די נקמה האָבן. דערמיט וועלן מיר אָבער געבן דעם רבונו־של־עולם, אָדער דער נאַטור, אָדער דעם אַלהעכסטן פאַרשטאַנד — ס'וועגדט זיך, ווי איינער נעמט עס— אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אויב דער מענטש איז טאַקע אַ נויטיק באַשעפעניש און מ'קאָן אָן אים נישט אויס־קומען, אָדער ער איז בלויז אַן אומגליקלעכער צופאַל און מען דאַרף אים אויף כפרות. וואָרום ווי באַלד דער באַשאַף קאָן נישט אויסקומען אָן דער מענטשלעכער חיה, וועט ער זיכער באַשאַפן אַן אַנדער מענטש, אפשר אַ בעסערן.

פאַרוואָס זאָל דער גוטער האַקסלי זיך אַזוי שרעקן? מאָדנע. ס'איז דאָך נישט קיין פראַגע צי מ י ר זאָלן בלייבן, אָדער אונטערגיין. מיר וועלן דאָך אַוועק, ווי אַלע פריערדיקע דורות, טאָ צו וועלכע גוטע יאָר דאַרפן מיר זיך זאָרגן, אַז דאַן, ווען מיר וועלן נישט זיין, זאָלן דווקא אַרומגיין אויפן ערד־קוגל מענטשלעכע באַשעפענישן און זיך יאָדען איינע די אַנדערע. אידעאַליסטן קאָנען זיך אפשר מצער זיין, וואָס זיי־ערע שיינע אידעאַלן, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט פאַר די מענטשן פון דער צוקונפט, וועלן גיין אין ניוועץ. נאָר די אַלע אידעי־אַלן, סאָציאַליזם, צי אַנאַרכיזם, צי טעכנאָקראַטיע, צי ווי זיי זאָלן נישט הייסן, זענען דאָך פון מענטשן פאַר מענטשן; אָבער אַז קיין מענטש וועט נישט זיין, וועלן זיי פאַרשפּאָרן צו זיין גליקלעך...

איך בין אפילו מוחל מיין יידישיזם פאַר די צוקונפטיקע יידן, אויב קיין צוקונפטיקע יידן וועלן נישט זיין. זאָרגן זיך, וואָס די קאָמוניסטישע, פועלי־ציוניסטישע, אגודיסטישע און אַנ־דערע איסטישע פּראָגראַמען, וועלן נישט האָבן וועד עס זאָל

זיך ממיתן פאַר זיי, איז אויך נישטאָ וואָס. מיר דאַכט זיך, אַז מען דאַרף אפילו נישט קלאָגן אויפן וויסטן גורל פון די אַלערליי באַצילן און מיקראָבן, וואָס וועלן אין אַ מענטשלאָזער וועלט פשוט בלייבן אַרבעטלאָז און נישט האָבן וועמען אָנצוּ־שטעקן מיט דיפטעריע, שווינדזוכט, כאָלערע, ראַק, דיאַבּיטיס, ניומאָניע; אַפילו מיט אַ ביסל בויכווייטיק, אָדער אַ צאָן־געשוויר, צי אַ הינער־אויג וועט נישט זיין וועמען מזכה צו זיין. נו, אויפן מלאך־המות דאַרפן מיר דאָך אוודאי און אוודאי נישט קלאָגן, וואָס ער וועט נישט האָבן אַ שטאָך־אַרבעט. ס'וועט נישט זיין ווער עס זאָל איבערגעפאָרן ווערן, אָדער אַראָפּפאַלן פון אַ דאַך, צי פאַרברענט, אָדער דערטרונקען ווערן, צי אין בעסטן פאַל — האָבן די ערע צו שטאַרבן פון עלטער־שוואַכקייט.

ניין, האָקסלי און די אַנדערע, וואָס דענקען אַזוי ווי ער, זענען זיך אומזיסט מצער. אויב דאָס קערנדל פון געבורט־באַשרענקונג, וואָס דער גלח מאַלטוס האָט פאַרזייט, איז צו גרויס און צו שטאַרק אויסגעוואַקסן און דראָט מיט דעם פאַר־שווינדן פון דער מענטשהייט, איז זיך אסור נישטאָ וואָס צו שרעקן. עס איז בלויז יענער אומגעהויערער און מוראדיקער לעבנס־ווילן, מכּוח וועלכן שאָפּענהויער האָט גערעדט מיט אַזאַ פאַרביטערונג, ממש מיט צאָרן, וואָס שרייט אַרויס פון די האָק־סליס. איך פאַרשטיי, ווי געזאָגט, אַ פּאַטריאָט, וואָס וויל וואָס־מער מענטשן פאַר זיין נאַציע; איך פאַרשטיי דעם גאָטספאָרכ־טיקן מענטש, וואָס וויל אַ יורש, אַ קדיש; איך פאַרשטיי אָבער נישט אַזאַ וויסנשאַפטסמאַן ווי האָקסלי, ווען ער קומט אַרויס מיט אַ וואָרנונג מכּוח דעם פאַרשווינדן פון דער מענטשהייט. מען דאַרף גאָרנישט זיין אַ פּעסימיסט ווי שאָפּענהויער, כּדי צו בלייבן גלייכגילטיק צו דער „געפאַר" פון אַ וועלט אָן מענטשן. עס איז, דאַכט זיך, ריינער „קאָמאָן סענס".

סוף־כּל־סוף איז דער גאַנצער ענין פון "באַשטעלן" מענטשן, כּדי אַזוי־און־אַזוי, פריקרע. איז דאָך אַ מענטש פונ־דעסטוועגן נישט קיין פאָרדל און ווי לאַנג דער מין מענטש איז נאָך בנמצא, דאַרף ער זיך פילן העכסט באַליידיקט, ווען

מען רעדט מכוח אים ווי וועגן אַ מאַנופאַקטור-אַרטיקל. די מאַרמאָנען האָבן געוואָלט וואָס שנעלער שטאַרק ווערן און זייערע „נביאים" דזשאָזעף סמיט און בריגהעם יאָנג האָבן געגעבן אַן אוקאַז, אין נאָמען פון דעם געוויסן מלאך מאָראָני, אַז יעדער פרומער מאָרמאָן זאָל זיך איינשפּאַנען וואָס מער ווייבער און אָנפּליאָדן וואָס מער מאָרמאָנען אויף דער וועלט. אין פראַנקרייך גיט מען אַ פּרעמיע יעדער מוטער, וואָס שטעלט צו אַ סך קינדער דעם שטאַט; די דייטשע פּאַטריאָטן מונטערן כסדר דאָס ווייבערטום, אַז עס זאָל קינדלען און קינדלען, כדי די דייטשישע נאַציע זאָל האָבן גענוג מענטשן-פלייש אויף פאַרמעסטן זיך קעגן אירע שונאים. אויך ביי אונז איז פּריה ורביה אַ גרויסע מצווה. און אין סך-הכל איז עס עפּעס אַזאַ באַליידיקונג פאַר דעם מין מענטש — אָט דאָס רעדן און טומלען מכוח דעם, ווי וועגן אַן אינדוסטריע — אַ קינדל-אינדוסטריע. עס פעלט נאָך, אַז מען זאָל דאָ געברויכן דאָס פּאָפּולער געוואָרענע וואָרט, וואָס די סאָוויעטישע רוסן האָבן אַזוי ליב געקריגן — פּראָדוקציע; אַ פּראָדוקציע אין קינדלען, אויב מיר ווילן נישט, אַז די מענטשהייט זאָל אונטערגיין.

אפילו אונזערע ראַדיקאַלן און וועלט-איבערקערער קאָנען נישט פאַרשטיין איינעם, וואָס באַשליסט נאָך זיך נישט צו האָבן קיין יורש, מחמת ער וויל נישט מזכה זיין נאָך אַ מענטשן מיט די אַלע אָנשיקענישן און פורענויותן פון לעבן און צום סוף, נאָך אַלע מאַטערנישן, מיטן טויט. ס'טייטש די צוקונפט? ווידער אין אָבער די צוקונפט. אַ צוקונפט — פאַר וועמען? און צוליב וואָס? געוויס קלינגען אַזעלכע ווערטער שטאַרק אַפּיקורסיש פאַר איינעם, ווי איך, וואָס גלויבט אין אַ געטלעכער קראַפט, וועלכע רעגירט די וועלט. אָבער מוז מען דען דערביי אויך גלויבן, אַז מיר מוזן אומבאַדינגט זיך אונטערוואַרפן דערדאָזיקער קראַפט? איך קאָן זיך, אדרבא, אויסמאָלן, אַז מיר זאָלן זיך אַנטקעגנשטעלן, אַרויסגיין אַזוי צו זאָגן אין סטרייק... דו ווילסט מענטשן, דו ווילסט מיר זאָלן זיך פאַרזעצן? גוט. אָבער שאַף אָפּ די אַלע צרות פון דער וועלט.

הרגע אויס אַלע שעדלעכע באַצילן און מאָסקיטן; שיק נישט אָן אויף אונז קיין מאָזלען און קיין דיזענטעריע און קיין „אינ־פאַנטייל פּאראליזיס”: שיק דעם מלאך־המות צו אַלדי־שוואַרצע יאָר — און דאַן... דאַן וועלן מיר זיך, ווי גוטע, געהאָרכזאַמע קינדער, אונטערוואַרפן דיין לעבנס־ווילן. ווילסטו מספּים זיין אויף אונזערע באַדינגונגען, איז אָלרייט. טאָמער נישט — וועסטו נישט האָבן קיין מענטשן, וואָס זאָלן דיך באַוואונדערן און דיר זינגען אַזעלכע פיינע לידער.

אפשר וואָלטן מיר טאַקע אויסגעפירט אויך. יעדנפאַלס מעגן מיר דאָך פּראָבירן. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „אין איינ־קייט איז מאַכט”. און ווי זאָגן די געוויסע פּראָקלאַמאַציעס: „ווייטער אַזוי אָנגיין קאָנען מיר נישט”. נאַטירלעך איז מעג־לעך, אַז ווען די מענטשהייט וועט זיך אָרגאַניזירן און דער־קלערן אַ סטרייק קעגן דעם רבונו־של־עולם, וועלן זיך געפינען סטרייק־ברעכערס און סטרייק־ברעכערינס, אָבער אַן אָרגאַניזירטע באַוווסטזיניקע מענטשהייט, וועט זיך מיט די סטרייק־ברעכערס קאָנען לייכט ספּראַווען. אויב דער סטרייק קעגן דעם רבונו־של־עולמס לעבנס־ווילן וועט אָבער געפירט ווערן אומאָרגאַניזירט און איין סטרייקער וועט נישט וויסן פון אַנדערן, וועט דערפון סיי־ווי גאָרנישט ווערן אין האָקסלי' האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן. עס וועלן נאָך אַלץ בלייבן גענוג מענטשן אויף קריגן קדחת און שלינגען פּילן.

סינטעז

דזשיאָוואַני פּאַפּיני האָט אין זיין ניי ווערק „גאָג", וואָס איז אַ סאַטירע אויף די אַמעריקאַנער געלט־מאַגנאַטן — און דורך זיי אויף דער גאַנצער מאָדערנער געזעלשאַפט — איינציקע שניידנדיקע באַמערקונגען וועגן די פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון דער וועלט, צווישן זיי איינשטיין. איינשטיין, זאָגט ער, האָט דאָס גאַנצע מענטשלעכע דענקען רעדוצירט צו אַ קורצע פראַזע: „עפּעס באַוועגט זיך". דער שפּאַס איז אפשר נישט אין הסכם מיט איינשטיינס ווירקלעכן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, אָבער דער אמת ליגט דאָ אין דער רעדוצירונג, אין דעם סינטעז פון כּוחות און דערשיינונגען. פילאָזאָפיש־אַבסטראַקט איז דאָס אַן אַלטער וועג, וואָס ציט זיך איבער די פאַרצייטישע אינדיע, גריכנלאַנד און כנען, אָבער היינט איז עס שוין נישט מער קיין אַבסטראַקציע, נאָר פאַקטיש און פּראַקטיש, וויסנשאַפטלעך אויסגעפאָרשט אין לאַבאָראַטאָריעס. און אין קיין שום פריערדיקער עפּאָכע איז דער דראַנג צו סינטעז, צו פאַראייניקונג נישט געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי ליידנשאַפטלעך, ווי אין דער איצטיקער.

ס'איז, אייגנטלעך, גאָר קיין חידוש נישט, וואָס דווקא אין דער עפּאָכע פון דיפערענצירונגען און ספּעציאַליזירונג אויף אַלע סאָציאַלע, פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע געביטן, זאָל

מען מער ווי ווען־ס'איז פריער זוכן פאַראייניהייטלעכונג. דער מענטש האָט זיך פשוט דערשראָקן פאַר דער אויסגעשפּרייטקייט, פאַר דער צעשוווּמענקייט און צעריסנקייט, אין וועלכע ער ווערט פאַרלוירן, פאַרטומלט. גמליאל ברעדפאָרד האָט מיט אַ צייט צוריק אָנגעוויזן אין דער ניו־יאָרקער „טיימס" — ממש מיט שרעק – אַז מיר דערנענטערן זיך צום גרעסטן עם־הארצות צוליב דעם צופיל וויסן... ס'איז לייכטער געווען אין אַלטן גריכנלאַנד, ווען די וועלט איז נאָך געווען אַזוי קליין און די אַנטדעקונגען און אַנטפּלעקונגען אַזוי ווייניק און נישטיק, צו ווערן אַ פילאָזאָף, ווי אין אונזער צייט כאָטש אַ שטיקל למדן. ס'איז דאָ אַזויפיל צו לערנען און דער שפּאַן פון מענטשלעכן לעבן איז אַזוי קורץ. יעדן טאָג דערשיינען הונדערטער ביכער וועגן די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען, שוין נישט צו רעדן פון דער „שיינער קונסט", דער באַרג פון דער ליטעראַטור וואַקסט – און ווען זאָל מען דאָס אַלץ לייענען? וואָס זאָל מען לייענען? וועלכעס איז ווערט געלייענט צו ווערן און וועלכעס נישט?

ברעדפאָר האָט, באין־ברירה, זיך געמוזט דערשלאָגן צום סינטעז, אַ מאָדנעם סינטעז פאַר דער מאָדערנער דערציונג און אויסבילדונג — דורך ביאָגראַפיע. זאָל מען דער יוגנט אינטעפירן צו לייענען די ביאָגראַפיעס פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געטראַכט, געזוכט, געפאָרשט און דערגרייכט. דורך זיי, דורך די באַשריבענע לעבנס, וועלן מיר במילא באַקומען אַ באַגריף וועגן די כלערליי פּראָבלעמען, שוין פאַרדייעטע אפילו. קיין אַנדער עצה, זאָגט ער, איז נישטאָ. און דאָס דערמאָנט מיך אָן דער טענה, וואָס די פליישעסער שטעלן אַרויס די וועגעטאַריאַנער: איר זאָגט, אַז דער מענטש קאָן לעבן אויף גרינס און אַז דאָס נאַרהאַפטיקע, וואָס מיר קריגן פון פלייש איז דאָך אויך פון גראָז, וואָס די בהמות פאַרצערן אין זיך, טאָ איז דאָך בעסער און שענער צו גיין דירעקט צו דער נאַטור. אויסגעצייכנט! אָבער כדי אַריינצוקריגן דירעקט פון דער נאַטור די אַלע וויטאַמינען, פּראָטעינען

און די אַנדערע „אינען", וואָס זענען נייטיק פאַרן אויפהאַלט פון מענטשלעכן לעבן, וואָלטן מיר דאָך יעדן טאָג געדאַרפט אויפעסן אַ גאַנץ פעלד... אַזוי קריגן מיר די גאַנצע נאַרונג דורך דער בהמה — דאָס שטיקל בהמה-פלייש איז, אַלזאָ, וועדליק דעם אַרגומענט פון פלייש-עסער, דער סינטעז פון אַלע נאַרונגס-שטאָפן...

אַט שמועסט מען דאָך וועגן סינטעטיש ברויט. אין די וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס אַרבעט מען געשמאַק אויף דעם, צו דערפינדן אַזאַ פּיל, וואָס אַז מיר וועלן זי אַראָפּשלינגען, וועלן מיר זיין זאַט צום בענטשן. דער ווינער יידישע פילאָזאָף פּאָפּיאַרלינקעוס האָט נאָך מיט אַרום פופציק יאָר צוריק אויס-געאַרבעט, אין זיין בוך „נעהר-און וועהר-פליכט", אַ טעאָריע, ווי אַזוי די מלוכה זאָל באַזאָרגן אַלע בירגער מיט ברויט. אָבער וואָס הייסט — מיט ברויט? קאָן אַ מענטש זיך באמת אָנזעטיקן בלויז מיט ברויט? אויב יאָ, שטעלט זיך פאַר וויפיל ברויט אַ קבצן וועט מוזן אין זיך אַריינעסן יעדן טאָג, אויב קיין אַנדערע מאכלים וועט ער נישט האָבן. ד"ר טעאָדאָר הערצל האָט די ברויט-פראַגע בעסער אויפגעפאַסט — אויף אַ בעלעטריסטישן אופן. ער שטעלט-פאָר איינעם, אין וויטן עבר, וואָס האָט דערפונדן סינטעטיש ברויט און איז מיט זיין פּלאַן געקומען צום קלוגן קעניג סאָלאָן. דער קעניג הערט אים אויפמערקזאַם אויס און — דערשרעקט זיך. אויב יעדער קאָן קריגן ברויט, ממש פון דער לופט, דאַן איז דאָך אַ סוף צו איניציאַטיוו, אַמביציע, קאַמף און — הערשט, בקצור, צו אַלצ-דינג! אָבער ווי קאָן מען אַ מענטשן פאַרטרייבן, צי גאָר באַזייטיקן פאַר אַזאַ „חטא" ווי שאַפן ברויט פאַר אַלעמען? נעמט ער דעם דערפינדער אויף פריינטלעך, מאַכט פאַר אים אַ סעודה און לאָזט אַריינטון גיפט אין זיין כוס... די הער-שער ווילן נישט, אַז אַלע זאָלן האָבן ברויט. ס'לוינט זיך זיי נישט!

געררעכט איז טאַקע געווען דער אַלטער חכם, וואָס האָט געזאָגט, אַז לא על הלחם לבדו יחיה האדם. אָבער דער סינטעז

שטעלט זיך נישט אָפּ בײַ ברויט אַלײן. די װיסנשאַפט װיל דורכאויס באַשאַפן סינטעטישן לעבן, איז אפשר, װען עס װעט גערעטן סינטעטיש צו מאַכן אַ מענטש, װעט אָט פאַר דעם סינ־טעטישן מענטש גענוג זײַן סינטעטיש ברויט. אַ שלונג אַראָפּ אַ ברויט־פּיל — און מער דאַרף ער נישט. נאָר צו סינטעטיש לעבן איז נאָך זײער און זײער װײַט. דער היינטיקער מענטש קאָן זיך נישט באַגנוגענען מיט סינטעטיש ברויט, אפילו דער גרעסטער קבצן װיל אויך עפּעס צום ברויט, װי האָט מאָ־ריס ראָזענפעלד געקלאָגט:

נאָר ברויט מיט טיי, נאָר ברויט מיט טיי —
דאָס איז אַ קעסט, אַז אָך און װיי!

װען אפילו די היינטיקע הערשער זאָלן קלוגער זײַן, װי דער אַמאָליקער סאָלאָן און באַזאָרגן ברויט פאַר אַלעמען — נישט קיין סינטעטישע פּילן, נאָר טאָקע לאַבנס ברויט — װעט דאָס זײַן אַ שװאַכע הנחה דעם פאָלק. זיי װעלן עס אפשר געצװוּנגען זײַן צו טון, כּדי צו פאַרשטופּן מיט ברויט די מײַ־לער פון אויסגעהונגערטן פאָלק, אָבער ס׳איז אַ גרויסער ספק צי די פאָלקס־מאַסן װעט זיך דאַן צופרידנשטעלן מיט ברויט — זיי װעלן אויך װעלן צום ברויט פּוטער און װײַן און מאַראַנצן און קליידער און אַ לופטיקע־זוניקע דירה. סיידן די װיסנשאַפט װעט מיט דער צײַט דערפינדן אַ סינטעז, װאָס זאָל אַרײַננע־מען אַלץ מיטאַנאַנדער – ברויט, ליכט, לופט, גענוס און שלאָף.

אפשר װעט מען זיך נאָך אויך דערטראַכטן צו אַ בעסערן סינטעז פון װיסן, װי דער, װאָס ברעדפאָרד שלאָגט פאָר; עפּעס אַ מין פאָרמול, װאָס זאָל אַרײַננעמען אין זיך דאָס גאַנצע װיסן — אַ זאָג דעם פאָרמול און איר װייסט אַלע זיבן און צװאַנציק חכמות פון דער װעלט; נו, אַ סינטעז פון דער גאַנצער ליטעראַטור. איז דאָך שוין איצט פאַראַן אַ קיצור פון געשיכטע, אַ קיצור פון פילאָזאָפיע, אַ קיצור פון דער װעלט־ליטעראַטור, אָבער דער קיצור מוז יעדעס יאָר, מיט דעם אומגעהויערן װוּקס פון דידאַקטישע געביטן, אַלץ גרעסער, אַלץ גרעבער װערן פון און דער סוף װעט זײַן, אַז מען װעט מוזן מאַכן אַ קיצור —

דעם קיצור, ווי ה. ג. וועלס האָט עס שוין טאַקע געטון מיט זיין קיצור וועלט-געשיכטע — געמאַכט איין קיצור פון אַנדערן. אַזוי וועט מען כסדר מקצר זיין, רעדוצירן, איינשרומפּן, איינ-פּרעסן, ביז פון אַלע ווערטער וועט ווערן איין וואָרט — אַ סינטעטישע ליטעראַטור, וואָס וועט אין זיך כולל-זיין די בעלעטריסטיק, פּובליציסטיק, וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע.

וואָס איז דען די שטרעבונג צו אַ וועלט-שפּראַך, אויב נישט סינטעז? וועלט-שפּראַך מיינט אַ סינטעז פון אַלע שפּראַכן. ס'איז ערשט געמאַכט געוואָרן דער אָנהויב. „עספּעראַנטאָ" איז די בעסטע, אָבער נישט די לעצטע. צופיל ווערטער נאָך און נאָך אַלץ קאָמפּליצירט. דערפאַר קאָן די וועלט נאָכנישט אָנ-בעמען אָט די „אינטערנאַציאָנאַלע" שפּראַך. און עס וועט אויפ-קומען אַ לשון, וואָס וועט זיין אַ סינטעז נישט נאָר פון אַלע לשונות, נאָר פון אַלע טערמינען, פון אַלע באַגריפן—לשון אין אַ טאַבלעט... דער מאָדערנער מענטש האָט גאָר קיין צייט נישט צו אַ סך ווערטער, צו לאַנגע זאַצן. סוף-כל-סוף איז עס דאָך אַן איינרעדעניש, אַז וואָס קולטורעלער אַ מענטש איז, אַלץ רייכער איז זיין וואָקאַ-בולאַר. די יאַגאַנער, למשל, וואָס טשאַרלס דאַרווין האָט זיי באַצייכנט פאַר נידעריקסטן מין מענטש, האָבן 40.000 ווערטער אין זייער לשון, בעת אַן אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָר באַנוצט בלויז אַרום 800 ווערטער. די צוויי פאָרשמאַיעטסטע פעלקער, די אַמעריקאַנער און רוסן, שניידן טאַקע זייערע שפּראַכן. אָן רחמנות. אין אַמעריקע ווערט פון אינפלוּענצי — פלו; פון דאָקטאָר — דאָק; פון סופּערינטענדענט — סופּער; פון מייקראָפאָן—מייק; און אַזוי ווייטער און ווייטער. די רוסן ווידער רעדן ראשי-תיבותן— גאַנצע זאַצן אַריינגעקוועטשט אין אַ „קאָם", אָדער „ווציק".

אויך אין אָריענט, איבערהויפּט אין אינדיע, וויל מען מיט איין וואָרט אויסדריקן אַ סך. דער יאָגי זאָגט „אָם" און עס מיינט גאָט און אייביקייט און אוניווערס און לייד און פרייד און לעבן און טויט; אָבער דאָרט איז עס דער מאַקסימום קוואַליטעט אין אַ מינימום קוואַנטיטעט; מען רעדט ווייניק, ווייל מען וויל טראַכטן טיף און שווייגן אַ סך. אין אָקצידענט איז

עס אָפּט מינימום קוואַליטעט אין מינימום קוואַנטיטעט, אַבי דער תּמצית זאָל זיין, אַבי קורץ, געפּאַסט. נישטאָ קיין צייט! און דאָס איז טאַקע דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט: נישטאָ קיין צייט, זאָגט פּראָפ. איינשטיין...

אפשר וועט נאָך — אין דער ווייטער צוקונפט, ווי כ'האָב עס אַמאָל געלייענט אין אַ מין וויסנשאַפטלעכע פאַנטאַזיע — געשען, אַז פון אַלע מענטשן וועט אַנטשטיין איין מענטש, איין מענטש־ריז, מיט איין מאַרך און איין האַרץ, וואָס ער וועט זיין אַ סינטעז פון אַלע ראַסן, פעלקער און פּאַרטייען... זאָל עס דאָך הייסן, אַז אונזער אוניווערס שפּרייט זיך כסדר אויס, צע־שפּרייט זיך אַזוי מיליאַרדן יאָרן און ביסלעכווייז הויבט ער אָן זיך איינצוציען, איינצושרומפּן, ביז עס ווערט פון אים אַ קליין פּינטעלע, אַזאַ סינטעז פון דער גאַנצער יצירה, פון די מילי־מיליאַרדן שטערן, פּלאַנעטן, קאָמעטן. און דערנאָך שפּרייט ער זיך, דער אוניווערס, צוריק אויס — אַזוי אָן אַ סוף. נו, וועט אפשר דער מענטש דורכגיין דעמזעלבן פּראָצעס — פריער וועט דער מענטש־סינטעז זיין אַ ריז, וואָס וועט אויספילן די גאַנצע וועלט און דערנאָך, מיט דער איינשרומפּונג פון דעם אוניווערס וועט אויך ער איינגעשרומפּן ווערן און אויפן פּינטעלע אוניווערס, וועט אַרומשפּאַצירן אַ נאָך קלענער פּינטעלע מענטש, מיט אַזאַ פּיטשענאָטקעלע מאַרכעלע, ממש ווי ביי אַ היינטיקן דיפּלאָמאַט.

אויב דאָס סינטעז־מענטשעלע וועט נאָך אין זיך האָבן סינטעטיש לעבן (ביז דאַן וועט די וויסנשאַפט שוין מסתמא האָבן דערפונדן אַ סינטעטישן רוח־החיים) וועט עס, דאָס מענ־טשעלע, הייסט עס, נישט וויסן פון קיין דאגות־פּרנסה. די עקאָ־נאָמישע פראַגע וועט פאַר אים זיין פולשטענדיק געלעזט. ער וועט קייען מיט די קליינע ציינדלעך — סינטעזלעך און צו־פרידן בענטשן פון אַ סינטעטיש בענטשערל. דערווייל אָבער איז אוממעגלעך נישט נאָר צו מאַכן סינטעטיש לעבן, נאָר אפילו אַ לעבן צו מאַכן פון סינטעזן. אָבער אין דער עפּאָכע פון סינטעז לעבן מיר סיי־ווי. מיר ווילן דווקא געפינען אַ סינטעז פון און פאַר אַלצדינג אין דער וועלט, און מיר דער־

נענטערן זיך אַלץ מער צו דער סינטעטיזירונג פון אַלע געביטן, יאָ, עפּעס באַוועגט זיך, ווי פּאַפּיני איראָניזירט איבער איינשטיי־נען, אָבער עס באַוועגט זיך אין דער ריכטונג פון סינטעז.

איז אָט האָט איר דאָ, אייגנטלעך, פאַר זיך העגעלס דיאַלעקטיק (די מעטאָדע דורך פּלפּול צו מאַכן שלום צווישן ווידערשפּרוכן, צונויפצופירן איין אידייאַישע וואַנט מיט דער אַנ־דערער) — איבערגעטראָגן פון דעם אַבסטראַקטן אויפן קאָנ־קרעטן, אויפן רעאַלן (אויב ס'איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי רעאַליטעט) וואָס איז דען, אייגנטלעך, דער שלום צווישן סתירות, אויב נישט אַ סינטעז? נאָר די סינטעטיק גייט נאָך פיל ווייטער, ווי די דיאַלעקטיק. ביי איר איז עס נישט בלויז אַ פראַגע פון פאַרשמעלצן ווידערשפּרוכן: נאָר פאַרשמעלצן, פאַראייניקן, וואָס עס זאָל נישט זיין. און דער עיקר – רעדוצירן, מאַכן פון טויזנט – איינס; און פון איינס – נול... נאָכאַמאָל ווי דער הינדוס זאָגט:

— אָם!

און דער קאָמוניסט זאָגט:

— קאָם.

מאַכט דאָס חסידל:

— בים־באָם!

ברוך שפּינאָזאַ פאַרן געריכט*)

(צום 300־יאָריקן יובילײ אין 1932)

1

ברוך שפּינאָזאַ, „דער אײנזאַמער אַמסטערדאַמער פילאָזאָף", ווי דער פּזמון גײט, איז ווידער געשטאַנען פאַרן געריכט פון דער יידישער עפנטלעכקײט. דאָסמאָל נישט אין אַמסטערדאַם, נאָר אין וואַרשע — צו דער געלעגנהײט פון זײַן דרײַ הונדערטן געבורטסטאָג און 274 יאָר זינט דעם חרם, וואָס די אַמסטערדאַמער קהלה האָט אויף אים אַרויפגעלײגט. אַן עולם פון טויזנט יידן האָט צווײ אָוונטן פון דעם חודש יוני, אינם יאָר 1932, פאַרבראַכט בײַם נײַעם שפּינאָזאַ־פּראָצעס און מיט טיפער גע־שפּאַנטקײט אויסגעהערט די רעדעס פאַר און קעגן שפּינאָזאַן, פאַר און קעגן דעם חרם אויף אים. ס'איז געווען אַ משפּט מיט אַלע קליפּערלעך, מיט אַנקלאָגער, פאַרטײדיקער און עקספּערטן.

*) דאָס אַרטיקל „שפּינאָזאַ פאַרן געריכט" איז געדרוקט געווען אין דער ניו־יאָרקער „פרײַע אַרבעטער שטימע" דעם 15־טן יולי, 1932. אַזוי ווי די אַר־גומענטאַציע פון שפּינאָזאַס וואַרשעווער אַנקלאָגער און פאַרטײדיקער בלײַבט „אײ־מער נײַ", כאָטש זי איז שוין הונדערטער מאָל אויסגעשאָסן געוואָרן און וועט אויך מסתּמא ווײַטער באַנוצט ווערן אין וועלטער־שטרײַט „פאַר" און „קעגן", בלײַבט די טעמע אַקטועל און דערפאַר נעם איך דאָס אַרטיקל מכּוח דעם ענין אַרײַן אין דעם פאַרליגנדיקן בוך. א. אלמי

און געגאַנגען איז עס אין דעם, צי מ'זאָל דעם באַגרינדער פון דער פאַנטעזיסטישער פילאָזאָפיע באַפרייען פון חרם, אָדער אים דאָרט ווייטער לאָזן, ווי אַ כשר-פאַרדינטע שטראָף. אָבער שפינאָזאַ האָט אויך אין 1932 קיין מזל נישט געהאַט ביי זיינע אייגענע ברידער: דער משפט האָט זיך געענדיקט אָן אַן אַנטשיידונג...

מ'קאָן פאַרשטייט זיך, דעם גאַנצן משפט אָפּפּטרן מיט אַ חיוך, וואָרום סוף-כל-סוף איז דער חרם אַ נישטיקער עפּיזאָד אין דעם אינהאַלטסרייכן לעבן פון דעם גאון. אין דעם בלענדנ-דיקן ליכט פון זיין וואונדערלעך-לויטערער פערזענלעכקייט און פון זיין פילאָזאָפיע ווערן פאַרטונקלט גאַנצע דורות פון אַזעלכע מענטשעלעך, וואָס ווילן מיט שופר-בלאָזן, מיט קללות און חרמות און אַלערליי אינקוויזיטאָרישע מיטלען אויסלעשן דעם פרייען מענטשלעכן געדאַנק. זיי זענען נישט מער ווי דער שטויב, וואָס קלעבט זיך צום גאָנס שיך אויפן וועג צו זיין אוניווער-סאַלער דערקענטניש. שוין דערפאַר אַליין איז די רעוויזיע פון דעם חרם אויף שפינאָזאַן אַן אַרויסגעוואָרפענע, אומנויטיקע אַרבעט. וואָס פאַר אַ באַטרעף קאָן דאָ האָבן יאַ-חרם אָדער נישט-חרם, ווי באַלד יעדער פון די צדדים אין דעם חרם-עפּיזאָד איז געווען אין זיין ריכטיקער ראָל? די רבנים האָבן געהאַנדלט, פונקט ווי קלעריקאַלן האַנדלען, בעת מ'רירט אָן די יסודות פון זייער אמונה; און שפינאָזאַ האָט געהאַנדלט פונקט ווי אַ פי-לאָזאָף פון אַזאַ פאַרנעם, ווי אַזאַ דורכויס-עטישע פערזענליכקייט, ווי ער איז געווען, האָט געדאַרפט האַנדלען. דער חרם האָט אויף קיין האָר נישט משפיע געווען, נישט צום שאָדן און נישט צום נוצן, זיין פילאָזאָפישע שיטה.

מ'קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז ווען דער חרם-משפט קומט פאָר אין ניו-יאָרק, אָדער אין בוענאָס איירעס, וואָלט מען גע-הערט דיזעלבע רייד און ס'וואָלט מסתמא אויך צו קיין אַנט-שיידונג נישט געקומען, ווי אין וואַרשע. וואָס קאָן מען דאָ אַנטשיידן? די פאַרטיידיקער (די געגנער פון חרם) האָבן שפי-נאָזאַן געקאָנט „באַפרייען" פון די חרמות נאָר דאַן, ווען זיי

געראָט צו באַווייזן, אַז שפּינאָזאַ האָט מיט גאָרנישט עובר געווען אויפן יידישן דת, אַז זיין פילאָזאָפיע איז אפשר גאָר אין הסכם מיטן יידנטום. אַזוינס קאָן מען אפשר טון מיט אַ פּשטל, מיט אַ געשיקטן פּלפּול, אָבער אויב שפּינאָזאַ, וואָס ער פאַרזענלעך האָט געליטן די קאָנסעקווענצן פון חרם, האָט דאָס נישט געטון, האָבן זיינע פּאַרטיידיקער מיט 274 יאָר שפּעטער אוודאי און אוודאי קיין רעכט נישט דאָס צו טון. ווידער סתּם פאָדערן פון די רבנים טאָלעראַנץ, איז זייער נאַיוו. דאָס הייסט: פאָדערן אַזוינס, וואָס איז געגן זייער טבע און געגן זייער ראָל „צו שטיין אויף דער וואַך פון דת".

דערפון איז צו זען, אַז די וואַרשעווער פּאַרטיידיקער פון די אַמסטערדאַמער רבנים זענען געווען קאָנסעקווענטער ווי די חרם־באַקעמפער. זיי האָבן זיך געשטעלט לחלוטין אויפן באָדן פון יענער עפּאָכע, זיך אַריינגעטון אין יענע אַמסטערדאַמער באַדינגונגען, וואָס אונטער זיי איז דער חרם אַרויסגעגעבן געוואָרן. ש. י. סטופּניצקי האָט, למשל, געשטיצט זיין פּאַרטיידיקונג פון חרם אויפן פאַקט, וואָס די אַמסטערדאַמער קהלה איז נאָך דאַן געווען יונג (60 יאָר אַלט) און איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער שרעקלעכער שפּאַנישער אינקוויזיציע, זיך ווי־עס־איז איינגעאָרדנט און דערפאַר געקאָנט איינערזיכטיק זיין אויף יעדן, וואָס האָט געמאַכט די מינדסטע פּראָבע אונטערצוגראָבן די יסודות פון דער אמונה, וואָס פאַר איר האָבן זיי אַזויפיל געליטן. סטופּניצקי זאָגט זיך שוין דערביי אַרויס וועגן ענין טאָלעראַנץ בכלל און קומט צום אויספיר, אַז „טאָלעראַנץ גילט נאָר דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן ריין־גייסטיקע, אידעישע ענינים. דאָרט אָבער, ווו עס גייט וועגן רעאַלע אינטערעסן, איז נישטאָ קיין טאָלעראַנץ און דערפאַר איז אויך דער נאַציאָנאַליזם, אפילו דער יידישער, נישט טאָלעראַנט. נעמענדיק אין אַכט, אַז דער רעליגיעזער קיבוץ איז דאַן (אין אַמסטערדאַם) געווען די איינציקע פאָרם פון נאַציאָנאַלער אחדות קאָן מען ביי זיי (די אַמסטערדאַמער רבנים) קיין טאָלעראַנץ נישט פאָדערן".

דער אייגענער פּרעלעגענט מאַכט אין זיין רעדע נאָך צוויי אַנטדעקונגען, וואָס עס לוינט זיך אויף זיי, כאָטש פאַרבייגייענדיק, אָפּצושטעלן: א) אַז דער ענין חרם איז בכלל נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מ׳שטעלט אים פאָר; אַז ער איז געווען בלויז אַ מין פאַרהיטונגס־מיטל געגן ווייטערדיקער פאַרשפּרייטונג פון דער קראַנקהייט, בעת ביי לייטן איז געווען עפּעס ערגערס... און ב) אַז „פילאָזאָפיע ענדערט זיך, יעדער דור האָט זיין פילאָזאָפיע. דאַגעגן איז די רעליגיע אייביק און טאָר זיך נישט בינדן מיט קיין באַשטימט פילאָזאָפיש סיסטעם״. ד״ר שטיין (דאָצענט פון וואַרשעווער יידישן סעמינאַר) באַרעכטיקט דעם חרם דערמיט, וואָס „שפּינאָזאַ האָט באַוווּסטזיניק געדענקט אין היפּוך צום יידנטום״, אָדער גאָר געשטאַנען מחוץ דעם יידנטום. אַ סימן האָט ער, אַז די כלערליי שיטות, וואָס יידישע דענקער האָבן אין פאַרשידענע צייטן פאַרשפּרייט, ווי פריי און ווי ווייט זיי זאָלן נישט האָבן געווען פון דער אַלגעמיין־אָנגענומענער מיינונג, וועלכע האָט ביי יידן עקזיסטירט, האָבן קיינמאָל קיין פּראָטעסט נישט אַרויסגערופן דאַן, ווען די דענקער זעלבסט האָבן זייערע שיטות געהאַלטן אַלס תמצית און ריכטיקן מהות פון יידישקייט״ — למשל, דער רמב״ם און שלמה בן גבירול. יוסף העפּטמאַן, אויך אַ חרם פאַרטיידיקער, איז צו די פאָרווורפן פון שפּינאָזאַס „גרינגשעצן דעם תנ״ך און זיין גרויס פאַרערן די עוואַנגעליע״, מוסיף נאָך אַ זינד: שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע באַזיצט נישט דעם עלעמענט פון „צייט״ און דערפאַר איז זי אין פולשטענדיקער סתירה צום יידנטום. העפּטמאַן האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן נאָך אַ גוואַלטיקע סתירה צום יידנטום: דעם פאַקט, וואָס אין דער פאַנטעיִסטישער פילאָזאָפיע איז נישטאָ קיין פּערזענלעכער גאָט, וואָס געפינט זיך מחוץ דעם אוניווערס...

איידער איך צעגלידער די טענות פון די וואַרשעווער שפּינאָזאַ־אָנקלאָגערס, וויל איך זיי אונטערדרוקן נאָך אַ רעכטפאַרטיקונג פאַרן חרם, און דווקא פון אַ קריסט, וואָס זיי האָבן אינגאַנצן פאַרזען. בעת זיי רעדן כסדר מכּוח יידנטום, פאַרטיידיקונג פון יידישן דת און אַנדערע אַזעלכע ריין־יידישע

שטאַנדפּונקטן, פֿאַרגעסן זיי לחלוטין דעם וויכטיקסטן און שטאַרקסטן אַרגומענט — און דאָס איז, אַז מער ווי פֿאַר דעם אייגענעם דת האָבן די אַמסטערדאַמער רבנים געקאָנט מורא האָבן פֿאַר דער קריסטלעכער מאַכט פֿון האָלאַנד, וואָס האָט די אַנטלאָפֿענע פֿון דער אינקוויזיציע אויפֿגענומען מיט אַזאַ גאַסטפֿריינדלעכקייט. די פּרעלעגענטן אויפֿן וואַרשעווער משפּט איז, ווייסט אויס, גאָר פֿון זינען אַרויס, אַז דער תּנ״ך, טאַקע דער אַלטער טעסטאַמענט מיט זיין קאָסמאָלאָגיע, ווי מיט די נביאים איז אויך דער פֿונדאַמענט פֿון קריסטנטום, דערהויפּט פֿון פּראָטעסטאַנטישן (בפֿרט, אַז שפּינאָזאַס קריטיק האָט קיין חילוק נישט געמאַכט צווישן אַלטן און נייעם טעסטאַמענט). און וויל דוראַנט, מחבר פֿון דעם גרויסן, פּאָפּולער־פֿילאָזאָפֿישן ווערק „די סטאָרי אוו פֿילאָסאָפֿי" באַנוצט דער עיקר דעמדאָזיקן אַרגומענט רעכטפֿאַרטיקן דעם חרם. אָט וואָס ער זאָגט (ז. ז. 70־169):

„לאָמיר נישט זיין צו איבערגעאײַלט, — שרייבט ער — ביים משפּטן די פּירערס פֿון דער סינאַגאָגע (אין אַמסטערדאַם). זיי זענען געשטאַנען פֿאַר אַ דעליקאַטער סיטואַציע. קיין ספֿק נישט, אַז זיי האָבן קיין חשק נישט געהאַט אויף זיך צו נעמען די באַשולדיקונג, אַז זיי זענען אַזוי אומטאָלעראַנט צו אַנדערשגלויביקע, ווי די אינקוויזיציע, וואָס האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון שפּאַניע. אָבער זיי האָבן געפֿילט, אַז די דאַנקבאַרקייט צו זייערע האָלענדישע באַלעבאַטים פֿאָדערט פֿון זיי מחרים צו זיין דעם מענטש, וואָס זיינע ספֿקות טרעפֿן דער קריסטלעכער דאָקטרין, פּונקט אַזוי שטאַרק ווי דעם יידנטום. דער פּראָטעסטאַנטיזם איז דאַן נאָך נישט געווען אַזוי ליבעראַל און בויגזאַם, ווי ער איז עס איצט. די רעליגיעזע מלחמות האָבן איבערגעלאָזן יעדע גרופּע פֿעסט איינגעגראָבן אין איר אמונה... וואָס וואָלטן די האָלענדישע הערשער געזאָגט אויף אַ יידישע קהלה, וואָס האָט באַצאָלט פֿאַר דער קריסטלעכער טאָלעראַנץ און פּראָטעקציע דערמיט, וואָס זי האָט אין איין דור אַרויסגעגעבן אַן אַקאָסטאַ און אין צווייטן — אַ שפּינאָזאַן"... צום סוף טרייסט זיך דוראַנט פֿונדעסטוועגן מיט דערזעלבער השערה, וואָס איזראַעל

איבערהעמס זאָגט אַרויס אין זיין אַרטיקל „יידן", אין דע־ „ענציקלאָפּידיאַ בריטאַניקאַ", דהיינו: אַז ווען מנשה בן ישראל, דער גייסטיקער פירער פון דער קהלה, וואָלט זיך בעת־מעשה געפונען אין אַמסטערדאַם, וואָלט צו קיין חרם נישט געקומען. אָבער מנשה בן ישראל איז דאַן געווען אין לאָנדאָן, ווו ער האָט זיך משתדל געווען ביי קראָמוועלן צו עפענען די טויערן פון ענגלאַנד פאַר יידן.

אָט די השערה איז זייער וויכטיק אין זינען צו האָבן, וואָרום דאָס ווייזט אונז, אַז נאָך אַלע מעגלעכע רעכטפאַרטי־קונגען פון חרם, מוזן אפילו די געטרייסטע פאַרטיידיקער פון די אַמסטערדאַמער רבנים, ווי דער ייד איזראַעל איבערהעמס און דער קריסט וויל דוראַנט, קומען צום אויספיר, אַז מען וואָלט פאָרט געקאָנט געפינען אַן אויסוועג, דאָס הייסט: באַגיין זיך אָן אַ חרם; דאָס ווידער מיינט, אַז די אַמסטערדאַמער רבנים האָבן געהאַנדלט נישט דורכויס מחמת נויטווענדיקייט, נאָר אויך — מען מעג דאָ זאָגן, אַז טאַקע דער עיקר — מחמת יעזויטי־שער אומטאָלעראַנץ. אפילו סטופּניצקי, וואָס זעט אין חרם אויסשליסלעכע נויטווענדיקייט, מוז כאָטש דעם גאַנצן חרם־ענין מאַכן צונישט, כדי לייכטער צו מאַכן די זינד פון די רבנים— ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! אָט אַזוי סתם האָט מען גע־בלאָזן שופר, געברענט שוואַרצע ליכט, געשאָלטן מיט טויטע קללות, געשטעלט אַ מענטש מחוץ למחנה, אומדירעקט דערמיט אינספּירירט אַ ווילדן פאַנאַטיקער צו באַפאַלן שפּינאָזאַן מיט אַ מעסער: געבראַכט דערצו, אַז זיינע נאָענטסטע האָבן זיך געמוזט אָפּקערן פון אים און זיין אייגענע שוועסטער זאָל וועלן אויס־שווינדלען פון אים זיין חלק ירושה (פון וואָס שפּינאָזאַ האָט זיך שפּעטער אַליין אָפּגעזאָגט) — „דזשאָסט פאָר דהי פאַן אָװ איט", ווי מ'זאָגט עס אויף ענגליש, גלאַט אַ ספּעקטאַקל...

מסתמא איז דער שענדלעכער אויספיר געגן אַקאָסטאַן, דאָס טרעטן איבער זיין קערפּער און שפּייען אויף אים, אויך געווען סתם אַ שיינע טעאַטער פאָרשטעלונג. דער פאַקט אַליין, וואָס שפּינאָזאַ, דער געמיטלעכער פילאָזאָף, דער נזיר,

וואָס האָט אונדז געלערנט „נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר פֿאַרשטיין" איז געווען אַזוי פֿאַרביטערט געגן די אַמסטערדאַמער ייִדן און אפֿילו זיך באַוואָרנט, אַז מ׳זאָל אים נאָכן טויט נישט מקבר זיין אויפֿן ייִדישן בית־עולם — שוין דאָס אַליין דערציילט אונדז, ווי מילד די אַמסטערדאַמער קהלה איז געווען צו אים, ווי גרינג דער חרם איז אַלס „אַ מין פֿאַרהיטונגס־מיטל", ווי סטופּניצקי כאַראַקטעריזירט עס. אויך די אינקוויזיטאָרן פֿון אַמעריקאַנער „טהוירד דיגרי" („דריטער גראַד" אויספֿאָרשונג פֿון אָנגעקלאָגטע) און די פֿייניגער פֿון אַלע לענדער, אין אַלע צייטן מאַכן זייערע מעטאָדן צו קלייניגקייט: עס, וואָס ביינע ציינגער רעדן דאָרט! דאָס, וואָס ביי „ביי לייטן איז געווען ערגערס", איז קיין ראיה נישט, מחמת די ייִדישע קהלה האָט נישט געהאַט קיין מאַכט אויף „עפּעס ערגערס" און מיר ווייסן גאָרנישט (אָבער מיר קאָנען זיך משער זיין) וואָס זי וואָלט געטון, ווען זי האָט יאָ מער מאַכט...

סיי מיר נעמען אין באַטראַכט, ווי אַ רעכטפֿאַרטיקונג פֿון חרם, די באַשיצונג פֿון דער אייגענער רעליגיעזער פּאָזיציע; סיי מיר האָבן אין זינען די מורא פֿאַר די האָלענדישע הערשער, בלייבט אַלץ נישט קיין גענוגנדיקער מאָטיוו פֿאַר אַזאַ גרויזאַמער האַנדלונג לגבי שפּינאָזאַן (און פֿריער לגבי אַקאָסטאַן). ס׳איז קיין ספֿק נישט, אַז די אַמסטערדאַמער קהלה, ווען זי וואָלט נישט באַוועלטיקט געווען פֿון קנאַישע אינסטינקטן און דעם באַגער זיך אָפּצורעכענען מיט אײנעם, וואָס דענקט אַנדערש ווי די רבנים, וואָלט געפֿונען אַן ערנהאַפֿטיקערן אויפֿן־ווי זיך צו פֿאַרהיטן פֿון דעם פֿילאָזאָפֿס אפּיקורסות און דער מיט שוין אויך געוויזן דער האָלענדישער מאַכט (וועלכע האָט, אגב, זיך זייער פֿיין באַצויגן צו שפּינאָזאַן), אַז זי האָט מיט דעם ווידערשפּעניקער קיין משא־ומתן נישט. עס דאַרף דאָ באַטאָנט ווערן, אַז די אַלע מעשׂיות מכּוח דער סתּירה פֿון שפּינאָזאַס פֿילאָזאָפֿיע צו דער ייִדישער רעליגיע האָבן צום חרם דאָס מינדסטע שייכות נישט, וואָרום דער חרם איז אויסגערופֿן געוואָרן, איידער שפּינאָזאַ האָט פֿאַרענדיקט זיינע ווערק —

בלויז אויפן גרונט פון אַ שמועס מיט חברים, וואָס האָבן אים דערנאָך פאַרמסרט פאַר די קהלה־פירער. שפינאָזאַ איז אַלט געווען 24 יאָר, בעת די לעצטע האָבן אים גערופן אויף אַ פאַרהער.

איז עס אמת, — האָבן זיי אים געפרעגט, — אַז דו האָסט געזאָגט דיינע חברים, אַז גאָט האָט אַ קערפּער — די מאַטער־יעלע וועלט; אַז מלאכים זענען האַלוצינאַציעס; אַז די נשמה איז דאָסזעלבע וואָס לעבן (נישט קיין אומאָפּהענגיק וועזן); און אַז דער תנ״ך זאָגט גאָרנישט וועגן השארת־הנפש? אָט אויף דעם גרונט, בלויז אויף דעם, וואָס ער האָט זיך אַרויסגערעדט פאַר חברים, אין אַ פּריוואַטן שמועס, האָבן אים די רבנים מחרים געווען. און אומזיסט האָבן די פּרעלעגענטן אויפן וואַרשעווער משפּט ציטירט פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" און „עטיק" — דער חרם האָט אַבסאָלוט גאָרנישט צו טון מיט דעם. דאָס מאַכט דעם ענין נאָך האַרבער פאַר די רבנים. ס'באַווייזט אונז, אַז בלויז אַרויסרעדן זיך אַ וואָרט, וואָס איז נישט אין הסכם מיט דער דאָגמע און מסורה, אפילו אַזאַ אמת, אַז דער תנ״ך דערציילט נישט וועגן אַ לעבן נאָכן טויט, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ מוראדיק פאַרברעך ביי די, וואָס האָבן זיך אַליין קוים געראַטעוועט פון שפּאַניע, ווו זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין די גרעסטע יסורים צוליב זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. מיט זייער האַנדלונג געגן אַקאָסטאַן און שפּינאָזאַן האָבן די אַנטלאָפענע פון די שייטערהויפנס פּאַקטיש סאַנקציאָנירט די אינקוויזיציע, געגעבן זייער הסכמה אויף אַלע פאַרפאָלגונגען געגן יענע, וואָס דערוועגן זיך צו דענקען, אָדער האַנדלען אַנדערש, ווי די אָפיציעלע מאַכט־האָבערס.

אַזאַ רעכטפאַרטיקונג פאַר אינקוויזיציע, אין יעדער מעגלעכער פאָרם, איז אויך סטופּניצקיס פּשט, אַז טאָלעראַנץ גילט נאָר בנוגע ריין גייסטיק־אידעיִשע (אַבסטראַקטע) ענינים, אָבער נישט, ווו עס גייט וועגן רעאַלע אינטערעסן. מיט וואָס זענען די רעאַלע אינטערעסן פון שפּאַניע, ווו דער שטאַט איז געווען טעאָקראַטיש, ווייניקער וויכטיק געווען, וויבאַלד פאַרפאָלגונג איז

דאָס איינציקע מיטל קעגן אַנדערש-גלויביקע? ראָבעספיער האָט געהאַקט קעפּ, כּדי צו באַשיצן די רעאַלע אינטערעסן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אַלע מלחמות זענען צוליב רעאַלע אינטערעסן. מוסאָליני באַשיצט די רעאַלע אינטערעסן פון פאַשיזם. די קאָמוניסטן האַנדלען אויסשליסלעך אין נאָמען פון די רעאַלע אינטערעסן פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט מעכטיקע שונאים. אויב רעאַלע אינטערעסן זענען מכפּר דער אַמסטערדאַמער קהלה, דאַרף מען זיין קאָנסעקווענט און פסדר מכפּר-זיין. אָבער דאָס איז דאָך סוף-כּל-סוף דער באַקאַנטער יעזויטישער כּלל, אַז דער צוועק הייליקט די מיטלען. זייער אַ געפערלעכער אַרגומענט... און אפילו איינער, וואָס גלויבט אין גוואַלט-מיטלען לגבי געגנער (אָדער געפינט בלויז אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם) דאַרף אַזאַ מאָראַל נישט אָנווענדן אין פאַרטיידיקונג פון דער אַמסטערדאַמער קהלה, וואָס זי האָט זיך אין קיין שום ווירקלעכער געפאַר נישט געפונען, ווי אַ פּועל-יוצא פון שפּינאָזאַס פּריוואַטן שמועס מיט חברים.

די שפּינאָזאַ-פאַרטיידיקער אויפן וואַרשעווער משפּט — לעאָ פינקלשטיין, ב. מאַלקין, ד״ר גליקסמאַן און ד״ר מאהלער — האָבן זיך אומזיסט מטריח געווען. זיי וואָלטן געטון אַן אומרעכט שפּינאָזאַס אָנדענק, ווען זיי גיט זיך איין צו „רעהאַבילירן“ די יידישע רעפּוטאַציע פון פּאַנטעיִסטישן פילאָזאָף — אַ זאַך, וואָס איז. ווי געזאָגט, אויסגעשלאָסן, ווייבאַלד מ׳געפינט נישט קיין סינטעז צווישן שפּינאָזאַיזם און יידנטום. דאָס מיינט אָבער בשום-אופן נישט, אַז פילאָזאָפיע קאָן זיך נישט פאַרבינדן מיט רעליגיע (אָדער פאַרקערט), ווי סטופּניצקי דרינגט דאָס, מחמת „פילאָזאָפיע ענדערט זיך און רעליגיע איז אייביק“. אַ שידוך, אָדער סינטעז פון פילאָזאָפיע מיט רעליגיע איז יאָ מעגלעך, איז דאָך יעדע פילאָזאָפיע (אפילו טיילווייז די מאַטעריאַליסטישע) בתוך רעליגיעז, ווי יעדע רעליגיע איז בתוך פילאָזאָפיש. ס׳קאָן נישט זיין אַזאַ שידוך מיט דער דאָגמע, מיט דעם ריטואַל — בקיצור, מיט דעם פאָרמאַליזם פון דער רעליגיע: אָבער די ריינע פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע קאָן גאַנץ גוט הויזן

מיט דער ריינער רעליגיע פון דער פילאָזאָפיע. ס'איז אויך נישט אמת, אַז די פילאָזאָפיע ענדערט זיך, בעת די רעליגיע איז אייביק, אומפאַר־ענדערלעך. אייביק בלייבט בלויז דער הויפט־יסוד פון דער אמונה — דער גאָט־געדאַנק. אַזוי זענען אויך אייביק די גרונט פּרינציפּן פון פילאָזאָפישן דענקען. ס'זענען דאָ מער באַריר־פּונקטן צווישן די שיטות פון טהאַלעס מיט די פון שפינאָזאַ ביז בערגסאָן; פון סאָקראַטעס מיט די פון קאַנט און דייווידיום ביז סאַנטאַיאַנאַ, ווי צווישן די רעליגיעזע פּרינציפּן פון ביבלישן מיטן תלמודישן יידנטום; פון דעם קאָמוניסטישן אור־קריסטנטום מיטן שטאַטלעך־פּרינצלעכן קריסטנטום פון מיטלאַלטער, אָדער פון היינטיקן טאָג; און ווי צווישן דעם רוימישן, אָדער גריכישן קאַטאָליציזם מיטן פּרעסביטעריאַניזם און קוויקעריזם.

שפינאָזאַ האָט נישט געזוכט קיין סינטעז פון זיין פילאָ־זאָפיע מיטן יידנטום, נישט מחמת ער האָט „באַוווסטזיניק גע־דענקט אין היפוך צום יידנטום", ווי ד"ר שטיין האָט עס גע־זאָגט אויפן וואַרשעווער משפט. — און וואָס קאָן מיינען, אַז שפינאָזאַ האָט עפּעס בכיוון אויסגעטראַכט אַ פילאָזאָפיע, כדי צו טון דעם יידנטום אויף להכעיס — נאָר מחמת דאָס יידנטום האָט כלל נישט געקאָנט קומען אין באַטראַכט אין דער אויס־אַרבעטונג פון זיין פילאָזאָפיש סיסטעם. ווען שפינאָזאַ וואָלט געווען נישט קיין אָריגינעלער דענקער, נאָר אַן אויסטייטשער, דערציִאַזעלכער, וואָס שטעקט אין דער יידישער טראַדיציע, וואָלט ער מסתמא געקאָנט צונויפשלעפּן אַ שידוך מיטן יידנטום, ווי דער רמב"ם האָט דווקא געוואָלט צונויפּפירן אַריסטאָטעלן מיט יידישקייט. מיט אַ קונציק פּשטל, קאָן מען אַלץ באַווייזן! די ראיה פון דעמזעלבן פרעלעגענט מכּוח דעם רמב"ם, וואָס האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע און געהאַט אַ געגנערשאַפט און דאָך האָט מען אים נישט מחרים געווען (וואָס דאָס דאַרף באַווייזן די טאָלעראַנץ פון יידישן קלעריקאַליזם) — איז דע־ריבער קיין ראיה נישט. דער רמב"ם האָט אַלס פילאָזאָף נישט דעם מינדסטן באַדייט אין דער געשיכטע פון דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע; ער איז בלויז געווען אַן אָנהענגער און אויסטייטשער

פון אַן אַנדערנס פילאָזאָפיש סיסטעם און זיך געקאָנט פאַרגינען אַלערליי טייטשן, בעת אין ענין שפּינאָזאַ האָבן מיר צו טון מיט אַן אָריגינעלן דענקער, דערצו מיט איינעם פון אַזאַ אומגעהויערן פאַרנעם, וואָס זיין איינפלוס וועט געדויערן ביזן סוף פון די דורות. אַ נייער רמב״ם וואָלט מסתמא אויך געקאָנט געפינען מיט אַ פּשטל, אַ סינטעז צווישן שפּינאָזאַיזם און יידנטום, אַריינקוועטשן שפּינאָזאַס איינהייטס־רעיון אין „אחד״, און זיין כשר ביי די חשובע רבנים.

כאַראַקטעריסטיש דערביי איז, וואָס בעת ד״ר שטיין ווייזט אָן אויפן רמב״ם ווי אויף אַ באַווייז פון „אונזער״ טאָלעראַנץ, וויל סטופּניצקי צונישט מאַכן די גרויזאַמקייט פון חרם מיטן אַרגומענט, וואָס מ׳האָט אַמאָל אַריינגעלייגט אין חרם אפילו „אַזעלכע באַרימטע פאָרשטייער פון יידנטום, ווי ר׳ משה חיים לוצאַטו און ר׳ יהונתן אייבעשיץ״. קיינער איז נאָך, הייסט עס, פון אַ חרם נישט געשטאָרבן. ס׳איז אָבער דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אַ חרם און אַ חרם — ס׳ווענדט זיך ווו, ווען און איבער וועמען. ביי לוצאַטו און אייבעשיץ איז עס געווען דער פּועל־יוצא פון מחלוקתן, חלוקי־דעות, צדדים. האָט איין צד אַריינגעלייגט אין חרם, האָט דער אַנדערער צד דעם חרם מבטל געווען, דערצו האָט די אויטאָריטעט פון די דערמאָנטע אַנערקענטע רעליגיעזע פירערס אַריבערגעוואויגן דעם אָנזען פון זייערע געגנער, אַזוי, אַז נישט לוצאַטו, נישט אייבעשיץ, זענען צוליבן חרם אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער געזעלשאַפט, וועד שמועסט שוין פון זייער אייגן הויזגעזינד. וואָס ס׳איז שייך דעם רמב״ם, האָט ער אויך געהאַט בענוג געגנער און אפילו נאָכן טויט האָט עמעצער אויפגעשריבן אויף זיין מצבה דאָס וואָרט „מין״ (אפּיקורס) אָבער אין זיין פאַל האָט זיין אייגענע אויטאָריטעט, סיי צווישן יידן, סיי אין דער אַראַבישער וועלט, אומגעהויער אַריבערגעשטיגן די אויטאָריטעט פון אַלע זיינע געגנער צוזאַמען און זיי האָבן זיך דעריבער נישט דערוועגט אָנצוּנעמען געגן אים וועלכע ס׳איז דראַסטישע מיטלען, דאָס באַווייזט, אַז ווו און ווען און איבער וועמען דער יידישער קלעריקאַליזם

האָט מאַכט, נוצט ער עס אויס אויפן שאַרפסטן אופן, אָן איינזעעניש.

אין שפּינאָזאַ-פאַל איז דער חרם געווען דער גרויזאַמסטער פון זיין שטייגער. דער 24-יאָריקער יונגערמאַן האָט נאָכנישט געהאַט וואַסער-נישט-איז אָנזען, איז געווען פולשטענדיק אומבאַקאַנט מחוץ זיין אייגענעם קרייז, און די קהלה האָט זיך דעריבער דערלויבט אַרויפצוּוואַרפן זיך אויף אים מיט דער גאַנצער משא פון איר אויטאָריטעט. זי האָט אים מיט איר חרם אויסגעשטעלט צום הפקר און ווען ער וויל דווקא פאַרבלייבן אין דער יידישער גאַס, וואָלט ער אפילו קיין טרונק וואַסער, אָדער אַ ביסן ברויט פון קיינעם נישט געקאָנט קריגן — דאָס איז דאָס געבאָט פון חרם. ער איז טמא און מעג ער אפילו פאַלן אין גאַס אַ קראַנקער, טאָר זיך קיינער צו אים נישט צורירן. זיינע פייניקער האָבן אים אַזוי אַרום געצווּנגען צו פאַרלאָזן די יידישע גאַס, ווי זיי אַליין זענען געצווּנגען געווען צו פאַרלאָזן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. ער האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם צד, ווי לוצאַטו און אייבעשיץ, וואָס זאָל אים מקריב זיין. ער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין הויזגעזינד, נאָכגעיאָגט פון האַס און פינסטערע קללות. זיין איינציקע רעטונג איז געווען די נישט-יידישע וועלט און אַהין איז ער אַוועק. איינער פון די שענסטע און אָריגינעלסטע גייסטער אין דער יידישער געשיכטע, איז דורך דעם יידישן קלעריקאַליזם פאַרטריבן געוואָרן פון אונזערע טויערן, און דאָך שעמען זיך נישט טייל פון אונזערע צבועקעס נאָך היינט-צו-טאָג אויפצוּוואַרפן שפּינאָזאַן זיין אָפּזונדערן זיך פון יידישן פאָלק...

שפּינאָזאַס היינטיקע אָנקלאַגערס (די פאַרטיידיקער פון חרם) גייט עס ממש אין לעבן דער עיקר צו באַווייזן, אַז מיר, יידן, זענען אַנדערש; אַז מיר זענען טאָלעראַנט און אויב מיר דערלויבן זיך צמאָל אַביסל האַרבקייט לגבי אַ געגנער, איז עס אָן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט, ווען קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. דווקא דידאָזיקע הנחה ווערט נישט באַשטעטיקט פון דער ווירקלעכקייט. דער חרם, די קונעס, די אָנפאַלן אין די

קליינע פוילישע שטעטלעך (שוין אין אונזער ערא) אויף ביב־ליאָטעקן, ווו מען שלאָגט מכּות־רצח די „אפּיקורסים“ און מ׳רייסט און מ׳ברענט ביכער; די פיזישע אַטאַקעס מצד אַגודהניקעס אין פּאַלעסטינע אויף יידישע ספּאָרטסלייט, וואָס זענען מחלל־שבת — דאָס אַלץ ווייזט אונז, אַז מיר זענען נישט אַנדערש פון „אַנ־דערע“, ווען מיר האָבן נאָר די געהעריקע מאַכט. אויפן סאַמע וואַרשעווער משפּט איבערן חרם אויף שפּינאָזאַן האָט זיך זייער שאַרף דעמאָנסטרירט אונזער באַזונגענע טאָלעראַנץ — דאָס איז געווען, בעת ד״ר גליקסמאַן, איינער פון די שפּינאָזאַ אַדוואָ־קאַטן, האָט געזאָגט עפּעס, וואָס איז נישט געפעלן דעם פּרו־מען טייל פון עולם, אַן עולם, וועלכער איז באַשטאַנען הויפּט־זעכלעך פון „יודע ספר“, ווי אַ רעפּאָרטער שילדערט אָט דעם עלעמענט. נו, האָבן די „יודע ספר“ געמאַכט אַזאַ טומל, אַז דער רעדנער האָט מער נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן און געמוזט פאַרלאָזן די טריבונע. דערציילט נישט אַזאַ ווילדע אָבסטרוקציע געגן איינעם, וואָס דערוועגט זיך צו מאַכן אַ באַהויפּטונג, מעג זי זיין ווי קרום, וואָס איז די „יודע ספר“ נישט צום הארצן — אַ גאַנץ אַנדער מעשה, ווי די, וואָס די באַזינגער פון אונזער טאָלעראַנץ דערציילן? דאָס איז דאָך דער אייגענער עולם, וואָס האָט מיט הנאה געטראָטן איבער אוריאל אַקאָסטאַס איידעלן קערפּער און מחרים געווען שפּינאָזאַן.

און לאָמיר צום סוף אַרויסזאָגן עפּעס, וואָס וועט אפשר קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, אָבער איז פּאָרט אמת, יעדנפאַלס פאַר מיר און אפשר אויך פאַר אַ סך אַנדערע: דאָס איז, אַז דווקא די איבערצייגונג, אַז מיר זענען נישט בעסער פון אַנדערע אין ענין טאָלעראַנץ; אַז מיר קאָנען אויך זיין אומגערעכט און אפילו גרויזאַם — דווקא דאָס מאַכט גרינגער צו זיין אַ ייד. ס׳איז שווער שטענדיק צו לעבן מיטן געדאַנק, אַז מיר זענען די טרעגער פון אמת, פון יושר, פון גוטסקייט און ליבע אין אַ וועלט פון רשעות. ניין, מיר זענען נישט קיין צדיקים, ווען די באַדינגונגען דערלויבן דאָס... און אויב אונז קומט אויס מער צו ליידן פון אומרעכט, ווי צו באַגיין אומרעכט. איז עס

אַ דאַנק אונזער ספּעציעלער לאַגע, אַלס אַ פאַנאַנדערגעשפּריי־טער מעוט, אָן קירכלעכער, אָדער שטאַטלעכער מאַכט. דאָס באַ־וווסטזיין פון אייביקער מאַרטירערשאַפט איז אַ צו שווערע לאַסט פאַר אַ יחיד, ווי פאַר אַ כּלל, בפרט, אַז די וועלט אַנערקענט דאָס נישט און רעכנט זיך נישט מיט דעם — אַנדערש וואָלטן די פאַרפאָלגונגען אויף אונז אויפגעהערט. ווען מיר וואָלטן זיך נישט באַטראַכט פאַר אַן אומה פון לויטער צדקות און יושר, וואָלט דער שפּינאָזאַ־חרם נישט געלעגן אויף אונזער געוויסן, ווי דאָס מאַרטירערשאַפט פון גאַלילייִ און ברונאָ, ליגט נישט אויפן געוויסן פון דער נישט־יידישער געזעלשאַפט; קיינער טראַכט נישט וועגן רעווידירן זייערע משפּטים, אָדער באַרעכטיקן, צי ריינוואַשן זייערע פייניקער. זיי זענען געווען קרבנות פון רע־ליגיעזער אומטאָלעראַנץ — דאָס איז ביי קיינעם גאָר קיין פראַ־גע נישט. נאָר ביי אונז קאָן מען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק: ס'טייטש, מיר זאָלן זיין אומטאָלעראַנט? און די פראַגע באַאומרויִקט, זעט אויס, סיי די, וואָס רעכטפאַרטיקן דעם חרם, סיי די, וואָס פאַראורטיילן אים מיט די שאַרפסטע ווערטער...

ביבל־קריטיק און ליטעראַטור־קריטיק

די ביבל־קריטיק האָט דורכגעשפּאַנט אַ שווערן מאַרטירער־וועג. איצט איז עס שוין געשיכטע. איצט איז זיך שוין כמעט שווער פאָרצושטעלן, ווי מען האָט מענטשן געטריבן, פאַרפאָלגט, געפּייניקט און אפילו אומגעבראַכט בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך דערוועגט אַרויסצוזאָגן וועלכן־ס'איז ספק אין דער אויטענטישקייט, אָדער פּונקטלעכקייט פון תנ"ך. דער מחבר פון דער ביבל איז גאָט אַליין און דעריבער איז אַלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך, הייליק. דערפאַר איז אויך נישט הארב גענוג יעדע שטראָף פאַר דעם יעניקן, וואָס האָט די חוצפה צו זאָגן, אַז אַ פּינטעלע איז דאָרט נישט אויפן ריכטיקן אָרט; ווער שמועסט שוין, ווען איינער קומט אַרויס מיט דער באַהויפּטונג, אַז די ביבל איז גאָרנישט פון גאָט, נאָר מענטשן האָבן זי געשאַפן, אַז זי איז אַ סך מאָל רעדאַקטירט און פאַרגרייזט געוואָרן — אַזעלכן מעג מען לעבעדיקערהייט אַריינוואַרפן אין אַ קאַלך־אויוון.

די קירך איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער הייליקער ביבל. אויך אונזערע רבנים און סתם גאָטס־סטראַפּטשעס האָבן נישט דערלאָזט אָנרירן אַ קוצו־של־יוד אין תנ"ך. צום גליק האָט דער יידישער קלער נישט געהאַט די גרויסע מאַכט [illegible] דער קריסטלעכער קירך און ביי אונז האָט עס זיך אין ער־

גסטען פּאַל געענדיקט מיט אַ חרם אויפן אפּיקורס, אָדער סתם רדיפות. אָבער יעדער פרומער ייד איז זיכער געווען, אַז חי באַלד איינער געפינט די מינדסטע פּגימה אין דער תורה, איז ער אַ פּושע־ישראל, אַ פאַרפירטער פון שטן, אַלץ, וואָס נאָר אין דער קאָרט.

דאָס פרייע וואָרט פון דער ביבל־קריטיק האָט אָבער סוף כּל־סוף גובר געווען אַלע שטערונגען, אמת, דאָ און דאָרט שטעלט זיך אים נאָך היינט דער קלעריקאַליזם אין וועג, נאָר אין אַלגעמיין האָט די ביבל־קריטיק אַ פרייען באָדן פאַר איר אנאַליז, פאַר איר פאָרשערישע אַרבעט. דאָ איז קיין פראַגע נישט צי קריטיק פון דער ביבל איז שוין אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט. זיכער באַגייט זי טעותים. דער עיקר איז, וואָס זי האָט צו זיך אַ טאָלעראַנטע באַציונג און וואָס דער פריידענקענדיקער מענטש פון אונזער צייט קוקט מיט שוידער און פאַראַכטונג צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווען פאַר אַ פריי וואָרט האָט מען געפייניקט און געבראָטן אויף שייטער־הויפנס.

זַט די אַלע מענטשן פון דער היינטיקער צייט, וואָס שטאָלצירן אַזוי שטאַרק מיט דעם דעמאָקראַטישן גייסט, מיט דער מיינונגס־פרייהייט און טאָלעראַנץ פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, באַטראַכטן די אַמאָליקע, וואָס האָבן אין גאָטס נאָמען אָפּגעטון אַלערליי מעשים תעתועים, פאַר פשוטע באַרבאַרן, פאַר ווילדע פאַנאַטיקער און פינסטערע נשמות. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט די ליבעראַלע וועלט באַגריסט מיט דער גרעסטער פרייד דאָס פאַלן פון צוויי דעספּאָטישע פעסטונגען פון דער קירך, פון דער גריכיש־קאַטוילישער און רוימיש־קאַטוילישער — די ערשטע אין רוסלאַנד און די צווייטע — אין שפּאַניע. עס זענען נאָך פאַרבליבן גאַנץ ווייניק — און דאָס בלויז קליינע, אומבאַדייטנדיקע לענדער, ווו די קירך האָט נאָך אַ מאַכט.

אָבער זענען די אַלע באַזינגער פון טאָלעראַנץ און פרייהייט באמת אַזוי טאָלעראַנט, אַזוי פריי? די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונגען ווייזן, אַז נאָך זייער און ווייט דערפון. מילא,

וואָס עס איז שייך רעוואָלוציאָנ . אידייען און געדאַנקען, זענען מיר כמעט יעדן טאָג ווי דיזעלבע מענטשן, וואָס פון זייערע ליפּן גייט נישט אַראָפּ דאָס שיין-קלינגענדיקע וואָרט „טאָלעראַנץ", ווערן ממש ווילד, ווי נאָר עס קומט צו איין אידייע, אָדער אַ באַוועגונג, וואָס זעט זיי אויס געפערלעך פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. זיי רופן אַליין אַרויס די גייסטער פון פינסטערן מיטלאַלטער, אויב אָט די גייסטער קאָנען זיי העלפן צו פאַרטיליקן די רעבעליע. דיזעלבע באַרבאַרישע מיטלען, וואָס מען האָט אַמאָל אָנגעווענדט געגן יענע, וואָס האָבן געשטעלט אין געפאַר די אויטאָריטעט פון דער קירך, וועלן זיי אָנווענדן געגן די, וואָס שטעלן אין געפאַר די מאַכט פון דעם עקזיסטירנדיקן שטאַט, און זיי וועלן נאָך זיין זיכער ביי זיך, אַז זיי זענען גערעכט, פול מיט יושר...

נישט קיין גרעסערע טאָלעראַנץ ווייזן אַרויס אפילו — און אפשר דערהויפּט — יענע רעוואָלוציאָנערע גייסטער פון אונזער צייט, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלע טראַדיציעס און פאָראורטיילן; וואָס טרעטן-אַרויס מיט דער שאַרפסטער קריטיק געגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און בורזשואַזער מאָראַל. פּראָבירט אַקאָרשט אויסדריקן דעם קלענסטן ספק אין דער ריכטיקייט פון לענינס אַ געדאַנק, אָדער פון סטאַלינס אַן אוקאַז, און די קאָמוניסטישע מאמינים וועלן זיך אויף אייך אַרויפוואַרפן מיט דעם גרעסטן צאָרן, ווי פאַנאַטישע קאַטאָליקן אויף איינעם, וואָס דערוועגט זיך אַרויסצוזאָגן אַן אפּיקורסות בנוגע דער קריסטלעכער אמונה. מילא, אויב איר זענט אין סאָוויעטן-פאַרבאַנד, וועט אייך שוין אסור נישט זיין וואָס מקנא צו זיין. אָבער אויך מחוץ רוסלאַנד האָט איר זיך איינגעקויפט מפטר. רעאַקציאָנער, קאַפּיטאַליסטישער קנעכט, ווייס-גוואַרדייעץ, שונא פון אַרבעטער-קלאַס — דאָס זענען די מילדסטע עפּיטעטן, וואָס מיט זיי וועט אייך יעדער ריטער פון הייליקן לענין-אָרדן מכבד זיין. וואָס דאַרף מען מער — גאַנדי. אויב לענינס נאָמען איז פאַרבונדן מיט קאַמף, מיט רעוואָלוציע, דיקטאַטור, איז גאַנדיס פאַרבונדן מיט שטילער הכנעה, מיט פּאַסי-

פיזם, מיט „נישט שטעלן זיך אַנטקעגן"; אָבער אויך אַ פּרומער־גאַנדיסט קאָן נישט געדולדיק פאַרטראָגן וועלכע־ס'איז קריטיק אויף גאַנדין. ער פאַרגעסט תיכף זיין רבי'ס תורה פון טאָלעראַנץ, געדולדזאַמקייט און פרידלעכקייט און איז אייך גרייט צו ממיתן.

דאָך האָט מען אין די אַלע אויסגערעכנטע פאַלן צו טון מיט פּאָליטיק, פּאַרטיי, באַוועגונגען און אידייען, וואָס קומען אין טאָג־טעגלעכן קאָנפליקט און מ'קאָן נאָך ווי־עס־איז, אויב מ'וויל דווקא געפינען אויף זיי אַ זכות. טאָ וועלן מיר איבערגיין צו אַזאַ געביט, וווּ אפילו אַזאַ מין זכות קאָן נישט שייך זיין, און דאָך איז דאָרט אויף אָט דעם געביט „געפערלעך" צו האָבן אַן אייגענע מיינונג, צו דענקען פריי, צו זען אַביסל אַנדערש ווי אַנדערע — איך האָב דאָ אין זינען ליטעראַטור, קונסט. די וועלט, למשל, באַטראַכט וויליאַם שעקספּירן פאַר דעם גרעסטן דראַמאַטורג פון אַלע צייטן. אפשר איז ער עס. אָבער זיכער האָט איינער אַ רעכט מסופק צו זיין אין דעם. זאָל אָבער דער אויבערשטער אויסהיטן, אַז איר זאָלט אַרויסזאָגן אַ ספק אין שעקספּירס גרויסקייט, אָדער אפילו גרעסטקייט. מ'וועט אייך דערפאַר נישט הענגען, נישט שיסן, נישט פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע, נאָר מבטל זיין וועט מען אייך און מ'וועט אייך מכבד זיין מיט אַזעלכע אַדיעקטיוון ווי „חצוף", „געשמאַקלאָזער מענטש" און ענלעכע. און מיט וואָס זענען דען דידאָזיקע אַדיעקטיוון געשמאַקער ווי „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער" און „חייס־גוואַרדייעץ"?

נישט איינער, וואָס האָט אויסגעדריקט אַן אַנדער מיינונג, ווי די אָנגענומענע, מכּוח שעקספּירן, איז שוין געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט. זענט איר נאָך אַ טאָלסטאָי, מילא, וועט די וועלט נאָך ווי עס איז אַראָפּשלינגען די קריטיק. כאָטש אויך דאָ וועט מען בייז אונטערמורמלען, אַז טאָלסטאָי, כאָטש אַ גרויסער קינסטלער, איז אין זיין אויפפאַסונג פון קונסט געווען אַ בטלן. אָבער אפילו דער גרעסטער שרייבער שרייבט דאָך נישט פאַר לויטער טאָלסטאָיס — אַ שיין פּנים וואָלט די ליטע־

ראַטור געהאַט! ליטעראַטור איז אַ רשות-הרבים און מען וויל. אדרבא, אַז אַלע זאָלן לייענען און הנאה האָבן. האָט דאָך דעריבער אויך אַ פּשוטער חי-וקים אַ רעכט עפּעס צו זאָגן וועגן אַ מחבר און אַ בוך, אַ פּשיטא שוין אַן אינטעליגענטער לייענער. נאָר ווי וועט זיין דעם אינטעליגענטן לייענער, אויב ער האָט אַ שריפטשטעלערישן טאַלאַנט אַרויסצוזאָגן זיינע מיי-נונגען, וואָס וועט זיך דערוועגן צו זאָגן, אַז שעקספּיר... נו, בעסער פאַרן מויל נישט צו ברענגען אַזאַ שוידערלעכע אפיקורסות...

אָדער נעמט געטען, „דעם גרעסטן דיכטער". זאָל איינער אַרויסקומען און זאָגן, אַז געטעס ווערק, אַ חוץ „פאַוסט", זענען צווייט, צי גאָר דריטקלאַסיקע זאַכן, און אַז „פאַוסט" גופא, כאָטש אַ וויכטיק ווערק, איז גאָרנישט אַזוי גוואַלדיק, סיי אין דעם פילאָזאָפישן רעיון, סיי אין קינסטלערישן אויסדריק — אַזאַ איינעם, וואָס דערוועגט זיך אַזוינס צו זאָגן מכוח געטען, דאַרף מען פּשוט אַריינשטעלן אין קונע, אָדער אים אַרומפירן מיט אַ צירק, כדי דער עולם זאָל קאָנען עפנטלעך חוזק מאַכן פון אים. ווען אָט דער „מטורף" וועט נאָך זאָגן, אַז געטעס „ליידן פון דעם יונגן ווערטער", איז אַ סענטימענטאַל, אומבאַ-האָלפן אפילו אומקינסטלעריש ווערק — נו, נו, דאַן דאַרף מען דעם פאַרשוין בכלל אַראָפּוואַרפן פון ערד-קויגל. ווער שמועסט נאָך, אַז דער חברהמאַן וועט נאָך זאָגן, אַז געטע אַליין, מיט זיינע מונדירן, מיט זיין בוקן זיך צו יעדן פּרינצל, מיט זיין קאָקעטירן מיט זיינע עבאָלעטן, איז ווייט נישט געווען קיין סימפּאַטישער מענטש, — דאָס איז ביי אונזערע טאָלעראַנטע, הויך-געבילדעטע מענטשן, ווי ביי אַ פרומען קאַטויליק אויסהערן אַ ספק אין דער בתולהשאַפט פון דער מאַמע מאַריע...

דאָס איז נישט נאָר אַזוי, בעת עס האַנדלט זיך וועגן שעקספּירס און געטעס, אפילו מכוח שריפטשטעלער מיט אַ סך קלענערע רעפּוטאַציעס טאָר מען פאַר זייערע חסידים נישט אויסדריקן קיין צווייפל. דאָס איז אַזוי ביי די אומות-העולם און אַזוי ביי אונז. מיט אַ צייט צוריק האָב איך אַרויסגעזאָגט

אַ שטיקל אַפּיקורסות וועגן בערגלסאָנס פּסיכאָלאָגישן חוש, וואָס ער ווייזט אַרויס אין זיינע ווערק — האָב איך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. בערגעלסאָנס חסידים האָבן אויף מיר געהאָגלט פּאָרוואורפן און ביזן הייגטיקן טאָג קאָנען זיי מיר דאָס נישט מוחל זיין. היינט־זשע פּראָבירט זאָגן, אַז ביאַליקס „נביאישע“ לידער זענען פּוסטע מליצה, — נו, נו... און דאַכט זיך, אַז נישט שעקספּיר, נישט געטע און נישט די אַנדערע גרעסערע און קלענערע וואָרט־קינסטלער זענען — די ביבל... דאָך קאָנען זייערע מאמינים נישט פאַרטראָגן קיין קריטיק אויף זיי, ווי די מאמינים פון דער יידישער און קריסטלעכער רעליגיע קאָנען נישט דולדן קיין קריטיק אויפן תנ״ך.

פרעגט זיך אַ פראַגע: מיט וואָס זענען די היינטיקע, די „הויך־ציוויליזירטע“, די בירגער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט בעסער און טאָלעראַנטער ווי די גאָטס־סטראַפּטשעס פון מיטלאַלטער? יענע, די מיטלאַלטערלעכע, האָבן כאָטש נישט געמאַכט קיין אָנשטעל פון טאָלעראַנץ און זיי האָבן באמת געגלויבט, אַז זיי רעדן און טוען אין גאָטס נאָמען; אַז די תּורה איז ווירקלעך גאָטס בוך, וואָס איז אַראָפּגעדונערט געוואָרן פון באַרג־סיני — און עס איז דאָך נישט שייך, אַז גאָט זאָל מאַכן פעלערן, גאָט זאָל באַגיין טעותים, — אַלץ זאכן. וואָס מ׳קאָן נישט זאָגן אויף אַ שטערבלעכן בשר־ודם, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין אַלס קינסטלער אָדער דענקער. אמת, די מעטאָדן צו באַשטראָפן אַן אפּיקורס זענען היינט אַנדערע, אָבער נישט קיין סך בעסערע, ווי אַמאָל. דאָ, ווו די היינטיקע האָבן די מאַכט אין זייערע הענט אַרויפצוצווינגען זייערע מיינונגען אויף אַנדערע און באַשטראָפן פאַר דענקען און גלויבן אַנדערש — טוען זיי עס אויך נישט מיט קיין זיידענע הענטשקעס. בקיצור, מיר האָבן זיך איצט נישט מיט וואָס איבערצונעמען בנוגע מיינונגס־פרייהייט אַנטקעגן די פרומע, די גאָטס־קאָזאַקן פון אַלטע צייטן...

נעא־אנטיסעמיטיזם

(וועגן נייעם און געפערלעכסטן אַנטיסעמיטישן בוך)

פאַר מיר ליגט — ווי פּראָפּעסיאָנעלע רעצענזענטן דריקן זיך געוויינטלעך אויס — אַ ניי בוך, אַ ניי אַנטיסעמיטיש בוך. נו, אַנטיסעמיטישע ביכער זענען קיין נאָווינע נישט. זיי זענען דאָ אין די הונדערטער, אין די טויזנטער, אין אַלע שפּראַכן, אָבער אין דעם איצטיקן בוך ווערט צום ערשטן מאָל פאָרגעשטעלט אַ נייער אַנטיסעמיטיזם, אַ נייע ריכטונג, אַזוי צו זאָגן, אין דער אַנטי־יידישער־באַוועגונג; לעבן מיר דאָך אין אַ צייט פון ריכטונגען, פון דיפערענצירונגען — טאָ פאַרוואָס נישט אויך אַ נייע ריכטונג, אַ נייע שטרעמונג אין יידנהאַס? דאָס בוך טראָגט טאַקע דעם נאָמען „נעאָ־אַנטיסעמיטיזם", ניי אַנטיסעמיטיזם, הייסט עס.

דער מחבר, ווי עס איז צו זען, שעמט זיך לחלוטין נישט מיט זיין אַנטיסעמיטיזם און ער רופט דאָס קינד אָן מיטן ריכטיקן נאָמען. און, אייגנטלעך, פאַרוואָס זיך שעמען מיט אַ פאַקט, מיט אַ געמיט־צושטאַנד, מיט אַ סענטימענט, וואָס לעבט אין מיליאָנען מענטשן שוין טויזנטער יאָרן? דער פאַקט איז דאָך, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ ריין פאַטאַלאָגיש־פסיכאָלאָגישע דערשיינונג, און די אַלע צוטשעפּעניש, ווי רעליגיע, יידישע אַנדערשדיקייט, יידישע מאַכט, יידישע כיטרעקייט אָדער אפילו אונזער ווייבלעכקייט, ווי דער ייד אָטאָ וויינינגער

האָט דאָס געװען — און אַזוי װײטער און װײטער — זענען בלויז דערקלערונגען, װאָס דערקלערן נישט; באַרעכטיקונגען, װאָס מײנען גאָרנישט. פּשוט: מיר זוכן כּסדר צו דערקלערן אונזערע עמאָציעס, אונזערע שטימונגען און אונזערע דראַנגען — און דער אַנטיסעמיט איז נישט קײן אױסנאַם.

דערפֿון װיל איך דרינגען, אַז אַ גױ האָט רעכט נישט ליב צו האָבן, אפילו פֿײנט צו האָבן אַ ייד — אָט װי מיר אַלײן האָבן אָפּט נישט איבעריק ליב אײנע די אַנדערע. איר װײסט דאָך מסתמא דעם פֿאָלקס־אַנעקדאָט מיט יענעם פּאַטריאָטישן ייד, װאָס האָט ליב אחינו בני ישראל מיט אַן „אָבער": אַ װוּנדערבאַר פֿאָלק, אַ גרױס פֿאָלק איז אונזערס. אָבער... די גאַליציאַנער יידן, זאָגט ער צו זײן חבר — דו װײסט דאָך װאָס פֿאַראַ פֿאַרשװינען זײ זענען: נו, די ליטװישע — בעסער נישט צו רעדן, טרוקענע, קאַרגע; די אונגאַרישע — מנע! בלײבן די יידן פֿון אונזער שטעטל. װײסטו דאָך װױל פֿאַראַ שײנע מענטשן זײ זענען; בלײבן די יידן פֿון אונזער בית־המדרש. קענסטו דאָך זײ — װער מ'שטײנס געזאָגט? געצל, יאָסע, בעריש, גרשון? גראָבע יונגען, גאָרנישטן, בהמות. איז װער בלײבט שוין? איז דו און איך. נו, װער ביסטו אַזױנס? האַ, דו טרײפֿענער בײן, דו, פּאַסקודניק!

מיר זענען נישט אײנגאַנצן קײן אױסנאַם. הערט, װאָס אַ דײטש אָדער אַ פֿראַנצױז פֿון אײן פּראָװינץ זאָגט װעגן אַ דײטש אָדער פֿראַנצױז פֿון אַן אַנדער פּראָװינץ. אָבער בײ קײן שום אומה דערגײט עס נישט צו אַזעלכע עקסטרעמען, װי בײ אונז. מער־װײניקער איז דאָך יעדער מענטש בטבע אַן „אַנטי" צו עמעצן, אָדער אַ סך. אַ פּנים, אַז אַטאַװיזם איז אַ פֿינסטערער כּוח און דאָס „אַנטישקײט" איז אונז געבליבן פֿון יענע װײטע, פּרימיטיװע צײטן, װען מענטש האָט זיך געיאָגט נאָכן קאָפּ פֿון מענטש, אָדער נאָך חיות־רעות און געזען אין יעדן אַנדערן אַ קאָנקורענט, אַ שונא. ס'װעט נאָך מסתמא זײער לאַנג געדױערן, ביז מיר װעלן זיך באַפֿרײען פֿון דער חיה אין זיך, פֿון קנאה־שנאה. בײ אונז איז די פֿראַגע אַ פּיל־פּיפּערע

און ברייטערע: אַט האָט איינער פון די אומות־העולם, וואָס קרויגט זיך אַליין מיטן נאָמען נעאָ־אַנטיסעמיט, געמאַכט אַ פּראָבע צו באַפרייען דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער פּאַטאַלאָגיע... פאַרשטייט זיך, אַז מיר קאָנען אין זיין נעאָ־אַנטיסעמיטיזם אויך זען אַ נייעם תירוץ צו באַרעכטיקן די פּאַטאַלאָגישע שנאה צום יידן, אַ נייע מאַסקע, אָבער, ליידער, שמעקט זיין אַנטיסעמיטיזם מיט צופיל אמת — און אפילו אויף אַן אַנטיסעמיט מעג מען אַמאָל זאָגן אַ שבח!... און וואָס מער איך לייען זיין בוך, אַלץ שטאַרקער ווערט אין מיר די איבערצייגונג, אַז דאָס איז דאָס שעדלעכסטע, דאָס געפערלעכסטע אַנטיסעמיטישע בוך, וואָס אין ווען־עס־איז דערשינען אויף גאָטס וועלט. פּאַקע דערפאַר, וואָס עס טרייסלט זיך אָפּ פון גאַנצן ביז־איצטיקן אַנטיסעמיטישן קלאַפּערגעצייג, פון אַלע בלבולים, וואָס שונאי ישראל האָבן אויסגעטראַכט אויפן יידישן פאָלק.

יידן זענען פאַרייניקט אין אַ „קאָהאַל", אין אַן אינטער־נאַציאָנאַלער מאַכט? — אומזין רופט אויס דער מחבר פון „נעאָ אַנטיסעמיטיזם"; יידן נוצן בלוט צו די מצות — דאָס איז נאָך אַ גרעסערער משוגעת; וועגן שמועסט שוין פון דער יידישער אַמביציע צו פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט — דערפון לאַכט דער מחבר דאָס גרעסטע געלעכטער. נאָר אַ משוגענער האָט געקאָנט צושרייבן אַזאַ אַמביציע דעם פאָלק, וואָס האָט אין פאַרלויף פון לאַנגע דורות נישט געקאָנט פאַרכאַפּן אפילו אַ פּיצעלע טע־ריטאָריע פאַר זיך אַליין. אַט אַזוי צעקלאַפּט דער מחבר איין בלבול נאָכן אַנדערן, וואָס אַנטיסעמיטן האָבן אויסגעטראַכט אויפן יידישן פאָלק, אַז איר מיינט שיער נישט דאָס איר האָט דאָ צו טון מיט אַן אַנטי־אַנטיסעמיט, מיט אַן יידנפריינד, אַ גרויסן פאַרטיידיקער פון יידישן פאָלק, אָבער באַלד זעט איר זיין אמתע כוונה.

דער מחבר, נאָכדעם ווי ער צעקלאַפּט אַלע אַנטיסעמיטי־שע בלבולים, קומט צום אויספיר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז ביז איצט דורכגעפאַלן אויף אַלע פראָנטן און דאָס יידישע פאָלק איז כסדר אַרויס שטאַרקער, דערפאַר, ווייל די אַנטיסע־

מיטן האָבן געזאָגט ווילדע, נאַרישע ליגנס וועגן יידן; זיי האָבן אין אמתן נישט געקענט דאָס יידישע פאָלק, אפילו נישט געמאַכט קיין פאַרזוך עס צו קענען פון אינווייניק, נאָר אָדער זיך געלאָזט פאַרפירן פון פאַלשע אינפאָרמאַציעס, אָדער באַוווסטזיניק געוואָרפן מיט וויסטע שקרים, וואָס האָבן צום סוף געמוזט פלאַצן. דער נעאָ־אַנטיסעמיט האַלט דעריבער, אַז כּדי צו זיין אַ ריכטיקער אַנטיסעמיט און כּדי דער אַנטיסעמיטיזם זאָל האָבן די געהעריקע פעולה אין באַקעמפן דאָס יידישע פאָלק, מוז יעדער אַנטיסעמיט מאַכן אַ גרונטלעכע שטודיע פון יידנטום, לעבן צווישן יידן, זיך אפילו אויסלערנען זייער שפראַך און קלייבן ערשט־האַנטיקע אינפאָרמאַציע. ער, דער מחבר פון „נעאָ־אַנטיסעמיטיזם", האָט דאָס געטון.

זיינע פערזענלעכע שטודיעס האָבן אים, ווי געזאָגט, דערפירט צו אַ נייער אַנטיסעמיטישער אויפפאַסונג — געבויט אויף פאַקטן, אויף דער יידישער רעאַליטעט. מילא, קודם האָט ער אויסגעפונען, אַז דער אַנטיסעמיטישער פזמון וועגן יידישער אייניקייט איז אַ נאַרישער פזמון און אין דער אמתן איז קיין שום פאָלק נישט אַזוי צעריסן צווישן זיך, ווי דאָס יידישע. נאָר דאָס איז גאָרנישט, דער עיקר, וואָס אים פאַראינטערעסירט, אין די פראַגע, פאַרוואָס יידן שעמען זיך מיט זיך אַליין, זוכן כּסדר צו באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם.

„יידן, — שרייבט ער — שטאָלצירן כּסדר מיט זייער גרויסער היסטאָרישער ראָלע. זיי האָבן דער וועלט געגעבן די ביבל, גרויסע גייסטער, נביאים, פּאָעטן, פידער. און דאָך האַלטן זיי זיך אין איין שעמען מיט זיך, אין איין מאַסקירן זיך פאַר פרעמדע. אַ ייד וועט זיך אפילו פאַרשטעלן פאַר אַ סערב, וואָס איז זיכער נישט אַזאַ גרויסער יחוס, אין פאַרגלייך מיט דער יידישער געשיכטע. אַבי נישט זיין ער; אַבי צו מאַכן די וועלט פאַרגעסן, ווער ער איז. פרעגט זיך אַ קשיא: פאַרוואָס באַהאַלטן זיי זיך? מיר ווייסן, אַז נאָר מענטשן, וואָס פירן אָן אַ פאַרברעכערישע טעטיקייט, באַהאַלטן זיך אויס, פאַרשטעלן זיך, היינט־זשע, אויב יידן שעמען זיך מיט זיך אַליין, באַהאַלטן

זיך כסדר, מוז דאָך אין דעם זיין עפּעס אַן אורזאַך, אַ סיבה: דאָס אַליין איז גענוג, אַז מיר זאָלן זיך צו יידן באַציען מיט מיסטרוי, מיט פאַרדאַכט, מיר וועלן נישט וועלן רעדן מיט אַ מענטשן, וואָס קומט צו אונז מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים. מיר געטרויען אים נישט. אָבער יידן טראָגן שטענדיק אַ מאַסקע. זיי באַהאַלטן זייערע פּנימער און זייערע נעמען. מסתמא, ווי געזאָגט, האָבן זיי אַ גוטע סיבה צו פאַרשטעלן זיך."

דאַן קומט דער מחבר צו דער יידישער באַציונג צו יידן, פון דער יידישער פאַראַכטונג צו זיך אַליין.

„ביי קיין שום פאָלק אויף דער וועלט האָב איך נישט באַגעגנט אַזאַ פאַראַכטונג צו זיך אַליין, ווי ביי יידן — שרייבט דער נעאָ-אַנטיסעמיט — זיי האָבן אפילו געשאַפן אַזעלכע ווערטלעך, ווי „מיט אַ יידן איז בלויז גוט צו גיין אין שול אַריין"; „לעבן זאָל מען צווישן גוים און שטאַרבן צווישן יידן" און ענלעכע. אַלץ, וואָס איז ביי זיי אַליין, טויג נישט; אַלץ וואָס איז ביי פרעמדע, איז גוט. זיי האָבן דרך-ארץ פאַרן מינדסטן גוייִשן שרייבער און קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די גרעסטע פון זייערע אייגענע שרייבער, כאָטש — אויף וויפיל איך בין באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור — האָט זי באַדייטנדיקע שריפטשטעלער, וואָס יעדע ליטעראַטור וואָלט מיט זיי שטאָלצירט. נאָכמער: אַן אינטעליגענטער ייד, וואָס קאָן מער אָדער וויניקער אַ פרעמדע שפּראַך, ווערט מיט אַ באַזונדער פרייד און שטאָלץ אייך יעדע ווילע מעלדן, אַז ער ווייסט נישט די יידישע ליטעראַטור, אַז זי עקזיסטירט גאָרנישט פאַר אים".

און דאָ גייט דער מחבר איבער צו דער יידישער שפּראַך

„אין דער באַציונג פון יידן צו זייער אייגענער שפּראַך, קאָן מען צום בעסטן זען די יידישע פאַראַכטונג צו זיך אַליין. עס איז גענוג, אַז איר זאָלט אין אַ יידישער קראָם רעדן יידיש, אָט ווי איך האָב דאָס אייניקע מאָל פּראָבירט צו טון, אַז מען זאָל אייך באַהאַנדלען ווי אַ שנאָרער, פון אויבן-אַראָפּ, מיט פאַראַכטונג. אַ ייד פילט זיך מיט זיין יידישער שפּראַך נישט ווייניקער פרעמד צווישן יידן, ווי צווישן גוים. ביים יידישן

דאָקטאָר, ביים יידישן דענטיסט, אין דער יידישער אינסטיטוציע — אומעטום מוז דער יידישער רעדנדיקער ייד זיך ברעכן די צונג אויף אַ פרעמדע שפּראַך, אויב ער וויל קריגן אַמענטשלעכע באַהאַנדלונג. אָבער דידאָזיקע יידיש־רעדנדיקע יידן אַליין האָבן נישט דעם געהעריקן דרך־ארץ פאַר איינעם, וואָס רעדט יידיש און זיי כאַפּן־אַראָפּ מיט יראת־הכבוד דאָס היטל פאַר יעדן, וואָס רעדט אַ נישט־יידישע שפּראַך. זיי וועלן זיך באַציען מיט אומצוטרוי צו אַ דאָקטאָר, אָדער אַדוואָקאַט, וואָס וועט זיך צו זיי ווענדן אויף פּשוט יידיש. דאָ האָבן מיר, אַלזאָ, צו טון מיט אַזאַ מין קעגנזייטיקער באַציונג צו זיך אַליין, וואָס כאַפּט אַרום אַלע קלאַסן פון פאָלק".

דער מחבר פון „נעאָ־אַנטיסעמיטיזם" האָט אויך אַ וואָרט וועגן יענע יידישע ראַדיקאַלן, וואָס צאַצקען זיך מיט די גענען „קאָסמאָפּאָליטן" און „אינטערנאַציאָנאַליסטן" און וואָס ציטערן פאַר אַ קאַפּיטשקע יידישן אויסדרוק, יידישן באַטאָנונג, ווי דער שטן פאַר ווייררויך. אַז יידן וועלן אַרבעטן פאַר טערקיש, פאַר האָטענטאָטיש, וועלן זיי נישט מורא האָבן פאַר חלול־אינטערנאַציאָנאַליזם: „אָבער אַזוי שנעל, ווי זיי דערהערן רעדן וועגן יידישן לשון, יידישע אחריותן, ווערן זיי ממש פאַרצאַפּלטע — און זיי הויבן־אָן צו קוויטשען „נאַציאָנאַליזם". „שאָוויניזם". אין אמתן פאַרטיידיקן זיי די אַסימילאַטאָרישע תורה, ווערליק ווערלכער עס קומט אויס, אַז כדי צו האָבן אַ ברידערלעכע, פאַרברודערטע מענטשהייט, דאַרף דאָס יידישע פאָלק קודם פאַרטיליקן זיך אַליין — און אין סך־הכל רעדט פון זיי די טיפּישע פאַראַכטונג צו זיך אַליין".

פרעגט דעריבער דער מחבר, מיט רעכט:

„אויב יידן פאַראַכטן זיך אַליין — ווי קאָנען זיי פאָדערן צו זיך אַכטונג פון אַנדערע? יידן קענען זיך דאָך צום בעסטן און אויב זיי פאַראַכטן זיך אַזוי, איז עס דאָך דער שטאַרקסטער סימן, אַז זיי פאַרדינען פאַראַכטונג פון אַלע אַנדערע אומות. און אויף אָט די אמתן — דאָס שטענדיקע באַהאַלטן זיך מצד די יידן און זייער פאַראַכטונג צו זיך אַליין, זייער

שעמען זיך מיט זיך אַליין — דאַרפן אָוועקגעשטעלט ווערן די יסודות פון נייעם אַנטיסעמיטיזם, מיר ווילן נישט האָבן צו טון מיט מענטשן, וואָס שעמען זיך מיט זייער פנים און זייער נאָמען; וואָס פאַראַכטן זיך אַליין, וואָס קומען צו אונז, ווי שנאָרערס, נאַקעטע, און בעטלען ביי אונז אויס אָביסל מלבושים — די קליידער פון שפּראַך און קולטור, וואָס אָפּט פּאַסן זיי גאָר־נישט אויף זיי, אָדער זיי זענען צו שמאָל, אָדער צו ברייט. מיר קאָנען נישט האָבן צו טון מיט אַזעלכע לייט. זיי רופן אין אונז אַרויס אַ באַרעכטיקטן חשד, אַז ווער ווייסט, וואָס זיי האָבן אויף זייערע געוויסנס, אויב זיי מוזן זיך אומאויפהערלעך פאַרשטעלן, פאַרלייקענען, סיי צווישן זיך אַליין, סיי צווישן פרעמדע".

ווער איז דער מחבר פון דעם בוך? נו, איך וועל אייך אויסזאָגן דעם אמת, אַז אַזאַ אַנטיסעמיטישער מחבר איז דערווייל נישטאָ. דאָס האָב איך אַליין אויסגעטראַכט אַזאַ בוך, ווייל נישט איינמאָל קלער איך, אַז וואָס וואָלט טאַקע געווען, ווען עס קומט־אויף אַזאַ אַנטיסעמיט, וואָס אָנשטאָט אויסצוטראַכטן אויף אונז נאַרישע בלבולים, זאָגט ער וועגן אונז אַ פּאָר אמתן? וואָלט דאָס נישט געווען דער שעדלעכסטער, דער געפערלעכסטער אַנטיסעמיטיזם? און אפשר דאַרפן מיר בעטן אויף אַזאַ נעאָ־אַנטיסעמיט. דאַן וואָלטן מיר געקאָנט אַ קוק טון אין קרומען שפּיגל פון אונזער ווירקלעכקייט און ווי אַ פּועל־יוצא אפשר געענדערט די באַציִונג צו זיך אַליין...

א. אלמי

א בריוו פון א ווילדן

איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון אַ ווילדן, פון אַ פּרא־אדם. דאָס הייסט: ער אַליין, דער בריוו־שרייבער, איז נאָך נישט זיכער ביי זיך, צי ער איז באמת אַזוי ווילד, אַזוי פּרי־מיטיוו, ווי מ׳זאָגט אויף אים, צוליב די מאָדנע קלאָץ־קשיות, וואָס ער פרעגט, און ער וויל דעריבער, אַז איך זאָל אים ענט־פערן, אויב ער איז טאַקע אַזאַ מוראדיקער פרא־אדם. אַזוי ווי איך וויל נישט נעמען אויף זיך אַזאַ הארבע שאלה, וואָס פון דער תשובה אויף איר איז אָפּהענגיק דער משפּט איבער אַ מענטשן, אַ יונגן מענטשן דערצו, צי ער איז אַ בהמה בצורת אדם, אָדער אַ ציוויליזירטער פּאַרשוין, בכן וועל איך דאָ איבער־געבן זיין בריוו אָט אַזוי ווי ער שטייט און גייט — זאָל דאָס פאָלק משפּטן, מחמת איר ווייסט דאָך דעם פּזמון: קול המון כקול שדי...

אין זיין בריוו שרייבט דער ווילדער מענטש אָט־אַזוי:

מיין ליבער הער! איך בין אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ קליין דערפעלע אין די בערג. פרי געוואָרן אַ קיילעכיקער יתום און אַרומגעשלעפּט זיך קריאה־בליה, געדאַרפט אויסבעט־לען אַ שטיקל ברויט ביי גוטהאַרציקע מענטשן, שווער און ביי־טער געאַרבעט, מיטן שווייס פון פּנים, און אָפּגעלעבט ביז אַ שטיק אין דער יוגנט אַריין אין דעם דערפל, נישט אָנגעזען

קיין אַנדערע מענטשן, אַ חוץ די געציילטע נפשות, ס׳רוב אַלטע לייט, פון דעם פאַרוואָרפענעם ישוב, נישט געוווּסט פון דער וועלט.

אָבער איך האָב אַלעמאָל ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו די שמועסן, וואָס די דאָרפסלייט האָבן געפירט און פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דער גרויסער וועלט, מיט אירע ריזיקע שטעט, הויכע מויערן און קלוגע לייט. באַזונדערס בין איך נייגעריק געווען צו הערן די רייד פון אַ יונגן, געזונטן בחור, אַ זון פון אונזערן אַ דאָרפסמאַן, וואָס האָט זיך אַריבער־געכאַפּט אין דער גרויסער וועלט אַריין, אויסגעווען ווו נאָר אַ מדינה און אַ שטאָט און דערנאָך, טאַקע נישט לאַנג צוריק, זיך אומגעקערט אַ היים, אין דאָרף אַריין.

פון דעמדאָזיקן יונג בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די וועלט ווערט באַהערשט פון אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם; אַז די ראָקפעלערס, מאָרגאַנס, גולדס, גוגענהיימס, פאָרדס און וואַנ־דערבילדס האָבן די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט, אַז פון זיי איז אָפּהענגיק דאָס לעבן און טויט, זיי האָבן מעכטיקע אַרמייען און זיי פירן מלחמות מיט אַנדערע לענדער, וואָס ווערן רעגירט פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטן. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז אויפן ערד־קוגל איז פאַראַן בלויז איין לאַנד — רוסלאַנד הייסט עס — ווו נישט די רייכע, די קאַפּיטאַליסטן, הערשן, נאָר די אַרבעטער און פּויערים, בקיצור, די, וואָס בויען און שמידן, אַקערן און זייען.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך פון דעם דאָרפסיונג אָנגעהערט אַזעלכע טשיקאַווע זאַכן וועגן דער וועלט, האָב איך באַשלאָסן איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל זיך אַרויסצורייסן פון דעם קליינעם דערפל, וואָס אין די בערג, און אַוועק צו דער ציוויליזאַציע, ווי דער יונג האָט דאָס אָנגערופן. אַזוי ווי דאָס לאַנד, ווו די אַרבעטער און פּויערן רעגירן, איז, ווי ער האָט דערקלערט, זייער־זייער ווייט און דאָס לאַנד, ווו די קאַפּיטאַליסטן רעגירן, איז זייער נאָענט, האָב איך באַשלאָסן פריער צו גיין אַהין, ווו עס איז נאָענט, ממש אונטער דער נאָז.

געטראַכט און געטון. און אַט בין איך שוין אין דער גרויסער שטאָט, ווו די קאַפּיטאַליסטן הערשן. די ערשטע עט־לעכע שעה אין דער ריזן־שטאָט האָט מיך פאַרבלענדט און פאַר־טויבט און איך האָב זיך געוואַקלט אויף די פיס, ווי אַ שיכור. דער נאָקן האָט מיר אָנגעהויבן צו ברעכן פון פאַרייסן כסדר דעם קאָפּ צו די הויכע מויערן, וואָס אַזעלכע האָב איך אפילו אין חלום נישט געזען. אָבער ביסלעכווייז האָב איך זיך צו־געוווינט און איך האָב אָנגעהויבן באַטראַכטן די מענטשן, וואָס האָבן מחנותוויז געשטראָמט, אָן אויפהער, אין די גאַסן.

ביי איין ראָג האָב איך געזען אַזאַ סצענע: אַן אַלטע געקנייטשטע פרוי איז געשטאַנען מיט אַ קוישל עפּל און מיט אַ הייזעריקער, שוואַכער שטים געבעטן ביי די פאַרבייגייער, אַז זיי זאָלן איר געבן צו לייזן. נאָר דאָ איז אָנגעקומען עפּעס אַ פאַרשוין אין אַ בלאָען אוניפאָרם, — אַ פּאָליציסט, ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען — און אַ בריק געטון מיטן פוס דעם קוישל עפּל, אַז די עפּל זענען זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן גאַס. ווען די אַלטיטשקע האָט פּראָטעסטירט, האָט דער אוניפאָרמירטער פאַרשוין זי אַ כאַפּ געטון ביים אַקסל און אָנ־געהויבן ערגעץ שלעפּן — אין תפיסה אַריין, ווי איך בין דער־נאָך געוואָר געוואָרן.

דאָס רחמנות אויף דער אַלטער, הילפלאָזער פרוי האָט מיר פאַרקוועטשט ביים האַרץ און איך האָב באַשלאָסן זיך איינ־צושטעלן פאַר איר. מיסטער ראָקפעלער! — האָב איך צום פּאָליציסט אַ זאָג געטון מיט געבעט, — די פרוי איז אַלט און קראַנק און זי דאַרף עסן. פאַרוואָס זאָלט איר זי שלעפּן און איר שטערן צו פאַרדינען אויף איר אָרימער חיונה? דער פאַר־שוין האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט די אויגן, ווי אויף אַ משו־גענעם און מיך אָנכאַפּנדיק ביים אָרעם, האָט ער אַ געשריי גע־טון: — וואָס פּלוידערסטו דאָרט? און וואָס פאַרא ראָקפעלער בין איך דיר?

— אָ, אַנטשולדיקט, — האָב איך איבערגעבעטן דעם פאַר־שוין אין אוניפאָרם — איך האָב געמיינט, אַז איר זענט ראָק־

פּעלער... זענט איר, הייסט עס, נישט? נו, אויב אַזוי זענט איר זיכער וואַנדערבילד... הא? אָדער אפשר מאָרגאַן... אויך נישט?... אין פּאָרד, איז גוגענהיים... ניין? אָבער... פאַרוואָס שלאָגט איר מיך מיט אָט דעם שטעקן? מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט?... וווהין שלעפּט איר מיך?... — אָט אַזוי האָב איך געטענהט און זיך געבעטן ביי דעם פּאַרשוין. נאָר ער האָט מיך נישט געהערט, אַוועקגעפירט מיך פריער אין עפּעס אַן ענגן דושנעם פּלאַץ, וואָס זיי רופן געפענגעניש; דערנאָך אין עפּעס אַן אַנשטאַלט, ווו מענער און פרויען האָבן דאָרט געשוועבט אַהין און צוריק אָנגעטון אין ווייסן פון קאָפּ ביז די פיס. עטלעכע פון די ווייס־געקליידטע האָבן מיר געשטעלט מאָדנע פראַגן, געקוקט מיר אין די אויגן אַריין, געהייסן מיך רעכענען און צום סוף אַרויסגעזאָגט: קיין בולטע סמנים פון משוגעת איז אין אים נישט צו מערקן. קוים איך האָב זיך באַפרייט פון זייערע הענט.

שפּעטער האָב איך אָפּגעשטעלט אַ פאַרבייגייער אין גאַס, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אין האַלב צעריסענע קליידער, וואָס דערפון האָב איך געדרונגען, אַז ער געהערט צו די אָרימע, וואָס די רייכע הערשער דריקן אונטער. אים האָב איך געבעטן, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין און דערקלערן, צו וואָס פאַראַ מיליאָנערן־משפּחה דער פּאָליציסט, וואָס האָט אַרעסטירט די אָרימע פרוי, געהערט, מחמת איך ווייס בלויז עטלעכע נעמען פון מיליאָנערן און מיליאַרדערן. דער אָרימער מענטש האָט געלאַכט, געכאַפּט זיך ביי די זייטן. אָבער צום סוף, אַז ער איז געוואָר געוואָרן, דאָס איך קום נאָר־וואָס פון אַ דערפל אין די בערג, האָט ער מיט מיטלייד געשאָקלט דעם קאָפּ און מיר דערציילט, אַז דער פּאָליציסט איז אַליין פון אונזערע מענטשן, פון די קבצנים, הייסט עס, און ער קריגט אַ גאַנץ מאָגערן לוין.

דאָס האָב איך שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען. דער דאָרפס־יונג, וואָס איז צוריקגעקומען פון דער גרויסער וועלט, האָט דאָך מיר בפירוש געזאָגט, אַז בלויז איין לאַנד איז פאַראַן אויף

ידער וועלט — רוסלאַנד — ווו ווי אַרבעטער הערשן. טאָ ווי קומט עס, וואָס אויך דאָ, ווו עס איז, ווי מען זאָגט מיר, אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, האָבן די אָרימע אַן אייגענע פּאָליציי? און אויב די אָרימע האָבן שוין יאָ אַן אייגענע פּאָליציי, פאַר־וואָס־זשע שלאָגט זי אַן אָרימע אַלטע פרוי, וואָס וויל פאַרדינען עטלעכע גראָשן אויף ברויט? נאָר דער פאַרבייגייער האָט מער קיין צייט און קיין געדולד נישט געהאַט און וואַרפנדיק אויף מיר אַ רחמנותדיקן בליק, האָט ער זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

איך האָב זיך ווייטער געבלאָנקעט אַליין אין די גאַסן און זיך צוגעקוקט צום אַרומיקן לעבן. פּלוצלינג דערהער איך אַ געשריי, אַ טומל: עקסטראַ! עקסטראַ! מלחמה דערקלערט! מאָביליזאַציע שוין אָנגעהויבן! אַהאַ — טראַכט איך — די קאַפּיטאַליסטן שלאָגן זיך שוין. מילא, זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט! וואָס גייט עס אונז, קבצנים, אָן? אָבער אַזוי ווי איך גיי אַזוי פאַרזונקען אין מיינע געדאַנקען, וואַקסט נעבן מיר אויס אַ מאַן מיט אַ ביקס. ער באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס, פרעגט מיך ווי אַלט איך בין און אַנדערע קשיות. דאַן נעמט ער מיך ביים האַנט און פירט מיך. איך קוק אויף דעם פאַרשוין מיטן ביקס און בין נייגעריק צו וויסן, צי ער איז דאָס אפשר דער באַרימטער ראָקפעלער, אָדער וואַנ־דערבילט, צי מאָרגאַן, צי גאָר הענרי פאָרד... נאָר פרעגן אים האָב איך שוין מורא געהאַט, גיי איך מיט אים און ער פירט מיך אַריין אין עפּעס אַ גרויסן זאַל, ווו עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע יונגעלייט, ווי איך. מען טוט אונז אַלע אויס נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אונז געהאַט. אַ נפש אין ברילן באַטאַפּט מיך, קוועטשט מיך און וועגט מיך און גיט דערנאָך אַ ברום אַרויס: גוט פאַר אַ זעלנער!

דערהערט דאָס וואָרט „זעלנער", שיס איך אַרויס מיט אַ געלעכטער: נו, זיי האָבן געהאַט אַ טעות, אָט די לייט! זיי מיינען אַ פּנים, אַז איך בין אַ מיליאַרדער, אָדער כאָטש אַ מי־ליאָנער און זיי ווילן מיך דעריבער שיקן פאַרטיידיקן זייער קלאַס געגן אַן אַנדער קלאַס קאַפּיטאַליסטן... געפעלט מיר דער

שפּאַס, אָבער אַז איך זע, אַז עס פאַרגייט שוין צו ווייט, זאָג איך צו איינעם פון די פאַרשוינען אין ברילן: מיסטער, איר האָט געהאַט אַ שרעקלעכן טעות! וואָס פאַראַ טעות? — וויל ער וויסן. אייער טעות, צי איך די ווערטער, באַשטייט דערין, וואָס איר מיינט דאָך, אַז איך בין אַ מיליאָנער, אָבער אין דער אמתן בין איך אַ קבצן, אַן אָרימער פויער... און דערפאַר טויג איך נישט פאַר אייער מלחמה!

— דאַכט זיך, אַז ער איז אַן אידיאָט! — האָט דער פאַרשוין אין ברילן (ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט איז ער געווען אַ דאָקטאָר) אַ בורטשע געטון און ער האָט צוגערופן נאָך אַ פאַרשוין אין ברילן און זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אויף עפּעס אַ מאָדנער שפּראַך. צום סוף האָבן זיי אַרויסגעזאָגט זייער פּסק־דין, אַז אויף שיילן קאַרטאָפלעס וועל איך, אויפן ערגסטן פאַל, טויגן... אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען אויף מיר אַרויפגעצויגן אַ שווערן אוניפאָרם מיט מעשענע קנעפּ, עפּעס אַ קאָמיש היטל און מאָדנע שיך און — מען האָט מיך געהייסן מאַרשירן און שרייען: הורא, פאַרן פאָטערלאַנד!

קיין ברירה האָב איך נישט, מאַרשיר איך און שריי, אָבער אין האַרצן טראַכט איך ביי זיך, אַז באַלד ווי איך וועל קומען אין דער מלחמה אַריין און די גענערעלער וועלן אויסגעפינען, אַז איך בין נישט קיין מיליאָנער, נאָר אַ פּראָסטער קבצן, וואָס דערפאַר בין איך נישט ראוי אָנטייל צו נעמען אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מלחמה, וועט מען מיך אַרויסוואַרפן פון דער מלחמה אַרויס און די פאַרשוינען אין די ברילן, וואָס האָבן מיך אַהערגעשיקט, וועט מען אַריינוואַרפן אין תפיסה אַריין, אָדער זיי גאָר דערשיסן. דערווייל צערעד איך זיך מיט די אַנדערע זעלנער, וואָס מאַרשירן מיט מיר זייט־ביי־זייט און וויל ביי זיי דווקא אויסגעפינען צו וועלכע מיליאָנערן־משפחות זיי געהערן.

איז, וואָס מיינט איר, האָבן זיי מיר געענטפערט? איינער האָט מיר געענטפערט, אַז איך בין אַ לץ; אַן אַנדערער האָט געטענהט, אַז איך בין שיכור; אַ דריטער האָט מיר סתם אַ

געשריי געט ן אין אויער אַריין, אַז איך זאָל אים אויפהערן האַקן אַ טשייניק און נישט נודיען, מחמת עס איז אים אַזוי אויך פּאַסקודנע אויפן האַרצן און אויב איך וועל אים נישט לאָזן צו רו, וועט ער מיר אויסזעצן אַן אויג מיט אַ צאָן. אָבער דאָך האָב איך אָנגעטראָפן אויף איינעם פון די זעלנער, אַ שטיל נעבעכדיק מענטשל, וואָס האָט מיך רויִק אויסגעהערט און דערוויסנדיק זיך ווער איך בין און פון וואַנען איך קום, האָט ער זיך מיט מיר אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, דערקלערט מיר, אַז די מלחמה איז טאַקע אַ קאַפּיטאַליסטישע, אָבער די זעלנער זענען אָרימע טייוולאָנים, האָרעפּאַשניקעס, הונגערשטאַרבערס.

בין איך זיכער געווען, אַז ער בלאָפט מיך — אָט אַזאַ שטיל מענטשל זאָל אַזוי בלאָפן! וואָס הייסט, אַז די מלחמה איז אַ קאַפּיטאַליסטישע און די זעלנער, וואָס פירן די מלחמה, זענען אָרימע יונגען, אַרבעטער און פּויערים, וואָס אָדער זיי אַרבעטן שווער און ביטער, אָדער זיי שלעפּן זיך אַרום ליידיק און פּגרן פון הונגער? ניין, איך קאָן דאָס נישט גלויבן! אויב די זעלנער זענען אָרימע, איז עס דאָך אַן אַרמיי פון אָרימע און ממילא איז שוין די מלחמה אַן אָרימע, דאָס הייסט פון אָרימעלייט... טאָ נאָך וואָס שלאָגן זיי זיך און געגן וועמען שלאָגן זיי זיך? וויבאַלד די אָרימע האָבן אַזאַ ריזיקע אַרמיי, קאָנען זיי דאָך אויסקעמפן פאַר זיך וואָס נאָר זייער האַרץ גלוסט — טאָ ווי קאָן איך גלויבן, אַז זיי פירן גאָר אַ קאַפּיטאַליסטישע מלחמה? אַ קאַפּיטאַליסטישע מלחמה הייסט ביי מיר אַזאַ מלחמה, ווו ראָקפעלער, מאָרגאַן, גולד, גוגענהיים, פאָרד און זייערס גלייכן גייען אַרויס מיט ביקסן אין די הענט און שיסן זיך איינע די אַנדערע.

אָבער וועמען פון די זעלנער איך האָב דאָס געזאָגט, האָט ער אָדער געכיכיקעט, אָדער געזאָגט, אַז איך רעד ווי אַ פאָלנער אידיאָט, אָדער סתם מיך געהייסן האַלטן ס'מויל, וואָרום, אַז עס וועט דערגיין אַהין און אַהין, וועט מען מיך דערשיסן! ווער וועט מיך דערשיסן? ראָקפעלער, מאָרגאַן, אָדער

איינער פון זייערע מיליארדערישע חברים? א נעכטיקער טאָג דערשיסן וועלן מיך טאַקע די קבצנים, די אָרימע האָלעדריגעס וואָס מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין זעלנערישע שטיוול. געהערט א מעשה! און דאָ גייען זיי נאָך, די זעלנער, און קרעכצן און שעלטן די מלחמה? פרעג איך זיי: נאָכוואָס דאַרפט איר שעלטן די מלחמה? נעמט די פיס אויף די פלייצעס און גייט זיך געזעגענען אַהיים. ענטפערן זיי מיר ווידער, אַז פאַר אַזאַ מעשה שיסט מען... פאַרשטיי איך ווידער נישט: אויב איר וועט אַהיים גיין — ווער וועט שיסן? לאָמיר זאָגן, אַז טאַקע ראָקפעלער און מאָרגאַן און גולד און גוגענהיים. אָבער זיי זענען דאָך נאָר אַ קליין הייפעלע און איר זענט מיליאָנען און מיליאָנען — ווי־זשע קאָנען זיי זיך פאַרמעסטן געגן אייך? ווי שעמט איר זיך נישט צו זאָגן, אַז זיי הערשן איבער אייך, אַז זיי צווינגען אייך צו גיין אין מלחמה אַריין — געגן אייער ווילן?

דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט מיך פון דער מלחמה טאַקע אַרויסגעוואָרפן, נאָר נישט דערפאַר, וואָס איך בין נישט געווען קיין מיליאַרדער אָדער כאָטש אַ מיליאָנער, נאָר דערפאַר, וואָס אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים האָט אָפּגעפּאַסקענט, אַז עס פעלט מיר אַ קלעפּקע אין מוח. און דאָס, האָט מען מיר דערנאָך פאַרזיכערט, האָב איך נאָך גליקלעך אָפּגעשניטן, וואָרום פאַר אַזעלכע רייד ווי מיינע, מאַכט מען פּיף־פּאַף — דערשאָסן אָן דין און אָן משפט... נו, אַ שיינע מעשה כ'לעבן! — איך בין גאָר אַן אידיאָט, אַ משוגענער און נישט זיי, די מיליאָנען, וואָס לאָזן זיך באַהערשן פון אַ נישטיק הייפעלע מענטשן...

אַזוי שנעל ווי איך בין באַפרייט געוואָרן פון דער מלחמה, האָב איך זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין, געוואַנדערט און געוואָגלט, ביז איך בין געקומען אין אַן אַנדער מדינה, אָנגעקומען בין איך דאָרט, בעת און לאַנד האָט געהערשט אַ גרויסע מהומה אַ טרעוואָגע, אַ שיסעריי אין די גאַסן. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז עס קומט פאָר אַ רעוואָלוציע. וואָס איז דאָס אַ רעוואָלוציע? וואָס וויל אַזעלכעס די רעוואָלוציע? דערציילט מען מיר, אַז די רעוואָלוציע איז אַ רעוואָלוציע פון די אָרימע

געגן די רייכע, וואָס דריקן און שטיקן זיי, פון די האָרעפּאַשניקעס געגן די ליידיקגייערס, וואָס נעמען אַוועק דאָס ביסן ברויט פון די אביונים.

דאָס איז מיר זייער שטאַרק געפעלן און איך האָב זיך תיכף אָנגעשלאָסן אָן די אָרימע. ענדלעך וועל איך זיין אין דער מחנה, ווו איך געהער... בראַוואָ! — האָבן מיר די רעוואָלוציאָנערן געקלאַפּט אין פּלייצע אַריין. נו, און ווער זענען יענע, אויף דער אַנדערער זייט גאַס, וואָס שטעלן אָן די ביקסן אויף אונז צו שיסן? זענען דאָס די קאַפּיטאַליסטן? — משוגעע מיינע שונאים! — ענטפערט מען מיר, — זיי זענען געשיקט פון די קאַפּיטאַליסטן. — אָבער וואָס זענען זיי אַליין געווען, איידער די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיי געשיקט אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד פון אָרימען פאָלק? — וואָס הייסט,—וואָס זיי זענען געווען? אָט אַזוי ווי מיר אַלע, אָרימע, קבצנים, דלפנים... אין דער היים האָבן זיי ווייבער און קינדער, וואָס קראַפּירן פון הונגער. — נו — פרעג איך ווייטער — הייסט דאָך עס, אַז צופעליק זענט איר דאָ, אויף דער זייט גאַס, ווו עס קעמפט דאָס אָרימע פאָלק, און זיי, אויף דער אַנדערער זייט גאַס, פון וואַנען מען שיסט אין אָרימען פאָלק? נישט אַזוי? גראָד אין אָט דער צייט אויסגעפאַלן, אַז זיי זענען זעלנער און איר זענט ציווילע; עס האָט געקאָנט זיין פונקט פאַרקערט: זיי זאָלן זיין ציווילע און איר זאָלט דינען אין מיליטער... דאַן וואָלטן זיי געמאַכט די רעוואָלוציע און איר וואָלט אין זיי געשאָסן. האַ?

זיי האָבן מודה געווען, אַז אַזוי איז עס... און מיר איז שיער דער קאָפּ נישט צעשפּרונגען געוואָרן פון גרויס צעטומלעניש. וואָס טוט זיך דאָ?! דאָס איז דאָך אַ רעוואָלוציע פון אָרימען פאָלק געגן דער רייכער, קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. אָבער אין אמתן איז עס אַ שלאַכט צווישן אָרימע אין ציווילע קליידער געגן אָרימע אין מיליטערישע קליידער; פונקט ווי מלחמה איז אַ קאַמף צווישן אָרימע מיט אָרימע... הייסט עס דאָך ווידער, אַז די גאַנצע וועלט ווערט באַהערשט פון אָרימע, פון אַרבעטער, פויערים און סתם קבצנים — סיי די פּאָליציי, סיי

די אַרמיי און פּאָט איז זייערע... נאָר נישט מער... זיי נוצן אויס זייער מאַכט צו באַשיצן די קליינע הייפעלעך רייכע און נאָך גרעסער מאַכן זייערע פאַרמעגנס אויפן חשבון פון די הונגעריקע מאַסן. ווער־זשע איז דאָ שולדיק? פאַרוואָס זאָל מען זידלען די קאַפּיטאַליסטן און שרייען, אַז זיי אונטערדריקן די אָרימע, מאַכן שחיטות און טוען אָפּ אַלערליי מעשים־תעתועים, ווען אין דער אמתן טוען דאָס די אָרימע אַליין? זאָלן די אָרימע נישט צושטעלן די רייכע קיין פּאָליציי און קיין זעלנער, אָדער אויסנוצן די פּאָליציי און אַרמיי פאַר זיך אַליין — דאַן וועט מען פאַרשפּאָרן אַלע טענות און רעוואָלוציעס.

איינער פון די, צו וועלכע איך האָב אַזוי גערעדט, האָט באַמערקט, אַז אַזוי האָט דאָך טאַקע טאָלסטאָי געזאָגט: זאָל דאָס אָרימע פאָלק נישט געבן קיין זעלנער און קיין פּאָליציי, וועט מען פאַרשפּאָרן רעוואָלוציעס. נו, איך ווייס נישט ווער דער טאָלסטאָי איז געוועזן, אָבער אויב ער האָט געזאָגט דאָס, וואס ער האט געזאגט, איז ער זיכער קיין נאַר נישט געוועזן, טאָ פאַרוואָס זאָגט מען אויף מיר, אַז איך בין משוגע, אַן אידיאָט, אַ ווילדער, אַ פּרא־אדם? ענטפערט מיר, איך בעט אייך, ווער עס איז אַ בהמה?

א. אלמי

איינער פון א מיליאן*)

איינער פון אַ מיליאָן איז געזעסן שפּעט אין אָוונט בײַ זיך אין אָרעמען שטיבל און זיך געהוידעט אויף דער אַלטער וויג־שטול, אַ ירושה נאָך פון עלטער־זיידן. ווײַב און קינדער זענען שוין געשמאַק געשלאָפן, שווער אונטערגעכראָפּעט. אים האָט זיך עפּעס נישט געגלוסט צו גיין שלאָפן. ס'האָט זיך אים הײַנט פאַרגלוסט אַביסל טראַכטן. ווען האָט דען איינער פון אַ מיליאָן צײַט צו טראַכטן? ווען מ'אַרבעט, איז מען אַזוי פאַר־האָרעוועט, אַז אין מוח קריכט נישט קיין געדאַנק; און ווען מ'אַרבעט נישט, איז דער מוח פאַרנומען מיטן געדאַנק ווי און וווּ צו קריגן אַרבעט, מיט וואָס צו דערנערן ווײַב און קינדער. אָבער מאָרגן איז יום־טוב און איינער פון אַ מיליאָן האָט זיך פאַרגונען הײַנט בײַנאַכט אויפצוזײַן אַביסל לענגער, כּדי צו לייענען די בלעטער. און אַזוי לייענענדיק די בלעטער, האָט איינער פון אַ מיליאָן אַ טראַכט געטון, אַז מ'דאַרף טראַכטן, טראַכט ער טאַקע.

אָט לייענט איינער פון אַ מיליאָן אין בלאַט אַ דערקלע־רונג פון מאַהאַטמאַ גאַנדי. דער מאַהאַטמאַ האָט עפּעס געזאָגט. ס'האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַ מיליאָן מענטשן. ס'וועט כּדאַי זײַן — האָט גאַנדי געזאָגט — מקריב צו זײַן אַ מיליאָן מענטשן פאַר אינדיענס פרײַהייט. אַ שיינער זאַג! — טראַכט איינער פון פאָלק — און ער טראַכט שטיל, זייער שטיל, כּדי ער זאָל,

---

*) די דרײַ פעליעטאָנען, וואָס קומען דאָ איינער נאָכן אַנדערן: „איינער פון אַ מיליאָן", „פאַרוואַנדלונגען" און „אַ בריוו פון צוקונפט־מענטש", זענען צוליב אַ טעכניש פאַרזען אריין אין מײַן בוך דערציילונגען „מיט זיך און מיט אַנדערע", וווּהין זיי געהערן נישט. די לייענער וועלן מיר דערלויבן, האָף איך, מוחל זײַן, וואָס איך גיב זיי דאָ אַרײַן נאָך אַמאָל. א. אל.

חלילה, נישט איבערוועקן ס'מידע ווייב, — אָבער... עס איז אים דער זאָג באַקאַנט, שטאַרק באַקאַנט. ער וואָלט שווערן, אַז ער האָט אים שוין אַמאָל געהערט, אַסך מאָל געהערט. יאָ... ער דערמאָנט זיך. הינדענבורג האָט געזאָגט, אַז ס'לוינט זיך אוועקצולייגן אַ מיליאָן מענטשן צו פאַרנעמען ווערדון, און פּאָש און העיג האָבן געזאָגט, אַז ס'איז כדאַי אוועקצולייגן אַ מיליאָן מענטשן צו פאַרטיידיקן ווערדון. נישט נאָר ווערדון — ליעזש, דעם אַראָגאָן וואַלד, ס'מינדסטע בערגל, ס'מינדסטע טייכל, אָדער בלאָטקע — אַ מיליאָן מענטשן אוועקלייגן איז שטענדיק כדאַי.

אַזוי זאָגן זיי אַלע אין אַלע צייטן! — טראַכט איינער פון אַ מיליאָן. און די אַפילו, וואָס זאָגן דאָס נישט, מיינען דאָס. פאַר סטאַלינען איז כדאַי מקריב זיין אַפילו מער ווי אַ מיליאָן מענטשן אויף דורכצופירן עפעס אַ פּלאַן, צי אויף בלויז באַקעמפן אַ ברעקל לינקן, צי רעכטן אָפּנייג. פאַר יאַפּאַן לוינט זיך אומצוברענגען אַ מיליאָן מענטשן, כדי צו קריגן מאַנדזשוריע און שפּעטער וועט זיך איר לוינען צו לאָזן דורכזיפן די לייבער פון נאָך אַ מיליאָן מענטשן אויף אַריינקריגן די פיליפּינען. אַז ס'לוינט זיך, איז דאָך אָפּגערעדט. אמת, די אינדישע פרייהייט און די רוסישע רעוואָלוציע זענען וויכטיקערע, העכערע ענינים ווי די רויבערייען פון יאַפּאַנער, פון דייטש, פון פראַנצויז, פון ענגלענדער, צי פון אַמעריקאַנער. אָבער פאַרן מיליאָן איז דאָך אַלצאיינס פאַרוואָס ער לייגט אַוועק דעם קאָפּ. ס'איז — טראַכט איינער פון אַ מיליאָן — אומעטום און תמיד דערזעלביקער מיליאָן. נעכטן האָט דערדאָזיקער מיליאָן אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף אָפּהיטן דעם צאַרישן רעזשים. היינט לייגט ער אוועק דעם קאָפּ אויף אָפּהיטן די רעוואָלוציע.

אַ טשיקאַווער מיליאָן! — מורמלט אין זיך אַריין איינער פון אַ מיליאָן — און ס'פאַלט אים איין, אַז ס'וואָלט כדאַי געווען זיך צו באַקענען מיט דעם מיליאָן. ער ווייס אַפילו, אַז אין כינע און אין יאַפּאַן האָט ער שמאָלע אויגעלעך און אין רוסלאַנד איז ער הויך, ברייטפּלייציק און בלאָנד; ער ווייס אויך ווי אַן ערך דער מיליאָן זעט אויס אין פראַנקרייך און

אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער. יאָ, אָבער וואָס פאַר אַ סאָרט פּאַרשוין איז אָט דער מיליאָן, וואָס יעדער קייסער, גענעראַל, פּאָליטיקאַנט, פּרעזידענט, צי „נביא", איז אַלעמאָל מוכן-ומזומן אים מקריב צו זיין — מעג זיין פאַרוואָס-נישט-איז... און אַזוי טראַכטנדיק, גיט זיך פלוצלינג איינער פון אַ מיליאָן אַ פּאַטש אין שטערן אַריין, דערפילט, אַז ס'ווערט אים נישט גוט אויף חלשן און מיט אַ שוואַך שטימעלע רופט ער אויס, אין זיך אַריין:

— געוואַלד געשריגן! איך טאַקע בין דאָך דאָס איינער פון דעם מיליאָן!

אָפּגעשריגן, בלייבט ער זיצן ווי אַ פריטשמיעלעטער, ווי עמעצער וואָלט אים אומגעריכט דערלאַנגט מיט אַ שווערן האַמער איבערן קאָפּ. וויי-וויי, קאָן ער זיך גאָרנישט שענקען. ווי אים איז דאָס ביז אַהער נישט איינגעפאַלן, אַז מ'מיינט דאָס אים. אים, וועלכער איז איינער פון דעם מיליאָן, וואָס יעדער שלימזל איז צו יעדער מינוט פיקס-און-פאַרטיק אים צו לאָזן געהרגעט ווערן פאַר וואָס-נישט-איז, ווו-עס-איז און ווען-עס-איז. אָט דאָס, שטראָפט ער זיך, איז, אַז מ'טראַכט נישט. געוויס, אַז דו טראַכסט נישט אַליין, טראַכטן אַנדערע פאַר דיר, רעדן אין דיין נאָמען און דו ביסט נישט מער ווי אַ שטומע צונג. געהערט אַ מעשה? זיי לוינט זיך מיך צו לאָזן געהרגעט ווערן! ס'איז פאַר עמיצן כדאַי, אַז איך זאָל פאַרלייגן מיטן קאָפּ, כדי עמעצער זאָל קריגן עפּעס אַ בערגל, צי אַ פּאַס לאַנד, אָדער אַ טייכל, צי אַ שטיק פרייהייט. הימל עפן זיך! ס'איז דאָך ממש פון זינען אַראָפּצוגיין פון פאַרדרוס. אָט זיץ איך זיך אַזוי אין שטיבל. מיין ווייב און קינדער שלאָפן. שאַ, שטיל. אָבער ערגעץ, דער שוואַרץ-יאָר ווייס ווו, האָט אַ פּאַרשוין מיט שליפעס, צי אָן שליפעס, באַשלאָסן, אַז ס'לוינט זיך אים שוין, ברוך-השם, אַז איך זאָל געהרגעט ווערן, אָדער כאָטש ווערן אַ קאַליקע, שיקט ער צו מיר אַ שליח און הייסט מיך שוין גיין אַהין, ווו מ'וועט מיך שיקן און נישט פרעגן קיין קשיות.

— ס'טייטש, היתכן? — שפּרינגט איינער פון אַ מיליאָן

אויף פון אָרט, — ווו בין איך? אויב איך און נישט יענער, וואָס וויל אַ געוויסע זאַך, דאַרף געהרגעט אָדער סתּם פאַרקריפּלט ווערן, דאַרף מען דאָך מיך אויך אַ פרעג טון. אפשר וויל איך גאָרנישט דאָס געוויסע בערגל, צי דאָס געוויסע שטיקל ערד, צי אַפילו די געוויסע פרייהייט, וואָס עמיצן דאָרט האָט זיך פאַרוואָלט. נאָר לאָמיר זאָגן, אַז איך וויל יאָ, איז עס מ י י ן זאַך, און קיינער קאָן מיר קיין דעה נישט זאָגן און מיר באַפעלן צו גיין קריגן עס. אָבער דער עיקר איז נאָר דאָ, וואָס אויב אַפילו טאַקע איך וויל די געוויסע זאַך — איז צו וועל איך זי האָבן? ניין, איך וועל זי נישט האָבן. איך בין דאָ איינער פון דעם מיליאָן, וואָס עס לוינט זיך, אַז ער זאָל אויסגעראָטן ווערן, כּדי צו באַקומען דאָס און דאָס. טאָ וויבאַלד איך ווער אויסגעראָטן, וועל איך דאָך נישט קריגן דאָס, וואָס איך קריג כּלומרשט. איך וועל דאָך זיין טויט. אין דר'ערד מיט די ביינער. האָבן וועלן דאָס אַנדערע — גראָד די, וואָס געהערן נישט צום מיליאָן, וואָס עס איז כּדאַי מקריב צו זיין.

איינער פון אַ מיליאָן האָט שווער אָפּגעצויגן דעם אָטעם, זיך אונטערגעהויבן פון שטול און זיך צוריק אַנידערגעזעצט. ער האָט זיך ווידער אַ פּאַטש געטון אין שטערן אַריין און ווייטער געטראַכט:

— ס'איז דאָך, — האָט ער געטראַכט, — פּשוט משוגע צו ווערן. וואָס הייסט עפּעס, אַז עמעצער קומט און זאָגט, אַז ס'איז פאַר אים כּדאַי מיך צו לאָזן פאַרלייגן מיטן קאָפּ? מיין לעבן איז עפּעס זיינס? כ'האָב אַפילו געהערט געוויסע לייט אַמאָל שמועסן, אַז דער יחיד איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. דער עיקר איז דאָס פאָלק, די מענטשהייט. עס הייסט, אַז אויב מ'דערהרגעט מיך, בלייבט אַלץ די מענטשהייט. איך בין נישט מער ווי אַ קליין שרייפעלע, שרויפט מען מיך אַרויס און מען שרויפט אַריין אַן אַנדער שרייפעלע. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ געמיינער ליגן, אָט דאָס זאָגעניש. לאָמיר, אַדרבא, זען. גוט. מ'האָט מיך שוין, מיט מזל, דערהרגעט. איז ווער בלייבט אַן אַלמנה? די מענטשהייט? ניין, אַן אַלמנה נאָך מיר

בלייבט מיין ווייב. ווער וועט בלייבן אַ יתום נאָך מיר? די מענטשהייט? אַ נעכטיקער טאָג! יתומים נאָך מיר וועלן זיין אָט יענע קינדער מיינע, וואָס שלאָפן איצט אין יענעם בעט. נעכטן האָב איך ביי דער אַרבעט זיך איינגעשניטן אַ פינגער — ביי וועמען־זשע איז געראונען בלוט און וועמען האָט וויי געטון? דער מענטשהייט? פּוסטע מעשיות! מיר האָט געראונען בלוט. מיר האָט וויי געטון. און איך—נישט די מענטשהייט — האָב איצט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן פינגער. איר פאַרשטייט עפּעס? ס'איז אַן אומזיניקער פּזמון, דאָסדאָזיקע רעדעניש וועגן דער נישטיקייט פון דעם איינצלנעם מענטש און דער איבערוויכטיקייט פון כּלל, וואָס דערפון דרינגט מען שוין במילא, אַז „ס'לוינט זיך מקריב צו זיין אַ מיליאָן מענטשן" פאַר דער כּלומרשטער טובה פון כּלל. ווען נישט אָט דער נאַרישער פּזמון און ווען מען וואָלט אין יעדן מענטשן באַזונדער פאַרוואָרצלט דעם געדאַנק פון זיין אייגענער וויכטיקייט, וואָלט די וועלט געלעבט אין פרידן, אָן מלחמות, אָן מערדערייען. בלויז אין לעבן קאָן זיין איינהייט און באַהעפטונג צווישן מענטשן. שטאַרבן שטאַרבט יעדער באַזונדער, פאַר זיך אַליין.

איינער פון אַ מיליאָן האָט נאָכאַמאָל אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אַזוי האָט דאָס אומגעריכטע טראַכטן אים פאַרמאַטערט. אָבער די געדאַנקען זענען געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן, ווי אַ פאַרפרוירענער שטראָם וואָלט מיטאַמאָל צושמאָלצן געוואָרן פון דער זון. ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט, ווי אַזויפיל געדאַנקען האָבן זיך צו אים געיאַוועט. עס האָט זיך מיר אָפּגעטראַכט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — פאַר די יאָרן מיט יאָרן נישט־טראַכטעניש.

— כע־כע — האָט אַ געדאַנק אַ לאַך געגעבן אין זיין מוח, — ס'לוינט זיי מקריב צו זיין אַ מיליאָן מענטשן!.. ס'איז זיי כּדאַי... — און באַלד האָט דער געדאַנק, וואָס האָט נאַרוואָס געלאַכט, זיך אָנגעצונדן מיט גרימצאָרן און אַריינגעדונערט אין מוח אַריין: קיינער האָט נישט קיין רעכט עפּעס צו וועלן אויף מיין חשבון, ווער שמועסט שוין נאָך מקריב צו זיין! מילא, —

האָט דער געדאַנק זיך אַביסל באַרויִקט, — ווען איך אַליין, וואָס איך בין איינער פון אַ מיליאָן, וויל דאָס אַליין, איז עס מיין רעכט. איך זע עולות, אונטערדריקונג, געמיינקייט, און עס שווי־דערט און רעגט מיך אויף, טראַכט איך דאַמאָלס נישט, גיב זיך קיין חשבון נישט אָפּ און שפּרינג אין פייער אַריין. דאָס איז עפּעס אַנדערש. אָבער קיין שום אַנדערער האָט נישט קיין רעכט צו באַשטימען מיך מקריב צו זיין, צו בויען אויף מיין טויט — קיינער האָט אַפילו נישט קיין רעכט צו שאַפן אַ באַ־וועגונג פאַר דעם העכסטן און שענסטן אידעאַל אין דער וועלט — אויסגערעכנט אויף מיין טויט, אויף מיין איינציקן שטיקל לעבן, וואָס איך פאַרמאָג!

און איינער פון אַ מיליאָן האָט צו זיך אַזוי ווייטער גע־רעדט, אָן ווערטער גערעדט:

— טויט זיין... וואָס איז טויט? איז דאָ אַ „יענע וועלט”, אַ גייסטיק לעבן, נאָכן פיזישן טויט, איז דאָך דער גאַנצער ענין מיט פּאָרט אַרטור, ווערדון מאַנדזשוריע, פיליפּינען, מיט לענדער, פעלקער און פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַליזם, נאַריש, אומזין. אויב איך וועל זיין אַ גייסט אין אַ וועלט פון לויטער גייסט — גייען מיר אָט די אַלע זאַכן נישט אָן. איז נישטאָ קיין „יענע וועלט”, און איך ווער בלויז שפּייז פאַר די ווערעם און דערנאָך ערד און שטויב. איז עס דאָך נאָך אַ גרעסערער אומזין אַוועקצוגעבן דאָס איינציקע לעבן פאַר עפּעס, וואָס אַנ־דערע האָבן פאַר מיר באַשטימט, אַז איך זאָל פאַר דעם זיך מקריב זיין. יאָ, אַזוי איז עס... אויב טויט איז טאַקע טויט און נישט קיין נייער אָנהויב, דאַמאָלס הייסט עס, אַז די וועלט איז אונטערגעגאַנגען — פאַר מיר. איך וועל אַפילו נישט וויסן, אַז אַנדערע געניסן פון מיין קרבן. טאָ ווער קען מיר איינשמועסן, אַז איך בין ווייניקער וויכטיק ווי אַ מיליאָן און אַז אַ מיליאָן איז ווייניקער וויכטיק ווי אַ מיליאַרד, וויבאַלד סיי דער מיליאַרד, סיי דער מיליאָן, סיי אַ צענדליק באַשטייט פון איינציקע, פון יחידים, אַזוי ווי איך?

עפּעס האָט מען דאָ אָנגעפּלאָנטערט אַ מוראדיקן אומזין,

אַ שרעקלעכן ליגן. אָבער איך, איינער פון אַ מיליאָן, וועל זיך מער נישט לאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ. איך וועל געדענקען, אַז איך בין איך, און אַז אויף מיין לעבן האָב איך בלויז אַליין אַ רעכט און נישט קיין אַנדערער, מעג ער זיין דער גרעסטער פריץ. איך וועל זיך שטעלן מיט מיין גאַנצער קראַפט קעגן די אַלע דעספאטן און זייערע ליגנערישע אַרויסהעלפער, וואָס וואַרפן זיך מיט מענטשלעכע מיליאָנען, וואָס ביי זיי איז כּסדר כּדאַי, אַז אַ מיליאָן זאָל אומקומען פאַרן פאָטערלאַנד, פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר אַ באַרג, אַ טייך, אַ פעסטונג און פאַר אַנדערע שוואַרציאָרן און שקרים!

— איך וועל זיך מער נישט לאָזן! — האָט איינער פון אַ מיליאָן אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין, פאַרגעסנדיק זיך איינגאַנצן ווו ער איז. אין בעט אַנטקעגן האָט זיך דאָס ווייב דערשראָקן, אַ הויב געטון, אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר ווילדע אויגן און דערלאַנגט אַ געשריי:

— ביסט פון זינען אַראָפּ, אידיאָט איינער?

און איינער פון אַ מיליאָן האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן, און שטיל, ווי אַ קאָטינקע, זיך גענומען אויסטון...

א. אלמי

פאַרוואַנדלונגען

דער יאַפּאַנער האָט גערעדט מיט איבערצייגונג, מיט טיפן גלויבן אין זיין גערעכטיקייט: דער כינעזער איז אַ געפאַר פאַר דער וועלט, ווייס נישט פון קיין אָרדענונג, וויל נישט וויסן פון געזעץ; ער איז אַ באַנדיט, אומפאַראַנטוואָרטלעך — און מיר מוזן אים באַצייטנס לערנען, צאַמען, שפּעטער וועט ער אַליין איינזען, אַז מיר האָבן אים געטון די גרעסטע טובה, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט מאַנדזשוריע, שאַנכאַי און אַנדערע טערי־טאָריעלע געביטן. מיר ברענגען קיין כינע ציוויליזאַציע, פאַר־אַנטוואָרטלעכע רעגירונג, געזעץ און אָרדענונג.

מ׳האָט געקענט זען, אַז דער פּשוטער יאַפּאַנישער בירגער, וואָס איז געזעסן פאַר אונז, גלויבט באמת אין זיינע רייד, גלויבט אין די פרומע כוונות פון די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן, איז איבערצייגט אין זיין „הייליקער מיסיע” אויפן וויטן מזרח. ד״ר פראָבער האָט די גאַנצע צייט, וואָס דער יאַפּאַנער האָט זיך פאַר אונז אַראָפּגערעדט פון האַרץ, געקוקט אויף מיר. צום סוף האָט ער צו מיר אַ ווונק געטון — און איך האָב געוווסט, אַז דער עקספּערימענט הויבט זיך אָן.

ד״ר פראָבער, דער באַרימטער היפּנאָטיסט, האָט אַ פּיר געטון מיט דער האַנט איבער דעם יאַפּאַנערס פּנים און דעם מיקאַדאָס בירגער, וועלכער האָט זיך אויף דעם נישט געריכט, האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען, גלייך ער וואָלט אויסגעטרונ־

קען עפעס אַ שאַרפע משקה, אָדער עס וואָלט אים סתם נישט־גוט געוואָרן. ד״ר פּראָבער האָט אַ ווײַלע געוואַרט, געזען ווי דעם יאַפּאַנערס קלײנע מאַנדל־אויגעלעך האָבן זיך פאַרמאַכט, און ער האָט אים אַ כאַפּ געטון פונקט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געהאַלטן ביים אומפאַלן. איידל האָט ער אים אַנידערגע־לייגט אויף דער קאַנאַפּע, אונטערגעלייגט אַ קישן אונטערן קאָפּ און זיך אָפּגערוקט עטלעכע טריט.

— איצט, — האָט מיר ד״ר פּראָבער אַ שושקע געטון, — וועט איר עפּעס זען.

דער היפּנאָטיסט האָט זיך געשטעלט גלײַך אַנטקעגן דעם אײַנגעשלאָפענעם יאַפּאַנער, אָנגעשטרענגט אויף אים זײַנע אויגן און גענומען רעדן לאַנגזאַם, אָבער מיט אַ פעסטער שטים:

— אַצינד, יאָהיטאָ, פאַרגעס, אַז דו ביסט יאָהיטאָ. דו ביסט אַ כינעזער און דײַן נאָמען איז טו־פו־פיי. דו ביסט אַן איידעלער זון פון דעם הימלישן קעניגרײַך. דו הערסט? דו ביסט אַ כינעזער! ווייסטו ווער דו ביסט? לאָמיר הערן!

דער שלאָפנדיקער האָט זיך אַ באַוועג געגעבן, געעפנט די אויגן און געמורמלט:

— איך בין טו־פו־פיי, אַ כינעזער!

— אויסגעצייכנט! — האָט ד״ר פּראָבער געזאָגט מיט אַ שמייכל, — איצט שטעל דיך אויף און זאָג מיר עפּעס וועגן דער יאַפּאַניש־כינעזישער מלחמה.

יאָהיטאָ האָט זיך אויפגעשטעלט. געשיקלט מיט זײַנע קליי־נע אויגעלעך און זיך אויף אַ מאָמענט פאַרטראַכט, דערנאָך זיך צורעדט, פריער שטיל און אומזיכער, אָבער ביסלעכווייז העכער און מיט כעס:

— יאַפּאַניש־כינעזישע מלחמה?... די יאַפּאַנער?... באַרבאַרן זענען זיי, רוצחים, אַלעמאָל געווען רוצחים. פריער אויף אַ פרי־מיטיוון שטייגער און זינט דעם באַזוך פון דעם אַמעריקאַנער אַדמיראַל פּעררי—אונטער דעם מאַנטל פון ציוויליזאַציע, זיי האָבן איבערגענומען בלויז דעם שקר און אַלע בײַזוויליקייטן פון דער ווייסער ציוויליזאַציע, אָבער נישט איר תוך, אירע גוטע זײַטן.

יאָהיטאָ, וואָס פון אים האָט איצט אַרויסגערעדט טו־פו־פיי, האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און שטיל געוואָרן.

— רעד ווייטער, רעד! — האָט ד״ר פּראָבער אים אונטערגעגעבן חשק, — זאָג אונז עפּעס וועגן דיין אייגן פאָלק.

— מיין פאָלק איז אַ פאָלק פון פרידן! — האָט דער היפּנאָטיזירטער אויסגערופן, — קאָנפוציוס האָט אונז געלערנט פרידן און ברודער־ליבע אַסך פריער, איידער קריסטוס איז געבוירן געוואָרן; לאָאָ־טצע האָט פאַר אונז אַנטפּלעקט די מיסטעריען פון דער שעפּונג און בײדע האָבן צו אונז גערעדט וועגן שלום מיט זיך און מיט דער וועלט. און מיר האָבן געמיינט, אַז מיט ליבע און פרידן וועלן מיר אויף אייביק פאַרפעסטיקן אונזערע יסודות. אָבער... די פעלקער זענען צו אונז געקומען מיט דער שווערד, מיט דער תורה פון „מאַכט איז רעכט״. און מיר זענען הילפלאָז קעגן דעם שווערד, קעגן דעם קאַנאָן. דאָס איז אונזער איינציקע זינד — אָט דאָס, וואָס מיר האָבן באמת געוואָלט מקיים זיין די לערע, וואָס די קריסטלעכע וועלט שרייבט זיך צו זייער דערלייזער, קריסטוסן...

— דאָס וועט שוין גענוג זיין! — האָט ד״ר פּראָבער מיט אַ טריאומפירנדיקן שמייכל מיר אַ שושקע געטון. און ווידער האָט ער יאָהיטאָן איינגעשלעפערט מיט אַ לייכטן פיר איבער זיין סוביעקטס פנים. יענער איז דאָס מאָל געבליבן שטיין ווי דער ליימענער גולם, בעת דאָס לעבן טוט זיך אָפּ פון אים.

— וואָס ווייטער? — פרעג איך ד״ר פּראָבערן.

— וואַרט, וועסטו זען!

ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו יאָהיטאָן און אים מיט אַ שטרענג קול באַפוילן:

— און אַצינד, מיין פריינט, ביסטו אַ דייטש. דיין נאָמען איז פריץ. געדענק־זשע: דו ביסט אַ דייטש... פריץ, פריץ, פריץ... וואָס האָסטו, פריץ, עפּעס צו זאָגן וועגן די פראַנצויזן, די ענגלענדער?.. רעד! רעד!

— פאַרדאַמטע קערלען! — האָט דער ניי־געשאַפענער פריץ אַ קריץ געטון מיט די ציין, — שונאים פון דער קולטור,

פון דער העכסטער, דער עכטסטער קולטור — די גערמאַנישע. זיי האָבן אונז נישט פאַרגינען אונזער גלאָררייכן מאַרש אויף די בערג פון דער ציוויליזאַציע, פון דער קולטור, פון דער גרויסאַרטיקער דייטשישער פילאָסאָפיע און קונסט. איצט ווילן זיי אונז אינגאַנצן דערשטיקן, אויסזויגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, אָבער — מיר וועלן אויפשטיין קעגן זיי. דער טאָג פון נקמה איז נאָענט!

— בראַוואָ, פריץ! — האָט ד״ר פראָבער אים אַפּלאָדירט, — דו רעדסט אויסגעצייכנטע פראַזע, כאָטש אַביסל מליצהדיק. נאָר... שאַ... איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דו ביסט גאָר אַ פראַנצויז, אַ געבוירענער פון מאַרסעיל און דיין נאָמען איז זשול. האָסטו מיך גוט געהערט? וואָס־זשע, זאָג מיר, איז דיין נאָמען?

— זשול! זשול! — האָט דער היפּנאָטיזירטער נאָכגעזאָגט, — אַ פראַנצויז, געבוירן אין מאַרסעיל.

— און וואָס דענקסטו עפּעס וועגן די דייטשן?

— ב־ר־ר! — האָט דער פריש־געבאַקענער פראַנצויז אַ שוידער געטון, — דאָס זענען דאָך הונען, באַרבאַרן, צושטערער פון דער ציוויליזאַציע, מערדער, וואָס האָבן אומשולדיקע פרויען און קינדער אָן רחמנות געקוילעט; איצט ווילן זיי זיך אַרויסדרייען פון זייערע שולדן... מ׳טאָר זיי נישט געטרויען. זייער וואָרט איז קיין וואָרט נישט, זייערע אָפּמאַכן זענען קיין אָפּמאַכן נישט, זייערע...

ד״ר פראָבער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נו, מיר ווייסן שוין. זשול! וואָס זאָג איך זשול? דו ביסט דאָך גאָר אַן אַמעריקאַנער, אַן עכטער יענקי. דיין נאָמען איז ביל... מיר וואָלטן זייער געוואָלט הערן, וואָס איר אַמעריקאַנער האָט עפּעס צו זאָגן...

איך האָב ד״ר פראָבערן אָנגעכאַפּט ביים אָרעם:

— צו וואָס? מיר ווייסן דאָך, וואָס ער וועט איצט זאָגן. לאָז שוין גענוג זיין. דיין עקספּערימענט איז געראָטן. דו האָסט מיך איבערצייגט, אַז מיר קענען נישט נעמען דעם צד פון קיין

שום פאָלק, מחמת פון זיי רעדט נישט קיין אָביעקטיווער, נאָר אַ סוביעקטיווער אמת, אויב מ׳קען עס בכלל אָנרופן מיטן וואָרט „אמת״, ווארום עס איז נאַציאָנאַלע איינבילדונג, נאַציאָנאַלער שטאָלץ. יעדער זעט די וועלט דורך זיינע אייגענע — נאַציאָנאַלע — אויגן. דער פּאָליטיקער, דער דיפּלאָמאַט — ער ווייסט, וואָס ער וויל, און דאָס, וואָס ער וויל, איז פּשוט רויב, כאַפּ-לאַפּ, זיך אויסברייטערן אויף יענעמס חשבון. אָבער די נאַיווע פּאָלקס-מענטשן — און דערין אויך, מיט ווייניק אויסנאַמען, די שריפט-שטעלער, די אינטעלעקטועלן. גלויבן באמונה-שלמה אין דער געפליגלטער פראַזע, אין דער מיסיע פון זייער פאָלק, אין זייער גערעכטיקייט.

— ריכטיק, ריכטיק! — האָט דר. פּראָבער מסכים געווען, — דערפאַר טאַקע איז עס מוראדיק נאַריש פון זייטיקע, צו נעמען אַ צד בעת אַ מלחמה. די חיהשע אינסטינקטן לעבן נאָך זייער שטאַרק אין דעם מענטשן — דער דורשט צו פאַרצוקן, צו פאַר-כאַפּן. האָסטו דאָך אַליין אַמאָל געשריבן, אַז ווען אַ פראַנצויז וועט דיר אַמאָל זאָגן, אַז דער דייטש איז גערעכט און אַ דייטש וועט דיר זאָגן, אַז דער פראַנצויז איז גערעכט וועסטו דאַמאָלס וויסן, אַז דו האָסט געהערט אַן אָביעקטיוון אמת. געדענקסטו דאָס?

— זיכער געדענק איך, דאָקטאָר. אָבער איינס וועסטו מוזן מודה זיין, אַז מיר, יידן, זענען אַן אויסנאַם. מיר זענען באמת אַ פאָלק פון פרידן און מיר זענען נישט פעיק אָפּצוטאָן אַזוינע זאַכן ווי אַנדערע פעלקער; מלחמות, ווער שמועסט שוין פון פּאָגראָמען, איז פרעמד אונזער בלוט.

דר. פּראָבער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— מיינסט עס טאַקע ערנסט? לאָז זיך פאַרהיפּנאָטיזירן. פאַרוואַנדלען אין אַ גוי, אָדער ווייניקסטנס אין אַ יידן, וואָס איז אויסגעטאָן פון זיין נאַציאָנאַלער איינבילדונג און — דו וועסט רעדן אינגאַנצן אַנדערש... די גאַנצע יידישע געשיכטע רעדט געגן דיין גלויבן אין דעם יידישן פּאַסיפיזם. ס׳איז גאָר-נישט נויטיק אַוועקצוגיין ווייט אין דער יידישער געשיכטע, צו

דער צייט פון דער יידישער מלוכה. מיר האָבן נענטערע ביישפּילן.

— למשל?

— לאָמיר בלויז א קוק טאָן אויף דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. שוידערלעך, גרוילהאַפט. דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט. נאָר אַט אַנטלויפן מחנות יידן פון שפּאַניע, קריגן שוין אין האָלאַנד, און שוין פאַרגעסן זיי, שוין ווערן זיי אַליין אינקוויזיטאָרן, אויף א מילדערן אופן — פאָרט נישט ביי זיך אין לאַנד! אָבער זאָגט ווער אַ וואָרט געגן דער יידישער תורה — און קיין שום שטראָף איז נישט האַרב גענוג געגן דעם „פּושע ישראל"... חרם, חרמות, קללות, מסירה, אפילו שטעכן מיט אַ מעסער... דערמאָן זיך אָן אוריאל אַקאָסטאַ, ברוך שפּינאָזאַ. איז עס נישט גענוג, אַז שפּינאָזאַ, אָט דער איידעלער מענטש, דער דורך-און-דורך עטישער, דער מענטש פון דער העכסטער ליבע, דער שווינדזוכטיקער נזיר, ווערט אָנגעזאַפּט מיט צאָרן געגן זיין אייגן פאָלק און לאָזט אַ צוואה, אַז מ'זאָל אים מקבר זיין אויפן קריסטלעכן בית-עולם?

— אָבער...—פּרוביר איך אים איבערשלאָגן, נאָר ער לאָזט זיך נישט.

— נישט נויטיק! איך ווייס דיין „אָבער", אפילו דער קריסט וויל דוראַנט וויל רעכטפאַרטיקן די אַמסטערדאַמער קהלה—די מורא פאַר דער האָלענדיש פרום-קריסטלעכער וועלט, וואָס די יידישע קהלה דולדעט אַ „גאָט-לעסטערער. אָבער אויך די אינקוויזיטאָרן פון שפּאַניע האָבן דאָך נישט סתם געפּייניקט און געברענט—אויך זיי האָבן געהאַט זייערע „אָבערס", זייערע רעכטפאַרטיקונגען. נאָר לאָמיר צוקומען נאָך נענטער—צו אונזערע אייגענע טעג.

צום ביישפּיל?

— לייענסטו די יידישע פּרעסע פון מזרח-אייראָפּע? בעם מונקאַטש, ווו ווילדע יידישע פאַנאַטיקער פאַרפאָלגן, שלאָגן, הרגענען און מסרן איינע די אַנדערע, שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען; און לייען, אדרבא, ווי פרומע יידן אין

פוילן רייסן זיך אריין אין די קליין-שטעטלדיקע יידישע ביבליאָ-טעקן, אום סאַמע פרייטיק-צו-נאַכט ברעכן שויבן, מעבל, וואַרפן אַרויס די „טרייף-פסולע" ביכער און פאַרברענען זיי אויפן שייטער-הויפן, ווי אונזערע שונאים אַמאָל — דעם תּלמוד... דערבײַ איז מען מכבד יעדן, וואָס קומט אונטערן האַנט. דאָס איז אַלץ אין נאָמען פון גאָט... די אינקוויזיציע איז אויך געווען אין נאָמען פון גאָט...

— ווילסטו דערמיט זאָגן, אַז...

— איך וויל דערמיט זאָגן, אַז מיר זענען נישט בעסער... מיר זענען בלויז שוואַך, שוואַכער פון אונזערע שכנים. נו, לאָזן מיר אויס צו אייגענע. אפשר נישט אַזוי?

— מילא, וואָס וועל איך מיט דיר טענהן...

— איך ווייס דאָס? — האָט דר. פּראָבער זיך צושמייכלט, — אַלע זאָגן זיי אַזוי... וועסט אפשר זאָגן, אַז איך בין אַן אַנ-טיסעמיט, אַ יידישער אַנטיסעמיט... אָבער איך זאָג בלויז דעם אמת. אדרבא, לאָמיר הערן, וואָס יאָהיטאָ האָט צו זאָגן — איך וועל איך פאַרוואַנדלען אין אַ פרומען חסידישן ייד פון פוילן...

איך האָב מער נישט געוואַרט. נישט נויטיק געווען...

אַ בריוו פון צוקונפטס-מענטש צום קעגנוואַרט-מענטש

איך, דער מענטש פון דער צוקונפט, דער מענטש, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, האָב שוין לאַנג זיך געוואָלט ווענדן צו דיר, דעם מענטש פון דער קעגנוואַרט, זיך דורכשמועסן מיט דיר, זיך אויסטענהן מיט דיר, אָבער איך האָב עס אַלץ אָפּגעלייגט. איצט האָב איך, ענדלעך, באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט אַן אָפענעם בריוו צו דיר און דיר אַרויסזאָגן דאָס, וואָס עס איז ביי מיר אויפן האַרצן.

איך גלויב, אַז איך האָב רעכט דערצו, מחמת די רעדסט שטענדיק אין מיין נאָמען, גלייך איך וואָלט דיר געגעבן פולמאַכט דערויף. טאַקע אין דעם גייט עס. מילא, עס איז שוין אַזאַ אָנגענומענע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך אין דיין קעגנוואַרטיקער געזעלשאַפט, אַז מען זאָל רעדן אומגעבעטן אין דעם נאָמען פון פאָלק, פון די מאַסן. יעדער קאָכלעפל, איטלעכער פּאָליטיקאַנט, יעטוועדער שרייבער פון ווו-נאָר אַ פּאַרטיי, אַ ריכטונג, אַ גרופּירונג, אָדער ווען אַפילו ער פּאַרטרעט בכלל קיינעם נישט און גאָרנישט, רעדט און שרייבט אין נאָמען פון פאָלק, פון לאַנד, פון דער מענטשהייט.

בשעת מ'הערט אויס עטלעכע רעדעס און מ'לייענט איבער עטלעכע אַרטיקלען פון מענטשן, וואָס שטעלן אַרויס גאַנץ

פאַרשידענע, זיך ווידערשפּרעכנדיקע שטאַנדפּונקטן און אידעען און מ׳דערוווּסט זיך, אַז איטלעכער פון זיי רעדט אין נאָמען פון פאָלק, אָדער מענטשהייט, קאָן מען מיינען, אַז די אַלע רעדן אין נאָמען פון פאַרשידענע פעלקער און אַלערליי מענטשהייטן; אָבער אינדעראמתן טענהן זיי אין נאָמען פון איין-און-דעמזעלביקן פאָלק, פון איין-און-דערזעלביקער מענטשהייט. די מעשה איז, וואָס יעדער פון זיי איז איינגעגלויבט, צי ער וויל אַנדערע מאַכן גלויבן, כאָטש ער אַליין גלויבט נישט אין דעם פּזמון, אַז נאָר דאָס, וואָס ער זאָגט, איז דאָס קול פון המון, וואָס איז ווי דאָס קול פון שדי און אַז נאָר וואָס ער, אָדער זיין גרופּע, באַטראַכט פאַר גוט, איז טאַקע אַבסאָלוט גוט פאַר דעם פאָלק, צי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

מילא, זאָג איך דאָ, זאָל דאָס פאָלק, צי מענטשהייט פּראָטעסטירן. זאָלן זיי נישט זיין קיין ליימענע גולמס, זאָלן זיי נישט דערלאָזן, אַז ווו נאָר איינער מיט אַ צונג זאָל רעדן אין זייער נאָמען, גלייך זיי וואָלטן אים אויסגעקליבן על-פּי אקלימאַציע צו זיין זייער איינציקער רעפּרעזענטאַט. מענטשן, וואָס עקזיסטירן, קענען זייער שטעטל אַליין באַשטיין, אויב זיי האָבן נאָר אַביסל שכל און אַ טראָפּן ווילן.

גאַנץ אַנדערש איז עס, בעת מ׳רעדט אין נאָמען פון אַ מענטש, וואָס עקזיסטירט נישט, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן אויף דער זינדיקער וועלט. אַזוינער קאָן זיך נישט פאַרטיידיקן; ער מוז, נעבעך, שווייגן. אָבער איך האָב זיך אָנגענומען מיטן כּוח — מיטן כּוח פון אַלע נישט-געבוירענע — און וויל דאָ אַרויסקומען מיט אַ מין פּראָטעסט, אויב אַ פּראָטעסט פון אַ נישט-געבוירענעם קאָן דערהערט ווערן, וואָרום, ווי איך ווייס, הערט מען אָפט נישט די פּראָטעסטן אַפילו פון די, וואָס זענען שוין, ברוך-השם, סיי געבוירן, סיי דערצויגן.

איך וועל צוקומען צום פּונקט.

כּסדר רעדט מען אין מיין נאָמען; כּסדר טוט מען מיר טובות; כּסדר איז מען זיך פאַר מיר מקריב. וויל איך שטעלן דיר, קעגנוואַרט-מענטש, אַ פּשוטע קשיה: ווער האָט דיך באַ-

פולמעכטיקט און באַרעכטיקט דערצו? און פון וואַנען ווייסטו, וואָס איך וויל, ווי אַזוי איך וועל וועלן לעבן, ווען איך וועל שוין זיין, ווען דאָס וואָס איצט איז עס נאָך צוקונפט, וועט שוין זיין קעגנוואַרט, און דו, דער הייַנטיקער, וועסט שוין זיין אַ נעכטיקער?

קודם קאָן איך זיך נישט פאַרגינען צו האָבן אַזויפיל אויף מיין געוויסן, מחמת אַז איך וועל לייענען די געשיכטע און געוואָר ווערן וויפיל מענטשן עס האָבן זיך געפּייניקט אין די תפיסות פאַר מיר, וויפיל קרבנות עס זענען פאַר מיר און צוליב מיר געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער, און אַז איך וועל נאָך זיין געזונג נאַיִוו דאָס צו גלויבן, וועל איך פשוט פון זינען אַראָפּ פון געוויסנביסן. איך וועל אַפילו נישט האָבן ווען צו דאַנקען, אָדער אָפּצודינען, ווארום דו וועסט דאָך שוין נישט זיין. פאַר־וואָס־זשע זאָלסטו אַזוינס טון? טראַכט זיך גוט אַריין אין דעם ענין, וועסטו זען, אַז אַלץ וואָס דו טוסט איז פאַר דיר אַליין און נישט פאַר דעם מענטש פון דער צוקונפט. אַפילו דער פייערדיקער רעוואָלוציאָנער, וואָס גיט אַוועק זיין לעבן פאַר אַן אידעאַל, וואָס ער רופט צוקונפט־אידעאַל, טוט עס בלויז פאַר זיך... יאָ, פאַר זיך אַליין, מעג ער דערפון גאָרנישט האָבן, אויסער יסורים, מחמת ווען ער זעט אומגערעכטיקייט, ווערט ער פערזענלעך אויפגעקאָכט און ער טרעט אַרויס אין קאַמף קעגן דעם. דאָס איז זיינע אַ פערזענלעכע איבערלעבונג, זיינע אַ פערזענלעכע עמאָציע. און אַז ער שטעלט אַרויס אַ פּראָגראַם פון אַ בעסערער און גערעכטערע אָרדענונג, איז עס זיין קוק, זיין פּראָגראַם, דיקטירט פון זיין געוויסן. מיט מיר האָט עס נישט צו טון.

אַלע צוקונפט־פּראָגראַמען, צוקונפט־פּלענער און צוקונפט־חלומות זענען נישט מער ווי צוקונפט־מוזיק. איר קענט בשום־אופן נישט וויסן, וואָס איך וועל ליב האָבן און וואָס פיינט האָבן, וואָס מיר וועט געפעלן, און ווי איך וועל האַנדלען. דער הייַנט קאָן נישט באַשטימען דעם מאָרגן; דאָס וואָס עקזיסטירט קאָן נישט אָנצייכענען עפּעס פאַר דאָס, וואָס עקזיסטירט נישט.

דו האָסט אַן אידעאַל, אַן אידעע, אַ חלום. זייער שיין. אָבער געדענק: דאָס איז ד י י נ ס, לויטער ד י י נ ס. מיט מיר האָט עס אַזויפיל שייכות, אויף וויפיל איך וועל עס קענען באַטראַכטן, איבערקוקן און דאַן — אָננעמען אָדער פאַרוואַרפן. זאָגן אָבער, אַז דו טוסט עס פאַר מיר, איז מילד געזעדט, פאַלש.

איך פאַרשטיי, אַז מ׳קאָן אינספּירירט ווערן פון דער פאַרגאַנגענהייט, שעפּן באַגייסטערונג און ציען שלוסן פון דער געשיכטע; מ׳קאָן עקזאַלטירט ווערן פון דער קעגנוואַרט, אָבער מ׳קאָן דאָך נישט אַריין אין התלהבות, אָנגערעגט ווערן און עפּעס לערנען פון אַ צייט, וואָס איז נאָך נישטאָ, וואָס ליגט נאָך אין שויס פון דעם ווייט-ווייט נישט-געבוירענעם. אמת איז אויך, אַז פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט זענען דריי רינגען פון איין קייט, דאָך קענען מיר זיך בלויז שאַפן אַ בילד פון דעם נעכטן און דעם היינט, אָבער נישט פון דעם מאָרגן.

מעגלעך, אַז איך בי׳ן שוין פאַרקראָכן אָן אַ זייט, וואָרום דער עיקר, וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען, איז אַז דו דאַרפסט נישט רעדן אין מיין נאָמען, אַז אַלץ וואָס דו טוסט איז אין דער אמתן דער אויסדרוק פון היינט און פון היינטיקן מענטש. דו לויפסט מיט פרייד אויף דער באַריקאַדע אַוועקצוגעבן דיין לעבן, איז עס בשום-אופן נישט, ווייל דו ביסט אַזוי פאַרליבט אין מיר, נאָר ווייל דו ביסט פאַרליבט אין זיך. דער מענטש אין דיר איז באַליידיקט. דיין מענטשלעכע ווערדע איז אָנגערירט און דו ביסט גרייט צו שטאַרבן פאַר דיין אייגענער פאַרטיידיקונג, פאַר דאָס העכערע, בעסערע און שענערע אין דיר. אויב דו זאָגסט, אַז דו טוסט עס פאַר מיר, פאַר די צוקונפטיקע דורות, איז עס זעלבסטנאַרעריי.

אדרבא, זאָג אַליין, ווי קענסטו זיין פאַרליבט אין אַ מענטש, וואָס דו קענסט אים נישט און דו ווייסט אים נישט, אין אַ מענטש וואָס איז נאָך נישטאָ? שטעל דיר פאָר, ווען איינער זאָל זאָגן, אַז ער איז אַזוי פאַרליבט אין אַ נישט-געבוירענער פרוי, אַז ער איז גרייט פאַר איר צו שפּרינגען אין

פייער און אין וואַסער, וואָלסטו אים אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם — — און דו וואָלסט גערעכט געווען. פאַרליבט זיין קאָן מען אין אַ פרוי, אָדער אין אַ מאַן, וואָס איז שוין דאָ, אַ מענטש פון בלוט און פלייש. דאָס אייגענע איז מיט נאָענטע קרובים. אַ מוטער וויינט און רייסט די האָר פון קאָפּ, ווען עס פּאַסירט אַן אומגליק מיט איר קינד, עס איז קראַנק אָדער שטאַרבט דאָס קינד מעג אַלט זיין איין טאָג, אָדער אַפילו שטאַרבן אין קימפּעט, איז עס אַן אומגליק פאַר דער מאַמען. דאָס האַרץ טוט איר וויי. האָסטו שוין אָבער ווען-ס'איז געהערט, אַז אַ מוטער זאָל וויינען אויף אַ קינד, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן? ניין, דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט. זי וועט אַפילו נישט וויינען, ווען זי איז מפּיל אין די פריע חדשים. עס וועט איר אפשר באַנג טון דער פאַרלוסט, אויב זי האָט געבענקט נאָך אַ קינד, נאָר זי וועט נישט באַוויינען דאָס קינד גופא — איז דאָך נאָך דאָס קינד נישט געווען...

אָט אַזוי בין איך נאָך נישטאָ. פאַרוואָס-זשע זאָלסטו זיך שעמען מיט דעם היינט, מיט דער קעגנוואַרט? פאַרוואָס זאָלסטו נישט זיין אָפנהאַרציק און מודה זיין, אַז דיינע שטרעבונגען און אידעאַלן זענען דער פּועל-יוצא פון דיינע אייגענע אימפּולסן, פון דיינע אייגענע פאַרלאַנגען און דראַנגען, פון דיין יושר-געפיל, פון דעם אינערלעכן געבאָט אין דיר, וואָס צווינגט דיך צו טון אַזוי און נישט אַנדערש, וואָס וויקלט איין אין פרייד דעם טויט, וואָס איז פאַר דיר אָנגעגרייט אויפן וועג פון קאַמף.

די טורמעס זענען שטענדיק געווען פול מיט קעמפער פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. מיט פעסטע, מוטיקע טריט זענען אָט די אידעאַלע ריטער פון יושר און ליבע געגאַנגען צו די תליות און שייטערהויפנס, אָבער דאָס, זאָג איך נאָכאַמאָל, איז געווען נישט פאַר מיר, נאָר פאַר זיי אַליין. אויב אין רוסלאַנד האָט מען איינגעשפּאַנט מיליאָנען מענטשן אין דעם שווערן, אייבערמענטשלעכן יאָך פון עפּעס אַ „פּלאַן" און מ'טענהט דערביי, אַז דער איצטיקער מענטש האָט טאַקע דערפון נאָר ליידן און מאַטערנישן, דערפאַר גרייט ער צו אַ ליכטיקע צוקונפט פאַר

קומענדיקן מענטש, גלויבט עס נישט. דאָס וויל בלויז אַ געוויסע צאָל מענטשן, די איבערהאַרן, די מאַכט-באַזיצער דורכפירן זייערס אַן אידעע, זייערס אַ פּלאַן. אַזוי איז עס מיט די אַלע אַנדערע פּלענער אין אַלע אַנדערע לענדער און אין אַלע צייטן.

אויב עס זאָל טאַקע אמת זיין, אַז דער מענטש פון היינט איז געצוווּנגען זיך צו מאַטערן סכנות-נפשות פאַר דעם מענטש פון דער צוקונפט, פאַרן מענטש וואָס איז נאָך נישטאָ, וואָלט איך געוועז דער ערשטער צו רופן דיך, דעם היינטיקן מענטש, צו אַ רעוואָלט אַנטקעגן אָט-דעם, כאָטש דאָס וועט דיר קלינגען אַביסל אומגלויבלעך, מחמת ביי דיר קאָן אויסקומען, אַז מיך דאַרף עס נישט אַרן, נאָר אַדרבא, פרייען. זאָלן זיך, הייסט עס, מענטשן איצטיקע מאַטערן, אַבי מיר זאָל שפּעטער זיין גרינג. וועל איך דיר אויף דעם ענטפערן אָט-וואָס: ערשטנס, אַרט עס מיך טאַקע יאָ, וואָרום איך בין קיין עגאָיִסט נישט. אַזוי ווי איך בין נאָך נישט געבוירן געוואָרן, בין איך נאָך פריי פון אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן, צווישן זיי עגאָיִזם. צווייטנס, לוינט זיך נישט דער גאַנצער ענין, פשוט ווייל, ווי איך האָב דיר פריער געזאָגט, איז עס דאָך גאָרנישט זיכער, אויב דאָס, וואָס איר גרייט צו פאַר מיר וועט גאָר טויגן פאַר מיר, צי מיר וועט דאָס געפעלן. אָט לאָמיר ווידער נעמען רוסלאַנד פאַר אַ ביישפּיל. איך בין לחלוטין נישט זיכער, צי איך וועל קענען אָננעמען דעם מאַטעריאַליסטישן וועלט-קוק, וואָס איז שוין איצט (ווי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט עס אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט אין זיינע צוויי לעקציעס „וויסנשאַפט, פי-לאָסאָפיע, רעליגיע״ — באַנקראָט). נאָר די מעשה איז, וואָס מ׳האָט מיך אין דער לינקער פּאה. „צוקונפט״, צוקונפטס-מענטש״ זענען בלויז פראַזן, אַ מין אָפּיום צו פאַרשיכּורן דעם היינטיקן מענטש. די עטלעכע איבערהאַרן ווילן דווקא דורכזעצן אַ פּלאַן אונטער דער פאָן פון דער צוקונפט און די גרויסע מאַסן—זיי זענען אַזוי פאַרהאַרעוועט, אַז זיי האָבן אפילו קיין צייט נישט צו טראַכטן, אַז דאָס איז זינלאָז און שיקן דעם צוקונפט-מענטש צום טייוול

בקיצור, איך בעט דיך, זע פון היינט אָן מיך, דעם צו־קונפט־מענטש, אַרויסצולאָזן פון דיין קעגנוואַרט־שפּיל. רעד אין דיין אייגענעם נאָמען, טו אין דיין אייגענעם נאָמען. אַפילו, ווען איך זאָל שפּעטער עפּעס — אָדער אַפילו אַסך — נעמען פון דיר, וואָס דאָס איז אומפאַרמיידלעך, וועט עס אַלץ בשום־אופן נישט מיינען, אַז דו האָסט דאָס אויפגעטון פאַר מיר, ווייל איך האָב דיר אַזוי שיין געדרשנט. דו האָסט דאָס געטון, ווייל דו האָסט אַזוי געוואָלט, ווייל דיר איז דאָס אַזוי געפעלן, און אויב עפּעס דערפון איז געבליבן פאַר מיר אָפּצוקלויבן פון דעם גאַנצן באַרג פון דיינע אויפטואונגען, וואָס ס'רוב פון זיי וועל איך פאַרוואַרפן, אַפילו נישט וועלן קוקן אויף זיי, מיינט עס אַלץ נישט, אַז דו האָסט באמת ליב געהאַט מיך, דעם מענטש, וואָס איז נאָך אין דיין צייט נישט געווען. האָב־זשע דאָס אין זינען. נאַר נישט זיך און נאַר נישט אַנדערע.

III

מאהאטמא גאַנדי

מיט אַ צייט צוריק האָב איך געהאַט אַ שטיקל צוזאַמענשטויס מיט קעדאַר גאַט דאַס גופּטאַ, אַן אינדישער כלל־טוער, איינער פון די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע „אַלוועלטלעכע גאַנדי חברשאַפט״ און פון אַנדערע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס. דער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען מחמת אַ קלייניקייט — צוליב גרויסקייט, אָדער גרעסטקייט. הער גופּטאַ האָט אויף אַ קליינער צוזאַמענקונפט אין אַ ניו־יאָרקער האָטעל איבערגעחזרט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז גאַנדי איז דער גרעסטער מענטש פון דער וועלט, ווי מ׳זאָגט: צוויי מאָל צוויי איז פיר, אויב נישט נאָך זיכערער. און דאָס האָט מיך אַביסל שאָקירט: וואָס הייסט עפּעס דער גרעסטער? — האָב איך אין אַ גאַנץ מילדן טאָן געפּרעגט, — וואָס איז די מאָס פון גרויסקייט? סוף כל־סוף איז גרויסקייט אַ רעלאַטיווער באַגריף און וואָס ביי איינעם איז דער גרעסטער, קאָן ביי אַ צווייטן דווקא נישט זיין גרעסט, צי אפילו בלויז גרויס. זאָל מען מאַכן אַ רעפערענדום אויף דער טעמע: ווער איז דער גרעסטער מענטש, וועלן זיכער אַ סך, זייער אַ סך תּיכּף אַ וויַז טון אויף אַלבערט איינשטיינען. אַנדערע, וואָס מעסטן גרויסקייט לויט קינסטלערישע דערגרייכונגען, וועלן אויסרופן: ראָמען ראָלאַן; און די, וואָס זענען פאַרקאָכט אין פּאָליטיק, וועלן מסתמא אויסקלייבן פאַר זייער גרעסטן אַ פּאָליטיקער.

קאָמוניסטן ווערן, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, טייטלען אויף סטאַלינען...

מיט גרויסקייט איז ווי מיט שיינקייט. וואָס הייסט די שענסטע פרוי? כמעט יעדעס יאָר רוקן די שיינהייטס-קאָנטעסטן אַרויס אַ נייע שענסטע... און אָט זע איך אויפן עקראַן פון אַ קינאָ-טעאַטער די „מיס וועלט” און — אַ טייל פון עולם שיסט אַרויס אַ הילכיק געלעכטער, אַזוי מיאוס זעט די „שענסטע” אויס אין אַ סך אויגן. די געשמאַקן זענען פאַרשידן, און די קוואַליפיקאַציעס, וואָס דער און יענער זוכט אין שיינקייט און אין גרויסקייט זענען דער היפוך איינע פון די אַנדערע. נישט נאָר עס זענען דאָ נאַציאָנאַלע געשמאַקן, נאָר אין יעדן לאַנד און אין יעדער קלאַס, אפילו אין איין פאַמיליע, הערשן אַלערליי עטישע און עסטעטישע באַגריפן. מ י י ן גרעסטער מענטש און מיין גרעסטער פּאָעט און מיין שענסטע פרוי איז נישט אַלעמענס.

הער גופטאַ האָט זיך באַליידיקט און נאָכמער זיך פאַרוונדערט: ער האָט זיך, ווייזט אויס, גאָרנישט געריכט, אַז עמעצער זאָל מסופּק זיין אין גאַנדיס גרעסטקייט. און ער איז דאָך נישט דער איינציקער. דעם פּזמון, אַז גאַנדי איז דער גרעסטער מענטש פון דער וועלט אין דער היינטיקער צייט האָב איך שוין געהערט פון אַזויפיל פאַרשידענע מענטשן, ביי אַזויפיל געלעגנהייטן, אַז פאַר איינעם, וואָס האָט מורא פאַרן דעת-הקהל, בלייבט בלויז אָנצונעמען גאַנדיס גרעסטקייט פאַר אַן אַקסיאָם. עס זאָגט עס גאַנדיס מיטאַרבעטער וויהיטהאַלבי פּאָטעל און עס זאָגט עס ד״ר סטיפען ווייז; עס זאָגט עס דער ראַבינער און דער גלח — היינט גיי און גלויב נישט. און אפשר איז גאַנדי טאַקע דער גרעסטער פון די גרעסטע, אָבער ווער און ווי־אַזוי קאָן מען דאָס באַווייזן? מיין פריינד, וואָס איז אומגעהייער פאַרליבט אין אַ רויט-האָריקע דאַמע, וויל מיך דווקא איבערצייגן, אַז זיין געליבטע איז די שענסטע און די איידלסטע פרוי און אַז שענער פון רויטע האָר איז גאָר אויף דער

וועלט נישטאָ; בין איך זיכער, אַז ער גלויבט אַזוי, אָבער איך גלויב עפּעס אַנדערש.

איך האָב איבערגעלייענט אַלץ, וואָס גאַנדי האָט געשריבן אָבער עפּעס אַזעלכעס, וואָס די וועלט האָט שוין פריער נישט געוווסט, האָב איך דאָרט נישט געפונען. אין דעם „ואהבת לרעך כמוך" איז פּאַקטיש אויסגעדריקט דער הויפּט-געדאַנק פון גאַנדיס לעבנס-פילאָזאָפיע. ד"ר ווייז האָט פאַרגליכן גאַנדין צו די נביאים און צו יעזוסן, צו הלל הזקן און צו פראַנציס ד'אַסיסי; איז עס אפשר אמת, ווען מען פאַרגלייכט זייערע עטישע לערעס (וואָס גאַנדי האָט פּאַרטיק איבערגענומען פון די אויסגערעכנטע), אָבער ס'איז אין גאַנדין נישטאָ דער פּאַטאָס און דער שווונג און די פאַנטאַזיע פון די נביאים; נישט די איבערערדישקייט פון יעזוסן, אָדער פון בודאַן, אָדער פון די אַנדערע אינדישע און יידישע מאָראַל-לערער און נישט דאָס ענוות פון הלל הזקן. סוף-כל-סוף שטייט גאַנדי גאַנץ פעסט אויף דער ערד, אויף דעם רעאַלן באָדן — טאָקע האַלב נאַקעט, מיט אַן אַסקעטישן, פעדער-לייכטן גוף, אָבער פאָרט אַ פּאָליטיקער! אמת נישט קיין ערשטקלאַסיקער פּאָליטיקער — דאָס איז צו זען פון זיינע פּאָליטישע שריפטן, דאָך אַ פּאָליטיקער, טייל זאָגן אפילו אַז אַ כיטרער פּאָליטיקאַנט, נאָר — דאָס איז שוין רכילות...

ניין, אין זיינע אידייען איז גאַנדי נישט נאָר נישט דער גרעסטער און נישט קיין נאָוואַטאָר, נאָר אפילו סתם גרויס איז ער נישט. ער צייכנט זיך נישט אויס מיט זיין אידעאָלאָגיע, נישט מיט זיין סטיל, נישט מיט קיין שום אַנדער אייגנשאַפט, וואָס באַרעכטיקט זיין שם. טאָ ווי קומט עס פאָרט, וואָס ער, אָט דאָס קליינגעוויקסיקע מענטשל, האָט אַזוי אויפגעשטורעמט די וועלט און האַלט זי געשפּאַנט? מען וואָלט דאָ געקאָנט זיך אַריינלאָזן אין אַ לאַנגער דערקלערונג מכּוח די ספּעציפישע אינדישע באַדינגונגען, וואָס האָבן אים אַרויסגערוקט אין פראָנט. פאַרוואָס גראָד אים און נישט קיין אַנדערן, למשל, דעם פריערדערמאָנטן פּאָטעל, וואָס איז מער פּאָליטיקער, ענערגישער און באַוועגלעכער פון גאַנדין? דאָס איז קיין קשיא נישט. זענען

דען אין איטאַליע נישט פאַראַן קיין אינטעליגענטערע, פעיקערע און באַגאַבטערע פיגורן ווי בעניטאָ מוסאָליני? און רוסלאַנד האָט גרעסערע און וויכטיקערע קעפּ־מענטשן, ווי יוסיף סטאַלין און דאָך האָט גראָד אָט דער בעשרענקטער און אומוויסנדיקער גרוזין פאַרנומען דעם אויבן־אָן. צי נעמט אַזאַ משוגענעם כאַם ווי אַדאָלף היטלער — גראָד ער האָט אויפגעשטורעמט דאָס הויך־קולטורעלע דייטשלאַנד און געוואָרן דער אָפּגאָט פון מיליאָנען פאָלקס מענטשן.

געוויס דאַרף מען זאָגן טויזנט מאָל להבדיל, ווען מען דערמאָנט גאַנדין צוזאַמען מיט אַ מוסאָליני, אַ סטאַלין און אַ היטלער. בין טומאה לטהרה. אָבער איך האָב דערמיט בלויז געוואָלט ברענגען אַ ראיה וועגן דער מעגלעכקייט אין אַן אויפגעבורעט לאַנד פאַר אַ סך קלענערע ווי אַ גאַנדי, צו ווערן באַנער־טרעגער, אָפּגעטער. איז עס אויך אַזוי אין גאַנדיס פאַל? איז גאַנדי אַ צופאַל, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אויף די כוואַליעס פון דעם רעוואָלטירענדיקן אינדיע? אַזאַ באַהויפטונג וואָלט געווען אַן אומרעכט געגן גאַנדין און געגן דעם גרויסן אינדישן פאָלק. גאַנדי איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז, נישט מחמת די ספּעציעלע אינדישע באַדינגונגען — אפשר דאָס אויך, אָבער אין אַ זייער קליינעם מאָס. דער סאַמער עיקר פון גאַנדיס אויפשטייג אין אינדיען און אין דער וועלט איז עפּעס גאַנץ אַנדערש, עס געפינט זיך אין גאַנדין גופא, אין זיין פּערזענלעכקייט.

אָט דאָ קום איך צו אַ פּונקט, וואָס פון אים מוז מען דערזען דעם מאַהאַטמאַ זייער גרויס, אפשר טאַקע ווי דער גרעסטער — דער גרעסטער, ווייל דער איינציקער, ווייל נישטאָ איז מיט וועמען אים דאָ צו פאַרגלייכן — איך מיין: זיין פּערזענלעכן ביישפּיל, זיין לעבן אין דער אידייע, וואָס ער פּרעדיקט. צווישן אים און זיין אידייע איז נישטאָ קיין סתירה, קיין קאָנפליקט. זיי זענעןביידע איינס: ער איז זיין אידייע און זיין אידייע איז — ער. ס'איז שוין דאָ דעריבער נישט וויכטיק ווי גרויס אָדער ווי קליין די אידייע איז, ווי אמת

אָדער סאָלש, לויט דער אָדער יענער קאָנצעפּציע, זיין אידייע קוקט אויס — די הויפּט זאַך איז, וואָס ער לעבט מיט איר, אין איר און פאַר איר. דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס די וועלט האָט נאָכנישט געזען, באַזונדערס אין אונזער מאַטעריאַליסטישער און עגאָיסטישער צייט. דערפאַר האָבן די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זיך אַ קער געטון צום מאַהאַטמאַ. דערפאַר וועט ער פאַרגעטערט פון מיליאָנען.

אפילו גאַנדיס רבי, לעוו טאָלסטאָי, האָט נישט געהאַט דעם מוט צו לעבן על-פּי זיין אייגענער תּורה. ער האָט זיך געראַנגלט און — פאַרשפּילט; באַשולדיקט זיין פרוי, באַשולדיקט ווער עמען איר ווילט, אויך זיך אַליין. אָבער טאָלסטאָי דער אַריסטאָקראַט איז געווען אַ שלעכטער תּלמיד פון טאָלסטאָי דעם רבין, דעם מאָראַל-פילאָזאָף. ער האָט געפּרעדיקט פּשטות, אַסקעטיזם און געלעבט ווי אַ גראַף, אין אַ פּאַלאַץ, מיט דינער און דינסטן און ווי יוצא צו זיין פאַר זיין אייגן געוויסן, האָט ער זיך אָנגעטון אַ פּויערישן פּעלצל און אין פּויערישע לאַפּטשעס, אָדער גאָר אַרומגעגאַנגען באָרוועס. דאָס אַלץ... און טאָלסטאָי איז דאָך פאָרט געווען טאָלסטאָי. מיט אַנדערע מאָראַל-פּרעדיקער איז עס נאָך ערגער, זיי טוען כּסדר קאַפּויר פון דעם, וואָס זיי דרשענען. זיי פּרעדיקן וואַסער און טרינקען באַהאַלטענערהייט ויין, ווי היינריך היינע האָט זיי כאַראַקטעריזירט.

דער מאַהאַטמאַ גאַנדי איז דער איינציקער מאָראַל-לערער וואָס זיין גאַנצער אויפפיר איז אין פולן הסכּם מיט זיין לערע אין זיין קליידונג און אין זיין עסן, אין זיין באַציונג צו זיך און אין זיין באַציונג צו מענטשן. שוין זיין לייוונטענער הולך, וואָס אין אים איז ער אפילו פאַרפאָרן צום ענגלישן קעניג אין הויף אַריין, איז אַן אויפטו, וואָס פאָדערט גרויס קוראַזש און איז אַ פּאַטש אין פּנים אַריין דער גאַנצער שטייף-באַפּראַקטער, באַצילינדערטער און רייך-מונדירטער געזעלשאַפט. עס פאָדערט זיך, נאָכאַלעמען, מער קוראַזש אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין אָן אַ שניפּס, ווי צו מאַכן אַ רעוואָלוציע... אין גאַנדי דערשיינט נישט בלויז אָן אַ שניפּס נאָר אויך אָן הויזן, אָן דער גאַנצער

ציוויליזירטער אויסשטאַטונג. ער איז דעריבער דער מוסיק־סטער מענטש.

גאַנדי פּרעדיקט איינפאַכקייט און ער אַליין לעבט אַזוי איינפאַך, וואָס איינפאַכער קאָן שוין נישט זיין. ער פּרעדיקט: נישט ווידערשטעלן זיך געגן געוואַלט און ער אַליין איז דער ערשטער דאָס צו טון. ער פּרעדיקט: נישט צו קוילענען, אפילו נישט קיין לעמעלע, אָדער אַ פיש — און ער איז דער אויס־געהאַלטנסטער וועגעטאַריער. און אַז ער וויל ציגן־מילך, פירט ער מיט זיין אייגענע ציג קיין לאָנדאָן — זאָל די וועלט לאַכן, חוזק מאַכן; זאָלן פעליעטאָניסטן און קאַריקאַטוריסטן טרייבן לצנות מיט פען און פענזל — וואָס גייט עס אים אָן? אַזוי וויל ער און אַזוי טוט ער. בקיצור, גאַנדי איז נישט גרויס אין זיינע אידייען, נאָר אין זיין אידייִש לעבן, אין זיין שטרענג־קייט צו זיך אַליין, אין זיין פרינציפּיעלער פולקייט. דאָ איז ער, ווי געזאָגט, דער איינציקער, און דערפאַר קאָן שוין אויף דעם פונקט נישט שייך זיין קיין רעלאַטיווו מעסטן און פאַר־גלייכן מיט עמעצן — איז ער במילא דער גרעסטער, ווי אַן איינציקע פרוי אויף אַן אינזל איז במילא דאָרט די שענסטע, וואָרום קיינער קאָן נישט אָנווייזן אויף אַ שענערע פון איר...

די וועלט מעג טאַקע שמייכלען און לאַכן און טרייבן לצנות פון גאַנדיס הולך, פון זיינע מאכלים, פון זיין ציג און פון זיינע פירונגען, אָבער זי, די וועלט, פילט, אַז גאַנדי פאָ־זירט נישט, אַז ער מאַכט נישט קיין אָנשטעל און אַז זיין לעבנס־שטייגער וואַקסט אַרויס פון זיין לעבנס־קוק, פון זיין לעבנס־פילאָזאָפיע. און די וועלט גאַפט און די וועלט האָט דרך־ארץ פאַר אים, אפילו די ציניקער און די פּראָפעסיאָנעלע אָפשפעטער. דערפאַר אויך, ווען דער מאַהאַטמאַ זאָגט אַ וואָרט ווייסט מען, אַז עס איז געזאָגט, אַז ער מיינט פונקט אַזוי און נישט עפּעס אַנדערש, און זיכער נישט פאַרקערט. דאָס לעצטע איז אַ נייעס, אַן איבערראַשנדיקע נייעס, איבערהויפּט פאַר שטאַטסלייט, פאַר דיפּלאָמאַטן...

מייל וועלן זיך אפשר וונדערן אויף מיין פריערדיגער באַ־

מערקונג, אַז אַט דער אַסקעט איז נישט קיין עניו ווי הלל הזקן. אָבער אַזוי איז עס. גאַנדיס פּשטות איז בשום־אופן נישט קיין פּועל־יוצא פון גרויס באַשיידנקייט, פון עניות. אדרבא ער איז שוין גאָר קיין עניו נישט. אַן צניו שטעלט נישט אַזויפיל אויף זיך, ווי ער טוט דאָס; אַן עניו גלויבט נישט אַזויפיל אין זיך, ווי ער גלויבט עס. נעמט בלויז פאַר אַ ביי־שפּיל זיין תּענית געגן דער בריטישער אימפּעריע, צוליב ענג־לאַנדס מישן זיך אין אינערלעכע אינדישע ענינים, לגבי דער סודראַ־קאַסטע. גאַנדי זאָגט צו גרויס־בריטאַניע: אָדער דו גיסט מיר נאָך, אָדער איך פאַרהונגער זיך צום טויט! אַ מענטש מוז דאָך אומגעהייער איבערגעצייגט זיין אין זיין פּערזענלעכער וויכטיקייט און גרויסקייט, כּדי צו קאָנען דענקען, אַז דער פאַקט, וואָס ער עסט נישט, דאַרף עמעצן אָפּשרעקן, אַנוואַרפן אַ מורא אויף אַ גאַנצער אימפּעריע. און גרויס־בריטאַניע בויגט זיך. זי בויגט זיך פאַר דעם מעכטיקן ווילן פון אַ קליין מענטשל, וואָס לעבט גרויס, וואָס איז ריין און קאָנסעקווענט אין זיינע פּרינציפּן.

עמעצער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז עס איז די גרעסטע חוצפּה צו זיין אַן עניו; אָבער דער מאַהאַטמאַ האָט קיינמאָל נישט געשפּילט קיין ראָלע פון אַן עניו. קיינמאָל זיך נישט גרויס געהאַלטן מיט עניות, קאָן מען דעריבער אויף אים נישט זאָגן, אַז ער איז אַ חצוף. די באַזע פון זיין פּרינציפּיעלישקייט, דער שורש, איז אין זיין עקשנות און זיין עקשנות האָט ער קודם אויסגעפּרובירט אויף זיך אַליין: אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אָט אַזוי־און־אַזוי זאָל ער לעבן, אַזוי און נישט אַנדערש זיך פירן, אַזוי און דווקא אַזוי זיך קליידן און עסן און יעדן מאָנטיק שווייגן — און ער פירט עס געטריי אויס. ער האָט גובר געווען זיך אַליין. ערשט דאַן איז ער געקומען צו אַנ־דערע און זיי געהייסן מנצח זיין זייערע איינגעבוירענע, פון לאַנגע דורות געצירשנטע אינסטינקטן און סטיכיעס, וואָס רייסן זיך צו גוואַלט, צו רויב, צו בלוט־פאַרגיסונג — נישט ווידער־שטעלן זיך דעם שונא, מחמת: איזהו גבור, הכובש את יצרו. דער, וואָס איז גובר זיך אַליין, איז דער אמתער גבור. נישט

אין צוריקשלאָגן, נאָר אין פאַרשווייגן, איז דער גרעסטער כּוח, די העכסטע מאָראַלישע קראַפט. און בריטאַניע האָט זיך דערשראָקן פאַר אַן אינדיע, וואָס שלאָגט נישט צוריק, וואָס בויגט אַראָפ דעם קאָפּ פאַר דעם זעלנערס קלעפּ, פאַר דער מוראַדיקער עקשנות פון די מענטשן, וואָס זענען אונטער גאַנדיס איינפלוס און וואָס ציען זייער יניקה פון זיין מאָראַלישער גבורה. און די גאַנצע וועלט האָט מיט וווּנדער און באַוווּנדערונג אַ קוק געטון אויף דעם שוואַכן מענטשעלע ביים שפּינראָד, וואָס ווייזט אַרויס דעם גרעסטן כּוח און מיט יראת-הכּבוד האָבן שטימען אָנגעהויבן צו רופן: דער גרעסטער מענטש!

בקיצור, גאַנדי האָט אין די אַלטע אידייען נישט אַריינגעגעבן קיין נייעם אינהאַלט. ער האָט אָבער אין זיי אַריינגעגעבן זיך אַליין און זיי פאַרקערפּערט אין זיך, אין זיין פלייש אוןביין — און אויף אָט דעם פּונקט — אויף דעם פּונקט פון לעבן, ווי געלערנט און לערנען, ווי געלעבט — איז ער באמת, ווי געזאָגט, דער גרעסטער, ווייל — נאָכאַמאָל דאָסזעלבע — ס'איז נישטאָ קיין גלייכן צו אים...

עמיל לודוויג

וואָס פאַרא שמן־זיתדיקע פרייד — עמיל לודוויג, דער „מאָדערנער פּלוטאַרך", דער ביאָגראַף, וואָס איז שוין איבערגעזעצט אין אַזויפיל און אַזויפיל לשונות; דער ביאָגראַף, וואָס איז אין מאָדע אין אַלע פאַרפומירטע סאַלאָנען און נאָבעלע הערן און דאַמען לייגן זיך מיט אים און שטייען מיט אים אויף — אָט דער עמיל לודוויג איז אַ ייד, וואָס זיין אמתער נאָמען איז קאָהען, דערצו אַ נאַציאָנאַלער־נאַציאָנאַליסטישער ייד. און לודוויג גיט זיך צו דערקענען צו זיינע ברידער, ווי אַמאָל יוסף אין מצרים; זעט, איך, אַזאַ גרויסער מענטש, אַזאַ אַנדערקענטער — און דאָך שעם איך זיך נישט מודה צו זיין, אַז כ'בין אַ ייד און האָב ליב יידישקייט און יידן! אמת, צו זיין אָפענער יידישקייט און יידישן נאַציאָנאַליזם קומט ער ערשט נאָכדעם, ווי ער ווערט אויסגעפאַטשט פון היטלעריזם, אָבער דאָס איז שוין קיין נייעס נישט אין זיינע קרייזן... און ס'איז נישט נאָר דער פאַטש אין פנים — ס'איז אויך מאָדע: עדמונד פלעג אין פראַנקרייך; לודוויג לויסאָן אין אַמעריקע; ליאָן פויכטוואַנגער אין דייטשלאַנד — זיי אַלע שרייען אויך וועגן זייער יידישקייט. און וואָס דאַרף מען מער — אפילו פּראָפ. אַלבערט איינשטיין פּאַסט זיך אוודאי פאַר דעם מאָדע־ביאָגראַף עמיל לודוויג —

מאָדע-יידישקייט, בפרט, אַז פאַר די נאַציס איז עס סיי-ווי קיין סוד נישט געווען און פאַר דער ליבעראַל-קריסטלעכער וועלט איז עס נישט קיין חסרון, אויב נישט אַ מעלה.

אָט-די ליבעראַל-קריסטלעכע וועלט ווייסט ווייל, אַז יידן האָבן געגעבן דער וועלט משהן, יעזוסן און — לודוויג-קאָהענען. ס'איז נישט אַזאַ ווייטער שפּרונג – יעדנפאַלס נישט פאַר לודוויגן. ביי אים איז עס איין אָטעם: געטע, נאַפּאָלעאָן, ווידראָו ווילסאָן, קריסטוס און מוסאָליני... דערין טאַקע גייט עס. זיין מאָדע-יידישקייט וואָלט פאַר אונז געווען אַ פּריוואַט-זאַך, ווען ס'וואָלט נישט געווען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר זיין שרייבן, פאַר זיין אופן צוגיין צו היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. שטענדיק וויל ער וועמען געפעלן, אויסנעמען. זיין שפּרינגען פון געטען צו יעזוסן און פון לענינען צו מוסאָלינען איז נישט פאַלש דערפאַר, וואָס צווישן דידאָזיקע היסטאָרישע און היסטאָריש-ווערנדיקע פיגורן איז נישטאָ קיין שייכות, קיין אינערלעכע — פּסיכאָלאָגישע, עטישע אָדער וועלכע ס'איז אידייִשע — פאַרבינדונג, וואָס זאָל דורך זייער באַהעפטונג אָדער ענלעכקייט גאָענט זיין לודוויגן און דורכדעם געבן די מעגלעכקייט און געלעגנהייט דעם ביאָגראַף זיך אַ ל י י ן אויסצודריקן, אָט ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט פּלוטאַרכן. ניין, נישט דערפאַר זענען זיינע „שפּרונגען" פאַלש, ווי דאָס וואַרפט אים אויף אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער קריטיקער; וואָרום פּלוטאַרך מוז נישט זיין ד ע ר מוסטער פאַר אַלע ביאָגראַפן. ס'קאָנען און מעגן זיין אַנדערע פאַרשידענע מוסטערן. פאַראַן אַ ביאָגראַף, וואָס קלייבט זיך אויס די, און נישט קיין אַנדערע, פּערזענלעכקייטן פאַר זיין אַרבעט, מחמת זיי, די אויסגעקליבענע, זענען אים נאָענט און ער פילט, אַז דורך זיי קאָן ער געבן אויסדרוק זיינע אייגענע אידייען; פאַראַן ווידער אַ ביאָגראַף, וואָס זיין אויסוואַל איז נישט מחמת אידייִשע שייכותן, אָדער פאַרליבטקייט אין זיינע העלדן, נייערט מחמת פּסיכאָלאָגישער פאַראינטערעסירטקייט, מחמת דעם דראַנג אויפצוקלערן — אין ליכט פון היסטאָרישע געשעענישן, אָדער גאָר אין ליכט פון זיין אייגענעם סוביעק-

טיון וועלט-קוק — אַ געוויסע פּערזענלעכקייט, ווי, אַ שטייגער, דער פילאָזאָף אָדער וויסנשאַפטסמאַן זוכט אויפצוקלערן אַ געוויסע דערשיינונג אין דער נאַטור. נאָך עפּעס: אויב ס'זענען נישטאָ קיין אידייִשע, פּסיכישע אָדער עטישע שייכותן צווישן געטען, נאַפּאָלעאָנען, ביסמאַרקן, ווילהעלם דעם צווייטן, לינקאָלן, פרידריך דעם גרויסן, לעאָנאַרדאָ דאַ-ווינטשין, סטענלין, וודראָו ווילסאָנען, לענינען, קריסטוסן, סטאַלינען און מוסאָליניִן, וואָס זיי אַלע האָט עמיל לודוויג „באַהאַנדלט”, איז אָבער פאַראַן אַ מין עטערישע ספערע, וואָס פאַרבינדט זיי — די ספערע פון גרויסקייט — אַלצאיינס צי דאָס איז אַ פאַקטישע גרויסקייט ווי ביי דאַ-ווינטשי, קריסטוס און לענין, אָדער אַן אויפגעבלאָזענע, דורך אומשטענדן אַרויפגעלייגטע, ווי ביי סטאַלינען, מוסאָליני. אין ערשטן פאַל דערוואַרט מען פון ביאָגראַף אַן אַנאַליז פון די פּערזענלעכע אַטריבוטן, וואָס מאַכן איינעם גרויס די ווירקונגען פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט אויף דער סביבה א. א. וו. אין צווייטן פאַל זענען מיר פאַראינטערעסירט צו קריגן אַ סינטעטיש בילד פון אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע געשעענישן, וואָס דערהייבן אַ געוויסע פּערזאָן צום אויבנאָן, צו פירערשאַפט, די געגנזייטיקע איינפלוסן פון דעם „דערהויבענעם” אויף די מאַסן און פון די מאַסן אויף אים א. ז. וו.

אין ביידע פאַלן מוז דער ביאָגראַף האָבן אַן אייגענעם וועלט-קוק, אַן אידייע, אַ באַשטימטן צוגאַנג און אַ באַשטימטן אויסגאַנג, וואָס לויט זיי און דורך זיי נעמט ער אויף און אַנאַליזירט היסטאָרישע פיגורן און די געשעענישן אַרום זיי. דער עכטער ביאָגראַף דאַרף נישט נאָר נעמען ביי זיינע „העלדן”, נאָר זיי אויך ע פּ ע ס געבן — און טאָקע אַן „עפּעס” פון קאָנקרעטן ווערט. אָבער לודוויג קומט צו זיינע „העלדן” נקי, אַ נאַקעטער, אַ ליידיקער, אָן וועלכער ס'איז אידייע, אָן אַן אייגענעם וועלט-קוק. ער מאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס קומט אַריין אין אַ קראָם און פרעגט ביים סוחר, וואָס ער דער קונה, וויל קויפן... און ווייל ער ווייסט נישט, וואָס ער וויל, וואָס אים געפעלט, לייגט ער זיך אָן פולע קעשענעס

הענגט זיך אַרום מיט געפעק, פאַרלייגט די הענט מיט סחורה, אַז ער קאָן זיך קוים אַ ריר טון. דערנאָך איז אים שווער זיך אַן עצה צו געבן מיט די פעק אין פעקלעך, ווייסט נישט וועל־כעם איז בעסער און נוצלעכער, כדי דאָס צו מאַכן פאַר דעם עיקר — וואַרפט ער פאַר אונז אָן די סחורה אָן אַ סדר, אין דער גרעסטער אומאָרדנונג. אָט דאָ ליגט די פאַלשקייט פון לודוויגס ביאָגראַפיעריי.

אָנשטאָט צו זיין אַ וואַסערדיגער נאָוועליסט, האָט ער זיך אויסגעקליבן די קאַריערע פון אַ ביאָגראַף, גלויבנדיק, אַז די מאַטעריאַלן וועגן אַ פערזענלעכקייט וועלן כאַ־דעקן זיין אומ־באַהאָלפנקייט און שאַפן אַ געוויסע געשפאַנטקייט. אַ לייכטע פעדער האָט ער — דאָס איז אמת — האָט ער באַלד אימפּאָ־נירט די סאַלאָן־דאַמע און דעם סאַלאָן־קריטיקער, וואָס ביי־ביידן איז די הויפּטזאַך עלעגאַנטער סטיל, אַדעקוואַטן ראַפינירט־קייט — דאָס האָט לודוויג אין אַ פולער מאָס. דערצו האָט נאָך לודוויג געהערט פון פּסיכאָ־אַנאַליז. אַנאַליזירט ער אויף טיש און אויף בענק, אָבער אין אמתן איז דאָס נישט קיין פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, נאָר קינדערשע פּלוידעריי, אַ שפּיל אין פּסעוודאָ־פּסיכאָלאָגיע, דען דער אַנאַליטישער מעטאָד אין דער פּסיכאָלאָגיע ווערט אָנגעווענדט אויפצופּלאָנטערן, אויפצושטעלן פון דעטאַלן, אָפט פון אָן אומוויכטיקן פּרט, אַ באַשטימט בילד, אָבער לודוויג פּלאָנטערט נישט אויף, באַווייזט גאָרנישט און דערגרייכט אינערגעצן נישט. אדרבא, ער פאַרלירט זיך אַליין.

זיין פאַרלירן זיך אַליין, אָנשטאָט צו געפינען זיין „העלד" איז, נאַטירלעך, נישט אַזוי דער פּועל־יוצא פון שלעכט־פאַרדיי־עטער פּסיכאָאַנאַליטיק, ווי פון דעם מאַנגל אין אייגענער אידייע — ניין, פון דער אַבסאָלוטער אידייענלאָזיקייט, אויף וואָס כ'האָב פריער אָנגעוויזן. אויך פּסיכאָ־אַנאַליטיק קאָן מען נישט זויגן פון פינגער. דער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער ווייסט וואָס ער וויל און ווייסט דעריבער וווהין צו צילן, אויף וועלכן פּונקט דערהויפּט זיך צו קאָנצענטרירן. לודוויג ווייסט קיינמאָל נישט אויף וועל־כער וועלט ער איז. ער ווערט מבולבל באַלד ווי ער טרעט

צו צו אַן „אויסדערוויילטן“. אויב בײַ אַ היסטאָרישער פּער־זענלעכקייט, ווי פרידריך דער גרויסער, דאַנטע, געטע אָדער לינקאָלן קאָן ער נאָך פּאַרטושן דעם מוח מיט די רייכע הויפּנס מאַ־טעריאַלן, וואָס אַנדערע ביאָגראַפן האָבן אין משך פון יאָרן און יאָרן אָנגעקליבן און באַאַרבעט, ווערט ער לגמרי צעטומלט, בעת ער נעמט זיך צו פּערזאָנען פון דער געגנוואַרטיקער צייט — פּערזאָנען, וואָס לעבן נאָך צווישן אונז. און זיי קאָן דאָך לודוויג נישט איינרעדן אַלערליי דאַכטעניש און אויסטראַכטע־נישן, געמישט מיט שלעכט־פאַרשטאַנענע היסטאָרישע סיטואַציעס און וואַסערדיקן פּסיכאָ־אַנאַליז. נו, ווערט לודוויג פּשוט אַ רע־פּאָרטער. נאַטירלעך, בעת ער שטעלט זיינע „קרבנות“ קלאָץ־קשיות, איז ער בײַ זיך איבערצייגט, אַז ער פּסיכאָ־אַנאַליזירט זיי, אָבער אין אמתן איז עס נישט מער ווי שלעכטער רעפּאָר־טאַזש, וואָרום אויך דער טיכטיקער, דער געשייטער רעפּאָרטער ווייסט וואָס, אייגנטלעך, ער וויל אַרויסקריגן און שטעלט זיינע פראַגן אַזוי, אַז ער זאָל זיין סוביעקט צעטומלען און ברענגען אים דערצו, אַז ער זאָל זיך אַרויסרעדן דאָס, וואָס יענער וויל דווקא באַהאַלטן, אָדער פּאַרדעקן מיט גלאַטע רייד. לודוויג וויל אָבער גאָרנישט, אויסער אָנשרייבן נאָך אַ בוך, ווייסט ער נישט וואָס צו פרעגן און דאָס, וואָס ער פרעגט, איז אומגע־לומפּערט. סטאַלינען פרעגט ער, למשל, אַ קלאָץ־קשיא, צי ער איז באמת ד ע ר דיקטאַטאָר און, פּאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזאַ דירעקטער קשיא ענטפערט סטאַלין, אַז נ י ש ט, אַז ער איז אונטערגעוואָרפן דער פּאַרטיי־עקזעקוטיוו, וואָס זי קאָן אָנ־נעמען אָדער צוריקווייזן זיינע פאָרשלאַגן; די באַשלוסן ווידער פון דער עקזעקוטיווע זענען אונטערגעוואָרפן — — — נאָר, נאָך וואָס אויסרעכענען דעם אַלעמען באַקאַנטן פּזמון? לודוויג נעמט עס אָן פאַר גוט געלט.

נאָך ערגער איז בײַ מוסאָלינין. איין אַבסורדע קלאָץ־קשיא נאָך דער אַנדערער. אַלץ, וואָס דער דוטשע זאָגט, גלויבט ער אויפן וואָרט און ער פאַלט אַריין אין קעלבערנער התפּעלות נישט נאָר איבער מוסאָלינים שיינע הענט און שיינע אויגן (ווי־

ווײַל דאָס מוז קלינגען אין די אויערן פֿון אַ סאַלאָן-דאַמע!), נאָר אויך איבער זײַן גרויסער חכמה. ווען מוסאָליני קרױנט זיך אַליין פֿאַר דאַנטעס אָן אידייען-חבר, איז לודוויג תיכּף מסכּים און אין פֿאַרלויף פֿון זײַנע שמועסן מיטן פֿאַשיסטישן דיקטאַטאָר, באַשיט ער אים אָן-אויפֿהער מיט קאָמפּלימענטן, ווי אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער זײַן דאַמע: „איר דערמאָנט מיך אָן ביסמאַרקן"... „מיר דאַכט זיך, ווי כ'וואָלט זיך צוגעהערט צו לאָרד בײַראָן"... „אײַער טעכניק איז ווי געטעס"... „אײַער לאָגיק איז אַ נאַפּאָלעאָנישע. — איך האָב גאָרנישט אויסצוזעצן געגן דעם"... ער פֿאַרגלײַכט אים אויך צו לעניגען, צו טראָצ-קין און צו — פֿאַוסטן...

ס'איז לודוויגן גרינג זיך צו וואַרפֿן מיט גרויסע נעמען, האָט ער דאָך נישט קיין באַציונג צו קיין איינעם פֿון זיי. דער ראַדיקאַלער לייענער איז שאָקירט: לודוויג איז אַ פֿאַשיסט! ניין, ער איז נישט קיין פֿאַשיסט, ווי ער איז נישט קיין סטאַליניסט. ער איז אומשולדיק, ווי אַ ניי-געבוירן קינד — ער איז גאָרנישט, און דערפֿאַר פֿאַרליִרט ער זיך אין יעדן. שרײַבט ער וועגן לענינען, אָדער סטאַלינען, וואָלט איר געשוווירן, אַז ער איז אַ פֿאַרברענטער באָלשעוויק. נעמט ער זיך צו יעזוסן, מאַכט ער דעם אײַנדרוק פֿון אַ פֿרומען קריסט. אגב, שטופּט אים דאָ, ווי בײַ יעדן אינהאַלטס-ליידיקן מענטש, דער ווילן צו געפֿעלן אַלעמען, נושא-חן צו זײַן אומעטום — איז ער דאָך דער פֿון אַלעמען געלייענטער ביאָגראַף, איבערגעזעצט אויף אַזויפֿיל לשונות! פֿאַרוואָס זיך אײַנרייסן מיט דער וועלט? און, אייגנ-טלעך, וואָס האָט לודוויג צו דער וועלט? אַ גאַנץ ווײַל ערטל. שלעכט איז נאָר מיט די נאַציס, מיט די אַלע דײַטשישע אַנ-טיסעמיטן. די האַקנקרייצלער קאָן מען אפֿילו נישט אָפּקויפֿן מיט יעזוסן. יעזוס איז פֿאַר זיי אַ ייִד, פּונקט ווי עמיל לוד-וויג, און זיי פֿרעדיקן גאָר דעם צוריקקער צו די אוראַלטע גערמאַנישע וואַלד-געטער. אַ נס איז נאָך, וואָס נישט אַלע דײַטשן זענען האַקנקרייצלער.

ער האָט, יעדנפֿאַלס, אַ גרויסן אויסוואַל „סחורה". אויב

טייל דייטשן וועלן פאַרדרייען די נעז אויף זיין ווילהעלם דעם צווייטן, וואָס אים, צוליב דער שנאה צו אים אויף דער וועלט, האָט ער געמוזט באַהאַנדלען אביסל קריטיש, וועט ער זיך ביי זיי דערפאַר אויסקויפן מיט זיין פרידריך דעם גרויסן און ביסמאַרקן; ביי אַנדערע דייטשן וועט ער נושא-חן זיין מיט געטען; פאַר די פראַנצויזן האָט ערגאַ נאַפּאָלעאָן, לויטן עכט פראַנצויזישפּאַטריאָטישן מוסטער; פאַר די איטאַליענער האָט ער סיי לעאָנאַרדאָ דאַ-ווינטשין, סיי בעניטאָ מוסאָלינין; פאַר גוטע קריסטן — יעזוסן און פאַר הונדערט פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער — וואַשינגטאָן, ווילסאָן און לינקאָלן. אַמעריקע דערהויפּט טאַקע. אַ רייכע, די רייכסטע מדינה. דאָ צעגייען זיך לודוויגס ביכער אין די מיליאָנען און דער האָנאָראַר פאַר זיי — אין ריינע דאָלאַרן. די אַמעריקאַנער האָבן זיך כשר פאַרדינט, אַז מ'זאָל זיי אונטערטראָגן עפּעס אַזעלכעס, פון וואָס זיי זאָלן לעקן די פינגער. האָט ער זיי דערלאַנגט אַ ווילסאָן, ווי נאָר די אַמעריקאַנער דזשינגאָיסטן האָבן אים אין ברען פון דער מלחמה אויסגעמאָלן, און אַ לינקאָלן — ממש פון די פּאַטריאָטישע קינדער-ביכלעך ארויס... לודוויג האָט זיך אָבער דאָ ביטער אָפּגענאַרט און ווידער באַוויזן, אַז אפילו אַ רעפּאָרטער איז ער אַ שלעכטער, ווען ס'קומט אָפּצושאַצן אַ לאַגע. זיין ווילסאָן און לינקאָלן איז אַמעריקע פאַרבייגעגאַנגען מיט שווייגן און דאָ און דאָרט — מיט חוזק. לודוויג האָט נישט געוווסט, אַז אַמעריקע האַלט איצט ביי רעוויזיע, ביי „דיבאָנקינג", וואַרפט אַראָפּ אירע געטער פון זייערע פּעדעסטאַלן. אפילו הונדערט-פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער זענען שוין איצט מודה, אַז ווילסאָן איז געוועזן נישט אַזאַ צדיק און איש-תמים, ווי מ'האָט אים אויסגעמאָלן, און זיינע ראַדיקאַלע קריטיקער שטעלן אים פאָר ווי אַ דעמאַגאָג, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט כלומרשטע פּרינציפּן און געשפּילט ווי אַ נאָר, אין די הענט אריין פון אַ לאָיד דזשאָרזש, אַ קלעמאַנסאָ און אַנדערע דורכגעטריבענע איראָפּעישע שטאַטסלייט.

נישט בעסער איז עס מיט לינקאָלן. אַז דער „גרויסער באַפרייער" איז גאָרנישט אויסן געווען די באַפרייאונג פון די

בעגערס, נאָר האָט אינזינען געהאַט באַשטימטע עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די צפונדיקע שטאַטן געגן די דרומדיקע און די גאַנצקייט פון דער „יוניאָן"—דאָס איז שוין אַן אַלטע און גוט־באַוווסטע מעשה. אַזעלכע ביאָגראַפן לינקאָלנס ווי אַ ל ב ע ר ט ב ע װ ע ר י ד ז ש, ל אָ י ד ל ו י ס און ק ל אָ ו ד ב אָ ו ע ר ס האָבן שוין מיט יאָרן צוריק דערציילט די מעשה, אַז לינקאָלן איז ווייט נישט געווען אַזאַ אידעאַליסט, ווי די לעגענדע דערציילט עס און ווי מ'האָט עס אַריין אין די קעפּ פון די שול־קינדער, נאָר, אדרבא, אַ כיטרער פּאָליטיקאַנט, וואָס איז אין זיין צייט געווען פאַרהאַסט — יאָ, דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה, נאָר לודוויג ווייסט נאָכנישט דערפון, אָדער וויל נישט וויסן, מחמת אים לוינט זיך בעסער פאָרצושטעלן אַ לאַקריץ־זיסן לינקאָלן, אַן עמאַנציפּאַטאָר, ווי ער ווערט סערווירט אין די היפּער־פּאַטריאָטישע ביאָגראַפיעס פאַר קליינע — און גרויסע — קינדער. די ביאָגראַפיע איז אָבער אַזוי שאַבלאָניש, אַזוי באַנאַל און אויסגעדראָשן, אַז אפילו די נאַרישסטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן קאָנען פון איר קיין הנאה נישט האָבן. דערצו געשעט נאָך, אַז כמעט אין דערזעלבער צייט דערשיינט אין אַמעריקע נאָך אַ ביאָגראַפיע פון דעם „מאַרטירער־פּרעזידענט" געשריבן פון דעם גרויסן אַמעריקאַנישן פּאָעט ע ד ג אַ ר ל י מ אַ ס ט ע ר ס — און אָט די ביאָגראַפיע רופט אַרויס אַ שטורם. מאַסטערס שטעלט אַרויס לינקאָלן ווי אַן אומפּעיִק ווינקל־אַדוואָקאַט, וואָס מאַכט אַלערליי טונקל־מונקל געשעפטן; אַ פּאָליטישער אינטריגאַנט, אַ קאַריעריסט, דערצו געשלעכטלעך־דעגענערירט — און, פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַטריאָטישע, רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט מאַסטערן נישט געשוינט, אָבער די ליבעראַלע, שוין אָפּגערעדט פון דער ראַדיקאַלער פּרעסע, האָט געלויבט מאַסטערס קוראַזש, אפילו, ווען דער און יענער קריטיקער האָט געהאַלטן, אַז דער ביאָגראַף האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. לודוויגס לינקאָלן־ביאָגראַפיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אָן בויך־ווייטיק, כמעט איבערנאַכט, אָן אַ שטודיע פון ערשטקלאַסיקע מאַטעריאַלן, אָן אַ קריטישן בליק, אָן פאַרשטייעניש פון די

אַמעריקאַנער באַדינגונגען, איינפלוסן און קאָנפליקטן אין דער פעריאָדע פון בירגער-קריג, איז אויפן שטעל פאַרגעסן געוואָרן ווי אַ נאַרישער וויץ.

דער סך-הכל פון לודוויגס ביאָגראַפיעריי איז אַזאַ: אין די היסטאָרישע ביאָגראַפיעס האָט ער אַבסאָלוט גאָרנישט מחדש געווען, נאָר בלינד נאָכגעזאָגט, וואָס אַנדערע פאַר אים האָבן שוין געזאָגט, אויסער וואָס ער האָט דאָ און דאָרט פאַרדרייט, אָדער פשוט שלעכט פאַרשטאַנען היסטאָרישע געשעענישן, און דאָס, וואָס ער איז אַליין מוסיף, איז סתם פּלוידעריי, אָט ווי דאָס באַקאַנטע ווערטל גייט: „צאָ חכמת, טאָ ניע יעגאָ; צאָ יעגאָ, טאָ ניע חכמה". וואָס ס'איז שייך ווידער זיינע ביאָגראַפיעס פון געגנוואַרטיקע פערזענלעכקייטן, האָט ער בלויז געלייגט שטיינער אין וועג דעם קומענדיקן ביאָגראַף, וואָס וועט זיך וועלן פאַרנעמען מיט לענינען, טראָצקין, מוסאָלינין, סטאַלינען — און זיך פריער באַקענען מיט די „אַרבעטן" וועגן זיי פון זייער „צייט-גענאָסע" עמיל לודוויג. זיי וועלן פריער אומבאַדינגט מוזן גרינטלעך פאַרגעסן לודוויגס פּלאַפּלערייען, איידער זיי וועלן צוטרעטן צו די אַנדערע אויטענטישע, מאַטעריאַלן...

א. צלבי

מאריס ראזענפעלד

דער פינסטערער גורל, וואָס האָט באַגלייט מאָריס ראָזענפעלדס לעבן, באַגלייט אויך זיין טויט. מ׳פּראַוועט די יאָרצייטן פון מענדעלין, פּרצן, שלום-עליכמען, נאָמבערגן, יהואשן, אָבער אין ראָזענפעלדס יאָרצייט-טאָג פאַרגעסט מען אָנצוצינדן אַ ליכט צום אָנדענק פון דעם מענטש, וואָס זיין לעבן איז געווען איין קייט פון יסורים; וואָס האָט, מער ווי וועלכער-ס׳איז פון אונזערע דיכטער אַרויסגעזונגען פון זיין בלוט דעם וויי און דאָס געשריי פון אַלע ליידנדע, פאַרשעמטע און צעטראָטענע. אפשר וועט דער קומענדיקער דור יידישע שרייבער אים מער אָפּשאַצן און אָפּשעצן — דער דור, וואָס האָט אים פּערזענלעך נישט געקענט. דער איצטיקער דור געדענקט אים (כדי צו פאַרשווייגן אים) און האָט צו אים טענות. דער איצטיקער דור טראָגט זיך אַרום מיט אַ באַשולדיקונגס-אַקט געגן אים און קאָן אים נישט מוחל זיין. ס׳איז אין אָט דעם דור נישטאָ קיינער, דערהויפּט אין אַמעריקע, וואָס ראָזענפעלד האָט אים אויף אַזאַ, אָדער אַן אַנדער אופן, דירעקט, אָדער אונדירעקט, נישט „אָנגעטראָטן". פון די מעשיות, וואָס מ׳דערציילט אין ליטעראַרישן קרייז וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן דיכטער, מאָלט זיך אַרויס אַ סאַטאַניש געשטאַלט, אַ בייזער, צעשטערנדיקער גייסט, דערצו אַ ציניקער און אַ נישט-פאַרגינער.

דאָך איז געווען אַ צייט אין מאָריס ראָזענפעלדס לעבן, ווען מ׳האָט זיך איבער דעם דיכטער געריסן און איטלעכע ריכטונג אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט אים געוואָלט אידענטיפיצירן מיט זיך. סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, ציוניסטן — יעדע פאַרטיי האָט געוואָלט האָבן, אַז ראָזענפעלד איז איר זינגער און באַזינגער; אַז זיין פּאָעזיע דריקט אויס אירע ספּעציפישע אידעאַלן און פּרינציפּן. און מען מוז מודה זיין, אַז איטלעכע ריכטונג איז געווען גערעכט און אירע תביעות געקאָנט באַשטעטיקן מיט ציטאַטן פון זיינע שריפטן. דער אמת אָבער איז, אַז ראָזענפעלד איז געווען אַלעמענס און קיינעמס נישט. ער איז געווען אַ ווולקאַניש־אימפּעטיקע נאַטור און זיך אָפּגערופן ספּאָנטאַן אויף אַלץ. אַליין יאָרן־לאַנג אַן אַרבעטער אין די שוויץ־פאַבריקן פון ענגלאַנד און אַמעריקע, זענען די פּראָלעטאַרישע ליידן און קאַמפן געווען אַ טייל פון זיין בלוט און פלייש; ווי אַ ייד, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ נע־ונד לעבן, איז ער אויך געוואָרן אַ מקונן פון יידישע צרות, דערביי אָפט אַריינגעפאַלן אין אַ סענטימענטאַלן אתה־בחרתנו־פּאַטריאָטיזם. ער איז געווען פול מיט ווידערשפּרוכן, נאָר שטענדיק געטריי זיין אייגענער נאַטור, זיין אומקאָנטראָלירבאַרן טעמפּעראַמענט. זיין שאַפן איז פון אָנהייב אָן געווען אַ גאַנג באַרג אַרויף און באַרג־אַראָפּ, עליה און ירידה. דיזעלבע פען, וואָס האָט נעכטן אָנגעשריבן אַ ליד פון העכסטן דיכטערישן שווונג, האָט היינט פאַרפאַסט אַ שטיק בדחנות. אָט אַ האַרציק־לירישער אויסגוס און באַלד — אַ בייסנדיקע סאַטירע. דערהויבנקייט און געפאַלנקייט, ברכה און קללה, קאַמף און הכנעה, רעליגיעזיטעט און גאָט־לעסטערונג מישן זיך אויס אין זיינע ווערק.

אָבער וואָס מיינט דאָס אַלץ? דאָס זענען אמתן, וואָס קיינער קאָן זיי נישט פאַרבייגיין. דאָך צו פאַרמשפּטן, אויף זייער יסוד, דעם דיכטער, איז אַ פאַרברעך. ס׳איז מערקווירדיק, ווי פאַרשידן עס זענען אונזערע באַציונגען צו פיקציע און צו לעבן, צו דיכטונג און צו אמת. מיר האָבן די גרעסטע פּיעטעט צו די צעריסענע, אייביק־בלוטנדיקע געשטאַלטן, וואָס דער קינסטלער

פירט פאַר אונז אַרויס – געשטאַלטן, וואָס זענען, – ווי, למשל, ביי דאָסטאָיעווסקין, – אין כּסדרדיקן געראַנגל מיט זיך און מיט דער וועלט. מיר מיען זיך מיט אַלע כּוחות זיי צו פאַרשטיין. מיר פאַרמשפּטן זיי נישט פאַר זייערע מעשים, שטרויכלונגען און אפילו ווילדקייטן, מחמת מיר זעען די פּסיכישע פּראָצעסן, וואָס באַוועגן זיי דערצו און די סביבה, וואָס איז זיי גורם. מיר זענען אָבער אומרחמנותדיק, אָן דעם מינדסטן איינזעעניש, צו אַזעלכע צעריסענע פּערזענלעכקייטן, וואָס מיר באַגעגנען אין דער לעבעדיקערווירקלעכקייט, אין אונזער אייגענער אַט-מאָספערע. מיר פאַרמשפּטן זיי איינס און צוויי.

געוויס קאָן מען די צוויי מאָסן – צו קונסט און צו לעבן – דערקלערן דערמיט, וואָס צו דער קינסטלערישער גע-שטאַלט קאָנען מיר זיין אָביעקטיוו, בעת די לעבעדיקע געשטאַלט רירט אונז אָן פערזענלעך און שטייט צו נאָענט צו אונז, נישט געבנדיק די געהעריקע דיסטאַנץ פאַר אָביעקטיווער באַאָבאַכטונג. דאָס איז אַ דערקלערונג, אָבער בשום-אופן נישט קיין באַרעכ-טיקונג פאַר אונזער דראַסטישן משפּט.

ס'וואָלט געווען אַן אומרעכט פאַר ראָזענפעלדן גופא, צו פאַרלייקענען זיינע „שוואַכקייטן", זיינע גרויסע חסרונות אַלס מענטש און דיכטער, נאָר מיר טאָרן דערביי נישט פאַרגעסן, אַז מאָריס ראָזענפעלד מיט זיין צעריסנקייט און פאַר ביסנקייט איז געווען דער פּראָדוקט פון אַ צעריסענעם דור, פון אַ ביטער לעבן און אַ פאַרביטערטער סביבה. אין דעם איינעם מענטש ראָזענפעלד איז געקומען צום אויסדרוק אַ גאַנצער דור מיט אַלע זיינע קאָנטראַסטן, מיט זיינע פאַרשידענע אידייען און אידעאַלן, קאַמפן און ראַנגלענישן, קאָנפליקטן, האָפענונגען און אַנטוישונ-גען. די אַלע קאָנטראַסטן און ווידערשפּרוכן האָבן זיך באַ-געגנט אויף איין שטיק באָדן, אין דער נייער וועלט – אין יענער געדיכטער עמיגראַציע עפּאָכע פון סוף אַכציקער און אָנ-הייב ניינציקער יאָרן, – בעת ראָזענפעלד איז פון די לאָנדאָ-נער שוויץ-פאַבריקן געקומען קיין ניו-יאָרק, זיך צו מאַטערן אין די דאָרטיקע פאַבריקן פאַר אַ הונגער-לוין.

אַ דור־הפלגה פון אויסגעוואָרצלטע מענטשן, מאַסן־שטראָ־מען, וואָס האָבן פון אַלע טיילן וועלט זיך געריסן צו דער „גאָלדענער מדינה״, האָבן זיך געמישט אין תוהו־ובוהו פון אַ פרעמדער סביבה, וואָס איז נאָך אַליין יונג און נישט פאַרוואָרצלט געווען. מ׳איז געקומען מיט ליכטיקע חלומות און זיי געמוזט אויסבייטן אויף לחמא־עניא, אויף אָרעם ברויט; אויף אַ פרעמ־דער ערד, אונטער אומבאַקאַנטע הימלען, אין אַ נייעם לעבנס־שטייגער, האָבן זיך אַלע געפּלאָנטערט, געטראָטן איינער אויפן אַנדערנס היגער־אויגן און — אידעאַלן. מ׳איז שנעל אַנטוישט געוואָרן אין די האָפענונגען, וואָס מ׳האָט געלייגט אויף דער נייער וועלט — און אומצופרידנקייט, בייזקייט און חשד האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די הערצער.

מאָריס ראָזענפעלדס ווערק — דווקא מיט זייער „נישט־אויסגעהאַלטנקייט״, מיט זייערע שטייגערונגען און אַראָפּפאַלן, מיט זייער בענטשן און שעלטן, מיט זייער דערהויבנדיקער מע־לאָדיע און גרילצנדיקן טאָן — זענען דער מאָנומענט אויף אָט דעם דור. ביי אַזאַ צוגאַנג צום גרויסן דיכטער, דערשיינט ער פאַר אונז אַ ג אַ נ צ ע ר — גאַנץ אין זיינע סתירות, ווייל דאָס געזאַנג פון אַ גאַנצן דור, פון אַ דור, וואָס האָט זיך נאָך אויך איצט נישט אויסקריסטאַליזירט, נישט אויסגעפאָרעמט; ס׳איז אַ סימפאָניע פון ווידערשפּרוכן, פון דיסאָנאַנסן; דער „ויתרוצצו״ פון פאַרשידענע ריכטונגען און שטרעמונגען, גלויבנס און ספקות איז פאַראייביקט געוואָרן אין ראָזענפעלדס געזאַנג — אַ „ויתרוצצו״ אין דעם שעפערישן טראַכט פון איין דיכטער־לייב, פון איין מייסטער. אויב ס׳איז אמת דאָס וואָרט, אַז דער דיכטער איז די האַרף, וואָס אויף אירע סטרונעס שפּילן אַלע ווינטן — דאַן איז ראָזענפעלד געווען דער אַבּהדיקסטער פון די אמתע דיכטער, דער מוסטער דיכטער.

ראָזענפעלד איז אָבער נישט בלויז געווען די שוואַם, וואָס האָט אין זיך אַריינגעזויגן אַלע שטראָמען פון דער צייט — ער האָט מער געגעבן ווי גענומען. ער האָט געגעבן אַ ליד די שטומע יידישע ליפּן אינמיטן פון אַ מעכטיקער, פרעמד־

שפּראַכיקער וועלט. דורך זיין ליד האָט דער אַרבעטער, דער אָרימאַן און דער נע־ונדיקער ייד (די דריי, וואָס זענען אָפּט איינס, דריי אין איינס) אויסגעוויינט זייער האַרץ און עס איז זיי לייכטער געוואָרן. אין דעם וואָלקאַנישן ראָזענפעלד האָט אויך געברויזט פּראָטעסט געגן די הימל־שרייענדיקע עוולות און ער האָט די האָרעפּאַשניקעס, ווי אַלע ליידנדע, גערופן צום קאַמף. זיין ליד האָט פון אַמעריקע אַריבערגעפליצט איבערן אָקעאַן און איז געזונגען געוואָרן אין מיליאָנען יידישע היימען פון דער אַלטער, ווי פון דער נייער וועלט. אַזוי מעכטיק איז געווען זיין געזאַנג, אַז אויך די נישט־יידישע וועלט האָט עס געמוזט דערהערן און מיט וווּנדער און שטוינונג האָבן די קולטור־וועלטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך און פון אַנדערע מדינות צוגעלייגט זייערע אויערן צו די ווענט פון דער יידישער געטאָ, פון וואַנען די קרעפטיקע לאַווע־טענער האָבן זיך געטראָגן — און ווער זינגט? אַ שניידער זינגט...

נאָר ראָזענפעלדס אוממיטלבאַר אויפנעמען די פאַרשידענע שטראָמען פון דער צייט איז פאַלש אויסגעטייטשט געוואָרן, איבערהויבט דאַן, ווען דעם דיכטערס נאָמען האָט אַזוי הויך און שטאָלץ גענומען קלינגען אין די וועלט־ליטעראַטורן און קנאה האָט פאַרבלענדט די אויגן פון די אַרומיקע... מ׳האָט ראָזענפעלדן באַשולדיקט, אַז ער חנפעט זיך צו סאָציאַליסטן, צו ציוניסטן, צו אַנאַרכיסטן, צו גבירים, וויאַמאָל, ווי און ווען עס לוינט זיך אים. אָבער דער ריינער אמת איז, אַז דער דיכטער האָט זיך אין ערגעץ און צו קיינעם נישט צוגעקלעפּט, זיך צעריסן מיט אַלעמען, נישט אויסגעאַרבעט פאַר זיך קיין קאַריערע אין דער צייטונגס־מלאכה, ווי אַנדערע (וואָס האָבן אפילו קיין רגש פון זיין טאַלאַנט נישט פאַרמאָגט), נישט גע־קוקט אויף זיין גרויסן נאָמען. דער פאַקט, וואָס ער איז גע־לאָפן פון רעדאַקציע צו רעדאַקציע, אויף די עלטערע יאָרן, אַ פּאַראַליזירטער, אַרויסגעטריבן געוואָרן, ווי אַ הונט, פון „טאַגע־בלאַט״ און געשטאָרבן אין דער גרעסטער נויט, — אָט דאָס, ווי די אַנדערע פאַקטן פון זיין לעבן, באַווייזט, ווי לעכערלעך

עס איז די באַשולדיקונג וועגן זיין „פאַרקויפטקייט״. ווען ראַ־זענפעלד וואָלט באמת זיך געוואָלט פאַרקויפן און חנפענען זיך, וואָלט ער זיך גאַנץ גוט געקאָנט אויסוואַרעמען אַ פיין נעסטל, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פון זיין אַ „האַנט״ אין אַ רעדאַקציע. אדרבא, ווער פון די אַלע, וואָס זיצן אין די רעדאַקציעס, האָט אַזוי געקלאָגט אויף זיין שרייבערישן גורל, ווי ראָזענפעלד, וואָס איז בטבע געווען פריי און געמוזט זיין פריי? ווי מיט מעסערס שניידט זיין ליד וועגן דעם אומגליק פון פאַרקויפט זיין אין אַ רעדאַקציע:

איך האָב געמיינט: די שאַפּ איז שלעכט
און בעסער די רעדאַקציע;
אַצינד בין איך אַ פעדער קנעכט —
אָ, שרעקלעכע רעאַקציע!
די פען, וואָס האָט ביי מיר געדרינט,
מוז איך אַליין איצט דינגען;
איך וויין אויף יעדן טראָפּן טינט,
וואָס איז פאַראַן דערינען.

און דער דיכטער פאַרענדיקט זיין קינה מיט דער בקשה, אַז מ׳זאָל פאַר אים צוריק עפענען די שאַפּ, ווו ער וועט:

שאַפן ביטער, שאַפן שווער,
יאָ, שאַפן אָן אַ טענה;
פאַרדינגען קאָן איך בלויז די שער —
די פען מוז בלייבן מיינע.

די „שאַפּ״ איז פאַר אים געבליבן פאַרמאַכט, וואָרום דאָס שוויץ־סיסטעם האָט שוין געהאַט אויסגעזויגן זיין פיזישע קראַפט, ווי די רעדאַקציע־אַרבעט האָט שפּעטער אויסגעזויגן זיין גייס־טיק־שעפערישע קראַפט, אונטער די שווערע, אוממענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס האָבן יענע יאָרן געהערשט אין די ניו־יאָר־קער יידישע רעדאַקציעס. אַ לײדנדער, אַ פאַריסורימטער פון דעם דאָרנדיקן לעבנס־וועג, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען זינט זיינע פריע יוגנט־יאָרן, אַרומגערינגלט פון אַ נישט־פאַרגינערישע סביבה, האָט ער, נאַטירלעך, נישט געקאָנט רעדן מיט האָניק

אויף די ליפּן, נאָר ער האָט זיך נישט געבויגן, נישט געזוכט צו געווינען מיט חניפה אפילו יעדע, וואָס פון זיי איז ער אָפּהענגיק געווען מיט זיין מאַטעריעלן עקזיסטענץ.

אין די קנאַפּע צען יאָר, וואָס איך האָב געאַרבעט מיט אים אין איין רעדאַקציע, איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צוצוזען די בזיונות, וואָס ער האָט געמוזט אויסשטיין. דער אַרויסגעבער האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער פּושט אין זיין שרייבן און אַז ער דרוקט איבער אַלטע זאַכן. ראָזענפעלד האָט נישט, ווי די ווערסיע גייט, געענטפערט ווי אַ חונף, ביי־ערט געקלאַפּט מיטן שטעקן און געשריגן אַ באַליידיקטער, כאָטש די לעצטע טענה (וועגן איבערדרוקן אַלטע זאַכן) איז אמת געווען, אָבער ער איז שוין געווען אַלט, קראַנק און מיד און זיך נישט געקאָנט העלפן.

זיין איבערדרוקן האָט אַמאָל געבראַכט צו אַזאַ אינצידענט: בלעטערנדיק אַלטע זשורנאַלן, האָט ער געפונען אַ ליד, אונטערגעשריבן פון מ. ר. — און זיכער געווען, אַז ס'איז זיינס. אָבער ווען ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „טאַגעבלאַט", האָט זיך געציאוועט אַ יידיש־ענגלישער דיכטער, וואָס זיינע איניציאַלן זענען אויך מ. ר. און געטענהט, אַז ראָזענפעלד האָט אים באַגנבעט. ראָזענפעלד האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַ מאַך געטון: „ש־ש־ש! יונגערמאַן, שוויַגט בעסער, וואָרום אַז אַ ייד אַ קבצן דערציילט אַ מעשה, אַז ראָקפעלער האָט ביי אים געגנבעט אַ ניקל, האַלט מען אים פאַר אַ משוגענעם"...

ראָזענפעלד איז אין זיין רעדן, ווי אין זיין שרייבן, געווען שאַרף, גאַליק (דאָס לעבן האָט געגאָסן גאַל אין אים געטריפט) און ער האָט קיינעם נישט געשוינט. דערמיט האָט ער כסדר פאַרמערט די צאָל פון זיינע שונאים. נאָר די, וואָס רעדן וועגן אים מיט שוים אויף די ליפּן, פאַרגעסן, אַז מ'האָט דעם גרויסן דיכטער נאָך ווייניקער געשוינט. אפילו אויף זיינע עלטערע יאָרן, ווען ער איז שוין געווען אַ צעבראָכענער שאַרבן האָט מען אים פון אַלע זייטן ביטער אַטאַקירט און דאַן פלעגט ראָזענפעלד שוין הילפלאָז ווייַנען.

ס׳געדענקט זיך מיר, ווי איינמאָל האָט מיך ראָזענפעלד אָנגעכאַפּט אויף דער בויערי, — דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי מ. ל. האַלפּערן האָט פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפע אַטאַקע אויף אים, געריסן שטיקער פלייש פון פאַראַליזירטן אַלטן קאָלעגע, זיך געמיט צו באַווייזן, אַז ראָזענפעלד האָט קיין ברעקל טאַלאַנט נישט — און דער אַלטער דיכטער האָט אויסגערופן מיט וויי: „וואָס האָט ער צו מיר, דער האַלפּערן? וואָס פאַראַ שלעכטס האָב איך אים געטון?" טרערן האָבן זיך דערביי אַ גאָס געטון פון זיינע אויגן.

דער „טרערן-מיליאָנער", ווי ראָזענפעלד האָט זיך אַליין גערופן, האָט נישט איינמאָל שטילערהייט געוויינט, ווען מיר פון צאָרן און באַליידיקונג, האָט ער דערפילט אַן אוממעכטיקייט; אַמאָל אויך פון פרייד, ווי דאָס איז געשען אין דעם יאָר 1908, אין ווין, נאָך דעם פייערלעכן קבלת-פנים, וואָס די ווינער אינטעליגענץ האָט אים געגעבן. איך בין אַרויף אויף דער בינע, הינטער די קוליסן, זיך צו טרעפן מיטן דיכטער, מיט וועלכן כ׳האָב זיך פריער געהאַט באַקענט אין קראָקע, ביי אברהם רייזענען אין וווינונג, און אים געטראָפן אַ וויינענדיקן. ער האָט שווער געהעשעט און דער גרויסער ווינער אַקטיאָר, אַדאָלף זאָנענטאַל, וועלכער האָט נאָר-וואָס געהאַט רעציטירט ראָזענפעלדס לידער פאַרן באַגייסטערטן עולם, איז געשטאַנען איבער אים און צו אים גערעדט, ווי צו אַ קינד, אים געוואָלט באַרויקן.

ווינטער 1919, איז מאָריס ראָזענפעלד אַראָפּגעקומען קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, אויף דער איינלאַדונג פון דער דאָרטיקער פּרץ-שול, און בעת די קינדער האָבן דעם גאַסט באַגריסט אין אַ זאַפטיק יידיש און אויך דעקלאַמירט זיינע לידער, האָבן זיך געגאָסן קייקלען טרערן פון דיכטערס אויגן. שפּעטער פרעגט מיך ראָזענפעלד: „איר געדענקט די סצענע אין ווין? היינט איז געווען דאָס צווייטע מאָל אין מיין גאַנץ לעבן, וואָס איך האָב געוויינט פון פרייד"... און כ׳האָב אים געגלויבט.

ווער ס׳איז געשטאַנען נאָענט צו ראָזענפעלדן און אים געוואָלט פאַרשטיין, האָט אים געמוזט מוחל-זיין זיינע „שטורמי-

שע אויסברוכן" און די, וואָס קענען ראָזענפעלדן בלויז פון זיינע ווערק, מוזן אים שאַצן אין ליכט פון דער גאַנצער סביבה, ווו ער האָט אָפּגעשטופּט זיינע טרויעריקע יאָרן; אין ליכט פון זיין צעריסענעם דור אויפן נייעם, פרעמדן באָדן, ווו אַלע זענען געווען אויסגעוואָרצלטע און יעדע ריכטונג האָט געזוכט זיך צו פאַרוואָרצלען, זעענדיק אַ שטער אין אַלע אַנדערע ריכטונגען און שאַטירונגען. פון אַזאַ אויסקוק-פּונקט דערשיינט ראָזענפעלד, — ווי כ'האָב שוין דאָס פריער אָנגעוויזן, — ווי אַ גאַנצער, אַ גאַנצער אויסדרוק פון אַ צעפּיצלטער גענעראַציע.

אויב פרץ איז געווען דער פאָטער פון דער נײַ-יידישער ליטעראַטור, איז מאָריס ראָזענפעלד געווען דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. ער האָט דערהויבן דאָס יידישע ליד און עס אַרויסגעפירט פון תהום אין דער ברייטער, אָפענער וועלט אַריין. אַ גרויסער דיכטער, וואָס דאָס לעבן האָט אים אָן רחמנות געבייטשט; אַ מאַרטירער פון טרויעריקע באַדינגונגען, פון מיספאַרשטייענישן און אייביקן דחקות — האָט ראָזענפעלד זיך אַליין געוואָלט דערקלערן, זיך אַרויסגעשטאַלטיקן פון כאַאָס אַרויס, געפינען אַ סינטעז צווישן די סתירות אין זיין שאַפן און אין זיין פּערזענלעכקייט, וואָרום זיין צעריסנקייט, צעוואָרפנקייט, דער אייביקער קאָנפליקט אין זיין נשמה האָט אים שטאַרק געפּייניקט, נישט מחמת די שונאים האָבן דאָס אויסגענוצט ווי אַ בייטש געגן אים, נייערט מחמת ער אַליין האָט געבלוטיקט פון די ריסן און זיי געוואָלט, אויב נישט אויסהיילן, איז כאָטש זיי פון אויבן פאַרבאַנדאַזשירן. עטלעכע מאָל האָט ער דאָס פּראָבירט צו טון און אַלץ פאַרבליבן אומצופרידן. ביז ער האָט אין זיין זעלבסט-כאַראַקטעריסטיק „פאַרוואָס איך בין איך", ווי-עס-איז אויפגעשטעלט אַ גאַנץ בילד — אַ סינטעטיש בילד — פון זיין שעפעריש געשטאַלט. אין אָט דער פּאָעמע כאַראַקטעריזירט ער זיך אַלס אַרבעטער, אַלס נאַציאָנאַליסט און אַלס סאַטיריקער און ציט-דורך איין רויטן פאָדעם דורך די דריי „קאָנטראַסטן". איך וועל ברענגען

בלויז עטלעכע פערזן, די שטאַרקערע, לויט מיין מיינונג, פון דערדאָזיקער אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע:

אַלס ארבעטער

מיין יוגנט ליגט אין פינסטערן יאָך,
די רעדער האָבן זי צעריבן...
איך האָב געקלאָגט מיין אייג'נעם בראָך,
געקרעכצט אויף די, וואָס איך פלעג ליבן.

אַ קראַנקער שקלאַף, צודריקט, פאַרלענדט,
מיט עלנט און מיט צער אומגעבן —
האָב איך נאָר יאָמערן געקאָנט
מיט ווי אויף אַ געשטאָרבן לעבן.

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

עס האָט דעם טרייבערס ווילדער גוואַלט,
די נויט מיט אירע ביינער-פינגער,
צודריקט מיין קראַפט, געמאַכט מיך אַלט,
געמאַכט מיך פאַר אַ קברים-זינגער.

אָ, נישט צוקוקער געווען
בין איך צו דעם באַרויבטנס קלאָגן —
דאָס איז מיט מיר אַליין געשען,
אַליין די אומגליקן געטראָגן.

עס האָט גערעדט נאָר מיין געפיל,
כ'האָב נישט קיין צייט געהאַט צו דענקען;
דער מוח האָט געשוויגן שטיל,
דאָס הארץ פלעגט ציטערן און בענקען.

כ'האָב יעדן טאָג אַ שטיק פון זיך
געמוזט באַוויינען און דערשטיקן;
אַזוי בין איך געוואָרן א י ך —
דער דיכטער פון די שוויץ-פאַבריקן.

אַלס נאַציאָנאַליסט

... ווײ! איך בין אַליין אַ ייד, איך וואָגל!
כ'האָב אין יעדער שפּראַך מײן פּסק געהערט.
אַך, אויף מיר אַליין פאַלט בײז דער שפּײנער־האָגל
און מײן טיפּסטער „איך" ווערט אויפגעצערט.

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

כ'האָב געזען דעם „סנה", דעם מדבר־דאָרן
און געטרייסט: דאָס פייער וועט פאַרבײ...
אָט אַזוי בין איך דאָס א י ך געוואָרן —
דער דיכטער פון דעם יידישן מאַי...

אַלס סאַטיריקער

איך בין קיין שטילער לעמל,
וואָס יעדער אײנער גיט אַ גלעט.
מײן רוקן איז קיין הסב־בעט,
ווי ביי אַ מדבר־קעמל,
אַ וווּ עס זיצט דער בעדווין
מיט רויב און מאָרד אין ווילדן זין.

אויף מיר קאָן קײנער רײטן,
מײן רוקן איז אַ שאַרפע שווערד.
דער גרעסטער רײטער האָט קיין ווערט,
איך האַלט אים שטרענג פון ווייטן
און גיב אים צו פאַרשטײן דערביי:
איך בין געבוירן צו זײן פריי.

יאָ, דער שטענדיק־פאַרביטערטער, מיט יסורים־דורכגע־זאַפּטער ראָזענפעלד, האָט קײנעם נישט געלאָזט רײטן אויף זיך — און געענטפערט מיט קללה אויף קללה סיי די צופרידן אײנגעאָרדנטע, וואָס זײן צוריסנקײט, אומאויסגעהאַלטנקײט און אומזיכערקײט מיט אים האָט שאָקירט; סיי יענע, וואָס כאָטש

אַליין צעריסענע, באַדנלאָזע, האָבן זיי אים נישט פאַרשטאַנען־נישט באַגריפן, אַז דער דיכטער איז זייער בלוט און פלייש, אַז זיין געזאַנג איז אָנגעזאַפּט מיט זייער, ווי מיט זיין אייגן בלוט. אָנשטאָט אים אַרומצורינגלען מיט וואַרעמקייט, מיט אויפמערקזאַמקייט און ליבע — מיט דעם אַלעם, פון וואָס זיין קינדהייט און יוגנט זענען געווען באַרויבט, און דערמיט העלפן אויסלייטערן זיין געמיט, אויפלויכטן זיין האַרץ — האָבן זיי אים אַרומגערינגלט מיט בייזקייט, מיט רכילות און חשד, אים אפילו ביי יעדער געלעגנהייט אויפגעוואָרפן, אַז ער איז אַ שנייַדערוק, אויף וואָס ראָזענפעלד האָט, אויף זיין כאַראַקטעריסטישאַרפן שטייגער, געענטפערט:

שניידער בין איך און וועל שניידן,
אימער מער און מער;
ווייַ דעם, וואָס וועט מוזן ליידן
פון מיין שאַרפער שער...

האָבנדיק דאָס אַלץ אינזינען, דאַרף מען זיך וואונדערן, נישט אויף ראָזענפעלדס בייזע, סאַטיריש־ביטערע לידער און פעליעטאָנען, נאָר אויף די ליכטיקע, פריידיקע, לעבנסלוסטיקע און הייטער־אויפמונטערנדיקע געזאַנגען, וואָס האָבן זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן, נישט־געקוקט אויף דעם חושך פון זיין לעבן און אויף דער תוהו־ובוהודיקער און גאַליקער סביבה, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג און יאָרן.

אַ פאַראַליזירטער, מיט אַ גוף, וואָס איז שוין געווען דרייפערטל טויט און אַ גייסט, וואָס האָט שוין קוים געצאַנקט — אַזעלכער איז מאָריס ראָזענפעלד געזעסן צווישן אונז. אויף דער פייערונג פון זיין זעכציקסטן געבורטסטאָג, וואָס דער פרץ־שרייבער־פאַריין האָט געפּראַוועט; כמעט נישט פאַרשטאַנען, וואָס קאָלעגן האָבן גערעדט וועגן אים, האָט ער אַליין, זיצנדיק אַן איינגעבויגענער, אַ צונויפגעקאָרטשעטער, אָפּגעענטפערט אויף די רעדעס און באַגריסונגען מיט — איינער פון זיינע ערשטע הומאָרעסקעס, די פּאַסירונגען פון אַ „גרינצם" אין ניו־יאָרק. וואָס ער האָט פאַר אונז פאָרגעלייענט מיט אַ קוים הערבאַרער שטים. בעת ער האָט זיך געפרייט, ווי אַ קינד,

מיטן זייגער, וואָס מיר האָבן אים געגעבן אַ מתּנה, געשפּילט זיך דערמיט און פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט, האָבן זיך ביי אייניקע פון אונז געשטעלט טרערן אין די אויגן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין דעם גרויסן דיכטערס לעבן, וואָס קאָלעגן זענען זיך צונויפגעקומען לכּבוד אים, זיך מיט אים משמח צו זיין. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. נישט קיין שמחה איז עס געווען, נאָר אַ טרויער — און ראָזענפעלד אַליין האָט מיט זיין געשטאָרבענעם גייסט לחלוטין נישט געקאָנט רעאַגירן אויף דער סיטואַציע, מיט זיינע פּאַראַליזירטע חושים נישט אויפגענומען דאָס קאָלעגיאַלע יובלען אַרום אים...

אין אַ שטיקל צייט שפּעטער (1923) איז ער געשטאָרבן, אָן איינזאַמער, אַ צעפּרעסענער פון פיזישע און גייסטיקע יסורים. אין אַ שבת נאָכמיטאָג בין איך אַראָפּגעפאָרן אין דער געדיכטעניש פון דער ניו־יאָרקער יידישער אָרימקייט, ווו מאָריס ראָזענפעלדס גוף האָט געוואַרט אויף זיין קבורה אין אַ „פונעראַל פּאַרלאָר", אַזאַ מין קראָם, ווו מתים ווערן צוגעגרייט צו זייער לעצטער נסיעה. די גאַס אַרום האָט געקרענקט, געלאַרעמט און ביי דער שוועל פון דעם מאָדערן־אַמעריקאַנישן טהרה־שטיבל זענען געזעסן צוויי יידן, דער אייגנטימער פון דעם „פּאַרלאָר", און זיינס אַ פריינד, זיך דערציילט וויצן און געלאַכט אויפן קול.

קיינער איז נישט געקומען וואַרפן דעם לעצטן בליק אויפן דיכטער — נישט דאָס פאָלק, נישט די אַרבעטער, נישט קיינער פון די, וואָס פון זיי און פאַר זיי האָט ראָזענפעלד געזונגען. קיינער נישט, כאָטש זיין גוף האָט גערוט אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער איסט־סייד. אַליין איז געלעגן דער טויטער דיכטער, אויסגעפּוצט אין אַ טוקסעדאָ, אַ ווייס־קראָכמאַליעט העמד, מיט אַ פיין פאַרבונדענער שניפּס; דאָס פּנים, ריין־ראַזירט, אָפּגעפּודערט, צוגעפאַרבט באַקן און ליפּן און די פאַרמאַכטע אויגן צום באַלקן געווענדט; אָט אַזוי אויסגעסטראָיעט, לויטן גוייִשן מנהג — און ווי דער דיכטער האָט קיינמאָל ביים לעבן נישט אויסגעזען: עלעגאַנט, פּראַנטיש, צירלעך־מאַניערלעך, רויק. אפשר, ווען ער וואָלט אַזוי אויסגעקוקט און אַזוי זיך געהאַלטן

ביים לעבן, ווי דער מתים-פאַרזאָגער האָט אים „קאָרעגירט״ נאָכן טויט, וואָלט ער בעסער געפעלן יענע פיינע הערן, וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיי צעשויבערטקייט און אים אַלעמאָל געוואָרפן דעם שניידער אין פּנים אַריין... איך האָב געקוקט אויפן טויטן דיכטער פון דעם אומדאַנקבאַרן פאָלק און אין האַרץ האָט אויפגעציטערט ראָזענפעלדס וואונדערלעך ליריש ליד:

אײנזאַם זיך איך, ווי געפאַנגען
פון אַ זעלטזאַמען געפיל;
יעפּעס האָב איך אַ פאַרלאַנגען,
נאָר איך ווייסט נישט, וואָס איך וויל.
זענען פריידן, זענען ליידן
ערגעץ-וווּ פאַר מיר באַשטעלט?
קראַנק איז איינער פון אונז ביידן —
זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?

איצט איז ער נישט געזעסן, נאָר געלעגן איינזאַם, שוין אָן פאַרלאַנגען, און אַרום אים האָט געפּילדערט די קראַנקע וועלט, די קראַנקע יידישע וועלט. יידן און יידענעס האָבן זיך איבערגעשריגן, אַריבערגעשריגן דאָס געשריי פון אויטאָס און עקספּרעס-וועגן; דאָס יונגוואַרג האָט אין דער ענגשאַפט געשפּילט „באָל״, ממש געגאַנגען אויף סכנות-נפשות אַרויסצוראַטעווען דעם „באָל״ פון צווישן רעדער. וואָס האָבן די אַלע געוווּסט פון ראָזענפעלדן, פון דעם גרויסן דיכטער, וואָס זיין טויטער גוף ליגט אין זייער שכנות, אין אַ „פּאַרלאָר״, וואָס זעט אויס ווי אַ קראָם צווישן די אַלע קראָמען פון פּוטער און קעז, הערינג, אַלטע קליידער, אייזן און שמעלץ? איינזאַם... איינזאַם... און די איינזאַמקייט הילט איצט אַרום זיין קבר, ווי זי האָט אַרומגע-הילט זיין לעבן. אפשר וועט מען זיך ווידער דערמאָנען אָן אים — אויב נישט אין איצטיקן, איז אין קומענדיקן דור, — און אים באַצאָלן, וואָס מ׳איז אים שולדיק געבליבן: דעם חוב פון ריכטיקער אָפּשאַצונג, פון ליבע און פאַרערונג?

א. אלמי

ד״ר חיים זשיטלאווסקי

אונזער יידיש קולטור־לעבן איז באַשרענקט אויף דער ליטעראַטור און די ליטעראַטור — אויף בעלעטריסטיק. אונזער געשיכטע — די געשיכטע פון דעם פאָלק, וואָס זיין שפּראַך איז יידיש—האַלט נאָך ביים מעשהלע. ווי זאָגט שלום עליכם: די געשיכטע פון דער מעשה איז אַזאַ היסטאָריע... און ס׳איז, אייגנטלעך, אַ נאַטירלעכע געשיכטע — זי שמעקט מיט אָנהייב, מיט די עלעמענטן פון בראשית ברא. באַלד ווי דער מענטש האָט זיך אויפגעוועקט אין דער חיה, האָט ער אָנגעהויבן דער־ציילן אַ מעשהלע. דערציילן מעשהס — דאָס איז די עלטסטע קונסט. פאָלקלאָר איז דער פריער באַגינען פון יעדן פאָלק, פון איטלעכער קולטור, ווי פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. און דאָס יידיש פאָלק, דאָס פאָלק, וואָס איז אויפגעקומען ביי די ברעגן נישט פון נילוס און ירדן, נאָר פון ריין, דניעפּר און ווייסל, איז נאָך אין די ערשטע סטאַדיעס פון ו ע ר ן, פון אויספאָרמירן זיך אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט, מיט אַן אייגנאַר־טיקער שפּראַך און קולטור. ווי יחידים און אפילו גרופּן שטייען מיר אויף די העכסטע שטאַפּלען פון קולטור און ציוויליזאַציע; ווי אַ גאַנציע זענען מיר נאָך פרימיטיוו.

אמת, מיר זענען שוין ווייט אַוועק פון פאָלקלאָר, פון יענער רויער און קינדיש נאַיווער שאַפונג און מיר האָבן אַרויס־

געבראַכט אַ רייכע פיל־פאַרביקע ליטעראַטור, וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דער בעסטער ליטעראַטור פון וועלכן ס'איז קולטור־פאָלק. אָבער, מיר האָבן נאָך נישט קיין געהעריקע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור; אפילו אונזער יידישיסטיק און פאָלקלאָר איז נאָך מוראדיק אָרים און מיר קוקן מיט אַ געוויסן חשד אויף איינעם פון אונזער שרייבער־משפחה, וואָס לאָזט זיך אַוועק אין „פרעמדע וועלטן”. כאָטש ער טוט עס אויף יידיש. די בעלעטריסטיק איז דער טראָן, וואָס אַרום אים דרייען מיר זיך כסדר הקפות. און דער בעלעטריסט־ער איז דער געזאַלבטער מלך, וואָס צו אים בוקן מיר זיך און פאַר אים פאַלן מיר כורעים.

אין דער רשימה פון אונזערע ליטעראַטור־שאַפער, וואָס ווערט ביי אונז אַזוי אָפט אַרויפגעבראַכט אין פאַרשידענע אָפּהאַנדלונגען, קריטיקן, רעצענזיעס און אפילו אין אַנאָנסן, געפינען מיר שטענדיק די נעמען פון בעלעטריסטן: ווידער מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, רייזען, אַש און עטלעכע פון די יונגע און אבעראמאָל. די עטלעכע פובליציסטישע און וויסנ־שאַפטלעכע שריפטשטעלער אונזערע זענען ווי שטיפקינדער אין דער ליטעראַטור. כאָטש זייער ראָל אין דעם אויפבוי פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דעם גאַנצן קולטור־לעבן אויף דער יידישער שפּראַך, איז נישט קיין קלענערע — און אין פיל פּרטים אפשר אַ גרעסערע און וויכטיקערע — ווי די פון די בעלעטריסטן. ביי אונז, אַז מען זאָגט ליטעראַטור — מיינט מען: בעלעטריסטיק. אָבער איין אויסנאַם איז דאָ — און דער אויסנאַם איז: ד״ר ח י י ם ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י. ער קריגט אָפט אַ בענקל אויבנאָן ביים טיש פון די בעלעטריסטן. זיין נאָמען פאַלט אָמאָל אַריין אין דער רשימה פון ליטעראַטור־בוי־ער. ער איז משלומנו, אַ „נאַש בראַט” אין דער ליטעראַרישער, — וואָס, ווי געזאָגט, מיינט עס ביי אונז — בעלעטריסטישע־משפחה פאַר מיינע אויגן שטייט אַ בילד: פּרץ, אַש, רייזען, נאָמבערג — און ד״ר זשיטלאָווסקי. דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין טשערנאָוויץ, בעת דער באַרימטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ

און איז דערנאָך פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער יידישער וועלט. זשיטלאָווסקי זעט אויס ווי אַ קינסטלער צווישן קינסט־לער אויף אָט יענעם בילד — און דאָס איז דאָס בילד פון אונזער ליטעראַטור: זשיטלאָווסקי איז טאַקע אַ פּובליציסט, אַ פילאָזאָפיש־וויסנשאַפטלעכער שרייבער, אַ טעאָרעטיקער, אָבער אַן אייגענער און מ׳מעג אים מצרף זיין צום בעלעטריסטישן מנין, נישט דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט לידער, נאָר דער־פאַר, וואָס זיין גאַנצע דערשיינונג איז אַ פּאָעטישע און אַ ליד קלינגט אין זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטישער און ליטעראַרישער טעטיקייט.

און ס׳איז נישט נאָר דאָס: ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז בתוך טאַקע אַ קינסטלער. כ׳האָב אַמאָל געזאָגט מכוח פּרצן, אַז ער איז נישט געווען קיין געבוירענער קינסטלער, נאָר זיין רייכע אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט האָט פון אים אַרויסגע־שטופּט אַ קינסטלער. אויף זשיטלאָווסקין קאָן מען זאָגן, אַז זיין רייכע, איינגעבוירענע ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע פּערזענ־לעכקייט האָט פון אים אַרויסגעשטופּט — אַ פילאָזאָפישן שריפט־שטעלער. זיינע שטענדיקע זוכענישן, זיין רעוואָלוציאָנערער אימפּעט. זיינע אומרויִקע עקסקורסיעס אין די רעגיאָנען פון מענטשלעכן געדאַנק — דאָס זענען קינסטלערישע אויסדרוקן פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס נעמט אויף די וועלט נישט נאָר דורך דער ריינער לאָגיק, ראַציאָנעל, נאָר עמאָציאָנעל, אימפּול־סיוו. די, וואָס טרעטן צו צו ד״ר זשיטלאָווסקיס פילאָזאָפישע שריפטן פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, וועלן אים בעסער פאַרשטיין. זיי וועלן אויך מוזן איינזען, אַז זשיטלאָווסקי איז נישט בלויז אַ מפורש, אַן אויסטייטשער פון פרעמדע אידייען, נאָר אויך אַ זעלבסטשטענדיקער אויפטוער, אַ נאָוואַטאָר. נישט נאָר גיט ער צו זיין אייגענעם ביישטייער צום פילאָזאָפישן געדאַנק, פילט אויס דאָ און דאָרט די בלויזן אין די פאַרשידענע פילאָזאָפישע סיסטעמען, נאָר ער טוט אויך אויף אַ סך מער ווי דאָס: ער גיסט אַריין אין דער קאַלטער פילאָזאָפיע מענטשלעכע וואַרעמ־קייט און פאַרבינדט זי מיטן מענטשן, מיטן לעבעדיקן מענטשן.

דער חסרון פון דער אַקצידענטאַלישער פילאָזאָפיע באַשטייט דאָך דערין, וואָס זי איז אינגאַנצן אָפּגעשיידט פון קאָנקרעטן לעבן, פון דעם מענטש אין טאָג. אפילו די אָריענטאַלישע פילאָזאָפיע מיידט אויס דעם מענטשן, האָט מורא פאַר אים, אַז ער וועט זי מחלל זיין. אָן אויסנאַם איז די כינעזישע פילאָזאָפיע. און ד״ר זשיטלאָווסקי איז דאָ נאָענט צו די כינעזישע חכמים.

ד״ר זשיטלאָווסקיס גאַנצע שאַפונג איז — געקניפּט און געבונדן מיט דעם מענטשן, מיט אים, דורך אים און פאַר אים. די מענטשלעכע אינטערעסן זענען פאַרשידנאַרטיקע, אָן־צאָליקע, — אַזוי ד״ר זשיטלאָווסקיס. צוליב סאָקראַטעסן, שפּינאָזען, קאַנטן און ניטשען וועט ער נישט פאַרוען מאַרקסן, לאַסאַלן און ענגעלסן, אָבער זיי קאָנען אים מיט זייערע סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אידייען נישט אַוועקרייסן פון דער פילאָזאָפיע. ער איז נישט געוואָרן קיין מאַרקסיסט, ווי ער איז נישט געוואָרן קיין אָנהענגער פון אַ באַשטימט פילאָזאָפיש סיסטעם. דער, וואָס פילט זיך אייגן מיט אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, קאָן זיך נישט בינדן מיט איין געדאַנק, מיט איין כוונה פון דעם מאַרקסיזם, ווי פון דער פילאָזאָפיע. קלייבט ער אַרויס דאָס, וואָס איז אים נאָענט, וואָס האָט אין זיך, לויט זיין אויפפאַסונג און איינזען, דעם ברייטסטן און טיפסטן מענטשלעכן אינטערעס, וואָס איז אין גוסט נישט בלויז פון שכל, נאָר אויך פון גייסט, וואָס לאָזט זיך אָנווענדן אויף דעם מענטש אין זיין פאַרשידנאַרטיקייט און אפילו סתירותדיקייט. די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין רוסלאַנד, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון אירע גרינדער און באַגרינדער, האָט זיך געשטעלט אויף אָט דעם אָנגעוויזענעם בריית־מענטשלעכן וועג אין היפּוך צום דאָגמאַטיזם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווו אַ דגש פון מאַרקסן איז אָפט וויכטיקער פון אַ מיליאָן פּויערים...

דער מענטש איבער אַלץ: — דאָס איז ד״ר זשיטלאָווסקיס נישט־אַרויסגעזאָגטער דעוויז, כאָטש אָט די פראַזע קאָנט איר אַרויסלייענען פון די שורות — און פון צווישן

די שורות — פון זיינע צוועלפטע ווערק. דער מענטש איז נישט באשאפן געווארן פאר דער אידייע, נייערט די אידייע פארן מענטש, ווי דער קאפ איז נישט באשאפן — ווי אין דעם באקאנטן פויערישן ענטפער — כדי צו טראגן א היטל, נאר דאס היטל איז באשאפן געווארן צו באדעקן דעם קאפ. אן אידייע, וואס איז נישט איינמאל־פאר־אלעמאל, ווערט פארגליווערטע דאגמע און טויג נישט פארן מענטש, וואס וויל זיך באוועגן, גיין פאראויס.

אוניווערס, מענטש, צייט, רוים — דאס איז אלץ אין א פליסיקן צושטאנד, שטראמען און פלייצן כסדר, גיסן זיך איבער איינע אין די אנדערע. אזוי מוז אויך זיין אן אידייע. זי מוז זיך כסדר צופאסן צום מענטש, צו די ענדערונגען פון צייט און ארט, פון באדינגונגען און נייע געדאנקען; אנדערש ווערט די אידייע א שטער, אנשטאט א הילף, און דער סוף איז, אז זי בלייבט פון הינטן, הינטערשטעליק, קאנסערוואטיוו, טויט. ד״ר זשיטלאווסקי האט דאס פון אנהייב אן פארשטאנען און דערפאר האבן אים א סך מיספארשטאנען, געמיינט, אז ער בייט זיינע איבערצייגונגען, זיינע פרינציפן, בעת אין אמתן האט ער מיט זיינע ווארעמע אימפולסן, מיט זיין קינסטלערישער אינטויציע און קרעאטיווער נאטור, וואס שטימען אים אלעמאל אן און כאפן אויף די שטימונגען פון דער צייט, נישט דערלאזט אים פאר־גליווערט ווערן אויף איין פונקט, ווי דער דאגמאטיקער, וואס זאגט: „אט דא שטיי איך און ריר זיך נישט פון ארט, מעג די וועלט זיך איבערקערן!״

אט ווי ד״ר זשיטלאווסקי איז לגבי דער מענטשהייט בכלל, אזוי איז ער אויך לגבי זיין אייגן פאלק. נאר פריער וועגן זיין קומען צו דער יידישער קולטור און צום יידיש־נאציאנאלן געדאנק.

ס׳איז ביי ד״ר זשיטלאווסקין נישט געווען קיין צופאל, ווי ביי אנדערע „צוריקגעקערטע״, וואס נאך א צייט אפגעפרעמד־קייט פון אונז — אין א געוויסן יוגנט־פעריאד — איז ער „אהיים־געקומען״. ביי אים איז עס געווען אן אומפארמיידלעכער אקט,

ממש אַ נאַטורגעזעץ. אויסנעמענדיק די קולטור, ווי אַ סכום פון די פאַרשידנסטע אידייען און אידעאַלן, האָט ער ממילא אויך די מענטשהייט, וואָס פון איר און פאַר איר זענען די אַלע אידייען און אידעאַלן, נישט געקאָנט באַטראַכטן, ווי דאָגמאַטישע אינטערנאַציאָנאַליסטן, אַלס איין קערפּער מיט איין קאָפּ, וואָס מען דאַרף אויף אים אַרויפציִען איין סאָרט מלבוש מיט איין היטל — און פאַרטיק. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט דערזען אַלע פאַרבן, אַלע קאָליר־שאַטירונגען אין דער מענטשהייט און אין יעדן פאָלק באַזונדער, ווי אין יעדן יחיד. האָט שוין, נאַטירלעך, זיין אויג, וואָס ער האָט אויף אַ צייט געהאַט אָפּגעטון פון זיינע אייגענע בלוט־פאַרוואַנדטע, ווידער געמוזט פאַלן אויף זיין פאָלק. און איז עס שוין געפאַלן אויף זיין פאָלק, האָט ער עס שוין קיינמאָל נישט אָפּגעקערט, פאַרשטייענדיק, אַז ווען איטלעכער זאָל בשלמות טון באַפרייונגס־אַרבעט אויף זיין אייגענער „טעריטאָריע״, וועט במילא די גאַנצע מענטשהייט מיט דער צייט דערלייזט ווערן...

אָבער ס׳איז נישט געווען סתם אַ שכלדיקע אויסרעכענונג. עס האָבן אין ד״ר זשיטלאָווסקיס ליידנשאַפטלעך אַריינוואַרפן זיך אין דעם געראַנגל פון יידישער קולטור און באַפרייונג געשפּילט אַ גרויסע ראָל — ווי איך פאַס דאָס אויף — נאָך צוויי וויכטיקע מאָמענטן: א) אַן אויפגעקוואַלטע נשמהדיקע ליבע צו דער פאַרבנרייכער געשיכטע פון יידישן פאָלק און צום לעבעדיקן — און ליידנדיקן — ייד; און ב) זיין קינסטלערישער אימפּולס, וואָס האָט דאָ דערשפּירט אומגעהייערע שאַפונגס־מעגלעכקייטן. זשיטלאָווסקי האָט דערפילט און דערזען די טיטאַנישע כוחות פון ווידערגעבורט און ניי־געבורט, וואָס ברויזן אין די יידישע מאַסן, בעת די אַלטע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־אידייען שטאַרבן־אָפּ, און זיין פאַנאַנדערגעשפּילטע קינסטלערישע אינטויציע האָט אים געשטויסן צוצוליייגן אַ האַנט, צו העלפן אַרויספאָרמען און אַרויספורמען דאָס ניי־יידישע פאָלק אויפן יסוד פון דער ניי־יידישער קולטור און ניי־יידישער שפּראַך.

ער האָט פון אָנהייב אָן זיך אויסגעקליבן זיין וועג אין

יידישן לעבן און ער גייט אויף אים ביזן היינטיקן טאָג, נישט תמיד גלייך — ער מאַכט זיגזאַגן, רעווידירט פון צייט צו צייט זיינע מיטלען און מעטאָדן, האַלט כסדר זיינע אידייען אונטער׳ן מיקראָסקאָפּ, אַמאָל איז זיין פּאָן געפאַרבט טעריטאָריאַליסטיש, אַמאָל פּאַלעסטיניסטיש און אַמאָל „גלותיסטיש״, וואָרום א פּאָן, ווי א פראָגראַם, איז ביי אים נישט הייליק — מ׳מעג איבער־פאַרבן, ענדערן. דער עיקר איז דער מענטש — אין דעם פאַל דער יידישער מענטש, און דער סאַמע עיקר איז: דאָס גליק פון דעם מענטש. טאָ וואָס פאַר אַן אונטערשיד איז עס אויף וועלכן וועג מ׳קומט צו די טויערן פון גליק?

ווען מיר נעמען ד״ר זשיטלאָווסקיס אַרויסטרעטונגען אָפּ־געזונדערט איינע פון די אַנדערע — יעדע פּאַראייבצלט, — וועלן מיר דאָ און דאָרט אַנטדעקן אַ שניידנדיקן ווידערשפּרוך, אַ שאַרפע סתירה, אָפּנייגונגען און אָפּווענדונגען, און מיר אַליין איז נישט איינמאָל אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן געגן געוויסע דעקלאַראַציעס זיינע. אָבער ווען מ׳נעמט זיי צוזאַמען, ווי טיילן פון זיין לעבנסוועג און אין ליכט פון זיין בליק אויף מענטשן און אידייען — האָבן מיר פאַר זיך אַ פולן, איינהייטלעכן, פעסט־געבונדענעם און פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענעם אויסדרוק פון אַ רייכער פּערזענלעכקייט, וואָס ווערט דאָמינירט פון אַן אומדערשעפּלעכער ליבע צו וועלט און מענטש.

אין זיין יידישער טעטיקייט, וואָס איר דערהויפּט האָט ער געווידמעט די גרעסטע טייל פון זיין לעבן, האָבן מיר אַ שפּיגל פון זיין אַל־מענטשלעכן אידעאַל.

ד״ר זשיטלאָווסקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין אַ צייט, ווען די ראַדיקאַלע פּובליציסטיק האָט געפירט אַ פאַרביטערטע מלחמה געגן דעם יידישן קלעריקאַליזם. און די מלחמה איז געפירט געוואָרן אויף אַ וווּלגאַרן, ציניש אופן. מ׳האָט זיך נישט אַריינגעטראַכט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם פרומען, אין די טיפערע מאָטיוון פון רעליגיעזן געפיל אינם מענטשן, אין דער פּאָעזיע פון דער רעליגיע. ניין — מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. רעליגיע איז פינסטערניש און באַשאַפן איז גע־

וואָרן בפיוון, כדי צו קאָנען האַלטן די מאַסן אין קנעכטשאַפט, זיי זאָלן זיך לאָזן עקספּלואַטירן פון זייערע באַלעבאַטים. משה איז געווען אַ בלוט-זויגער, ישעיה — אַ שווינדלער... אַט דאָס איז געווען די תּורה פון די פייגענבוימס און זייערס גלייכן.

ווי אַזוי איז ד"ר זשיטלאָווסקי צוגעגאַנגען צו דער פראַגע פון רעליגיע?

ער האָט אַרויסגעשטעלט קולטור געגן רעליגיע — אָבער רעליגיע איז אויך אַ טייל, אַ חשובער טייל, פון דער אַלגעמיין-מענטשלעכער קולטור. דאָס רעליגיעזע געפיל איז נישט אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויפן מענטשן פון דרויסן, נאָר ס'איז אַ נאַטירלעך מענטשלעך געפיל און באַדערפעניש, און דערפאַר קאָן מען עס נישט פון מענטשן אַרויסרייסן מיט גוואַלט און נישט אָנמאַכן דערביי אַ טיפע וווּנד. מ'דאַרף בלויז דאָס ריין-רעליגיעזע געפיל אַרויסשיילן פון דעם פסולת, פון די ריטואַלן, אָבערגלויבנס און נאַרישקייטן. כדי דאָס צו דערגרייכן איז נייטיק קולטור-דערציונג, עטישע קולטור. דערהרגענען די רעליגיע ווי זי שטייט און גייט (ווען דאָס זאָל אפילו מעגלעך זיין), וואָלט געמיינט: באַרויבן דעם מענטש פון אַ שטיק נשמה און פון אַ רייכן אוצר שיינקייט.

אָבער זשיטלאָווסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעליגיעזע מוז פאָרט האָבן אַ באַשטימטע פאָרם, אַ קאָנקרעטן אויסדרוק און ער וויל דעריבער אויף ווייל-נישט-איז ראַציאָנאַליזירן דעם ריטואַל, אים צוגעבן אַ וועלטלעכן כאַראַקטער, כדי ער זאָל קאָנען איבערבלייבן. אין זיין „נאַציאָנאַל-פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע" ווייזט ער ווי דאָס צו טון, ווי אויפצוהאַלטן דאָס גייסטיק-דערהויבנדיקע פון דער יידישער רעליגיע מיט אירע ימים-טובים דורך אַרויסנעמען פון איר דעם רעליגיעזן (אייגנטלעך דעם דאָגמאַטיש-אָרטאָדאָקסישן) כאַראַקטער. און ס'איז נישט נאָר צוליב לאָזן דעם נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן-ייד אַ געוויסע פאָרם (אָדער פשרה מיט דער פאָרם) פאַר זיין רעליגיעז געפיל, נאָר אויך מחמת ד"ר זשיטלאָווסקי האָט איינגעזען דאָס, וואָס דאָס רוב פון אונזערע ראַדיקאַלן

האָבן נישט געוואָלט זען, — אַז אַ מענטש קאָן נישט לעבן מיט לויטער וואָך. ער מוז אויך האָבן יום־טוב, נשמה־יתירה־דיקע טעג, און אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט אַוועקצונעמען פון עמעצן זיין אַלטן יום־טוב, כּל־זמן מיר קאָנען אים נישט געבן קיין נייעם. אָבער יום־טובים שאַפט מען נישט אויף באַשטעלונג.

דאָ איז נישט וויכטיק ווי דער אָדער יענער באַציט זיך צו אַזאַ סאָרט פּשרה צווישן אַלט־יידישקייט און ניי־יידישקייט. סובּיעקטיוו איז מיר, ווי אַ סך אַנדערע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן לאַגער, אָט די תּרופה ד״ר זשיטלאָווסקיס איז נישט צום האַרצן און לויט מיין מיינונג, שטעלט זי נישט צופרידן, נישט דאָס רעליגיעזע און נישט דאָס נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע געפיל; אָבער אָבּיעקטיוו, ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין ד״ר זשיטלאָווסקיס כּוונות און אין זיין געדאַנקענגאַנג, מוזן מיר מודה זיין, אַז זיין צוגאַנג צו דער יידישער רעליגיע איז אין פולן הסכּם מיט זיין אַלגעמיינער ליבע — און זאָרג — פאַר דעם מענטש און פאַר אַלץ, וואָס איז מענטשלעך. צוליב דעם וועט ד״ר זשיטלאָווסקי אפילו פּראָווען נישט נאָר אַ ראַציאָנאַלן סדר, נאָר אַפילו זיך דערלויבן הנאה צו האָבן פון אַ רעליגיעז קניידל, וויבאַלד מיליאָנען מענטשן — יידישע מענטשן — קוויקן זיך מיט דעם...

דאָס אייגענע מיט ד״ר זשיטלאָווסקיס באַציונג צו דער שפּראַכן־פראַגע ביי יידן.

אין דער לעצטער צייט האָט מען אין די יידישיסטישע קרייזן דערפילט אַ געוויסע אומזיכערקייט מיט זיין שטעלונג צו יידיש־העברעיִש. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן שושקען, אַז ער איז נישט קאָנסעקווענט בנוגע יידיש. און איבערהויפּט האָט דערשראָקן זיין דעקלאַראַציע מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע אין פּרעלימענאַרן נומער „יידיש״ (דער זשורנאַל, וואָס די יידישע קולטור־געזעלשאַפט אין אַמעריקע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין 1932). און די „פרעק״ איז נישט געווען קיין פּוסטע. זשיטלאָווסקי האָט זיך באמת אַ שטאַרקן נייג געטאָן צו העברעיִש, לכל הפּחות אין יענער „דעקלאַראַציע״. אבער, ווען איר טראַכט

זיך ארײַן אין זײַן העברעיִשן „קניקס", דערזעט איר ווידער, אַז אַט דער „נייג" איז נישט קיין אָפּנייג פון זײַן גאַנצער לעבנס־פילאָזאָפיע, נאָר אדרבא, אין אבסאָלוטן איינקלאַנג מיט איר — דער מענטש אויפן ערשטן פּלאַן. ווי קאָנען מיר איגנאָרירן אַ נאַטירלעכן סענטימענט פון טויזנטער לעבעדיקע יידן?

כ'האָב זשיטלאָווסקין אַ מאָל געזאָגט — אין אַ פּריוואַטן שמועס מכּוח דער שפּראַכן־פראַגע — אַז בײַ מיר איז ער אַ העברעיִסט, האָט ער פאַרוואונדערט געשמייכלט. און טאַקע: ער, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר דעם פאָטער פונם אָפּיציעלן יידישיזם, דער ארצי־יידישיסט, דער אבי־אבות הטומאה פון דער יידישיסטישער באַוועגונג, ווי מ'באַקרוינט אים אין די געגנערישע קרייזן — אַ העברעיִסט? אָבער כ'האָב מײַן אָדיעקטיוו געוואָלט באַגרינדן מיט דערזעלביקער אַרגומענטאַציע, וואָס אַ גרויסער טייל העברעיִסטן, איבערהויפּט אין פּאַלעסטינע, באַגרינדעט דעם העברעיִזם (ד"ר ש. י. שמחוני, למשל): קאָנסעקווענץ ביזן סוף, וואָרום העברעיִזם און יידישיזם זענען נישט, און קאָנען נישט זײַן, בלויז פּראָבלעמען פון לשון, נאָר אויך פון דער גאַנצער קולטור און אפילו פון דער געשיכטע. כּל־זמן ביידע צדדים וועלן זיך שלאָגן איבער דער שפּראַך, וועט יעדער פון זיי פאַרשווענדן דעם כּוח אויף געראַנגל, אַנשטאָט אויף שעפערישע אַקטיוויטעט און יעדער צד אין זיך גופא וועט זײַן אומזיכער, נישט קאָנען שטאַרקן זיך. בקיצור: די מאַמע רבקה קאָן נישט אייביק אַרומגיין מיט צוויי „גוים" אין איר טראַכט, וואָס איינער רײַסט זיך צום בית־המדרש און דער אַנדערער — צום קלויסטער; דער גלייכסטער אויסוועג איז דעריבער: יעקב און עשו זאָלן זיך אָפּשיידן, אָפּזונדערן. יעדער מיט זײַן מחנה און זײַן גאָט. און דער נמשל איז דאָ: צוויי פעלקער — אַ העברעיִש פאָלק און אַ יידיש פאָלק. יעדעס פאָלק קאָן דערנאָך מיטן זיך פרײַ און אומגעשטערט פון שפּראַכן־שטרײַט, פאַר זײַן ספּעציפישער שפּראַך און קולטור, קאָנצענטרירן דערויף זײַנע אַלע כּוחות און ממילא אויך קאָנען

שטעלן אַ שטאַרקערן — פעסט־קאָנצענטרירטן װידערשטאַנד דער סכנה פון דרויסנדיקע אַסימילאַטאָריש־פאַרשלינגערישע כּוחות, װאָס לויערן כּסדר אויף אונז.

ד״ר זשיטלאָװסקי קאָן נישט דערגיין צו אַזאַ עקסטער קאָנסעקװענץ, און ער שלאָגט אָפּ מיין אַרגומענטאַציע: נישטאָ קיין היסטאָרישע סיבה און באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ אָפּשפּאַל־טונג. היסטאָריש גייען זיך די װעגן פון ביידע צדדים נישט אַזוי שאַרף — און גראַדליניק — פאַנאַנדער, אַז מיר זאָלן קאָנען באַשטימען װער עס איז „מיר״ און װער־„זיי״. אויב די קאָנסעקװענץ פאָדערט אַזאַ עקסטרעמע האַנדלונג — אַװעק מיט אירז איבעררייסן, איבערשניידן — דאָס טוט װיי. און מיין איינדרוק איז געבליבן, אַז װען אפילו ד״ר זשיט־לאָװסקי זאָל איינזען די נויטװענדיקייט פון אַ גט צװישן די צװיי קולטורן — יידישע און העברעיִשע — װאָלט ער נישט געלייגט זיין חתימה אויף אים, מחמת קולטורן ליגן אין בלוט פון דעם מענטשן, אין זיין נשמה, און ביי אים איז שטענדיק, װי געזאָגט, דער מענטש א י ב ע ר אַלע אידייען, לאָזונגען, ריכטונגען און פאָנען.

יאָ מסכּים מיט אים, נישט מסכּים מיט אים, צי אַזאַ אויפפאַסונג איז װעמען פון אונז יאָ אָדער נישט צום האַרץ — דאַרפן מיר אינזינען האָבן, אַז דאָ איז נישט קיין פראַגע פון אונז, נאָר פון אים. אַ גאָר שטאַרקער חסרון אין דער מענטשלעכער פּסיכיק איז דאָס, װאָס מיר האָבן אַ טבע צו מעסטן און משפּטן אַנדערע לויט ז י ך, לויט אונזער אייגע־נעם „איך״, גלייך אונזער „איך״ װאָלט געװען דער געטלעכער מוסטער פון חכמה און שלמות. װען מיר װילן ריכטיק אָפּ־שאַצן און אָפּשעצן זשיטלאָװסקיס אַרבעט, מוזן מיר דאָס טון, װי שוין פריער באַמערקט, לויט א י ם אַליין, לויט זיין איי־גענער פילאָזאָפיע און עטיק — דאַן װעלן מיר פאַר זיך האָבן אַ רייכע סימפאָניע פון אַ סך טענער און קלאַנגען, אַן איינהייט, װו די דיסאָנאַנסן פאַרלירן זיך, באַהעפטן זיך, און װו די אַקאָרדן דערגאַנצן איינע די אַנדערע.

דוד עדעלשטאט

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט דוד עדעלשטאַטס ביאָגראַפיע און זיך דערוווּסט, אַז ער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, איז עס פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג. יאָרן־לאַנג בין איך געווען אונטערן איינדרוק, אַז עדעלשטאַט, דער פּאָפּולערסטער יידישער אַרבעטער־דיכטער, איז געשטאָרבן דורך זעלבסטמאָרד. דאָס איז אייגנטלעך, נישט געווען סתם קיין איינדרוק, נאָר געבויט אויף אַ לעגענדע, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט צווישן יידישע אַרבעטער אין וואַרשע און אפשר אויך אין אַנדערע געגנטן.

אין וואַרשעווער אַרבעטער־קרייזן, ווו עדעלשטאַטס לידער און עדעלשטאַטס נאָמען זענען נישט אַראָפּ פון קיינעמס ליפּן, האָט מען דערציילט מיט אַ זיכערקייט, אַז דער מחבר פון „ד״ר גראָן", „די צוואה" און פיל אַנדערע לידער און דערציילונגען, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דערפאַר, וואָס ער האָט מער נישט געקענט איבערטראָגן דאָס שלעכטס און אומגערעכטיקייט פון דער וועלט.

אַנדערע האָבן אפילו צוגעגעבן אַ ראָמאַנטישן כאַראַקטער צו זיין זעלבסטמאָרד. אין יאָר 1909 האָב איך פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין לובלין. אין אַ דאָרטיקן אַרבעטער קרייז האָט אַן אַרבעטער דערציילט פאַר דער קליינער גרופּע פאַרזאַמלטע,

אַז עדעלשטאַט האָט זיך דאָס לעבן גענומען צוליב אַן אומ־גליקלעכע ליבע, אָבער דאָס איז נישט געווען כּחם אַזוי אַ ליבע, נאָר אַ ראָמאַן מיט אַן אונטערשלאַק פון קלאַסן־אונטערשייד. עדעלשטאַט זאָל זיך האָבן פאַרליבט אין אַ רייך מיידל, אָבער איידער חתונה צו האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ „בלוט־זויגער", האָט ער זיך בעסער דאָס לעבן גענומען...

קיינער האָט יענעם אַרבעטער נישט געפרעגט, ווי ער האָט גענומען די געשיכטע; אַז מען דערציילט עפּעס וועגן אַ רבין, פרעגט מען קיין קשיות נישט. דאָס איז, אגב, נישט די איינציקע מעשה און לעגענדע, וואָס מען האָט דערציילט וועגן דעם באַרימטן אַרבעטער־דיכטער. אַרבעטער האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט וועגן עדעלשטאַטן, און נאָך איצט איז פאַראַן אַ שטאַרקע פאַרינטערעסירונג צו אים צווישן יידישע אַרבעטער.

מעגלעך, אַז די געשיכטע וועגן זעלבסטמאָרד האָבן די אַרבעטער גענומען פון עדעלשטאַטס „אַ בריוו פון אַ זעלבסט־מערדער" (פּראָזע), ווי עס ווערט געשילדערט איינער, וואָס מוז אוועק פון דער וועלט, ווייל ער קאָן נישט איבערטראָגן די אומגערעכטיקייטן. קאָן זיין, אַז די לעזער, וועלכע האָבן גע־גלייבט יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון עדעלשטאַטס פעדער, האָבן דעם „בריוו" גענומען בוכשטעבלעך און אים אָנגעפּאַסט אויף דעם דיכטער אַליין, וויבאַלד אַז עס איז אַ געזעגנבריוו צו דער וועלט, איז עס דאָך דער בעסטער סימן, אַז באַלד ווי דער דיכטער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן שרייבן זיינע אָפּשיידס ווערטער, האָט ער געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן.

עס קאָן זיין, אַז אויך די ראָמאַנטישע געשיכטע מיט עדעלשטאַטס אומגליקלעכער ליבע האָבן די געטרייע לעזער אַרויסגעלייענט פון דעם דיכטערס שריפטן. אין זיין דערציי־לונג „ווערא" ווערט געשילדערט די רייכע פעטערבורגער גע־זעלשאַפט, ווי מען האָט שטאַרק ליב „ווייב, וויין און געזאַנג". און וויאַזוי ער, דער ליידנדיקער דיכטער, וועלכער איז שוין אַלס יונג יונגל דורכגענומען מיט די ליידן פון די שוואַכע און

אונטערדריקטע, אַנטלויפט פון די רייכע הולטאַיעס, פון זייערע שיינע פרויען און פון זייער וווילטאָק.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט עדעלשטאַטס ווירקלעכער ביאָגראַפיע און דערגאַנגען, אַז דער באַליבטער אַרבעטער־דיכטער האָט זיך נישט דאָס לעבן גענומען, האָב איך זיך אָבער אויך דערוווּסט, אַז זיין טויט, כאָטש אין פלוג איז ער געווען „נאַטירלעך”, איז דאָך געקומען אויף אַ כמעט „נישט־נאַטירלעכן” אופן. דער דיכטער איז פּאַמעלעך אויסגעגאַנגען פון שווינדזוכט, פּאַקטיש צוליב דעם, וואָס ער האָט געפירט אַן אַסקעטיש לעבן; אַזוי טיף און שטאַרק איז ער געווען פול מיט די ליידן פון אַנדערע, אַז זיך אַליין האָט ער פאַרגעסן; ער האָט זיך אַליין פאַרמשפּט צו אַ לעבן פון הונגער און נויט, קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין צייט זיך אַליין, דעם אייגענעם געזונט, דעם אייגענעם וווילזיין.

עדעלשטאַט, דער אַנאַרכיסט, דער אַטעיִסט, דער באַקעמפער פון „קאַפּיטאַל און רעליגיע”, האָט געפירט אַ לעבן פון אַ הייליקן נזיר. זיין גאָט איז געווען דער אַרבעטער־קלאַס, אָבער אין אים האָט שטענדיק געברענט אַ רעליגיעזער עקסטאַז, וואָס האָט אים געגעבן קוראַזש און כּוח צו קעמפן און צו ליידן. ער האָט פּאַקטיש נישט פאַרגונען זיך קיין פרייע מינוט, קיין פּערזענלעך גליק — וואָרום ווי קאָן מען זיך פרייען און הנאה האָבן פון דער וועלט, ווען אַרום־און־אַרום איז האַס און אומגערעכטיקייט?

דער צווייטער אַרבעטער־דיכטער, יוסף באָוושאָווער, האָט זיך אַמאָל פאַרגונען אַ זינג צו טון וועגן דער נאַטור, וועגן אַ „שיינע, אַ לאַכנדע מיידל” — עדעלשטאַט האָט אַזעלכעס געהאַלטן פאַר אַ זינד, פאַר אַ פאַרברעכן. שיינע פרויען, נאַטור, בלומען, פאָנטאַנען — ווי גראַמט זיך דאָס מיט קייטן, מיט תּפיסה, מיט „סוועט־שאַפּ”? און עדעלשטאַט זעט אפילו אין דער נאַטור טרערן און ליידן; דאָס שיינקייט פון דער גאַנצער ערד פאַר זיינע אויגן פאַרוואַנדלט אין אַ טאָל פון קרעכצן:

ווי זאָל איך, ברידער, פריילעך זינגען,
ווען האַס און קריג איז איבעראַל?
עס שיינט מיר: טיפע שמערצן קלינגען
אויך אינם ליד פון נאַכטיגאַל!

ווען מענטשן ליידן, קלאָגן, זאָרגן,
קאָן די נאַטור דען פריילעך זיין?
זיין, טרערן בלוטיקע פאַרבאָרגן
זענען אין איר רויטן זונענשיין!

זי זעט ווי אירע מענטשנקינדער
האָבן פאַרוויסט די שיינע וועלט;
און אירע ליבלינגע, ווי רינדער,
ווערן געשעכט, פאַרקויפט פאַר געלט...

און די נאַטור גיסט פערל-טרערן
און מיט איר וויינט דער בלומענטאַל;
עס וויינט די זון, לבנה און שטערן
און טרויעריק קלאָגט די נאַכטיגאַל...
(נאַטור און מענטש)

אויב עדעלשטאַט דערלויבט זיך אַמאָל אַנטציקט צו ווערן פון דער „שיינער נאַטור" און זינגט וועגן „בלומען און שטערן" איז עס נאָר, כדי ער זאָל פון דער נאַטור קאָנען ציען אַ פאַר־גלייך אויפן מענטש, אויף די אונטערדריקער און אונטערגע־דריקטע. דערמיט איז דער אַנאַרכיסטישער דיכטער נישט נאָר ווי אַ רעליגיעזער אַסקעט, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַלע לעבנס־תענוגים, נאָר אפילו עכט־יידיש אין זיין באַציונג צו דער אַרו־מיקער וועלט. אין דעם „שיר־השירים", ווו עס ווערט באַזונגען די נאַטור און די מענטשלעכע ליבע, האָט דער ייד געמוזט אַריינטייטשן דעם גלות אין אַ דיאַלאָג צווישן גאָט און דער כנסת ישראל, כדי דערמיט צו כשרען דאָס „געזאַנג פון אַלע געזאַנגען". וואָרום סתם נאַטור, סתם ליבע — דאָס איז נישט יידיש. עדעלשטאַט האָט געזאָגט, אַז עס איז נישט פראַלעטאַ־

ריש, אָבער אין תּוך איז עס געווען, אומבאַוווּסט פאַר אים אַליין, אַ רעליגיעז־יידישער בליק, וואָס איז אים דיקטירט גע־וואָרן פון זיין גרויסן דראַנג צו זען דעם „באַפרייטן ייד און קריסט".

דאָס דערקלערט אויך, וואָס עדעלשטאַט איז ביי יידישע אַרבעטער, איבערהויפּט אין דעם רוסלאַנד פון די רעוואָלוציע־יאָרן 1905—1907 געוואָרן דער באַליבסטער דיכטער, און וואָס באַוושאָוער, וועלכער איז, אָן צווייפל, געווען מער פּאָעט פון עדעלשטאַטן, איז דורך אים פאַרטונקלט געוואָרן. די יידישע אַרבעטער האָבן דערפילט, אַז ער געהער זיי אינגאַנצן, מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, אַז ער קאָקעטירט נישט מיט קיין אַנדערע, נאָר לעבט בלויז און זינגט בלויז פאַר זיי. דאָס דער־קלערט אויך וואָס עדעלשטאַטס לידער, וואָס זענען אַזוי טרוקן און פּראַקטיש מער אמת ווי דיכטונג, האָבן געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף די אַרבעטער־געמיטער און קיין יידישער דיכטער, וואָס האָט געשריבן אַרבעטער־לידער, קאָן זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן אין פּאָפּולאַריטעט און אין ליבע צווישן די מאַסן. עדעלשטאַטס לידער פלעגט מען זינגען — און מען זינגט נאָך איצט — ביי אַלע געלעגנהייטן; ביי אַ דעמאָנסטראַציע און ביי אַ לויה פון אַן אַרבעטער. אָט ציט זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן אַ לויה־פּראָצעסיע פון אַן אַרבעטער, וואָס איז געהרגעט געוואָרן אויף אַ דעמאָנסטראַציע. די פּאָליציי האָט אויסדריק־לעך פאַרבאָטן צו זינגען ביי דער לויה. גייען די מאַסן אַר־בעטער און אַרבעטערינס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שטילע, פאַר־טרויערטע. אָבער פון האַרץ רייסט זיך אַ מאָטיוו, אַ ליד, די ליפּן ציטערן, ווי ביי דאַרשטיקע אין מדבר נאָך אַ טרונק וואַ־סער. פּלוצלינג הייבט עמעצער אָן שטילערהייט צו ברומען:

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלעס דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרימע, שמאַכטענדע פאָלק.

און שטילערהייט טראָגט זיך דאָס ליד פון האַרץ צו האַרץ, פון ליפּ צו ליפּ — און באַלד פאַרגעסט דער אַרבעטער-עולם דעם שטרענגן פאַרבאָט פון דער פּאָליציי, און ווי אַ מעכטיקע, הייסע לאַווע פון אַ ווולקאַן, פּלייצט אַרויס, הויך און דראָנ-דיק, עדעלשטאַטס ליד, פון הונדערטער שטימען געזונגען:

מיר ווערן דערשאָסן, געהאַנגען,
מען רויבט אונז דאָס לעבן און רעכט —
דערפאַר, ווייל מיר אמת פאַרלאַנגען
און פרייהייט פאַר אָרימע קנעכט.

אָבער אונז וועט נישט דערשרעקן
געפענגניש און טיראַנריי;
מיר מוזן די מענטשהייט דערוועקן
און מאַכן זי גליקלעך און פריי!

עדעלשטאַטס ווערטער ווערן דעמאָנסטרירט נישט בלויז דורך זינגען, נאָר אויך דורך באַלדיקע מעשים: „אָבער אונז וועט נישט דערשרעקן געפענגניש און טיראַניי", וואָרום אָט האָט זיך שוין פּאָליציי און זשאַנדאַרמען אַריינגעריסן אין דער מאַ-סע. מען שלאָגט און מען אַרעסטירט רעכטס און לינקס. נאָר די אַרבעטער זענען נישט דערשראָקן. צוליב עדעלשטאַטס אַ ליד וועלן זיי „שמאַכטן אין געפענגניש", אָבער זייערס האָבן זיי געטון: זיי האָבן זיך אַראָפּגעזונגען פון האַרצן, און עס איז גרינגער געוואָרן.

אַן אַנדער מאָל זינגט מען זיין „לעצטע האָפענונג", וואָס איז איינס פון די פּאָפּולערסטע לידער, און ווו די אַרבעטער זעען סיי אַ שילדערונג פון פּאָעטס פּערזענלעכע ליידן, סיי אַ באַשרייבונג פון די ליידן פון אַנדערע. מיט שטימען, וואָס אין זיי ציטערן טרערן, זינגט דער אַרבעטער-עולם:

אין שטורם און קאַמף איז מיין יוגנט פאַרשוווּנדן,
פון ליבע און גליק האָב איך קיינמאָל געוווּסט;
נאָר בלוטיקע טרערן און בלוטיקע ווונדן

האָבן געקאָכט און געברענט אין מיין ברוסט.

פרי זענען געשטאָרבן מייַנע האָפנונגען זיסע,
פרי האָב איך דערזען דעם ווילדן קאָנטראַסט:
דאָס אַרבעטער-פאָלק אין אַ פינסטערע תפיסה,
און שווינדלער און רויבער אין אַ רייכן פּאַלאַסט.

און אפילו טראַכטנדיק פון טויט, קאָן עדעלשטאַט נישט פאַרגעסן די אַרבעטער און דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער און גערעכטער וועלט:

אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
ברענגט מיר צו מיין קבר דאַן
די פרייע פאָן מיט די רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס-מאַן!
און דאָרט, אונטער דעם פלאַג דעם רויטן,
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייעס ליד!
מיין ליד „אין קאַמף" וואָס קלינגט ווי קייטן
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד!
און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמאַרץ —
צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ.

און יעדעס מאָל ווען מען פירט צו קבורה אַן אַרבעטער-קעמפער, זינגט דער עולם „די צוואה", דאָס ליד, אין וועלכן עס פילט זיך אַזאַ שטאַרקע רעליגיעזע נאָטע — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען! אָבער די גאַנצע אידייע פון זינגען ביים קבר און „פון קבר באַגייסטערן", איז פאַר עדעלשטאַטן, וואָס ער שפּילט זיך קיינמאָל נישט גלאַט מיט ווערטער, נאָך אַ באַווייז, אַז ער איז בתוך רעליגיעז. עס איז אַן אַנדער רעליגיע, גאָר דאָס אייגענע געמיט און די אייגענע אויסדרוקן, וואָס ביי רעליגיעזע נזירים.

עס איז בשום-אופן נישט מיין נייגונג צו רעליגיעזן תוך,

דאָס חכם ביי עדעלשטאַטן רעליגיעזיטעט — סיי אין זיין פער־זענלעכן אַסקעטיזם, סיי אין זיין באַציונג צו לעבן און טויט. מ׳דאַרף די רעליגיעזיטעט ביי אים — ווי ביי אַנדערע עכטע רעוואָלוציאָנערן, נישט געקוקט אויף זייער מאַטעריאַליזם און אַטעיִזם, — גאַרנישט זוכן. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אויב מ׳פאַרמאַכט נאָר נישט די אויגן, בכּיון דאָס נישט צו זען... די גאַנצע באַציונג עדעלשטאַטס צום מענטש, איז אַ רע־ליגיעזע: אַט דאָס אויעקשטעלן דעם מענטש אין דעם צענ־טראַלן פונקט פון באַשאַף, ווי דעם העכסטן אויסדרוק. די ערד אונזערע איז דער צענטער פון אוניווערס. צוליב איר זענען באַשאַפן געוואָרן די זון, די לבנה און די שטערן. דאָס אַלץ צוזאַמען איז ווידער באַשאַפן געוואָרן צוליבן מענטש, דעם קרוין פון דער יצירה, און דער מענטש איז דאָ אויף דער ערד, כּדי זיך צו דערהויבן, כּדי צו דינען — גאָט, זאָגט די רעליגיע. פרייהייט און יושר, זאָגט עדעלשטאַט, און אַזוי זאָגן אַלע עכטע רעוואָלוציאָנערן.

די מלאכים ווייגען, ווען דער מענטש זינדיקט, אָדער ווען דער מענטש ליידט. דאָס זאָגט די רעליגיע. אויך עדעלשטאַט, די זיין אינספּיראַטאָר באַדסאָן, ווי טאָמאַס הוד, ווי עמיל פערהאָרן און ווי אַלע אַנדערע דיכטער פון אָרימקייט און פון קאַמף פאַר אַ בעסערע וועלט, גלויבן אַזוי. ביי עדעלשטאַטן גיסט די נאַטור „פּערל טרערן" אויף די יסורים פון די ליידנ־דיקע „מענטשן־קינדער". אויף זייער שווערן גורל ווייגען אויך לבנה און שטערן. אַלץ איז דאָ פאַרן מענטש, פאַר דעם יחסן פון דער שאַפונג, און עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז דער מענטש זאָל געפּייניקט ווערן און די אַלע, וואָס עקזיסטירן אין זיין זכות און פאַר זיין נוצן, זאָלן מיט אים נישט מיטליידן, מיט־פילן זיין צער און ווייטיק.

ביי די רעוואָלוציאָנערע דיכטער, ווי ביי רעוואָלוציאָנערע קעמפער בכלל, האָט דער מענטש אַ מיסיע, ווי ביי דער רע־ליגיע. דער מענטש איז דער בחיר פון דער יצירה, קאָן דע־ריבער נישט זיין, אַז אַט סתם־אַזוי איז ער באַשאַפן געוואָרן.

אָן אַ צוועק, אָן אַ תכלית. זיין תכלית איז צו שטייגן העכער צו פאַרשענערן די שאַפונג. יעדנפאַלס נישט צו לאָזן זי מחלל זיין דורך אומרעכט, געמיינהייט און רויב. און פונקט ווי דער רעליגיעזער זעלאָט גייט אויף מסירת־נפש פאַר זיין גלויבן, שפרינגט מיט פרייד, אַן עקזאַלטירטער, אין פייער אַריין, שפירנדיק מיט אַלע רמ״ח אברים, אַז דערמיט דערהויבט ער זיך און די מיטמענטשן זיינע צום העכסטן אמת, וואָס פאַר אים לוינט זיך צו שטאַרבן, מחמת אין אָט דעם שטאַרבן איז דאָס אמתע לעבן, פלאַקערט אַ נייער אויפגאַנג, — אָט פונקט אַזוי גייט דער רעוואָלוציאָנער מיט העראָישער פרייד, אַ געשמידטער אין קייטן, צום פינסטערן קאַזעמאַט און צו דער תליה.

אין פלוג איז דער קרבן פון דעם רעוואָלוציאָנער נאָך גרעסער, ווי דער פון דעם רעליגיעזן מאמין, דען בעת דער לעצטער איז טיף איבערגעצייגט אין אַ גייסטיקער וועלט נאָך דער ערדישער, ווו עס דערוואַרט אים אַ שכר פאַר זיין קרבן, האָט דער רעוואָלוציאָנער נישט אַזאַ גלויבן. אדרבא, ער איז זיכער, אַז מיט זיין פיזישן טויט ענדיקט זיך פאַר אים אַלצדינג און ער פערזענלעך וועט קיין שום שכר נישט האָבן פאַר זיין מאַרטירערשאַפט. אָבער דאָס איז נאָר ריין־אויסערלעך אַזוי. אין אמתן האָט דער רעוואָלוציאָנער מאַרטירער קודם די פרייד פון קאַמף. דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איז זיך מקריב פאַר אַ גרויסן אידעאַל, אַז זיין מאַרטירערשאַפט וועט ברענגען אַ בעסערע, שענערע און גערעכטערע וועלט, פילט אים אינגאַנצן אָן, באַגייסטערט און אינספּירירט אים – דאָס איז די אינספּיראַציע פון שאַפונג; די פרייד פון שאַפן אַ נייע וועלט; ס'איז אַ מענטשלעך און אין דער אייגענער צייט אַן איבערמענטשלעך געפיל, אַ געפיל, וואָס פליסט אַריין אין דעם ים פון דעם קאָסמישן דראַנג צו פולקומענקייט און שיינקייט.

דאַן, — ווי שרעקלעך אַזאַ באַהויפּטונג זאָל נישט קלינגען אין די אויערן פון אַלערליי ראַציאָנאַליסטן, — איז אויך דער אומגלויבן אין אַ גייסטיקער וועלט נאָך דער ערדישער, בלויז אַ מאַסקע, אָדער אַ שיכט ערד אויפן באַוווסטזיין, וואָס

פאַרדעקט דעם גלויבן, (וועלכער לעבט אין אונטערבאַוווסטזיין), אַ מיטן פיזישן טויט ענדיקט זיך נישט אַלץ, אַז עפּעס אַ המשך איז דאָ. דאָסדאָזיקע אונטערבאַוווסטזיין טאַקע פאַרבינדט אונז מיט דער צוקונפט, ווי מיט דער פאַרגאַנגענהייט — מיט יענער צוקונפט, וואָס אין איר וועלן מיר, די איצטיקע, שוין אויף דער ערד נישט זיין. און אָט דער באַהאַלטענער גלויבן (ביי די, וואָס דער גלויבן איז ביי זיי נישט קיין אָפענער, באַוווסטזיניקער) מאַכט עס גרינג פאַר דעם רעוואָלוציאָנער צו גיין צו דער תליה, אַליין נישט ווויסנדיק פאַרוואָס דאָס איז פאַר אים אַזוי גרינג. אָן דעמדאָזיקן גלויבן, ווען דער רעוואָלוציאָנער וואָלט באמת דורכויס זיכער געווען, אַז מיט זיין טויט איז פאַרענדיקט יעדער חשבון, יעדע סאָרט עקזיסטענץ און אינדיווידועלע באַוווסטזיניקייט, וואָלט די מאַרטירערשאַפט ביזן טויט אַריין נישט געקאָנט זיין אַזאַ אָפטע דערשיינונג אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

עדעלשטאַט אַליין האָט זיך אפשר נישט אַריינגעטראַכט אין די ווערטער פון זיין „צוואה", ווי ער הייסט קומען מיט דער רויטער פאָן צו זיין קבר זינגען און פאַרזיכערט דערביי, אַז ער וועט פון קבר מיטזינגען. ס'איז מערקווירדיק ווי פּייערדיקע אַטעיסטן פון אַנאַרכיסטישן און סאָציאַליסטישן לאַגער זינגען דידאָזיקע ווערטער מיט אַזאַ התלהבות און פאַרטראַכטן זיך אפילו נישט, אַז דאָס איז דאָך אַ מוראדיק שטיק „פינסטערניש" און „רעאַקציע" פאַר די יעניקע, וואָס רעליגיע, יעדער רעליגיעזער גלויבן, איז טרייף־פּסול, אַן אָפּיום. אפשר נעמען זיי עס אָן פאַר סתם פּאָעטישע מליצה, אָבער דאָס איז שוין גאָר קיין מליצה נישט. די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון עדעלשטאַטס אונטערבאַוווסטזיין. זיי האָבן פאַראַמט דעם פאַרבאָרגענעם גלויבן אין די קאַמערן פון זיין אונטערבאַוווסטזיין.

אַזוי־אַ דערשיינט פאַר אונז דוד עדעלשטאַט, ווען מ'פאַרטראַכט זיך טיפער וועגן זיין לעבן און שאַפן.

אַ נזיר, אַ זעלאָט, אַ מאַרטירער — דאָס איז ער געווען.

געבוירן בײַ פּאַרמעגלעכע עלטערן אין דער שטאָט קאָלוגע (דעם 9-טן מאַי, 1866), געקריגן זײַן ערשטע דיכטערישע אָנער-קענונג און דערמוטיקונג פון אַ צאַרישן גענעראַל-גובערנאַטאָר, וועמעס ער זיך בלב ונפש, ווי אַ הייליקער קרבן, די אָרימע און אונטערגעדריקטע, דערהויבט די אַרבעטער; וואַרפט זיך אַליין אונטער אַ לעבן פון הונגער, האָרעוועט שווער און ביטער אין די שוויץ-פאַבריקן פון ניו-יאָרק, וווהין ער איז אָנגעקומען אין 1882 מיט אַן „עם-עולם"-גרופּע, ווערט שפּעטער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" און — ווידער אָרימקייט, עלנט, הונגער. ווען די שווינדזוכט פרעסט שוין זײַנע לונגען, זאָגט ער זיך אָפּ פון וועלכער-ס'איז באַקוועמלעכקייט, מחמת — ווי-דעראַמאָל דאָס אייגענע — ווי קאָן ער טראַכטן וועגן זיך, ווען מיליאָנען מענטשן מאַטערן זיך און אפילו די נאַטור ווײַנט מיט זיי מיט?... ערשט ווען ער קאָן שוין מער זיך נישט האַלטן אויף די פיס, פאָרט ער אַוועק קיין קאָלאָראַדאָ, היילן זיך, און דאָרט הויכט ער אויס די נשמה דעם 17-טן אָקטאָבער, 1892.

אינגאַנצן 26 יאָר אַלט געווען! אַזעלכע, ווי עדעלשטאַט, קאָנען לאַנג נישט לעבן. דורכגעווייטיקט מיט די יסורים פון מיליאָנען, סענסיטיוו, ערלעך אויף דער האָר, אָן וועלכע-ס'איז קאָמפּראָמיסן דער סביבה, די הערשער און די אַלע, וואָס ער באַטראַכט זיי פאַר שונאים פון דעם אַרבעטער-קלאַס און פון די אָרימע בכלל — מוז זײַן לעבן פריצײַטיק צעבראָכן ווערן. אָבער זײַן ליד, זײַן פּאָעטישן שווונג, אָפּט באַנאַל, נאָר באַ-לויכטן מיט דעם ריינסטן אמת, מיט דעם טיפסטן גלויבן און דעם העכסטן אידעאַליזם, ווערט דאָס געזאַנג פון גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער אויף בײדע זײַטן ים. מיט זײַן ליד אויף די ליפּן קלעטערט מען אויף באַריקאַדן; מיט זײַנע פּשוטע ווערטער קעמפט מען און מען פאַלט; שעלט מען דאָס אומרעכט און מ'פּראָוועט רעוואָלוציאָנערע נצחונות. זײַן ליד ווייזט אויך דעם וועג אַנדערע יידישע דיכטער פון דער געדיכטער יידישער עמי-גראַציע אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע — און עדעלשטאַט איז

פאַקטיש דער ערשטער יידישער אַרבעטער-דיכטער, דורכויסיקער פּראָלעטאַרישער און רעוואָלוציאָנערער דיכטער.

אין טאָג פון זיין טויט האָט יוסף באָושאָוער, עדעלשטאַטס חבר און מיטקעמפּער, געשריבן וועגן אים:

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס
פאַר זיין הייליקן פּרינציפּ;
און די וואָרע מענטשנליבע
איז געפלאָסן פון זיין ליפּ.

יאָ, ער האָט אַלץ געאָפּפערט — זיך אַליין. און וואָס קאָן אַ מענטש מער געבן, ווי זיך? ווייניק זענען פעיִק אויף דעם. ביי זייער ווייניק איז זייער פּרינציפּ ה י י ל י ק, אַזוי הייליק, אַז זיי זאָלן קאָנען לעבן פאַר אים און שטאַרבן פאַר אים. און דער רעליגיעזער באַגריף פון ה י י ל י ק פּאַסט זיך שטאַרק צו די עדעלשטאַטס, ווי צו די קדושים פון רעליגיע, וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע.

דוד עדעלשטאַט, דער אַטעיִסט, האָט געלעבט און געשטאָרבן ווי אַ קדוש — און מיליאָנען הערן אים טאַקע זינגען פון קבר, ווי ער האָט דאָס מבטיח געווען אין זיין „צוואה” — אַ געזאַנג פון אומבאַהאָלפענע ווערטער, אָבער ריינע, אומבאַפלעקטע, ערלעכע און באַגייסטערטע.

נח פּרילוצקי

צו זיין 30־יאָריקן ליטע־ראַרישן יוביליי אין 1932)

נח פּרילוצקי. דאָס איז מער ווי דער נאָמען פון אַ יחיד. דאָס איז אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע—יידישע פּאָליטיק, יידישער קאַמף, יידישע פּרעסע, פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע. אָט די אַלע — און נאָך אַנדערע — געביטן זענען געקניפּט און געבונדן מיט דעמדאָזיקן נאָמען. דער דרייסיק־יאָריקער יוביליי נח פּרילוצקיס, וואָס איז לעצטנס געפייערט געוואָרן אין וואַרשע, איז דעריבער דער יוביליי פון אונזערע ראַנגלענישן און דערגרייכונגען אויף די אויסגערעכנטע פעלדער. אַן אָפּשאַצונג פון דרייסיק יאָר נח פּרילוצקי, איז דער סך־הכל פון דרייסיק יאָר יידיש לעבן. ס׳איז פּאַקטיש נישטאָ קיין איין צווייג פון יידישע קולטור־אַרבעט, פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און יידישער פּאָליטיק, וואָס דער יובילאַר זאָל דערמיט נישט זיין היימיש. ביי דער אָרימקייט פון כוחות אויף אונזער גאַס, איבערהויפּט אַקטיווע—און אַגרעסיווע—כוחות, איז אַזאַ מושלם ממש אַ נס, בפרט אַ מושלם, וואָס איז וויסנשאַפטלעך־גרינטלעך און באַרופן אין זיינע טעטיקייטן און רעפּרעזענטירט ווירדיק יעדעס געביט, מיט וועלכן ער פאַרנעמט זיך.

געוויס איז עס אַ שווערע אויפגאַבע, אַ ריזיקע משא פאַר איין מענטשן. אַן אַנדערער וואָלט אפשר געפאַלן אונטער דער לאַסט. און איך פלעג זיך שטענדיק וווּנדערן, ווו ער נעמט

צייט און כּוח זיך אָפּצוגעבן מיט אַזויפיל ענינים אויף איין מאָל, אָן אויפהער, טאָג-איין, טאָג-אויס, אַזוי מיט יאָרן צוריק און אַזוי איצט. אָבער אין נח פּרילוצקין שפּרודלט די פענאָמענאַלע אומאויסשעפּלעכע ענערגיע פונם פּיאָנער, וואָס דאַרף אַליין פירן דעם וואָגן און אַליין אויסלייגן דעם וועג; אַליין אויפשלאָגן דאָס געצעלט און אַליין אַקערן דאָס פעלד; אַליין קאָכן און באַקן און אַליין זיך אויפנייען די מלבושים. מיט 30 יאָר צוריק איז ער דאָך געווען אַ בן-יחיד אויף אַ סך פון די אויסגערעכנטע געביטן. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן די יידישע פילאָלאָגיע און פאָלקלאָר ערשט אָנגעהויבן אַרויסצוּווייזן די ערשטע גרינגראָז-שפּראָצונגען און די יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד איז געווען אין אירע מעשי-בראשית. דאָס אַלץ איז געוואַקסן מיט נח פּרילוצקין און נח פּרילוצקי מיט זיי. ער האָט אַ גרויסן חלק אין זייער וווקס, אַנטוויקלונג און געשטאַלטונג. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין קענטיקן חותם אויף זיי.

אויב זיין יידישע פּאָליטיק ענדיקט זיך אין די גרעניצן פון פּוילן (ביז דער מלחמה האָט ער פאַר זיך געהאַט די גאַנצע רוסישע אימפּעריע) און אויב דאָ קאָן דער און יענער פון אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען זיך מיט אים קריגן; בנוגע אָבער זיינע קולטור-אַקטיוויטעטן אַרום די גאַנצע יידיש-עקסטעריטאָריאַלע אימפּעריע און מכּוח זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע, פאָלקלאָר, טעאַטער און אַזוי ווייטער און ווייטער קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. זיין יובילײ איז אַן אַל-יידישער יום-טוב, אַ יום-טוב פון דער מאָדערנער יידישער קולטור. דער פאַקט, וואָס דאָ, אין אַמעריקע, האָט זיך ביז אַהער קיינער נישט אָפּגערופן אויף אָט דעם יובילײ — נישט די פּרעסע און נישט קיין איינע פון אונזערע קולטור-אינסטיטוציעס — איז זיכער נישט קיין קאָמפּלימענט פאַר דעם היגן יידישן ישוב. בעת אַזאַ יום-טוב דערשפּירן מיר מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די טראַגעדיע פון אונזער צעוואָרפנקייט, דעם גוואַלט-ריס אין אונזער נאַציאָנאַלן

לעבן. אָבער ס׳איז גוּ האָפן, אַז דער יובּיליי וועט דאָ פאָרט
נישט אַריבער שאַ-שטיל.

עס בלייבט פאַר אונזערע פילאָלאָגן און פאָלקלאָריסטן צו
געבן אַן אָפּשאַצונג פון נח פּרילוצקיס אַרבעטן אויף זייערע
פעלדער; אַבּיסל האָט מען דאָס שוין געטון אין וואַרשע צו
זיין יובּיליי, אָבער ווייט נישט גענוג און אונזערע היגע שפּראַך-
פאָרשערס און מפרשים זענען אים אויך עפּעס שולדיק. סוף-כל-סוף
זענען מיר דאָך איין משפּחה, פאַנאַנדערגעשליידערט איבער
זיבן ימען. עס איז אויך דאָ גענוג אַרבעט פאַר אונזערע
טעאַטראַלן צו מאַכן אַ חשבון פון נח פּרילוצקיס טעאָרעטישע
און פּראַקטישע אויפטוּאונגען פאַר דער יידישער בינע; האָט ער
דאָך אויך דאָ — אויפן געביט פון מאָדערנעם יידישן טעאַ-
טער – געטון פּיאָנערן-אַרבעט, געווען פון די פאַרביסענע
קעמפער קעגן שונד און ליידנשאַפטלעכער וועקער און דערמו-
טיקער פון נייע כּוחות. אויך דאָס פּשוטע פאָלק וואָלט גע-
האַט גענוג און גענוג צו דערציילן וועגן נח פּרילוצקיס אַקטי-
וויטעט אַלס אַדוואָקאַט, כּלל-טוער און פּאָליטיקער, דערהויפּט
אין די שרעקלעכע מלחמה-יאָרן, ווען יידישע לעבנס, גאַנצע
יידישע קהלות, זענען געווען הפקר, און מ׳האָט פון אַלע ווינ-
קעלעך אין פּוילן זיך געווענדט צו נח פּרילוצקין. שוויענטע
קזשיסקע נומער 48, ווי פּרילוצקי האָט דעמאָלט געוווינט, איז
געווען אַן אַדרעס פאַר אַ סך טויזנטער פאַרצווייפלטע יידן, אַ
צענטער פון האָפענונג.

אָט דער אַדרעס איז געווען נישט נאָר אַ האָפענונגס-
פּונקט פאַר יידן, וואָס האָבן געליטן פון פּאָליטישע, רעליגיעזע
און עקאָנאָמישע רדיפות, נאָר אויך פאַר אַ סך יידישע יונגע-
לייט, וואָס האָבן געליטן פון — ליטעראַרישע דראַנגען... אַהין
פלעגט מען צושיקן און פערזענלעך ברענגען מאַנוסקריפּטן:
לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, דראַמען. און נח — ווי מיר
פלעגן אים צווישן זיך גוטברודעריש רופן — האָט פאַר אַלץ
און פאַר אַלעמען צייט געהאַט. כאָטש נח פּרילוצקי איז נאָך
דאַן, אין דער צייט, וואָס איך האָב אין זינען (צווישן צוואַנציק

און פינפאונצוואנציק יאָר צוריק) אַליין נאָך זייער יונג געווען איז ער שוין געווען אַ ליטעראַרישער מדריך. שוויענטע קושיס-קע 48 האָט גאַנץ שטאַרק קאָנקורירט מיט צעגליאַנע 1. צו אים פלעגן קומען סיי אַזעלכע, וואָס פרץ האָט שוין „אָפּגעזאָגט דאָס לעבן" און זיי האָבן געזוכט אַ רעטונג ביי נחן; סיי אַזעלכע, וואָס זענען שוין „אָנערקענט" געווען און האָבן גע-דאַרפט אַזאַ ענערגישן מענטש, ווי נח פרילוצקי, אַז ער זאָל זיי ווייטער פירן, און סיי אַזעלכע וואָס זענען געגאַנגען אויף ביידע אַדרעסן, ווי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פאַר פרצן מורא געהאַט, נישט זיכער געווען מיט זיינע שטימונגען, און זיי האָבן געזוכט אַ „דאַך" ביים יונגן אַדוואָקאַט און קולטור-שאַפער. כ׳געדענק, למשל, ווי מיין חבר יהושע פערלע האָט באַוואונדערט מאַרק שוואַרץ ווי מיין שווידן און פיך, וואָס מיר יונגע יינגלעך נאָך, האָבן דעם קוראַזש צו גיין צו פרצן, און ער פלעגט טענהן: איז נח אַליין נישט גענוג? ער איז ממש פאַרליבט געווען אין נחן.

ער, פערלע טאַקע, האָט, דאַכט זיך מיר, דער ערשטער מיר אָנגעוויזן אויף נח פרילוצקין, בעת דער לעצטער איז אין זיין סטודענטן-אוניפאָרם געקומען פון פעטערבורג קיין וואַרשע אויף אַ באַזוך צו זיינע עלטערן און שפּעטער מיך אַריינגע-פירט צו די פרילוצקיס אין הויז אַריין, אויף טוואַרדע גאַס, ווען נח פרילוצקי איז צוריקגעקומען אַ געענדיקטער אַדוואָקאַט און געוואָרן אַ שטענדיקער וואַרשעווער תּושב. נח איז באַלד געוואָרן אַ צענטער פון קולטור-אַרבעט און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. וואָס עס איז שייך די יונגעלייט, וואָס האָבן אַרויס-געוויזן שרייבערישע פעיקייטן, האָט ער נישט נאָר זיי דערמו-טיקט, נאָר אויך געזוכט צו שאַפן פאַר זיי אַ טריבונע. אַזוי זענען געבוירן געוואָרן די זאַמל-ביכער „גאָלדענע פונקען" און דער „יונגער גייסט". ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעשאַצט די טאַלאַנטן פון יונה ראָזענפעלד, יואל מאַסטבוים, שלמה גילבערט, א. מ. ווייסענבערג און אַנדערע, שרייבנדיק מכּוח זיי קריטישע עסייען. זיינע גראַנטענע קריטישע אַרטיקלען זענען מיר פאַרבליבן אין זכּרון און מיר דאַכט זיך, אַז קיינער

האָט ביז אַהער אַזוי טרעפלעך נישט אַרויסגעבראַכט דעם קינסטלערישן מהות פון די דערמאָנטע שריפטשטעלער, ווי ער האָט דאָס געטון, בעת זיי האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. ער האָט זיך אויך געקליבן צו שרייבן מכּוח אונז — די סאַמע יונגסטע — און אונז אפילו אויסגעזאָגט דעם נאָמען פון זיין אָפּהאַנדלונג „די הינדעלעך, וואָס פּיקן זיך פון די אייערלעך" (ער האָט תמיד ליב געהאַט פּאָלקסטימלעכע נעמען פאַר זיינע אַרטיקלען), נאָר דער „יונגער גייסט" איז מער נישט אַרויס.

דאָסדאָזיקע ברייטע ווינקל אין נח פּרילוצקיס טעטיקייט — ליטעראַטור קריטיקער (און דיכטער) — איז אין די יובילייאַרטיקלען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, נישט באַרירט געוואָרן; אָבער ער האָט דאָ נישט קיין קלענערע פאַרדינסטן ווי אויף די אַנדערע געביטן. אונזער ליטעראַטור וואָלט אַ סך אָרימער געווען אָן אָט דער טעטיקייט זיינער. אויך דאָ האָט ער געטון פּיאָנערן־אַרבעט. אים האָט געפּייניקט די אָרימקייט אין פאָרמען אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט. דער עיקר אין דער פּאָעזיע — און ער איז נישט אָפּגעקומען מיט פּרעדיקן נייע פאָרמען, נאָר אויך פּראַקטיש זיי דעמאָנסטרירט: געשריבן לידער נישט בלויז מחמת דיכטערישן דראַנג, נאָר אויך מיט דער כּוונה צו ווייזן אַנדערע ווי צו שרייבן שיין־געגראַמטע, ריטמיש־קלינגנדיקע און פאַרשידנפאָרמיקע פערזן. מיט זיינע לידער איז ער אויסן געווען נאָך עפּעס: אַרויסצוטרייבן פון דער יידישער ליטעראַטור די בית־המדרשדיקע צניעות און שעמעוודיקייט; אַריינצוברענגען אין איר עראָטיק, שיר־השירימדיקע סענסואַליטעט. דערפון זיין לידערזאַמלונג „פאַרן מזבח", וואָס האָט דאַן אַרויסגערופן אַ שטורם אין די ליטעראַרישע קרייזן, צוליב דער אָפנקייט און „פאַרשייטקייט", מיט וועלכע ער באַזינגט דעם גוף, איבערהויפּט דאָס פרויען־לייב. אָבער נח פּרילוצקי, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן פאַר פּאָליטישע שטורעמס, אפילו, ווען דאָס האָט געשמעקט מיט טורמע (און ער האָט דעם טורמע־טעם

פאַרזוכט !), האָט זיך אוודאי נישט דערשראָקן פאַר ליטעראַרישע אויפקאָכענישן. ער האָט שטענדיק דרייסט דורכגעפירט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט; דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק.

זיין קוראַזש איז געווען איינע פון די מאַגנעטישע אייגנשאַפטן, וואָס האָט צוגעצויגן דאָס יונגוואַרג צו אים, און ער איז, ווי געזאָגט, שטענדיק געווען מוכן־ומזומן צו העלפן מיט אַלץ אין זיינע מעגלעכקייטן די אַלע, וואָס אין זייער ליטעראַרישן טאַלאַנט האָט ער געגלויבט, סיי דורך ספּעציעלע זאַמלביכער און זשורנאַלן; סיי אין די טעגלעכע צייטונגען, וואָס זיין פאָטער, צבי פּרילוצקי האָט רעדאַגירט און וווּ ער, נח, איז געווען דער נאָענטסטער, פרוכטבאַרסטער, און פּראָדוקטיווסטער מיטאַרבעטער. אָבער ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן עפּעס טון אויך פאַר אים — און „פאַר אים“ מיינט דאָ: יידישע קולטור. ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן ווערן זאַמלער פון פאָלקלאָר: לידער, מעשיות, וויצן, תחינות. און מיר, פול מיט גלויבן און ענערגיע, האָבן זיך אין דעם אָנגעכאַפּט מיט הענט און פיס. אין אַ שטיקל צייט האָבן מיר אָנגעזאַמלט גאַנצע אוצרות. און אַז נח פּרילוצקי האָט זיך דערוווסט, אַז מיין באָבע איז אַ לעבעדיקער קוואַל פון פאָלקלאָר, האָט ער מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט און אויף יעדן „גוטמאָרגן“ און „גוט אָוונט“, געענטפערט מיט אַ פראַזע: „עפּעס נייעס פון דער באָבען ?“ און איך האָב יעדן טאָג געמוזט עפּעס פאַרשרייבן ביי איר: אַ ליד, אַ תחינה, אַ פּורים־שפּיל, אַ מעשה, אָבער דערמיט האָב איך נישט געקאָנט יוצא זיין, האָב איך געפּאָמפּט פאָלקלאָר ביי דער גאַנצער משפחה און שכנים, געקלאַפּט אפילו אין פרעמדע טירן, זיך געשלעפּט אין די הינטער־געסלעך צווישן באַלעגאָלעס, אפילו אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף עפּעס אַ משוגענעם און זיך געהייסן באַצאָלן... פאַרשטייט זיך, אַז דער צאָלער איז געווען נח פּרילוצקי.

דעם אמת־זאָגנדיק האָט ס׳רוב פון אונז, זאַמלער, נישט געהאַט קיין בענויע פאָרשטעלונג וועגן דעם ווערט פון פאָלקלאָר

און אויך נישט קיין באַזונדערע ליבע דערצו (מיט דער אויס-נאָם אפשר פון פּנחס גרויבאַרט און שפּעטער שמואל לעהמאַן), אָבער נח האָט פאַרזיכערט, אַז ס'איז וויכטיק, זייער וויכטיק, אומגעהייער וויכטיק פאַר דער יידישער קולטור, האָבן מיר אים געגלויבט און געאַרבעט ווי די בינען. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף אונז און מיר זענען אים דאַנקבאַר געווען. מיר זענען אים שולדיק אַ חוב. די אַלע שרייבער און אַקטיאָרן, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט, געהאָלפן און דערמוטיקט, זענען אים שולדיק, אָבער מיט וואָס קאָנען מיר צאָלן? זאָלן די חובות כאָטש פאַרשריבן ווערן. באַרעכנט, זאָגט אַ יידיש ווערטל, איז האַלב באַצאָלט.

א. אלמי

אלעקסאנדער הארקאווי

דער נאָמען אַלעקסאַנדער האַרקאַווי אין דעם גרויסן יידישן
עולם מחוץ אַמעריקע באַקאַנט פון זיינע יידיש-ענגלישע ווער-
טער-ביכער און מעטאָדעס אויסצולערנען די ענגלישע שפראַך;
צענדליקער טויזנטער יידן, ערב-עמיגראַנטן, האָבן פון האַרקאַ-
ווים ביכער געחזרט ענגלישע ווערטער און דעם ערשטן ענג-
לישן שלום-עליכם אויפן אַמעריקאַנישן באָדן שוין אַרויסגערעדט
פון האַרקאַוויס אַ „מעטאָדע״; אָבער אין אַמעריקע איז האַרקאַ-
ווי געווען נישט סתם אַ נאָמען פון אַ פּאַפּירענעם לערער, וואָס
קלאַפּט אַריין אין די קעפּ פון זיינע תלמידים טויטע ווערטער,
נאָר אַ נאָענטער מענטש, אַ מדריך, וואָס איז אַנטקעגנגעקומען
דעם עמיגראַנט אין זיין פאַרלוירנקייט, אים אָנגענומען ביים
האַנט און געפירט אים אויפן פרעמדן באָדן, אָפּגעהיטן זיינע
טריט, אַז ער זאָל נישט צעטומלט ווערן אין דער אומבאַקאַנטער
וועלט, צווישן ווילד-פרעמדע מענטשן.

אין דעם כאַאָס פון דער גרויסער עמיגראַציע אין די
90-ער יאָרן, ווען יידן פון אַלע עקן וועלט און איבערהויפּט
פון דער רוסישער מדינה, האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו די
אַמעריקאַנער ברעגעס, איז האַרקאַווי געווען איינער פון די,
וואָס האָבן דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר די איינגעוואַנדערטע, גע-

האָלפן זיי פאַרפונדעווען זיך און היימיש ווערן אויף דער נייער ערד.

אָבער נישט נאָר ענגליש האָט האַרקאַווי געלערנט די עמיגראַנטן, ער איז אויך געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּיאָנערן און קעמפער פון דעם יידישן עמיגראַנטס אייגענער שפּראַך אויפן אַמעריקאַנישן באָדן — פון יידיש. אָן טומל, אָן רעקלאַמע און זעלבסטרעקלאַמע, אַ שטילער, אַ באַשיידענער און צוריקגעצויגענער, שעמעוודיק, מיטן אייביק-ליבלעכן שמייכל אויפן פּנים, האָט האַרקאַווי זיך שטענדיק איינגעשטעלט פאַר יידיש אין אַמעריקע, קעגן אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים.

האַרקאַווי איז אַ טיפּ פון אַ „נאַראָדאָוואָליעץ״, וואָס זיין גיין אין פאָלק אַריין, זיך צעטיילן מיטן ביסן און וויסן, איז דיקטירט מער פון ליבע צו דער מאַסע, צום מענטש, ווי פון פּאַרטיי-פּראָגראַמען. אין זיין פילאָלאָגיע איז דער עיקר דער „פילאָ״ — די ליבע. ס'איז אַ ליבע צו אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, און שפּראַך-וויסנשאַפט ווערט זיין געביט, מחמת שפּראַך איז דער מענטשלעכסטער אינסטרומענט. יידיש איז אים צום ליבסטן, ווייל דאָס איז דאָס לשון פון די יידישע מאַסן, די צו אים נאָענסטע און אייגנסטע.

דערפאַר איז האַרקאַווי נישט אַזוי אַ שפּראַך-רעפאָרמער, ווי אַ יידיש-פאַרטיידיקער — דערהויפּט איז דאָס לשון גופא און ווי דאָס פאָלק רעדט איז אים ניחא. די גרייזן ווערן שוין וויעס-איז פאַריכט ווערן — זאָל נאָר דער ייד רעדן יידיש... און, אז ער פאַריכט אַ יידן אַ גרייז, סיי אין יידיש, סיי אין ענגליש איז עס נישט ווי אַ שטרענגער לערער, נאָר ווי אַ פאָטער, וואָס מאַכט זיין קינד אויפמערקזאַם אויף אַ פעלער — איידל, חלילה, נישט צו באַליידיקן. ער שטייט נישט פאַר זיינע תלמידים ווי אַ למדן, אַ בקי און מופלג, נאָר ווי איינער פון זיי, וואָס צופעליק ווייסט ער אין אַט דעם ענין אַזעלכע זאַכן, וואָס זיי ווייסן נאָכנישט — און דאָס מאַכט, אַז זיי זאָלן זיך פילן גוט מיט אים און לערנען פון אים.

ווען האַרקאַווי איז אין יאָר 1882 געקומען מיט דער עם

עולם״-גרופּע קיין אַמעריקע, איז דער רוב מנין און בנין פון דער יידישער עמיגראַציע געווען אַ „דייטשישע״ — פון בעמען און פּאָזען, שוין נישט צו רעדן פון די עכט-דייטשישע יידן, וואָס זענען געווען לחלוטין אַ פרעמדער עלעמענט; דאָס זענען געווען פרומע יידן, וואָס האָבן גערעדט דייטש, טאַקע אַ דייטש, וואָס אַן עכטער גערמאַנער וואָלט אפשר נישט פאַרשטאַנען, אָבער פּאָרט נישט קיין יידיש. און די דאַמאָלסטיקע יידישע צייטונגען דאָ האָבן זיך שפּראַכלעך צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער עמיגראַציע. ס'איז געווען דייטש מיט יידישע אותיות. מ'פלעגט פשוט געבן דעם זעצער אַ דייטשיש בלאַט, אַז ער זאָל עס „איבערזעצן״ אַזוי ווי עס שטייט און גייט אין דער יידישער טראַנסקריפּציע. דאָס פלעגט מען פאַרפעפערן מיט אַ ביסל יידישע ידיעות, אַ יידישלעכן מאמר, אַלץ אויף קוגל-דייטש — און פּאַרטיק אַ יידישע צייטונג.

ערשט סוף 80-ער יאָרן, ווען ס'הייבט-אָן צו וואַקסן דער שטראָם פון „אונזערע״ יידן — פון רוסלאַנד, רומעניע און אַנדערע יידיש-רעדנדיקע לענדער — און זיי ווערן דער דאָמינירנדיקער עלעמענט פון דער עמיגראַציע, איז די יידישע פּרעסע געצוווּנגען ביסלעכווייז זיך אָפּצוקערן פון דייטשמערישן. אַ שטאַרקן איינפלוס אין אָט דער ריכטונג האָבן די דאַמאָלט-אָנגעקומענע פּראָפ. געצל זעליקאָוויטש און אברהם גאָלדפאַדן, וועלכע שרייבן אַ ריין, פאָלקסטימלעך יידיש. גאָלדפאַדן גיט אַרויס די מאָנאַטלעכע „אילוסטרירטע צייטונג״, ווו ער שפּרודלט מיט זיין זאַפטיק יידיש; דאָס אייגענע טוט פּראָפ. זעליקאָוויטש אין זיינע פעליעטאָנען אין שרהזאָנס „יידישע גאַזעטן״ און „יידישעס וואָכנבלאַט״, וואָס ביז דאַן זענען זיי געווען די פעסטונגען פון דייטש. דער גרויסער עולם איז זיך פשוט מחיה און נאָכדעם ווי דער „פאָלקס-אַדוואָקאַט״ שאַפט-אָפּ (אין 1888) דאָס דייטשמערישע לשון און האָט גרויס הצלחה מיט יידיש, קאָן זיך שוין שרהזאָן נישט באַנוגענען מיט זעליקאָוויטש יידיש-געשריבענע פעליעטאָנען און קומט-אַרויס, אין 1890, מיט

אַ פּראָקלאַמאַציע, ווו מ׳איז מודיע די לעזער, אַז עד כּאַן דייטש. מהיום והלאה וועט מען שרייבן יידיש...

האַרקאַווי, וועלכער איז ביז דאַן געצוווּנגען געווען צו שרייבן דייטש מיט יידישע אותיות, ציט פריי אָפּ דעם אָטעם און ער לאָזט זיך שוין אפילו אויף רעפאָרמען אין דער יידישער אָרטאָגראַפיע. אין זיין זשורנאַל „דער יידישער פּראָגרעס״, וואָס ער נעמט אין יענעם יאָר (1890) אַרויסגעבן אין באַלטימאָר, איז נישט נאָר דאָס לשון פאָלקסטימלעך-יידיש, נאָר אויך דער אויסלייג איז אַ פאָנעטישער, אין פיל פּרטים ענלעך צום הייגטיקן פאָנעטישן אויסלייג פון יידיש. אָבער, ווי געזאָגט, איז האַרקאַוויס פאַרדינסט נישט אַזוי אין יידיש-רעפאָרם, ווי אין יידיש-פאַרטיידיקונג. מ׳דאַרף אין זינען האָבן, אַז מיט דעם איבערגאַנג פון דייטש צו יידיש, וואָס דער איבערוועגנדער יידיש-רעדנדער עולם האָט בפועל-ממש אַרויפגעצוווּנגען אויף דער פּרעסע, האָט זיך די באַציונג צו יידיש נישט געענדערט ביי די צייטונגס-אַרויסגעבער און ביי דער אינטעליגענץ (לייען: האַלב-אינטעליגענץ) בכלל. די פירער, אָרגאַניזאַטאָרן, פּאַרטיי-פּראָפּאַגאַנדיסטן און צייטונגס-אַרויסגעבערס, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש, האָבן עס געטון אָדער צוליב ביזנעס, אָדער צוליב פּראָפּאַגאַנדע. יידיש איז געווען אַ מיטל, בשום-אופן נישט קיין צוועק. אדרבא, מ׳האָט אויף יידיש גערעדט און געשריבן — קעגן יידיש, ווי עס טרעפט נאָך, לײדער, אויך אין אונזערע צייטן.

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי האָט עס דעריבער געמאַכט פאַר זיין אויפגאָב צו פאַרטיידיקן יידיש קעגן זיינע שונאים, אויפצוקלערן דעם יידישן עולם וועגן דער וויכטיקייט און שיינקייט פון דער יידישער שפּראַך. צוליב דעם צוועק פאַרעפנטלעכט ער אין שרהזאָנס „פאָלקסצייטונג״ עטלעכע אַרטיקלען וועגן יידיש (1886) און גיט זיי דערנאָך אַרויס אין בראָשור. ס׳איז כּדאי זיך צו באַקענען מיט אָט דעם דאָקומענט און איך וועל דעריבער דאָ ברענגען אייניקע ציטאַטן פון דער בראָשור, מיטן אָריגינעלן אויסלייג (פאַרגעסט נישט, אַז די בראָשור איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך פאַר מתן-תורה, איידער שרהזאָן האָט

אפגעשאפט דייטש און אריינגעלאזט יידיש. דאסווערט דער־קלערן די שפראך פון הארקאוויס אפהאנדלונג). אויפן שער־בלאט לייענען מיר:

שפראך־וויסענשאפטליכע ביבליאטעק

דיא יודיש־דייטשע שפראך

דא ווערין ארום גירעדט דיא תקנות פון דעם זשארגאן, וועלכער ווערט גיברויכט כמעט ביי דיא העלפט יודן און ס'ווערט בעוויזען דאס ער איז אזויא גוט א שפראך ווי אללע אנדערע שפראכען.

פילאלאגיש בעארבייטעט פאן

אלכסנדר בן יוסף משה ז"ל הארקאווי

פון נאוואהרודאק, מינסק' גוב. ליטא.

ניו יארק

דרוק פון „דיא יודישע גאזעטטען",

.1886

די בראשור הויבט זיך אן מיט א „פארווערטל", ווו דער מחבר שרייבט:

„דיעזעס ביכעל איז דער ערשטער טראט וואס איך מאך אין דער ליטעראַרישער וועלט, איז מיין שמחה גרויס, מיין שמחה איז אבער נאך גרעסער, וואס עס האנדעלט זיך פון אונזער מאמע־לשון און וואס עס איז אין דיזער שפראך געשריבען. וועמען דארף נישט זיין ליעב דאס גידעכטעניס פון אונזערע פראסטינקע יודעלעך, וואס לעבין אין ליטא, פוילין, רוסלאנד און נאך אנדערע מקומות, דארטין אין דיא קליינע איינפאכע אבער דער פאר ליבינקע שטעטלאך אדער דערפלאך, וועלכע בעדינען זיך מיט איר? וועמען פון אונז דארף נישט זיין ליעב די שפראך, אין וועלכע מע האט אונז געזונגען לידעלעך

ביי אונזערע וויגעלאך, דיא שפראך, אין וועלכע אונזערע אונשולדיגע זיידעס און באָבעס, טאַטעס און מאַמעס, זיצענדיג מיט רוהיגע קעפּ, מיט שמייכעלדיגע פּנימער לעבין דיא וואַרימע אייוועגס אין דיא שבת׳דיגע נעכט אין ווינטער, און האָבין אונז דערציילט שיינינקע מעשה׳לעך — מעשה׳לעך, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ דיא כאַראַקטער פון דעם יודישען פאָלק, איבערהויפּט דאַרף עס זיין ליעב ביי דיא יעניגע לעזערס פון דיזעס לאַנד (אַמעריקע), וועלכע האָבין שוין מער קיין גילעגענהייט ניט זייער פאָטערלאַנד ווידער צו זעהען, און איך ער־וואַרט טאַקע, אַז דיא יעניגע וואָס בעזיצען גישמאַק און ליעבע צו אונזער פאָטערלאַנד און פאָלק, וועלין האָבין פערגעניגען צו זעהען דאָס אין דיא ווייטע אַמעריקע, אין דער וועלט־בעריהמטע שטאָט ניו־יאָרק איז אַרויס גיגעבין גיוואָרין אַ ביכעל איבער דעם מאַמע־לשון פון אונזערע ברידערלאַך וואָס וויינען אין פוילין... אָ, ווי ליעב איך דיך פוילין! ווי ליעב איך דיינע יודעלאַך! ווי ליעב איך זייער שפראַך!״

אין דער בראָשור טרעט ער אַרויס קעגן די משכּילים, וואָס לאַכן זיך אויס פון יידיש. הארקאווי שרייבט: „צו אונ־זער באַדויערן זעען מיר׳ דאָס נישט נאָר אונזערע גראָבע יונ־גען אַליין וואַגן זיך צו פאַרלאַכן דיזע שפראַך, נאָר אויך פילע פון אונזערע כּלומרשטע משכּילימלעך, וועלכע זוכן אויף איר אויס פאַלשע פּרעטענציעס, וועלכע טראַכטן אויף איר אויס זאַכן, וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, דהיינו, דאָס זי האָט קיין גראַמאַטיקע, וואָס אַזוינס קאָנען נאָר טון, אָדער טראַכטן אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלערנט, וואָס ווייסן נישט, וואָס גראַמאַטיקע הייסט״ א. אַז. וו. אָנווייזנדיק אויף די גרויסע שפּראַך־אוצרות פון יידיש, שטעלט זיך דער מחבר אָפּ אויף די דערגרייכונגען פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דאָס גיט אונז, אגב, מער־וויניקער אַ שפּיגל פון דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט:

„דער יידישער זשאַרגאָן — שרייבט הצדקאַוי — קאָן נישט גערעכנט ווערן פאַר אַן אומגעבילדעטע שפּראַך, דען וואָס פעלט עס געגן אַ געבילדעטער שפּראַך? די יידן באַדינען זיך מיט איר אין די אַלע דריי אופנים, אין וועלכע אַ געבילדעטע ווערט באַדינט, דהיינו: אין רעדן, שרייבן און לייענען. וואָס זאָלן מיר מער פאַרלאַנגען? עס זענען שוין הונדערטער יאָרן פאַרביי זייט פילע נוצלעכע ספרים זענען געשריבן געוואָרן אין דיזער שפּראַך, דאָס פילע נוצלעכע איבערזעצונגען זענען אין איר געמאַכט געוואָרן (זעט די הוספה צו יאָהאַן בוקסטאָרפס לשון־קודש'דיקע גראַמאַטיק אין לאַטיין). אין אונזער צייט, לא־די, וואָס פילע נייע נוצלעכע ספרים, קליינע און גרויסע, אַלערליי, ווערן געשריבן און געדרוקט כמעט אַלע טאָג, ווערן אויך צייטונגען אַרויסגעגעבן אַזוי גוט, אַזוי שיין און מיט אַזויפיל נוצן, ווי די־דאָזיקע, וואָס אין אַלע געבילדעטע שפּראַכן און היינט צו טאָג קאָן מען שוין לייענען אין דעם יידיש־טייטש פון דער בבא־מעשה ביז די העכסט־היסטאָרישע ביכער, למשל גרעצס געשיכטע פון לינעצקי, יידישע געשיכטע פון לערנער, קורצע וועלט געשיכטע פון רעסער און ספרי חכמי בכלל".

מיט וויפל ליבע צו יידיש, צום יידישן עולם אָט דאָס קליינע ביכעלע הארקאַוויס שפּרודלט! און אויב ער רעדט וועגן זשאַרגאָן און יידיש־טייטש איז עס בלויז דערפאַר, וואָס דער מחבר באַנוצט זיך מיט די דאַמאָלס־אָנגענומענע אַדיעקטיוון פאַר דער יידישער שפּראַך. ער אַליין פילט און ווייסט, אַז דאָס זענען פאַלשע עפּיטעטן, אַז דאָס לשון פון די יידישע מאַסן איז — יידיש. אין זיין בראָשור קומט ער טאַקע צו צו אָט דעם פונקט און ער באַמערקט: „אומגעאַכט, וואָס דיזע שפּראַך קומט אַרויס פון גוייִשקע (שפּראַכן), קליידט איר דער באַמען י י ד י ש זייער גוט".

מיט זיין קוק אויף יידיש, מיט זיין אויפפאַסונג פון דער ראָל, וואָס די יידישע שפּראַך שפּילט אין יידישן לעבן, איז אַלעקסאַנדער האַרקאַווי אין יענער צייט געווען דער איינציקער אין אַמעריקע. אפילו די, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן דייטש און געשריבן אַ יידישלעך יידיש, זענען נישט געווען שטאַרק פאַרליבט אין דער שפּראַך ווי אַ צוועק פאַר זיך אַליין. אויף דעם געביט איז האַרקאַווי דער פּיאָנער, דער חד־בדורו. ער האָט אויסגעטרעטן דעם וועג פאַר די שפּעטערדיקע קעמפער פאַר יידיש אין אַמעריקע.

און אָט דאָס איז דער גרויסער אויפטו האַרקאַווים, אַן אויפטו, וואָס איז, ווי געזאָגט, דיקטירט געוואָרן מער פון ליבע, ווי פון פילאָלאָגיע — ליבע צום פאָלק און זיין שפּראַך. צוויי טייטלען האָט ער געהאַלטן אין האַנט, אַן ענגלישן און אַ יידישן. מיטן ענגלישן האָט ער די עמיגראַנטן געקנעלט ענגליש, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלוירן ווערן אין נייעם לאַנד; און מיט דעם יידישן האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף דער שיינקייט און רייכקייט פון דער אייגענער שפּראַך, זיי געלערנט זיך איינשעצן, פאַרטיידיקן און ליב האָבן דאָס אייגענע לשון.

ב. עפּעלבוים

פאַראַן שריפטשטעלער, וואָס טרעטן זיך שנעל אויס אַ טראַקט אויף די וועגן און שטעגן פון דער ליטעראַטור. ווען זיי לאָזן זיך אין וועג אַריין, ווייסט איר גענוי נישט נאָר וווהין זיי וועלן דערגיין, נאָר אויך ח י ־ אַ ז ו י — זייערע מיטלען, זייער מעטאָד. זיי איבעראַשן אייך אַמאָל מיטן סיוזשעט, מיט אַן איינפאַל דאָ און דאָרט, אָבער נישט מיט זייער צוגאַנג, דורכגאַנג און אויסגאַנג. איר ווייסט פאָרויס, וואָס איר קאָנט פון זיי דערוואַרטן. איר ווייסט זייער כּוח — מעג דער קינסטלערישער כּוח זייערער ווי גרויס זיין — און זייער ציל. זיי האָבן פאַר זיך דורכגעשלאָגן, אַ וועג, ווער מיט גרעסערער, ווער מיט קלענערער מי; ווער אַ ברייטערן, ווער אַ שמעלערן וועג — אָבער דאָס איז זייער וועג, זייער טראַקט; זיי האָבן זייער באַשטימט אַרבעטס־געצייג, ווער אייגן־געמאַכטס, ווער אַנטליענס, אָבער מיט אָט־דעם געצייג טוען זיי זייער קינסטלערישע מלאכה, נישט מיט קיין אַנדערס. זיי, שאַפן נייע און נייע מערק, נאָר דער שאַפונגס־פּראָצעס איז נישט ביי, דאָ איז נישט קיין פראַגע, צי דאָס איז אַ חסרון צי אַ מעלה. אויב מ׳וויל דווקא דערין זען אַ מעלה, קאָן מען זאָגן, אַז אויך די נאַטור „אַרבעט" אַלעמאָל אויפן אייגענעם שטייגער: דער עפּל אויפן בוים און די קאַרטאָפל אין דער ערד קומען

אַלעמאָל אויף לויט דיזעלבע „כּללים", װאָס די נאַטור האָט פאַר זיי דעטערמינירט. און װיל מען דערין זען אַ חסרון, קאָן מען זאָגן, אַז דער מענטש, איבערהויפּט דער שעפערישער מענטש, איז נישט קיין פּרימיטיװע נאַטור, נייערט אַ פרייער, אומ־רויִקער שותּף צום װעלט באַשאַפער.

ב. עפּעלבוים געהער צו יענע קינסטלער, װאָס איבעראַשן אייך שטענדיק, נישט נאָר מיטן סיוזשעט, נאָר אויך מיט די מיטלען, מעטאָדן און צילן פון זייער שאַפן. פאַר יעדן נייעם װערק שאַפט ער נייע מכשירים, און בעת איר עפנט עפּעלבוימס אַ בוך, װייסט איר קיינמאָל נישט װוהין און װי־אַזוי ער װעט אייך פירן. עס װייעט אויף אייך מיט אומגעריכטקייט, מיט דערװאַרטונג. נאָך די ערשטע עטלעכע זייטלעך, װערט איר פול מיט שפּאַנונג. עס גלוסט זיך אייך אַ װאָרף צו טון זיך צו די לעצטע זייטלעך, כּדי צו דערגיין דעם סוף פון דער מעשה. און איר װאָלט עס אפשר געטון, װען איר זאָלט װיסן, אַז די טעמאַטיק איז ביי אים דער עיקר. איר טוט עס נישט, מחמת איר װילט נאָכהאַלטן די טריט פון דעם מחבר, נאָכ־האַלטן זיינע שפּאַנען, זיינע זיגזאַגן, טועם זיין, צוזאַמען מיט אים, דעם געגנוס פון זיין שאַפן, שפּירן װי ער טוט עס, װי־אַזוי ער דערגרייכט זיין ציל. און עפּעלבוים איבעראַשט אייך נישט נאָר מיט דער טעמע און מיט דער פאַרשידנאַרטיקייט פון זיינע מעטאָדן, נאָר אויך מיט דער לופט, מיט דער אַטמאָספערע און דעם ריטם, װאָס ער ברענגט אַריין ביי און פריש אין זיין יעדן װערק — לויט דער באַדערפעניש פון דער ספּעציפישער װעלט, װאָס ער אַנטפּלעקט פאַר אייך אין דעם, אָדער יענעם װערק זיינעם. איר קאָנט צװישן עפּעלבוים און ריטם, אָדער עפּעלבוים און אַטמאָספערע נישט אַװעקשטעלן קיין פאַרבינד־שטריך, װי איר טוט עס ביים פריער־דערמאָנטן מין שריפטשטעלער, װאָס האָבן שוין זייער באַשטימטן ריטם און זייער באַשטימטע קינסטלערישע אַטמאָספערע. עפּעלבוים האָט אַלערליי ריטמען, אַלערליי אַטמאָספערעס — פאַר יעדער קינ־סטלערישער װעלט זיינער אַנדערע; דערפאַר געפינען זיך זיינע

„העלדן" שטענדיק אין זייער גאַטירלעכער ספערע און אָטעמען מיט דער לופט, וואָס איז גײַטיק פּאַר זיי...

נאָכדעם ווי איר זענט באַקאַנט געוואָרן מיט די עפּעלבוימס חסידישער וועלט. דורך זיינע חסידישע דערציילונגען, און איר האָט פּלוצלינג דערזען פּאַר זיך זיין „אויפברויז", אַ דערציילונג פון דער שטורמישער רעוואָלוציע-צייט אין רוסלאַנד, און דערנאָך זיין „אויפן-שוועל", אַ שילדערונג פון דעם נייעם מאָרגן, פון די ערשטע טריט אין דער נייער פּראָלעטאַרישער אָרדנונג, האָט איר זיך געפרעגט: וואָס וועט עפּעלבוים אונז דאָ לאָזן הערן? און צי וועט דער שילדערער פון חסידיש-רעליגיעזער פּאַרוואָרצלקייט אומשטאַנד זיין אונז צו געבן אויפטרייסל, כאַאָס, דעם אימפּעט פון רעוואָלוציע און בירגער-קריג? עפּעלבוים האָט עס באַוויזן. ער האָט איבעראַשט מיט זיין שפּרונג פון רז, חדוה, נשמה-יתירהדיקער זיכערקייט צו אומבאַשטימטקייט, צו אויפגעקאָכטע ווולקאַנען, וואָס דער מעכטיקער שטראָם פון זייער לאַווע מאַכט ציטערן די ערד אַרום און אַרום, אויף טויזנטער און טויזנטער מײַלן. ער האָט אונז געוויזן נישט נאָר דעם אונטערגאַנג פון דער אַלטער, נאָר אויך דעם אויפגאַנג פון דער נייער וועלט; נישט נאָר די פאָר-מירונג פון אַ נייער אָרדנונג, נאָר אויך פון דעם נייעם מענטשן.

איר האָט דאַן געקאָנט אַזוי זאָגן:

די חסידישע מעשה — דאָס איז עפּעלבוימס קינסטלערישער בראשית, זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט. אָבער געפונען האָט ער זיך ערשט אין שטורם פון דער רעוואָלוציע. זיין גאַנצער כּוח האָט זיך אַנטפּלעקט אין גרויסע מענטשלעכע — סאָציאַלע, קאָלעקטיווע — קאָנפליקטן. דאַן קומען צום אויספיר, אַז דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר עפּעלבוימען איז: אימפּעט, ברייט-שפּאַניקער ריטם. ווייטער: עפּעלבוים איז דער דיכטער פון רעוואָלוציע, פון כאַאָס.

און מיטאַמאָל — „דערלייזונג".

דערלייזונג? — נו, דאָסמאָל, גיט איר אַ טראַכט, האָט עפּעלבוים נישט קיין איבעראַשונג. ס'איז אַוודאי אַ המשך פון

זיינע פריערדיקע ווערק — „אויפברויז", „אויפן שוועל" און די קלענערע דערציילונגען זיינע. דאָרט — דער מענטש אין געראַנגל מיט זיך און מיט די כוחות אויסער אים און אַרום אים. דאָ — די ענדלעכע דערלייזונג. דער פרייער, אויסגעלייזטער מענטש. ניין, דאָס קלינגט צו אינדיווידואַליסטיש! ווען מיר זאָגן: פרייע, אויסגעלייזטע מאַסן, פעלקער. אמת, וואָס איז מאַסע, וואָס איז פאָלק? אויך יחידים. אין רעוואָלוציע זוכט יעדער יחיד זיין אייגענע דערלייזונג, ווי ער געפינט — אויב ס׳ענדיקט זיך פאַר אים פאַטאַל — זיין אייגענעם טויט און זיין אייגן שטיקל קבר.

האַלטן מיר דאָך איצט ביי עפּעלבוימס „דערלייזונג". דער נאָמען פון דעמדאָזיקן נייעם ווערק זיינעם רופט, הייסט עס, אין אונז אַרויס גאַנץ באַשטימטע אַסאָסאַציעס מיט זיינע פריערדיקע צוויי גרויסע דערציילונגען און אויב עמעצער האָט שוין אָפּגעפּאַסקנט, נאָכן איבערלייענען „אויפברויז" און „אויפן שוועל", אַז אָט אין אַזעלכע שילדערונגען האָט עפּעלבוים אַנטפּלעקט זיין גאַנצן — אין אמתן און איינמאָל-פאַר-אַלעמאָליקן — קינסטלערישן מהות, וועט ער עפענען דאָס בוך מיט אַ באַשטימטער דערוואַרטונג. אָבער באַלד ווי ער וועט אָנהייבן לייענען דאָס ערשטע זייטל, וועט ער בלייבן פאַרבליפט און איבערגעראַשט. אַ נייע לופט וועט אים אַ שלאָג טון אין פּנים אַריין, אַ נייער ריטם, אַ נייער שטייגער — אויך נייע ערד און הימל וועלן זיך פאַר אים פאַנאַנדערעפענען. ערד — אַמעריקאַנישע. הימל און מענטשן — אַמעריקאַנישע. „דערלייזונג" שפּילט זיך אָפּ אויפן באָדן פון צפון-אַמעריקע.

נישטאָ אין דעם ווערק קיין שפּור פון דעם ריטם, פון דעם אימפּעט און דער אַטמאָספערע, וואָס אין זיינע דערמאָנטע צוויי פריערדיקע ווערק. פּונקט ווי עפּעלבוימס חסידים וואָלטן דערשטיקט געוואָרן אין „אויפברויז", אָדער „אויפן שוועל", אין יענער לופט, וואָס איז דורכויס אומגעזונט פאַר זיי (און ווי זיי זענען טאַקע דערשטיקט געוואָרן איןווירקלעכן לעבן), אַזוי וואָלטן די פאַרשויבנן פון „אויפברויז" אָדער „אויפן שוועל",

נישט געקאָנט אָטעמען אין דער אידילישער אַטמאָספערע, וואָס עפּעלבוים האָט באַשאַפן אין זיין „דערליידזונג״. דאָס זאָגט שוין ממילא, אַז אויך די מענטשן פון „דערליידזונג״, וואָלטן קיין מינוט נישט געקאָנט געדייען אויפן אויפגעטרייסלטן באָדן, אין דעם אימפּעטיקן גאַנג פון פּאַסירונגען און ראַנגלענישן, אין דעם קאָכיקן ריטם פון יענע צווייַ גרויסע דערציילונגען. עפּעל בוים ווייסט — פילט עס מיט אַלע חושים זיינע און מיט זיין געזונטער קינסטלערישער אינטויציע — אַז יעדע וועלט האָט איר אייגענע לופט, איר אייגענעם „דופק״ און איר אייגענעם תוך... זיינע קינסטלערישע געשטאַלטן פילן זיך היימיש אין דער וועלט, וואָס זייער באַשאַפער האָט פאַר זיי באַשאַפן, און דערפאַר ווערן זיי אויך דעם לייענער היימיש, נאָענט.

אָבער דער עיקר, וואָס מ׳פרעגט זיך, באַלד ווי מ׳הויבט־אָן לייענען דאָס ערשטע זייטל פון „דערליידזונג״ און מ׳דער־ווייסט זיך, אַז דער ראָמאַן שפילט זיך אָפּ אין אַמעריקע, איז: ווי האָט דער מחבר, וואָס נאָר־וואָס איז ער מיט אונז געווען אין רוסלאַנד, אין אוקראַינע, אין אַלע מהומות און בלוטיקע פּאַסירונגען — אויפגענומען די נייע וועלט; ווי־אַזוי איז ער איבערגעגאַנגען פון דער אויפגעריסענער, פריי־געלאָזענער דינאַ־מיק צו דער געצאַמט־קאָנטראָלירטער דינאַמיק; פון כאַאָס צו סטאַביליטעט — אין אַנדערע ווערטער: ווי־אַזוי האָט עפּעלבוים אַנטדעקט אַמעריקע און וואָס האָט ער דאָ אַנטדעקט?

אמת, אויך אַמעריקע איז נאָך כאַאָטיש, אין דער בחינה פון מעשי־בראשית. פעלקער אין פעלקער, ראַסן אין ראַסן, פאַרב אויף פאַרב און טאָן מיט טאָן מישן זיך, דרייען זיך, שמעלצן און פאַרשמעלצן זיך. אַמעריקע איז אין פּראָצעס פון ווערן — און יעדער וויל, אַז זי זאָל ווערן דאָס, וואָס ער וויל... געראַנגל פון קולטורן, פון אידייען; צוזאַמענשטויס פון ריכטונגען, אַ געדיכט געמיש פון פאַרשידנאַרטיקע כוחות, שטאַרקע און שוואַכע, „גוטע״ און „שלעכטע״, אַ דור־הפלגה, וואָס בויט הונדערט־שטאָקיקע טורעמס צו הימל און גראָבט זיך אונטער טייך און ים, עקבערט אין דעם אינגעווייד פון דער ערד.

אַן אומגעהייערער קוואַל פון מאַטעריאַל פאַרן קינסטלער. פון דער קינסטלער קאָן זיך אויסקלייבן לויט זיין גוסט, קינסטלערישע נייגונגען און כּוחות: די דראַמע פון דעם יחיד אין דעם ריזיקן שאַפונגס-פּראָצעס פון אַ נייער וועלט; די דראַמע פון איין פאָלק, אָדער ראַסע אין געראַנגל מיט אַנדערע ראַסן און קולטורן פאַר זעלבסט-דערהאַלטונג, אָדער די דראַמע פון דעם גאַנצן גרויסן — די אַמעריקאַנישע טראַגעדיע. וואָס האָט עפּעלבוים אויסגעקליבן?

אין פּלוג: אַ ווינקל. אַ דאָרף. אין דאָרף - אַן אַלטער פאַרמער, ביל ווילס, זיין ווייב און זיין אייניקל עליזאַבעט, וואָס האָט שוין אַ שמעק געטון די גרויסע שטאָט און צוריקגעקומען אַן אַנטוישטע. אַהין, אין דאָרף אַריין, קומט ד״ר דזשעק טאַנין, אַ כעמיקער, אַ רוסישער ייד. דער באַרג נישט ווייט פון דעם פאַרמערס הויז לאָקערט אים. עפּעס האָט ער אַ באַהאַלטענעם חלום אַרויסצורייסן דעם סוד פון דעם באַרג — מאַרמאָר, טייערער שטיין, וואָס לאָזט זיך פאַרבן. און דער באַרג איז באַר אַן אויסרייד. דער עיקר איז דער חלום זיינער, וואָס ער האָט באַהאַפטן מיטן באַרג — דער חלום פון זעלבסט-דערלייזונג, פון שאַפן עפּעס זעלבסטשטענדיק און גרויס, באַפרייען זיך פון לוין-אַרבעט ביי יענעם אין כעמישער לאַבאָראַטאָריע — און פריי-אויסגעלייזט ווידערגעבוירן ווערן אויפן שויס פון דער באַמ-ער ד. ד״ר טאַנין קויפט דעם באַרג, בויט אַ הויז פאַר זיך און זיין פרוי סאָפאַ — ניין, נישט פאַר סאָפאַן וואָס זיין לעבן מיט איר איז אַ בייזער שקר. אין אים איז אויפגעגאַנגען אַ געזאַנג — עליזאַבעט, דעם פאַרמערס אייניקל. אַ מעכטיקע, לויטערע ליבע פאַרייניקט זיי — זי און דער חלום פון באַרג שאַפן אים אינגאַנצן איבער, דעם יידישן אינטעליגענט, ד״ר טאַנין. פון ביידן, פון באַרג און פון דעם דאָרפישן געווגטן מיידל, בליט אין אים אַריין דער חלום פון ערד און דערלייזונג - און ער אַליין ווערט איין שטיק פרייד.

אָבער אויך דאָ, ביים באַרג, אין שטילן דאָרף, ווו מענטשלעכע שנאה און קנאה איז אָפּגעווישט, וווהין ד״ר טאַנין

קומט באַפרייט ווערן פון זיין פריערדיקן „איך“. פון דער גאַנ־צער פריערדיקער דערפאַרונג — אויך דאָ דערמאָנט מען אים פלוצלינג: גאָד דעם דזשו! גאָט־פאַרשאָלטענער ייד! אַ פרעמ־דער ביסטו דאָ! אַוועק פון דאַנען! — פויסטן ביילן זיך, ציין קריצן, פויסטן און ציין פון דזשאָן דעם רויטן, דעם גע־זונטן פויערשן יונג, וואָס איז פאַרליבט אין עליזאַבעטן און ברענט פון אייפערזוכט אויף דעם ד״ר טאַנין. אין טאַנינס פרייד טריפט אַריין גיפט. נאָר די פרייד, די אומגעהייערע פרייד, וואָס עליזאַבעט און דער באַרג טראָגן פאַר אים, פלייצט באַלד אַריבער דעם סם. דאָך טראָגן זיך שוין שרעק און וואָרנונג אין דער לופט. דאָס פאַטאַלע הויכט שוין פון באַרג, פון דעם הויז, וואָס בויט זיך — און די טראַגעדיע קומט. דזשאָן דער רויטער פאַרגנבעט זיך אינמיטן נאַכט, צינדט־אונטער דאָס הויז, און ווען ד״ר טאַנין קומט אונטער, יאָגט אים דער אייפערזיכטיקער דאָרפס־יונג אַריין אַ קויל. דער באַרג האָט נקמה גענומען פאַר זיין צעשטערטער רו. אָפגעמעקט דאָס הויז, אויסגעלאָשן ד״ר טאַנינס לעבן, פאַרגאַנגען אַ חלום, אָבער... אין עליזאַבעטס טראַכט בליט אַ ניי לעבן — און דאָס נייע לעבן וועט נישט וויסן פון זיין פאָטערס צעריסנקייט, פון זיין קרבן. ס'וועט זיין ג אַ נ ץ, ס'וועט זיין — ניי־אַמעריקע, דאָס אַמעריקע, וואָס פאַרצערט אין זיך די טאַטעס, די פאַר־גאַנגענהייט, די אור־ראַסע...

דאָס איז בקיצור דער סיוזשעט פון „דערלייזונג“.

איז עס אפשר אַן עוולה איבערצוגעבן דעם סיוזשעט פון אַ גרויסן ראָמאַן, סיי אין דער צאָל זייטן (400), סיי אין קינסטלערישן פאַרנעם, אָט אַזוי בקצור; וואָרום פאַראַן נאָך פאַרשוינען און סיטואַציעס, בילדער און שילדערונגען אין דעם ווערק, וואָס כדי זיי אַרויסצוברענגען, וואָלט איך געדאַרפט אָנשרייבן — נו, אויך פירהונדערט בוך־זייטן, איבערשרייבן, הייסט עס, דאָס בוך... אָבער, נישט די פאַבולע איז דער עיקר, נאָר דאָס פרעכטיקע געביי אַרום איר, די נשמה, דער נוסח און דער ספעציפישער ריטם פון „דערלייזונג“. ס'איז דער־

ציילט מיט אַזאַ ממש-ביבלישער רויִקייט, אַז איר אַליין ווערט אַריינגעצויגט און פּאַרוועבט אין דעם דערציילטן. די פיגורן זענען אַזוי פּלאַסטיש, אַז איר זעט דאָס מינדסטע שטריכעלע זייערס און זיי ווערן אייך אייגן. איר קאָנט זיי נישט פאַרגעסן — ד״ר טאַנינען, דעם אַלטן ביל און דערהויפּט עליזאַבעטן — איר פאַרליבט זיך אין איר...

פון אויבנאויף איז „דערלייזונג" אַן אינדיווידועלע דראַמע און די דערלייזונג — אַ פּערזענלעכע, ד״ר טאַנינס. אָבער דאָס איז טאַקע נישט מער ווי אויבנאויפיק, וואָרום פונקט ווי אין זיינע פריערדיקע גרויסע דערציילונגען „אַיפּבּרויז" און „אויפן שוועל" איז עפּעלבוים דערגאַנגען פון קאָלעקטיוו צום יחיד, אַזוי איז ער אין „דערלייזונג" דערגאַנגען דורכן יחיד צום קאָלעקטיוו — צו די גרויסע מיליאָנען-פעלקער-מאַסן, וואָס ראַנגלען זיך, וואָס ווילן עפּעס ווערן, אָנגענומען אַ באַשטימט געשטאַלט. איר האָט דאָ דריי צענטראַלע פיגורן, וואָס שטאַרצן אַרויס, ווי אויסגעשפּראָכענע סימבאָלן: ביל ווילס — דער אַריינגעוואַקסענער אין דער ערד, ווי אַ דעמב, ערדיש, געזונט, פריי און פול; ד״ר טאַנען, דער אינטעליגענט, דער אינטעלעקטואַל, אַ פּראָדוקט פון דער שטאָטישער קולטור, אַנטוישט, פאַרוואונדעט פון ביטערע דערפאַרונגען, דערצו אַ ייד מיט זיין ספּעציפישן טרויער, בקיצור, אינטעליגענט, שטאָט-מענטש און ייד, דריי אין איינעם, אינאיינעם, וואָס חלומט פון גאַנצקייט, פון דערלייזונג דורך דער ערד; און עליזאַבעט, די, וואָס ווייסט ביידע, וואָס האָט נהנה געווען סיי פון דאָרף, סיי פון שטאָט — זי ווערט די פאַרמיטלערין צווישן שטאָט-קולטור און ערד, אָבער טאַנין מוז פריער פאַלן, כדי זיין חלום זאָל אויפבליען, צייטיק ווערן — אין דעם דור, וואָס גייט-אויף אין דעם טראַפּט פון דעם געזונטן אַנגלאָסאַקסישן מיידל.

איך ווייס נישט, צי עפּעלבוים איז אויסן געווען מיט זיין ביבלישער ספּור-המעשה, וואָס ער דערציילט, ווי געזאָגט, אויך אין אַ ממש-ביבלישן סטיל, צו געבן אַמעריקע אין מיניאַטור. אָבער אַזוי איז עס אַרויסגעקומען. ער האָט גאַנץ אַמע-

ריקע פֿאַרקנעכטאַגן אין אַ דערפֿל אַריין. צעבער איז עס דען נאָר אַמעריקע — דער קאָנפֿליקט צווישן דאָרף און שטאָט? און דזשעק און דזשאָן — יאַנקל און יאַנעק — ייד און גוי? אָדער די מעכטיקע שיר־השירימדיקע ליבע, וואָס טריומפֿירט איבער ראַסן און אַלע אונטערשיידן און פֿרעמדקייטן? — איז דאָס בלויז אַמעריקע? ס'איז נישט בלויז אַמעריקע. סוף־כּל־סוף אין אומעטום, ווי דער ייד זאָגט, איין וועלט. ס'איז אָבער אַמעריקאַנישע לופֿט. ס'איז די וועלט אין אַן אַמעריקאַנישער אויסגאַבע. אפֿילו דער מחבר זאָל נישט אויסזאָגן, ווו די האַנדלונג פֿון „דערלייזונג" שפּילט זיך אָפּ, וואָלט איר עס אַליין דערשפּירט, נישט נאָר אין דעם דראַנג פֿון די מענטשן צו װ ע ר ן, זיך אויסצופֿאָרמירן, וואָס דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אויפֿגעגאַנגענע אין אַ ניי לאַנד, נאָר אויך אין די רייד פֿון די מענטשן, אין זייערע באַוועגונגען און אין דער גאַנצער שטימונג, וואָס הויכט אויף אייך פֿון דער דערציילונג, פֿון ערשטן ביזן לעצטן זייטל.

ב. עפּלבוים באַווייזט — דורך זיינע ווערק — דעם אומזין פֿון די טערמינען „קאָלעקטיוויזם" און „אינדיווידואַליזם", ווען אָנגעווענדט אויף קונסט. אין אַ טראָפּן וואַסער זענען דאָ אַלע עלעמענטן פֿון ים; אין אַ גרעזל — דער סוד פֿון דער גאַנצער יצירה. אַזוי אויך טראָגט יעדער יחיד אין זיך דעם כּלל. און ס'איז קיין חילוק נישט וויאַזוי עס ציט זיך די ליניע: פֿון קאָלעקטיוו צום איינצעלעם, ווי אין „אויפֿברויז" און „אויפֿן שטורעל", אָדער פֿון איינצעלעם צום קאָלעקטיוו, ווי אין „דערלייזונג" — ס'איז אומעטום און שטענדיק דער יחיד, צי ער איז מיט זיך אַליין בחדרי־חדרים, אָדער אין מיטן פֿון מאַסן, וואָרום מאַסע איז דאָך סוף־כּל־סוף — זאָל מיר דערלויבט זיין איבערצוזאָגן אַ מיליאָן־מאָל שוין־געזאָגטן אלף־בית־אמת — אַן אויפֿקלייב, אַ פֿאַרבינדונג פֿון אַ סך יחידים. טויזנטער, אָדער מיליאָנען. ס'ווענדט זיך נאַטירלעך, אין דעם כּוח פֿון דעם קינסטלער — צו לאָזן אונז שפּירן דעם ים אין אַ טראָפּן וואַסער, דעם סוד פֿון באַשאַף אין אַ גרעזל און דעם אָטעם פֿון

המונים און פון דורות אין אַ יחיד, איבערהויפּט אין אַזעלכע יחידים ווי די אין „דערליייזונג", וואָס זענען ווייט אָפּגעטיילט און אָפּגעשלאָסן פון המונים, פון גרויסע מאַסן — אין זייער שטיל דאָרף.

עפּעלבוים האָט דעם כּוח. ער איז אַן אוניווערסאַלער קינסטלער און זיין פּערספּעקטיוו איז א ברייטער, אַ וועלטלע־כער. דורך דער שמאָלער רער פון אַ טעלעסקאָפּ זעט מען אַן אומגעהייער, גרעסערן שטח רוים ווי מיטן נאַקעטן אויג, און עפּעלבוים זעט דורכן ווינקל פון אַ דערפל (אין „דערליייזונג"), אָדער דורך אַ טורמע פענצטערל (אין „אויפברויז") מער וועלט, מער פאַרנעם, ווי אַנדערע, וואָס שפּאַנען איבערן ערד־קויל און שרייען כּסדר וועגן וועלטלעכקייט. מעג ער זיך צורירן צו דעם מינדסטן אַטאָמל פון לעבן, ווערט עס אין זיינע הענט — אוניווערס. אים, דעם שעפער פון חסידישע מעשיות, איז באַ־שערט געווען צו שאַפן די עכטסטע „פּראָלעטאַרישע" און אוני־ווערסאַלע ליטעראַטור; ער איז צווישן די געציילטע אין אונזער וואָרט־קונסט, וואָס האָבן זיך פולשטענדיק באַפרייט פון קליינ־שטעטלדיק־בית־מדרשדיקן נוסח און קלויזישן צוגאַנג צו דער וועלט. און ווי ער ווייזט אונז דעם ים אין אַ טראָפּן וואַ־סער, די מאַסן אין אַ יחיד, אַזוי ווייזט ער אונז אויך די וועלט אין דעם ייד, ווי דעם ייד אין דער וועלט.

א. לוצקי

מיר לעבן אין אַ צייט פון פּאַספּאָרטן. אויפן רוסישן מענטש אונטער די צאַרן האָט מען געזאָגט, אַז דער פּאַספּאָרט איז זיין צווייטער נשמה, דען אָן אים האָט ער קיין שריט נישט געקאָנט מאַכן. איצט קאָן מען דאָס זאָגן אויף יעדן מענטש פון יעדן לאַנד. פּאַספּאָרטן, וויזעס... אַ פאַרמאַכטע וועלט. דער גרענעץ-וועכטער האַלט זיין שאַרף אויג אויף אונז, היט איטלעכן טריט אונזערן. און דאָס ערגסטע: אויך אין דער גייסטיקער וועלט — פּאַספּאָרטן, וויזעס, צאָל-אַמטן, גרענעץ-וועכטער. קיסטלער גייען אַרום מיט אָפּגעסטעמפּלטע נשמות, מיט וויזירטע, קאָנטראָלירטע און רעגולירטע שאַפונגען, כסדר גרייט מיטן פּאַספּאָרט, זיך צו אידענטיפיצירן. די ערשטע פראַגע, וואָס מ׳שטעלט דעם דיכטער, איז: אייער פּאַספּאָרט? געוויס, אין דער וועלט פון גייסט האָט עס אַן אַנדער נאָמען: אָריענטאַציע, ריכטונג, שולע. און דער דיכטער מיט דעם וויזירטן פּאַספּאָרט באַמיט זיך כסדר צו האַלטן זיך אין ראַם און צאַם פון זיין באַשטימטער „אָנגעהעריקייט”, פּאַסט-צו זיין קינסטלעריש געמיט צום סטעמפּל אויף זיין אידענטיפיקאַציע-קאַרטע— קומט זיין שאַפן טאַקע אָפּט אַרויס צעהויקערט, צעשעדיקט, נשמהלאָז — מילא, אַבי „ס׳האַלט אויס” די פאָרויס-אָנגעצייכנטע ליניע...

אָבער דער דיכטער, ווי יעדער קינסטלער, איז סוף-כּל-סוף און קודם-כּל — מענטש. וואָס מער מענטש, אַלץ מער דיכטער; וואָס מער דיכטער, אַלץ מער מענטש — און מענטש זיין מיינט: זיך באַוועגן אין דריי-דימענזיעלער וועלט, מיט אַ חוש פֿאַר אַ פֿערטער — און אפשר אויך אַ פֿינפֿטער — דימענזיע. דער עכטער דיכטער, ווי דער עכטער מענטש, דאַרף קאָנען אויף זיך זאָגן מיט די ווערטער פֿון יענעם דענקער, אַז אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, איז אים נישט פֿרעמד. אָריענטאַציע, ריכטונג, שולע — דאָס איז גרענעץ, צאַם, איין-דימענזיעלע, איינפֿאַרביקע און איינטאָניקע וועלט. אויג און אויער תּמיד צו איין פּונקט געווענדט. די דיסציפּלינירטע, באַוווּסטזיניקע אידייע דערלאָזט נישט דעם פֿרייען, אומגעצווּונגענעם שטראָם פֿון אינטויציע און עמאָציע, פֿון דעם גאַנצן אומבאַוווּסטזיניקן און אונטערבאַוווּסטזיניקן לעבן. דער „געליניעטער" דיכטער איז אַזוי-אַרום נישט קיין פֿולער מענטש און דערפֿאַר קאָן אויך דערדאָזיקער מענטש נישט זיין קיין פֿולער דיכטער.

דעריבער האָב איך גרויס הנאה צו שרייבן מכּוח אַ דיכטער אָן אַ פּאַספּאָרט, אָן ליניעס, אָן ריכטונגען, אָן אַן אָריענטאַציע: בקיצור, מכּוח איינעם, וואָס אַנשטאָט וויזעס, האָט ער וויזיעס; אַנשטאָט צו האָבן אַן אידייע וועגן דיכטונג, גיט ער אונדז דיכטונג, וואָס שפּרודלט מיט אידייען. אַזאַ דיכטער איז א. לוצקי. און איך האָב הנאה צו שרייבן מכּוח אים אויך דערפֿאַר, וואָס ער איז דער באַראָמעטער פֿון מיין אָביעקטיוויזם. גאַנץ אָפֿט קומט אויס אַראָפּצושלעפּן פֿון פּאַרנאַס אָנדערקענטע, פֿאַנאַנדערגעפּויקטע פּערזן-שרייבער, וואָס ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן דורך פֿאַרשידענע פּאַרטלען, אָפֿט דורך גאַנץ זייטיקע, אומדיכטערישע, וועגן און אומוועגן אַרויפֿצודראַפּען זיך זייער הויך און באַוווּנדערט צו ווערן פֿון יענע גוט-מיינענדיקע, אָבער נאַיווע, לייט, וואָס ווערן פֿאַרבלענדט פֿון קונץ-שטיק, פֿון אַ וואַזשנעם אָנשטעל און פֿאַבריצירטן רזין-דרזין. פֿאַר דער חוצפּה אָנצווייזן אין די שאַפֿעכצן פֿון די באַגלעקלטע פּערזן-גדולים פּשוטע אימיטאַציע, מאַנעריזם און נישט זעלטן אפֿילו

גראַפאָמאַניע, קריגט מען אָפט דעם פאָרוואורף, אַז אַ דיכטער קאָן נישט זיין אָביעקטיוו לגבי דיכטער... קנאה... שנאה... די אַלטע מעשה, וואָס בלייבט אייביק ניי! און אַזוי אָפט הערט מען דאָס, אַז מ׳איז זיך שוין אַליין חושד. אָבער אָט קומט לוצקי, וואָס אַלס מענטש איז ער מיר אפשר אַ סך ווייטער ווי יענע דיכטער, וואָס כ׳פאַרגין זיי נישט דאָס שטיקל פּאַרנאָס — און איך ווער פרייוויליק, נישט-געבעטענערהייט, זיין שופר-בלאָזער, רעקלאַמיר אים ווו נאָר איך קום און אָבעראַמאָל און ווידער-אַמאָל לייען איך זיינע לידער „פאַרנאַכט", „דעם רבינס הויז זאָגט תורה", „אין די ווינקלען", „אַ מחיה צו פאָרן אין באַן" און אַ סך אַנדערע.

דורך לוצקין (ווי דורך אַנדערע עכטע דיכטער) ווער איך איבערגעצייגט, אַז איך קאָן זיין — און בין טאַקע — אָביעקטיוו צו דיכטער און דורך לוצקין באַשטעטיקט זיך צום שטאַרקסטן, אַז אַ דיכטער דאַרף פריי זיין פון באַשטימטע, אָנגעצייכנטע „שולעס" און אָריענטאַציעס — ער דאַרף זיך אָריענטירן אויף אַלץ און אויף אַלעמען, אויף וואָס אויג און אויער פאַלט, וואָס זיין טאַלאַנט נעמט-אויף און וואָס איז נושאַ-חן ביי זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט. דאָס איז מעשה-מענטש און מעשה-דיכטער.

לוצקי איז דורך-און-דורך מענטשלעך, מיט אַלע מעלות און אַלע חסרונות און שוואַכקייטן פון דעם מענטש, אָט ווי ער איז פון אדמען אָן — דערפאַר דער באַרעדסטער מענטש אין דער יידיש-ליטעראַרישע גאַס... אַזוי מענטשלעך איז ער, אַז נישט נאָר אַלץ, וואָס איז מענטשלעך איז אים אייגן, נאָר ער פאַר-מענטשלעכט די גאַנצע וועלט, די אָרגאַנישע, ווי די אומאָרגאַנישע. דאָס שפּענדל און די פליג; דאָס שטיקל פּאַפּיר און דער רעגן — אפילו מטבעות און קאַרטאָפל פירן זיך ביי אים אויף ווי מענטשן און פילאָזאָפירן. פאַראַן ביי אים דערפאַר מענטשן אָן ווערטער, אָבער אויך ווערטער אָן מענטשן — די ווערטער אַליין רעדן, די אותיות, די פונקטואַציעס אפילו, ווי די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן שפּילן ביי אים אָן מענטשלעכע הילף.

יאָ, און אַזוי מענטשלעך איז ער, לוצקי, אַז ער האַלט זיך אפילו נישט אָפּ צו זאָגן נאַרישקייטן — דער גרעסטער חכם באַנאַרישט זיך דאָך אַמאָל! אָבער ס׳איז קענטיק, אַז לוצקי אַליין ווייסט נישט, אַז ס׳איז אַ נאַרישקייט. וואָס איז דען אַ נאַרישקייט? אַט וועט די נאַרישקייט באַלד זאָגן אַ חכמה — און פאַרטיק!... און אויב איר ווילט, איז עס בכלל קיין נאַרישקייט נישט. ער האָט עס דען געזאָגט? געזאָגט האָט דאָס דאָך דער בוים, די פאַרהאַנג, דאָס שטויבעלע — אַט אַזוי רעדן זיי! אדרבא, הערט זיך צו... און אויב אייך געפעלט נישט, רופט דעם בוים, אָדער די פאַרהאַנג, אָדער דאָס שטויבעלע — שוטה!... זאָג איך פונדעסטוועגן לוצקין, אַז ער זאָל זיין מער איבערקלייבעריש, נאָר אין האַרצן בעט איך, אַז ער זאָל מיך נישט פאָלגן — זאָל ער רעדן און באַזינגען — און מירן שוין שפּעטער אַליין קלייבן און אויסקלייבן. דער כּוח זיינער באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַלצדינג, אויפן פלאַנעט איבערן קאָפּ און אויפן שטויבעלע אונטער די פיס — נישטאָ ביי אים קיין גרענעץ צווישן גרויס און קליין, מיאוס און שיין, אויבערוועלט און אונטערוועלט. גאַנץ אָפט ווערט ביי אים גאָר דאָס גרויסע, קליין און דאָס קליינע, גרויס; דאָס מיאוסע, שיין און דאָס שיינע, מיאוס; די אויבערוועלט, אַן אונטערוועלט און די אונטערוועלט, אַן אויבער-וועלט.

דער הויפּט-כּוח לוצקיס — אַט דער כּוח, וואָס צווינגט אים אַלצדינג אויפצונעמען און וואָס שטופּט אים צו זאָגן — איז אַ פּרימיטיווער, אַ רויער און ערדיש-פרישער. ער שטעלט זיך אָפּ אויף זאַכן, וואָס אונז זעען זיי שוין אויס זעלבסטפאַר-שטענדלעך און נאַטירלעך, און ער פילאָזאָפירט מכּוח ענינים, וואָס איינער, וועלכער איז באַלאָדן מיט אַלע זיבן-און-ניינציק חכמות, האַלט שוין פאַר קינדיש וועגן זיי צו פילאָזאָפירן — אַט אַזוי האָט דאָך געפילאָזאָפירט אונזער אור-אור-זיידע, דער אדם-הקדמון, בעת ער איז אַרומגעלאָפן אַ נאַקעטער אין די וועלדער. אָבער אַז לוצקי ברענגט אַרויס דאָס שטיק פּרימי-

טיף־קינדישע חכמה, צעשמייכלט זיך פון תענוג דער אויסגע־איידלטער אינטעלעקטואַל און דערנאָך פאַרמאַכט ער אַן אויג און פּאַסמאַקעוועט זיך: „איי, איי, איי ווי פריש! ס'איז דאָך גאָר ניי! די קאַלוושע רעדט דאָך ווערטער! דעם רבינס הויז זאָגט דאָך טיפערע תּורה ווי דער רבי אַליין... אגב, דאַכט זיך מיר, אַז קיינער האָט נאָך אַזוי קורץ און שאַרף נישט געזאָגט תּורה — סתרי־תּורה, איבערגעבנדיק נישט נאָר דעם תּוך פון חסידיזם, נאָר בכלל דעם תּוך פון מענטשן און זאַכן, וואָס זייער „תּכלית איז די טיף". ווי דאָס טוט דעם רבינס הויז בײַ לוצקין.

אַלבערט איינשטיין זאָגט אין זיינס אַן עסיי, אַז זיין רע־ליגיע איז — דאָס וואונדערן זיך. אויב אַזוי, איז לוצקי דער רעליגיעזסטער דיכטער. אַלץ פאַרוואונדערט אים. אַלץ זעט ער. אַלץ באַטאַפּט ער מיט זיינע חושים. און ער וואונדערט זיך אָן־אויפהער, ווי דער פּרימיטיוו, אויף דער אַרומיקער וועלט און אויף זיינע אייגענע גלידער.

ס'דערמאָנט זיך מיר, ווי מיר צוויי — לוצקי און איך — האָבן מיר מיט יאָרן צוריק געשפּאַצירט איבער די פעלדער און וועלדער פון לאָנג־איילאַנד. לוצקי איז נאָך דאַמאָלט געווען אהרן צוקער און געשריבן לידער לויט אַ באַשטימטן קלאַסישן מוסטער, אָבער געזאָגט לידער האָט ער שוין דאַן גאַנץ אַנדערע, אַט אַזעלכע ווי עס שרייבט אין די לעצטע יאָרן א. לוצקי, דער פּסעוודאָנים, וואָס אַב. קאַהאַן האָט אים געגעבן. דער שפּאַציר האָט געדויערט היפּש לאַנג, מחמת צוקער האָט זיך אויף אימלעכן טריט אָפּגעשטעלט, באַטראַכט יע־דעס ביימעלע און יעדעס זשוקעלע: דאַכט זיך נישט, אַז די ביימער גייען אונז נאָך? זעט נאָר דאָס זשוקעלע דאָרט — זעט עס נישט אויס, ווי ס'וואָלט — — — כ'געדענק שוין נישט ווי ס'וואָלט—וואָס... אָבער לוצקי האָט גערעדט און גע־פילאָזאָפירט, פערזן גאַנצע אַרויסגעוואָרפן. און איך האָב מיט אַ שמייכל באַמערקט: שרייבט עס אָן... דאָס איז געווען קורץ נאָכדעם, ווי איך האָב אַ שטיקל צייט נאָך זיין קומען קיין

אַמעריקע, אים אָפּגעזאָגט זיין דיכטעריש לעבן; געוווּנדערט זיך אויף נח פּרילוצקין, וואָס האָט צוקערן, אין אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו צו מיר, פאָרגעשטעלט פאַר אַ באַגאַבטן דיכטער און אַקטיאָר, אָבער אויף מיר האָבן יענע לידער זיינע קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט — ווייזט-אויס, אַז נח פּרילוצקי האָט אין צוקערן דערשמעקט דעם שפּעטערדיקן לוצקין... און אַזוי ווי מ'פּלפּולט זיך ביי אונז (ווי וועגן קיין שום אַנדער דיכטער), ווער ס'איז לוצקיס קאָלומבוס, אברהם רייזען, חיים ליבערמאַן, אָדער אַלמי, זאָג איך דאָ, אַז דער קרעדיט קומט פּרילוצקין. אויב ער איז נישט געווען קאָלומבוס, איז ער זיכער געווען לייף עריקסאָן...

אין לוצקיס דיכטערישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיינע אויגן, איז מיר קלאָר געוואָרן דער וועג פון דעם חסידישן רבין, פון זיין התגלות ביז דער מדרגה פון אַ פאָלקס-מיט — יענער חסידישער רבי, וואָס וואַקסט אַרויס פון המון-עם, אַמאָל אַליין אַ פּשוט שניידערל, וואָס אין היפּוך צום רב, דעם למדן, דעם גרויסן בקי, איז ער אַ פּראָסטער חי-וקים, און דאָך ציט ער צו זיך; דאָך לעקט די פינגער פון זיין תורה נישט נאָר דער פּשוטער ייד, נאָר אפילו דער קענער. ס'איז נישט די טיפע האָר-שפּאַלטנדיקע חקירה פון דער רבנישער תורה — ס'איז עפּעס אַנדערש: אַ קנייטשל, אַ צועפּן אַ וואָרט, אַ קוועטש אויף אַן אות — און ס'אַנטפּלעקט זיך אַ וועלט. ס'איז מלא-טעם. אַמאָל איז דער טעם גאָרנישט אין דעם געזאָגטן, נאָר אינעם שטייגער פון זאָגן, אינעם אופן ווי דער רבי באַטאָנט עס, אינעם פינטל מיטן אויג, אין די פאַרשידענע העויות און זשעסטיקולאַציעס. אָט אַזאַ חסידישער רבי איז לוצקי. זיינע לירישע לידער, ווי זיינע לאַנגע אימפּראָוויזאַציעס, זענען „גוט-יידישע״ תורה. אפילו אין דעם אופן ווי לוצקי זאָגט זיי, די שאַפּונגען זיינע, ווי ער טראָגט זיי פאָר, אין די „שטיק״, וואָס ער מאַכט דערביי — אין דעם אַלעם איז דאָ „גוט-יידישעס״, רבישער שטייגער. ער דערמאָנט אויך אָן דעם פאָלקסטימלעכן מגיד, און אַלע דריי, דער רבי, דער מגיד און לוצקי, לערנען

אונז, אַז דער וועג צו תּורה ודעת, צו קלוגשאַפט און דערקענטעניש, גייט נישט אַלעמאָל דורכן אינטעלעקט, דורכן מוח־דעם בוידעם, וואָס איז פאַרלייגט מיט קלוגע ספרים, — נאָר גאַנץ אָפט דורך דער בלינדער סטיכיע, דורך די געהיימע אונטערערדישע קאַנאַלן — מ׳קאָן עס רופן אינטואיציע, אָדער זעקסטער חוש. סיי־ווי, ווי מיר זאָלן זיך אַזעלכע דערשיינונגען נישט ווען דערקלערן, וועלן מיר פון קיין שום סאָרט דעפיניציע נישט אויפגעקלערטער ווערן...

פון לוצקין שפּאַרט די תּורה — זיין געזאַנג — ווי פון אַ ברייט־צעעפנטן קוואַל, וואָס רייסט זיך זיגזאַגיש אין אַלע זייטן, דורך פעלזן און דורך אָפּגרונטן, דורך די קלענסטע שפּעלטלעך און דורך זומפּן... און דער שטראָם טראָגט מיט זיך סיי קוואַליק־לויטער וואַסער, וואָס איז מחיה־נפשות, סיי בלאָטקעלעך; סיי גינגאָלדענע שמעטערלינגלעך און קאָלירדייכע זשוקלעך; סיי אַלערליי שרצים — ס׳איז אַ שטראָם, וואָס ער אַליין האָט אויף אים קיין שליטה נישט און קאָן אים נישט — און ווייסט אים נישט וויאַזוי — אָפּצוהאַלטן. ס׳איז אַ גאָט־זעץ: ס׳שטראָמט, ס׳פליצט, ס׳מבולט. אפילו דער ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל ווערט ווינטער איינגעפרוירן און אפילו דער סמבטיון רוט שבת, אָבער לוצקיס שטראָם פליצט אַלעמאָל, אָן־אויפהער. אַ שטראָם פון געזאַנג און קלאַנג — — אַ קוואַל פון תּורה — — — ס׳רינט דורך זיינע אויגן און אויערן, דורך די צעלן פון זיין הויט, דורך זיינע פיס און זיינע פינגער פון די הענט — די פינגער זיינע וואָס זענען, ווי ער זאָגט, יידן... ס׳איז אַ יידיש געזאַנג, אַ יידישער שטייגער, אָבער אויך אוניווערסאַל. און וויפל עס פליצט נישט פון אים, איז אים נאָך אַלץ ענג, נאָך אַלץ בלייבט אין אים אַן איבערפלוס, ווי ער אַליין זאָגט וועגן זיך אין זיין ליד „גרויס געזאַנג אין מיר" („אומעטיק און פריילעך", ז. 134):

מיין ווילן ווינט אין מיר —
פון גרויס געזאַנג אין מיר.

מיינע גלידער קניען זיך — און בעטן.

מיינע גלידער ציען זיך – און מאָנען.
גרויס געזאַנג אין מיר –
זינג אַרויס פון מיר.

מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר.
איך וויל ווערן.
איך ווער פאַרצערט פון ווען ווערן.

ער ווערט פאַרצערט פון „ווען ווערן", כאָטש וואָס ווערן – דאָס ווייסט ער נישט. און, אייגנטלעך, וואָס קאָן מען ווערן? ס'איז דער אייביקער דראַנג פון דעם תוהו צו ווערן, צו פאָרעמען און פורעמען זיך, צו געשטאַלטיקן זיך אין עפעס. ס'איז דאָס געשריי פון דעם ערשטן אָנהייב ביז דעם לעצטן סוף, וואָס לוצקי האָט עס אומבאַוווּסטזיניק, אינטויִטיוו אויפגענומען. ס'איז דאָס אייביקע ווערן, וואָס ווערט נישט. דער איבערגאַנג פון פאָרם צו פאָרם, פון געשטאַלט צו געשטאַלט, דער גלגולים-קייקל — און דערפאַר איז יעדע פאָרם און יעדעס געשטאַלט אין תוך אויך — כאַאָס, תוהו, ווייל נאָך אין דער בחינה פון ווערן, פון נישט-געוואָרן, פון נישט דערגאַנגען צום לעצטן געשטאַלט, וואָס געפינט זיך אפשר אין פּאָטענץ פון דער יצירה, אָבער וואָס וועט, מעגלעך, קיינמאָל נישט דערגרייכט ווערן... נאָר דאָס רייסן זיך איז דאָ און אָפּשטעלן קאָן מען זיך נישט. מ'קאָן נישט בלייבן — ווי לוצקי טאַקע פרעגט און ענטפערט אין זיין ליד „וואַסערן" (דאָרט ז. 177): „בלייבן? — נישטאָ ביי וואָס צו בלייבן". און דער שטראָם פון זיין געזאַנג קוואַלט און קוועלט, אָט ווי די וואַסערן זיינע:

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט –
אימפּעטיקע,
קרעפּטיקע.

— — — — —
— — — — —

װאַסערן לױפֿן איבער דער װעלט
און זוכן.
לױפֿן מיט זון,
מיט לבֿנה,
מיט פֿינסטערניש
און שרײַען.

— — — — —
— — — — —

װאַסערן לױפֿן איבער דער װעלט —
און לאַכן.
קאַכן און קײַכן מיט שױמיקן שנײ,
קװאַלן און קװעלן מיט זילבערנע כמאַרעס,
טאַנצן און באַשפּריצן זיך מיט טױ.

אַ שפּריץ אױף אַ שפּריץ און אַ כװאַל,
אַ כװאַל און אַ טאַנץ און אַ זיד,
אַ זיד און אַ זינג און אַ זאָג,
אַ זאָג און אַ זינג און אַ יאָג,
אַ יאָג און אַ פֿאַל און אַ הױב,
אַ הױב און אַ פֿאַל אין פֿאָרױס,
אַ שפּרונג און אַרײַן אין געדרײ.

— — — — —
— — — — —

לױפֿן — און װערן נישט מיד,
דערצײלן — און דערצײלן נישט דעם סוף,
רוען ? — נישטאָ בײ װאָס צו רוען,
בלײַבן ? — נישטאָ בײ װאָס צו בלײַבן.

אומעטום איז דאָ,
יעדער דאָ איז — דאָרט,
יעדער דאָרט — איז װײַטער.

אָבער די פרייע, אומגעצאַמטע וואַסערן פון לוצקיס שטראָמיק געזאַנג, וואָס פלייצן מיט סטיכישן אימפעט, טראָגן אויך מיט זיך, ווי געזאָגט, פסולתן. זיי לויפן נישט נאָר מיט זון און לבנה, גאָר אויך מיט פינסטערניש; אין ערשטן בוך לוצקיס, וואָס אין אָנהייב האָט דער דיכטער עס גערופן „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך!" און דערנאָך, אַליין איינזעענדיק, אַז אַזאַ נאָמען איז געשמאַקלאָז, האָט ער עס געביטן אויף „אומעטיק און פריילעך" — אין אָט דעם ערשטן בוך זיינס האָבן די וואַסערן פאַרטראָגן אַלערליי פעניס, אַ היטל, אַ באָרד, וואָס וויל אַנטלויפן, אַ קנעפל, אַ זייגערל און נאָך אַזעלכע פסולתן, וואָס זענען נישט קיין פּאָעזיע נישט עפּעס אַנדערש; נאָר צווישן דער גרויסער צאָל ליכטיקע, קרישטאָל-לויטערע פערזן אין יענעם בוך זענען די פסולתן בטול-בששים געוואָרן און מיר האָבן פשוט פאַרמאַכט די אויגן אויף זיי — נישטאָ זיי! זיי עקזיסטירן נישט! זיי האָבן אונז אפשר גאָר געהאָלפן אונטערצושטרייכן דאָס גוטע און שיינע, דעם רחבות. איז דאָך אפשר דאָס גאַנצע שלעכטס און אומריינע אויף דער וועלט באַשאַפן געוואָרן, כדי מיר זאָלן וויסן, וואָס גוטס און ריינס און עכטס איז, ווי דאָס דעמאָנישע, דאָס סאַטאַנישע איז דאָ אין דער יצירה, כדי פאַר אונז אונטערצושטרייכן דאָס געטלעכע... און לוצקיס שאַפונג איז אַ וועלט אַ גאַנצע, מיט אַלץ, וואָס אין אַ וועלט געפינט זיך — אַ פיזיקע, דינאַמישע און שטראָמיקע וועלט, ווי פאַר די מעשי-בראשית, ווען גאָטס גייסט האָט נאָך געשוועבט איבערן פנים פון די וואַסערן; איז נאַטירלעך צו געפינען ביי אים דאָס גוטע און דאָס שלעכטע נישט נאָר זייט ביי זייט, נאָר אפילו אויסגעמישט אין איינס.

דערפאַר, ווען לוצקי האָט מיר נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק אָנגעזאָגט, אַז ער אַרבעט אויף אַ בוך, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען „בראשית — אינמיטן", האָב איך זיך דערפרייט, ממש מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן בוך: אָט דאָ, האָב איך געטראַכט, וועט לוצקי זיך ערשט אַנטפּלעקן אין זיין פול און גאַנץ דיכטעריש געשטאַלט! אין די מעשי-בראשית איז ער דאָך

ביי זיך אינדערהיים! לוצקי האָט מיר פון צייט־צו־צייט פאָרגעלייענט עטלעכע פערזן פון דעם נייעם, זיך שאַפנדיקן, ווערק, און ס׳איז געווען ווי אַמאָל — אַמאָל האָט מיך אַ פערז אַ נעם געטון און אַמאָל — אַנטוישט, לאָזנדיק די זיכערקייט, אַז אין גאַנצן גענומען וועט עס זיין שוין איינמאָל אַ ווערק! אַזוי זיכער, אַזוי שטאַרק איבערגעצייגט בין איך געווען, אַז „בראשית—אינמיטן" וועט זיין עפעס אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס וועט פאַרטונקלען זיין ערשט בוך, אַז איצט, ווען דאָס נייע בוך איז שוין אַרויס און איך האָב עס שוין עטלעכע מאָל איבערגעלייענט אַהין און צוריק, קאָן איך נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיט דער אַנטוישונג, וואָס דאָס בוך האָט מיר געבראַכט און איך האַלט אין איין זוכן ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל — אפשר וועל איך פאָרט דאָרט אַנטפלעקן אַזעלכעס, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָסדאָזיקע ווערק, אָבער יעדעסמאָל מוז איך מיט באַדויערן זיך ענטפערן, אַז „בראשית — אינמיטן" איז אַ כסולת, וואָס לוצקיס אימפעטיקער, פלייצנדיק־פאַרפלייצנדיקער שטראָם האָט צו אונדז פאַרטראָגן.

איז לוצקי אפשר אין דעם נייעם בוך געוואָרן אומגעטריי זיך, אַוועק אויף אַן אַנדער וועג? חלילה. ס׳איז דערזעלבער לוצקי, ס׳איז דערזעלבער אופן שרייבן, דערזעלבער מאַניער, נאָר עפעס האָט אַ מכשול געטראָפן. לוצקי האָט מורד געווען אָן זיין אייגענער דיכטערישער אינטויציע, אָן זיין שאַרפער און רויער אינטויציע און צוגעלייגט דאָס באַוווסטזיין, דעם אינטעלעקט זיינעם — ניין, טאַקע אינגאַנצן זיך געוואָלט פאַרלאָזן אויפן באַוווסטזיניקן אינטעלעקטועלן — בקיצור, אויפן געדאַנקלעכן אויפנעם פון מענטשן און זאַכן — און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ „פילאָזאָפירן" אָן פאָעזיע, נאַקעטע קערנער, אָן פאַעטישע שאָלעכץ אויף זיי, אָן הויט און פלייש. ס׳איז ווי דער דיכטער וואָלט אונדז דערציילט די ט ע מ ע ס פון אַ ריי לידער — און די לידער גופא פאַרגעסן אויפצושרייבן...

כ׳האָב אַ שטאַרקן חשד, אַז לוצקי האָט זיך דאָ פשוט געלאָזט פאַרפירן פון אַ געוויסן סאָרט קריטיק, וואָס האָט אין זיינע לידער געזוכט בלויז פילאָזאָפישע שיחת־חולין, דערהויפט

פון דעם ליבן וו. נאטאנסאָנען, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך מכּוח לוצקיס פילאָזאָפיע... אין לוצקין, ווייזט-אויס, איינ-געפאַלן אַ מחשבה-זרה: ווי באַלד ביי מיר איז די פילאָזאָפיע דער עיקר — טאָ וואָס-זשע טויג די פּאָעזיע? וועל איך געבן דעם עיקר, דעם תּוך, דעם תּמצית... ער האָט געגלויבט דעם פילאָזאָפישן פּזמון, ווארום אויב ער גלויבט, וואָס אַ קארטאָפל רעדט, וואָס אַ היטל טענהט און וואָס אַ טעפל שמועסט, פארוואָס זאָל ער נישט גלויבן, וואָס אַ קריטיקער זאָגט? און דערפון דאָס בוך „בראשית — אינמיטן", וואָס באַווייזט אונז אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך, אַז לוצקי איז נישט קיין פילאָזאָף, נאָר אַ פּאָעט— און אַז דאָ, ווו ער וויל בלויז פילאָזאָפירן, קומט אַרויס אַ מאכל אָן פּאָעזיע און אָן פילאָזאָפיע...

אוודאי זענען אויך אין „בראשית — אינמיטן" פאַראַן גוטע פערזן, פּאָעטישע פערזן, אָבער זיי ווערן בטול-בששים אין דעם ים פסולת, ווי דאָס ביסל פסולת ווערט בטול-בששים אין דעם ים פּאָעטישער ליכטיקייט פון זיין ערשט בוך. אין טייל פון די לידער אין דעם נייעם בוך דערגייט לוצקי צו אַזעלכע קוריאָזן, ווו ער פאַרטראַכט זיך ממש נישט מכּוח דעם באַטייט פון פּשוטע ווערטער, אָט ווי, למשל, אין דעם ליד „ווי אַזוי איז געוואָרן אַ מענטש" (ז. 67). אדרבא, לייענט: „אומרו איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט אַ מענטש. האָט אומרו זיך פאַר-קוקט אויף יאוש. יאוש האָט אַ זיפּץ געטון פאַר צווייפל. צווייפל האָט עס אויסגעהערט מיט ספק. ספק האָט געקווענקלט מיט פיליכט. פיליכט האָט זיך דורכגעשמועסט מיט אפשר. אפשר האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי טאָמער. טאָמער האָט געגישטערט ביי מסתּמא. מסתּמא האָט געדרונגען, אַז ס׳איז מעגלעך. מעגלעך האָט געוויזן אויף ווארשיינלעך. ווארשיינלעך האָט אַ ווינק גע-טון אויף גריילעך" — און אַזוי ווייטער.

ווען לוצקי וואָלט נישט אויסן געווען סתּם צו פילאָזאָפירן, נאָר אַזאַ ליד וואָלט זיך פון אים סטיכיש אַרויסגעריסן, וואָלטן מיר אפשר געהאַט אַ פיינע וואַריאַציע פון ווערטער, פון באַ-גריפן; יעדנפאַלס וואָלט אים זיין שפּראַכלעכער חוש אונטערגע-

זאָגט, אַז צווייפל און ספק, אפשר און פיליכט, אָדער, אודאי, זיכער, געוויס, באַשטימט, ווי עס גייט ווייטער אין דעם אייגענעם ליד, זענען סינאָנימען, האָבן איין־און־דעמזעלבן מיין און זיי קאָנען דעריבער נישט זיין אין קאָנפליקט איינע מיט די אַנדערע, אָדער שטייגערונגען אין דער עוואָלוציע פון מענטשגעבורט. אינטואיטיוו וואָלט ער אפשר אויך געשפּירט, אַז פיליכט און וואַרשיינלעך זענען נישט קיין יידישע ווערטער, נאָר גערמאַניזמען. אָבער ווען די דיכטערשע אינטואיציע זיינע וואָלט דאָמינירט זיין צווייט בוך, ווי דאָס ערשטע, וואָלט „בראשית — אינמיטן" כלל אויף דער וועלט נישט געקומען, אָדער געקומען אין אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט. מיר וואָלטן פאַרשפּאָרט צו לייענען אַזעלכע פערזן, ווי דידאַקטיקע:

גאָט אַליין — איז נישט אַליין —
אַ פאַריין.
אַ געזעלשאַפט פון געטער:

יהוה.
אל.
שדי.
אלהים.
אדוני.

און דער בונד פון אַלע געטער —
איז אַ סוד:
אחד.

(גאָט. ז. 68)

— — — — —

וויַיז אַ קעצעלע מילך —
שווייגט דאָס קעצעלע און קוקט:
זע, מענטש, איך וואַרט —
איך וויל נישט ווערן אָפּגענאַרט.

אויב עס איז דיר טייער מיין געביין —
לאָז דעם טעלער שטיין,
קענסט זיך גיין —
הנאה האָבן וועל איך שוין אַליין.
(אַ קעצל. ז. 152)

נאָר, וואָס איז שייך ציטירן, אַז מיט דער אויסנאַם פון אַ צוויי־דריי לידער אין דעם בוך, איז אַלץ אויפן אייגענעם שטייגער?... אָט גייען אַוועק אַרום דרייסיק זייטן מיט פערזן וועגן „איידער־איידער", ווערט ממש דער קאָפּ פאַרדולט מיט דעם איידער און איידער־איידער און איידער־איידער־איידער. געוויס איז איידער־איידער אַן ענין פאַר אַ פּאָעט (און וואָס איז דען פאַר אים נישט קיין ענין, אויב ער גיט אונז נאָר עכטע פּאָעזיע?) און אוודאי זענען די עשרת־הדברות אַן ענין פאַר אים, בפרט אין דער וועלט פון „בראשית — אינמיטן"; אָבער אַז עמעצער גיט אונז איצט אַ נייע צען געבאָט, מוזן זיי קודם־כל טאַקע זיין נ י י. דאַן ווענדט זיך ווער ס'גיט זיי אונז. איז דער געבער אַ פילאָזאָף, דאַרפן זיי אונז ברענגען פילאָזאָפישן אינהאַלט; איז ער אַ מאָראַליסט, ווי אַ טאָלסטאָי, אָדער גאַנדי, דאַרפן די צען געבאָט זיין כאָטש אַ שטאַפּל העכער — אין זייער עטישקייט — פון די ביבלישע עשרת־הדברות; פון אַ פּאָעט ווידער דערוואַרטן מיר פּאָעטישע פאַנטאַזיע, שיינקייט און טיפקייט פון געפיל. ווי זעען אויס די עשרת־הדברות ביי לוצקין? אָט זענען זיי:

א. אַלץ איז איינס — און אַלץ איז גאָט.
ב. וועלט־געזעץ — אַריבער גאָט.
ג. וועלט־געבאָט — אַריבער גנאָד.
ד. ס'איז — איז.
ה. מאָס — מוז.
ו. מוז — אַריבער רשות.
ז. וועט זיין מיט איינס — וועט זיין מיט אַלץ.
ח. גלוסט.

ח. [illegible]

ט. צעשטער,

י. באַשאף.

אנטקעגן אָט די לוצקישע צען געבאָט זענען די ביבלישע נישט נאָר עטיש און עסטעטיש העכער מיט זיבן הימלען, נאָר זיי זענען אויך אַ פּאָעטיש מייסטערווערק אין פאַר־גלייך מיט לוצקיס. „ס׳איז־איז”; „מאָס—מוז”, — ווערטער, וואָס האָבן כלל קיין זין נישט און צוזאַמען זענען זיי קיין ליד נישט.

אַזוי בלאַס און אומבאַהאָלפן איז אויך לוצקיס ציקל לידער „והיה באחרית הימים”, נישט ווייל מיר פאַרגלייכן עס, הס־ושלום, מיט ישעיהס חזיון — קיינער וועט דאָך נישט דער־וואַרטן, אַז אהרן צוקער זאָל זיין ישעיה דער דריטער! — נאָר פשוט, ווען מיר שטעלן דערצו די געוויינטלעכע פאָדערונגען, וואָס מיר שטעלן צו אַ ליד, אָדער ווען מיר ווילן כאָטש גע־פינען דערין אַביסל פאַנטאַזיע לגבי דער צוקונפט. פון לוצקיס צוקונפט־בילד דערגייען מיר אַזעלכע נייעסן וועגן די „אחרית הימים”, ווי: „נישטאָ קיין נויט — נישטאָ קיין רייד”. — אַלע זענען נאַקעט גלייך. נישטאָ קיין בייז — נישטאָ קיין האַס,— קיינער ווייסט נישט, וואָס איז כעס”... אָדער: „והיה באחרית הימים: ווי קיינמאָל נישט געווען. ווי גאָרנישט נישט געווען. און וואָס עס איז געווען — געוואָרן אויס אין אומעטום. גע־וואָרן אויס אין אַלעמאָל, און וואָס עס איז געווען — געוואָרן אויס — צו ווערן ווידער. ווידער ענדער. ווידער אַנדער. ווידער וואַנדער. ווידער וונדער נאָכאַנאַנדער. פון אַן אַנדער צו אַן אַנדער. אַנדערש”...

זין? פּאָעזיע? פאַנטאַזיע? — נישט בנמצא. דאָס וועט איר געפינען אין לוצקיס ערשט בוך. אַ שלל דערפון. אַזוי כסדר און כסדר: ווערטער, ווערטער אָן צוזאַמענהאַנג, אָן שוואונג, אָן אימאַגינאַציע און דער עיקר: אָן דעם הויך פון פּאָעטישער שיינקייט, מחמת אויך דער אומזין קריגט אַ זין, ווערט אַפילו טיפזיניק, אויב דורכגעלייטערט דורכן קינסטלערישן

געמיט, דורך דער דיכטערישער אינטויציע. ס׳טוט פשוט תהי דאָס הארץ! און נאָכן איבערלייענען ביזן לעצטן זייטל די לידער פון „בראשית — אינמיטן״, קערט מען זיך אום, ווי זיך צו ראַטעווען פון דעם אומזיניקן כאַאָס, צו די זייטן 15 און 17, ווו עס געפינען זיך צוויי לידער, וואָס לאָזן אונז דערקענען — כאָטש נישט אַזוי לייכט — לוצקין פון „אומעטיק און פריילעך״:

ס׳איז אַ גליק זיך קאָנען רירן,
ס׳איז אַ כשוף אָנצורירן,
ס׳איז אַ צויבער צו וויברירן
אין צעבליטע שימערירן.
ס׳איז אַ רייץ זיך לאָזן פירן
צו געפליגלטע פּאַסירן.
לוסטיק גלוסטעניש צעפירן.
גלוסטיק לוסטעניש פאַרפירן.

ס׳איז אַ שפּיל זיך לאָזן שפּאַרן
צו באַלויכטענע געפאַרן.
לוסטיק-האַפּטיק זיך צו נאַרן
אין צעווינטלטע גענאַרן.
וויכערדיק זיך לאָזן גאַרן
אין צעשטורעמטע דערפאַרן.
אין צעברויזנטע ווירוואַרן.
אין צעהוליעטע קאָשמאַרן.

אויך דאָ זענען פאַראַן ווערטער, וואָס „קלעפּן זיך נישט״, אָבער זיי קניפּט און בינדט צוזאַמען דער פּאָעטישער כּוח, אינערלעכע שיינקייט, וואָס כשופט אַרויס פון די ווערטער, כאָטש מיט דער הוילער לאָגיק קאָנט איר דעם „עפּעס״ נישט אָנטאַפּן... דאָס אייגענע איז אמת וועגן דעם ליד פון זייט 17 — ביידע פון דעם ציקל „אַ געזאַנג צו דער וועלט״:

זעסט אַ וואַלד — מ׳דאַרף נישט פרעגן.
זעסט אַ באַרג — מ׳דאַרף נישט טרעפן.

ס'איז אַ וועלט פון איבערלאָפן;
ס'איז אַ וועלט פון איבערטראָפן.
די גאַנצע וועלט איז דאָ צו פרעגן,
די גאַנצע וועלט איז דאָ צו טרעפן —
ווי די וועלט האָט זיך געטראָפן.
ווי די וועלט האָט זיך פאַרלאָפן.

נישט צו פרעגן, נישט צו טרעפן —
נאָר צו שטוינען, נאָר צו גאַפן.
נאָר צו זיין, צו קאָנען האָפן.
נאָר צו זיין, צו קאָנען לויפן.
מיט דער וועלט פון איבערלאָפן.
מיט דער וועלט פון איבערטראָפן.
— נאָר די וועלט אַריבערלויפן,
— נאָר די וועלט אַריבערטרעטן.

אַ חוץ אָט די צוויי לידער — און נאָך איינס פון דער סעריע: אַ געזאַנג צו דער וועלט" (ז) — דערמאָנען די פערזן אין „בראשית — אינמיטן" אָן קאַווע אָן קאָפּעין און טאַבאַק אָן ניקאָטין — דאָס זענען לידער אָן פּאָעזין און פילאָזאָפע־רייען אָן פילאָזאָפין... אפשר זענען אַזעלכע פערזן געזוגט פאַר עמעצן, פאַר יענעם סאָרט קריטיקער, וואָס אַלצדינג איז פאַר אים אַ טעמע אויף פילאָזאָפירן און שפּעקולירן, אפילו אַ לאָך פון אַ בייגל. אדרבא, וואָס ווייניקער קינסטלערישער לבוש, אַלץ לייכטער איז אים צוצוקומען צום קערן־געדאַנק און אויב דער געדאַנק איז נישט אַזוי גרויס און אַזוי וויכטיק, וועט ער, דערדאָזיקער קריטיקער, שוין אויסציען און אויפבלאָזן אים, באַפוצן אים מיט שפּינאָזאַ, קאַנט, דעם רמב״ם און — וועמען נישט? אָבער דעם דיכטער וועט עס גאָרנישט העלפן — אויסער ווייטער אים פאַרפירן — און די פערזן וועט עס נישט דערהויבן, די אונטערשטע שורה איז, אַז דער לוצקי פון „בראשית—אינ־מיטן" האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן דעם לוצקין פון „אומע־טיק און פריילעך" — לוצקי ווערזוס לוצקי.

אָבער נישט בלויז מיט פערזן אין זיין צווייט בוך האָט זיך לוצקי פאַרמאָסטן קעגן לוצקין, נאָר אויך מיט די מעטאָדן, וואָס ער באַנוצט דאָ — מעטאָדן, וואָס זענען פריקרע און אָפּשטויסנדיק. אין אָנהייב בוך איז דער דיכטער מודיע: „אַליין דער מחבר, אַליין דער פאַרלעגער, אַליין דער פאַרקויפער". צום סוף בוך יאַוועט זיך פלוצלינג אַ לוצקי-קאָמיטעט, וואָס דערציילט חדושים וועגן און אַרום לוצקין, אין אָט דעם לשון: „די גרעסטע יידישע פּאָעטן און קריטיקער איבער גאָר דער וועלט האָבן געשריבן מיט גרויס ענטוזיאַזם וועגן דער אייגנאַרטיקייט פון א. לוצקי און אַלע זענען מיט דער מיינונג, אַז ער איז דער בעסטער אימפּראָוויזאַטאָר און דער אָריגינעלסטער פּאָעט-פילאָזאָף אין דער יידישער ליטעראַטור"... און ווייטער: „לויט אונזער אייגענער מיינונג (דעם קאָמיטעטס מיינונג, הייסט עס... א. אַל.) און לויט דער מבינות פון גרויסע יידישע שרייבער, איז דאָס בוך „בראשית—אינמיטן" פון א. לוצקי אַן אַנטפּלעקונג אין דער וועלט-ליטעראַטור מיט זיין פּאָעטישן (און) פילאָזאָפישן באַנעם". — אַלזאָ, איידער דאָס בוך איז נאָך דערשינגען אויף גאָטס וועלט, איז עס שוין, ווי איר זעט, געווען אַן אַנטפּלעקונג אין דער וועלט-ליטעראַטור, טאַקע פּלא-פּלאים!... אין אַן אַנדער נאָטיץ איז דערזעלבער מיסטעריעזער קאָמיטעט מודיע, אַז „עס וועט זיין אַ פרייד פאַר די טויזנטער לייענער פון א. לוצקיס שאַפן, צו וויסן, אַז דער באַרימטער פילאָזאָף און עסייִסט ווילי־ם נאַטאַנסאָן (דאָס איז געדרוקט מיט קדוש-לבנה-אותיות! א. אַל.), וועלכער האָט געמאַכט אַ רושם אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין נייעם בוך „אינטעליגענט, קונסט און קינסטלער", האָט פאַרטיק אַ בוך צו דרוקן פון נאָענט פיר הונדערט זייטן וועגן א. לוצקי. דאָס בוך רופט זיך „די פילאָזאָפיע אין א. לוצקיס פּאָעזיע".

אויב שוין יאָ אַ קאָמיטעט, וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל נישט דערלאָזן, אַז דער לוצקי פון „בראשית — אינמיטן" זאָל, חלילה, מנצח-זיין דעם לוצקי פון „אומעטיק און פריילעך". אַזאַ קאָמיטעט דאַרף אויך האָבן

אויף זיך די אויפגאַבע אויסצובאַהאַלטן פון לוצקין די התגלותן פון זיינע פילאָזאָפישע קריטיקער, וואָס פילאָזאָפירן אים אַראָפּ פון פּאַרנאַס און שפּעקולירן אים אַריין אין נישט-געשטויגענע, נישט-געפלויגענע ספערן. ס'וואָלט געווען אַ גרויסע עבירה — און נאָך אַ גרעסערער פאַרלוסט פאַר דער יידישער פּאָעזיע — צו דערלאָזן, אַז לוצקיס שטראָם זאָל אָפּגעווענדט ווערן פון זיין אוממיטלבאַרן און אימפּעטיקן לויף און ווייטער אַוועק (אַראָפּ) מיטן שטעג פון „בראשית-אינמיטן". מ'דאַרף לוצקין צוריקקערן צו „אומעטיק און פריילעך", אָדער זאָל עס אפילו זיין „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך!" — דאָס פּסולת אין אַזעלכע ווערק וועלן מיר שוין, ווי אין אָנהייב געזאָגט, אַליין אָפּקלייבן. שלעכט איז נאָר, ווען מיר האָבן פאַר זיך אַזאַ בוך, ווי דאָס צווייטע, וווּ דאָס פּסולת האָט די איבערהאַנט און וווּ מ'קאָן קוים אָפּקלייבן און אַרויסראַטעווען אַ פּאָר עכטע פערזן. לוצקי איז אַן אָריגינעלע, עקזאָטישע דערשיינונג אין דער יידישער דיכטונג; עפּעס זעט ער אַנדערש, הערט אַנדערש, זאָגט אַנדערש און מאַכט אונז „באַנעמען" אַנדערש — דאָס זענען מודה אפילו יענע, וואָס ווילן אים דווקא מבטל זיין, אפילו זיין פּסולת איז אַנדערש. ס'איז נישט סתם נישט גוט, נאָר עפּעס אַנדערש נישט-גוט, אויף אַן אַנדער אופן, אַן אַנדער שטייגער... דערפאַר ווילט זיך מיטן גאַנצן האַרצן האָפן, אַז „בראשית — אינמיטן" איז נישט דער אָנזאָג פון לוצקיס פּאָעטישן אונטערגאַנג, נאָר אַ צייכן פון צייטווייליקן איבער-ברוך — צווישן „אומעטיק און פריילעך" און אַ נייעם חערק פון דעמזעלביקן פאַרנעם און ווערט, אויב נישט נאָך וויכטיקער אין ווערטפולער.

זוסמאַן סעגאַלאָוויטש

(צו זיין דרייסיק־יאָריקן לי־
טעראַרישן יובילײ אין 1933)

שוין דריי צענדליק יאָר, ווי זיסמאַן סעגאַלאָוויטש זינגט און דערציילט. שוין דריי צענדליק יאָר ווי טויזנטער יידישע לייענער הערן זיך צו אים צו. אויב זיין שטים איז נאָכנישט אַריבער איבערן אָקעאַן, צום גרויסן יידישן קיבוץ אין אַמעריקע, איז דערפאַר נישטאָ קיין איין יידישע שטוב אין פוילן, וווּ סעגאַלאָוויטש זאָל נישט זיין אַן אָנגעלייגטער און ליבער גאַסט.

ווען מ׳זאָגט, אַז דאָס יידישע בוך פאַלט, אַז דער יידישער עולם לייענט אַ סך ווייניקער, אפילו אין מזרח־אייראָפּע, ווי אַמאָל — מיינט עס: אַ חוץ סעגאַלאָוויטשן. דאָס ווייסן יידישע פאַרלעגער. דאָס ווייסן יידישע שרייבער. עליה צו ירידה אויפן יידישן ביכער־מאַרק — סעגאַלאָוויטשעס אַקציעס זענען שטענדיק אויף דערזעלבער מדרגה.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווו שטעקט סעגאַלאָוויטשעס כּוח איבערן לייענער? פאַרוואָס איז דער לעזער - און אוודאי די לעזערין — פאַרליבט אין אים?

ס׳וואָלט כּדאי געווען צו מאַכן אַ שטודיע פון אָט דער דערשיינונג. בפרט אין אַ צייט, ווען דאָס יידישע בוך איז באמת אַזוי שטאַרק געפאַלן, ווי קיינמאָל פריער. אפשר וואָלטן מיר, דורך סעגאַלאָוויטשן, אויסגעפונען דעם מאַגישן כּוח צו ווירקן אויפן לייענער, צו מאַכן אים לייענען; אפשר איז אין

סעגאַלאָוויטשעס שריפטן דאָ דער שליסל צום לייענערס האַרץ?

אָבער פאַרוואָס שטודירן, זוכן, גריבלען זיך, וועלן פאַרשטיין סעגאַלאָוויטשן און דעם לייענער, אויב ס׳איז דאָ אַזאַ לייכטער ענטפער גלייך אויף דער האַנט — אַן ענטפער, וואָס איז צו גאָרנישט מתחייב און וואָס קלינגט דערצו אַזוי וואָזשנע אַזוי סנאָביש: נידעריקער ניוואָ. סעגאַלאָוויטש, הייסט עס, שטייט נישט אויף קיין העכערן ניוואָ פון דעם דורכשניטלעכן לייענער. ער פאַרשלעפט נישט דעם לייענער אין די לאַבירינטן פון פּראָבלעמען, דריקט נישט אויף זיין געמיט מיט קיין שווערער משא. ער איז לייכט, אויבנאויפיק – ער אַמוזירט דעם לייענער, פאַרנעמט אַביסל פון זיין פרייער צייט. און דערפאַר האָט דער לייענער אים ליב, איז אים אפילו דאַנקבאַר.

איך ווייס נישט, אויב דאָס אַלץ, — ווען ס׳זאָל זיין אַקוראַט ווי די „פיינשמעקער” צווישן אונזערע פאַרנאַסיאַנער האָבן אָנגערעדט בנוגע סעגאַלאָוויטשעס הצלחה ביים לייענער — איז באמת אַ חסרון. מיר דאַכט זיך, אַז אויב דאָס איז אַ חסרון, וואָלטן מיר געמעגט ווינטשן, אַז וואָס מער יידישע שרייבער זאָלן אָט דעם „פעלער” ליידן. מיר וואָלטן דאַן פאַרשפּאָרט צו קלאָגן אויפן חורבן פון יידישן בוך...

ס׳איז דאָך מערקווירדיק, אפילו קאָמיש:

מיר האָבן כסדר טענות צום יידישן לייענער אַלמאַי ער לייענט נישט; אַלמאַי ער פאַרנאַכלעסיקט דאָס יידישע בוך, די יידישע ליטעראַטור; מיר איראָניזירן איבער דעם עם־הספר, וואָס לאָזט די ביכער פוילן אויף די פּאָליצעס פון די יידישע בוכהאַנדלונגען; טאָמער כאַפּט זיך אָבער דער עולם צו צו אַ בוך און לייענט עס מיט געשמאַק — פאַרדרייען מיר די נעז. מיר (דאָס הייסט: אונזערע געשווירענע פיינשמעקער) זענען תיכף חושד, אַז דאָס בוך טויג נישט און דער מחבר טויג נישט, מחמת, אויב ס׳געפעלט דעם ברייטן עולם, איז דאָס אַליין שוין אַ סימן, אַז ס׳איז נישט קיין עכטע ליטעראַטור...

טויג, הייסט עס, נישט, אויב דער עולם לייענט נישט; און ס׳טויג אויך נישט, אויב ער לייענט יאָ. מיר רעדן צום

עולם, מיר ווענדן זיך כסדר צו אים, אַפּעלירן צו אים, האָבן טענות און מענות צו אים, און דאָך האָבן מיר צו דעמזעלבן עולם נישט קיין שום צוטרוי, האַלטן נישט פון זיין גוסט און געשמאַק. אדרבא, ס'איז ביי אונז אַן אָנגענומענער כּלל, אַז וואָס ביים עולם איז גוט, איז שלעכט; וואָס דער עולם האָט ליב — איז פאַרדעכטיק; וואָס דער עולם אַפּלאָדירט, איז קוואַטש...

און דאָס איז דאָך דער אייגענער עולם, וואָס האָט אויף די פּלייצעס געטראָגן מענדעלען, וואָס האָט פאַנאַנדערגעקייכט איבער דער וועלט שלום-עליכמס געלעכטער און... נו, וואָס מיינט איר טאַקע? געפינען זיך שוין אַזעלכע איידלנאַזיקע סנאָבן ביי אונז, וואָס בלויז אויף דעם-אָ גרונט ווילן זיי נישט אַנדערש ווי אַ רעוויזיע פון שלום עליכמען, — זיי קאָנען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז אַן אמת-גרויסער קינסטלער זאָל אַזוי שטאַרק אויסנעמען ביי די פאָלקסמאַסן. ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז עכטע קונסט זאָל פאַרכאַפּן דעם ברייטן עולם? נאָר... מילא, לגבי שלום עליכמען קאָן מען עס נאָך ווי-ס'איז דער-קלערן: הומאָר, שטייגער, פאָלקסטימלעך לשון...

אָבער... סעגאַלאָוויטש? ער שרייבט דאָך לירישע לידער, ערנסטע ראָמאַנען, דערציילונגען. ניין, איר וועט אונז נישט איינשמועסן, אַז דער מאַסן-לייענער איז אַזוי להוט נאָך קונסט, נאָך ריינער קונסט. ס'איז קלאָר, אַז זוסמאַן סעגאַלאָוויטש גיט וואַסער — אָנשטאָט קונסט, און דאָס פאָלק, ווי ס'איז ידוע, האָט ליב וואַסער, נאָך פון מדבר אָן, ווען משה האָט צוליב די פאָלקסמאַסן אַזש געמוזט שלאָגן אַן אומשולדיקן שטיין, כּדי פון אים אַרויסצוקריגן וואַסער...

מיט וואָס באַרעכטיקט זיך אַזאַ צוגאַנג צו סעגאַלאָוויטשן? עס איז דאָך קלאָר, אַז ווען אפילו דער פאַקט, וואָס אַ שרייבער ווערט אַ סך געלייענט, זאָל אָנגעווענדט ווערן אים לגנאי, מוז מען דאָך צו דער אייגענער צייט קאָנקרעטיזירן די טענות צו אים מיט וועלכע-נישט-איז באַווייזן; און ס'איז ווידער קלאָר,

אַז אַזעלכע באַווייזן מוזן אַרויסגעשעפּט ווערן פון זיינע ווערק גופא.

קערן מיר זיך צו די באַווייזן, גאַנץ אַרויסגעזאָגטע, האַלב אַרויסגעזאָגטע, דערזאָגטע און נישט-דערזאָגטע, וועלן מיר זיך, דער עיקר, אָנשלאָגן אויף צוויי — און זיי זענען:

1. געווייגטלעכע — דאָס הייסט: נישט-גרויסע - טעמעס.
2. אויבנאויפיקייט.

איצט, אַז מיר האָבן שוין די צוויי גרונט-מאָטיוון פון אַלע טענות צו סעגאַלאָוויטשן, דאַרף מען זיי אַנאַליזירן, כּדי ווי-נישט-איז צו וויסן, וואָס זיי מיינען אַזוינס. דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק, מחמת אַזאַ אַנאַליז דאַרף דערגרייכן דריי צוועקן מיטאַמאָל: א. אַנטפּלעקן דעם מהות פון אונזער קריטיק; ב. קריגן אַ שליסל צו סעגאַלאָוויטשעס שאַפן; ג. אפשר אויך קריגן אַ שליסל צום האַרץ פון יידישן לייענער.

קודם וועגן דער טעמאַטיק.

ס'איז אַ כּלל, אַז נישט די טעמע מאַכט גרויס דעם שרייבער, נאָר פאַרקערט: דער שרייבער מאַכט גרויס די טעמע. ביישפּילן פאַר דעם כּלל קאָן מען קריגן פון שעקספּירן, (וועלכער האָט גענומען זיינע טעמעס פון אַ פאַרגעסענעם און אומבאַדייטנדיקן איטאַליענישן שרייבער און זיי גרויס געמאַכט) ביז אַ סך שרייבער פון דער היינטיקער צייט. האַמסון, למשל, האָט כּמעט אינגאַנצן נישט קיין טעמעס. זיינע ווערק זענען לויטער דערציילערישקייט, שילדערונג — און דאָך — — —

ביי אונז אָבער האָט מען אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַריין: גרויסע טעמעס. די טעמע אַליין איז געוואָרן דער עיקר. און נישט איין יידישער שרייבער איז שוין עולה לגדולה געוואָרן בלויז דערפאַר, וואָס ער כאַפּט זיך צו גרויסע סיוזשעטן. דאָס, וואָס איינער קאָן זיך מיט דעם פאַרנעם פון דער טעמע נישט קיין עצה געבן, — ווי אַ קינד מיטן טאַטנס היטל, וואָס פאַלט אים אַריבער איבער די אויערן — דאָס איז שוין נישט וויכטיק, אַבי די טעמע איז גרויס...

ס'איז די גרינגסטע זאַך זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ גרויסע

טעמע. ס׳איז אָבער גאָרנישט אַזוי גרינג גרויס צו מאַכן אַ „קליינע" טעמע, זי צו מאַכן וואַקסן, פאַרביק, אינטערעסאַנט. און דאָס גאַנצע געשריי פון גרויסע טעמעס איז דאָך אין תּוך פאַלש, אומקינסטלעריש. טאָלסטאָי איז דורכויס גערעכט גע-ווען: באַשרייב מיר אַ טיש — און ס׳זאָל זיין אַ טיש; אין דער קונסט, ווי אין גאַנצן באַשאַף, איז נישטאָ וויכטיקער און אומוויכטיקער, גרעסער און קלענער – אַלץ איז גרויס און אַלץ איז וויכטיק, דער אַטאָם ווי דער אוניווערס, אַ שטויבל ווי דער מאָן-בלאַן, טוביה דער מילכיקער ווי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט.

ס׳איז לייכטער צו שילדערן נאַפּאָלעאָנען, ווי עפּעס אַ גראָ מענטשל פון גאַס, וואָס קיינער באַמערקט אים נישט. אַרום דעם ערשטן — אַזאַ רחבות פון פּאַסירונגען, אַרמייען, גענע-ראַלן, שלאַכטן. דער קינסטלער דאַרף נאָר וויסן ווי געשיקט דעם רייכן מאַטעריאַל אויסצונוצן. אָבער אַרום צווייטן, אַרום דעם גאַסן-מענטשל — וואָס איז דאָ פּאַרטיקס? דאָ דאַרף דער קינסטלער אַליין שאַפן די ציגל און דאָס שטרוי פאַר די ציגל.

איז, ווי איר זעט, די גאַנצע מאָס פון גרויסע טעמעס — קיין מאָס נישט. סתם אַ ווערטל. די אויפגאַבע פון קריטיקער איז נישט צו מעסטן די טעמעס, נייערט צו ווייזן אונז, וואָס דער מחבר האָט געמאַכט פון ז י י ן טעמע, וואָס ער האָט מיט איר געטון און וואָס ער האָט דערגרייכט.

איצט מכּוח אויבנאויפיקייט.

וואָס, אייגנטלעך, מיינט עס? געוויס, אויבנאויפיקייט מיינט, אַז ס׳איז נישט פאַרטיפט. איז וואָס מיינט, אַז ס׳איז נישט פאַרטיפט? דאָס, דאַרף מען פאַרשטיין, מיינט, אַז דער מחבר פּסיכאָלאָגיזירט נישט. ער פּסיכאָ-אַנאַליזירט נישט זיינע „העלדן", טיפן און סתם פאַרשוינען, גריבלט זיך נישט אין זייערע נשמות, נאָר מאָלט זיי פאַר אונז אַט-אַזוי-אָ, ווי זיי שטייען און גייען.

איז דאָס אַ זינד?

ס׳געווענדט זיך ווי מיר קוקן אויף ליטעראַטור, וואָס פאַ-ראַ פאָדערונגען מיר שטעלן איר. אויב אמתע ליטעראַטור איז נאָר יענע, וואָס גיט פּסיכאָלאָגישע עקסקורסיעס – דאַן איז עס

אַ זינד. אָבער דאַן וועלן מיר מוזן אויסמעקן אַ ווייער גרויסן טייל פון דער וועלט־ליטעראַטור...

די פּסיכאָלאָגישע דערציילונג — דאָס איז אַן עכט־רוסישער אויפטו. דאָס מיינט נישט, אַז קיין שום אַנדערע ליטעראַטור האָט דערפון נישט געוווסט, ביז די רוסן האָבן עס אַנטדעקט. אָבער די גרויסע רוסישע מייסטערס, איבערהויפּט דאָסטאָיעווסקי, האָבן דאָ דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט.

פון די ליטעראַטורן, וואָס דער פּסיכאָלאָגישער מעטאָד האָט זיי צומווינציקסטן באַרירט — קומען די אַנגלאָ־סאַקסישע, דערהויפּט די ענגלישע, אויפן ערשטן פּלאַן. די ענגלישע ליטעראַטור איז אַ שילדערישע, ווו סטיל און שטייגער זענען דער סאַמע עיקר, און פּסיכאָלאָגיע — אַ טפל, אויב זי איז בכלל בנמצא. ערשט איצט גרייכט די רוסישע השפּעה (צו פּסיכאָלאָגירן) די בריטישע אינזלען און צפון־אַמעריקע, איבערהויפּט טאַקע די לעצטע. און אַז אין אַמעריקע האָט זיך באַוויזן אַ נייער שרייבער — וויליאַם פאַלקנער — וואָס באַנוגנט זיך נישט מיט סטיל און שילדערונג, נאָר פּסיכאָלאָגיזירט, גריבלט זיך אין נשמות, האָט די קריטיק אויף אים אַ זאָג געטון: אַן אַמעריקאַנער דאָסטאָיעווסקי...

די יידישע ליטעראַטור געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס איז זיכער נישט קיין שלעכטע זאַך. שלעכט איז נאָר, וואָס מיר האָבן פאַר זיך איין מוסטער פון ליטעראַטור — דעם פּסיכאָלאָגישן. און זייער נאַיוו מיינט מען ביי אונדז, אַז דער מחבר, וואָס פּסיכאָלאָגיזירט נישט, איז נישט קיין קינסטלער.

אין אַמעריקע הייבט די יידישע ליטעראַטור אָן ביסלעכווייז אַרונטערצופאַלן אונטער דער השפּעה פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער וואָרט־קונסט, און דאָס מיינט שוין ממילא, אַז זי דערווייטערט זיך פון רוסישן ווירקונגס־קרייז. אָבער ס׳איז ערשט אַן אָנהייב.

ז. סאָציאַלאָוויטש איז אייגנזאַם אין דער יידישער ליטעראַ־

טור, ווייל ער איז דאָ אַ פרעמדע פלאַנץ, דאָ, וווּ מ׳זוכט אין דער ליטעראַטור פּראָבלעמען און נשמה־גריבלענישן, אפילו ווע־די פּראָבלעמען און די פסיכאָלאָגיזאַציע זענען פון צווייפלן האפטן ווערט. נישט נאָר מאַכט כביכול אַמאָל אַ טעות און זעצט אַריין די נשמה פון אַ קריגער אין אַ פּאָעט, ווי יהואש דערציילט עס אין איינער פון זיינע פּאָעמען — ער שיקט אויך אַמאָל אַראָפּ אַ דיכטער נישט אין ריכטיקן לאַנד.

סעגאַלאָוויטש וואָלט געדאַרפט געבוירן צו ווערן ערגעץ אויף די בריטישע אינזלען און שרייבן, פאַרשטייט זיך, ענג־ליש... ער וואָלט ביי די ענגלענדער געווען פונקט אַזוי באַליבט ווי ביי אונזערע פוילישע יידן, אָבער די קריטיק וואָלט אים בעסער אָפּגעשאַצט און אָפּגעשעצט.

סעגאַלאָוויטש פאַרנעמט זיך מיט קליינע טעמעס — מיט מענטשן, מענטשן און מענטשן, שיינע מענטשן און מיאוסע מענטשן, דערהויבנדיק־ריינע און „שמענדריקעס״, אָבער אַלץ מענטשן. און אויב דער מענטש איז אַ קליינע טעמע — וואָס איז שוין גרויס?

זעען מאַכט ער אונז די מענטשן — נישט דורך פסיכאָלאָ־גישע אַנאַליזן, דורך נשמה־עקסקורסיעס, דען, ווי אָנגעוויזן, איז דאָס נישט דער איינציקער מעטאָד, וואָס איז אַ מוז פאַרן בע־לעטריסט; נאָר דורך שילדערונג, אויף אַ ריין־דערציילערישן וועג, ווי דער מאָלער טוט דאָס דורך פארבן.

זיין דערציילערישער אופן איז אַ ריין־לירישער. דער מחבר פון „שטילע טרוימען״ און „אין קאַזמיערזש״ און דער מחבר פון דער „ווילדער צילקע״ און „שמענדריקעס״ זענען געקניפּט און געבונדן. זיי דאַרפן זיך נישט באַגריסן ווי פרעמ־דע. פּאָעט און דערציילער — דאָך נישט דואַליסטיש, נאָר. אדרבא, שטאַרק מאָניסטיש איז סעגאַלאָוויטש.

ליריש דורך און דורך — אין זיין ליד, אין זיין דער־ציילונג, אין זיין ראָמאַן. זיין ליריזם איז באַהויכט מיט צער. דורכגעדרונגען פון טרויער. שטיל און געמיטלעך, זינגענדיק.

מעלאָדיש — און דערפאַר זעט עס ביי אַ טייל אויס אַזוי לייכט, אַזוי אויבנאויפיק.

זיי פאַרגעסן, דידאָזיקע, אַז צו זיין שווער, איז אַמאָל גאַנץ לייכט; דאַקעגן צו זיין לייכט, איז אָפט גאַנץ שווער, סיידן מ'איז עס „על־פי דרך הטבע" — ס'איז אַ גאָט־זאַך...

סעגאַלאָוויטש באַפאַלט נישט זיין טעמע, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פאַרגוואַלטיקן. ער באַצים זיך צו איר ריטערלעך, ראָמאַנטיש, ווי דער שפּאַנישער קאַבאַלעראָ צו זיין סינאָריטאַ, — מיט אַ גיטאַרע אין האַנט טרעט ער צו איר צו און ער זינגט זי אויס, די טעמע זיינע, שטיל און מעלאַנכאָליש.

ער איז „דער מענטש מיט דער גיטאַרע" אין דער יידישער ליטעראַטור און די, וואָס קאָנען קיין גיטאַרעס נישט פאַרטראָגן, זאָלן כאָטש די אַנדערע נישט פאַרשטערן די הנאה.

איר זעט דאָך: די יידישע — און נישט נאָר די יידישע — לייענער האָבן אים ליב. און אויב דאָס איז נישט קיין קריטעריע, טאָ לאָמיר כאָטש זיין ערלעך און אויפהערן טענות האָבן צום יידישן לייענער.

דיקטאַטאָרן ווערן איבערן יידישן לייענער און אים צווינגען זיך צו קוויקן דווקא מיט איין סאָרט ליטעראַטור און נישט קוקן אויף קיין אַנדערער — דאָס איז נישט בלויז נישט שיין, נאָר אויך אַ גוואַלטיק אומרעכט לגבי אַ גרויסן טייל פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס קומט זיך צונויף טאַקע מיט סעגאַלאָוויטשעס שאַפן, צי ס'געפעלט עמעצן, אָדער נישט.

און אַז ס'האַלט שוין דערביי, ווילט זיך זאָגן, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט רעווידירן אונזערע קאָנצעפּציעס פון ליטעראַטור — און דאַן וועט אונזער קריטיק דערזען אין אַן אַנדער ליכט אַזעלכע שריפטשטעלער ווי ז. סעגאַלאָוויטש.

א. ש. זאַקס *)

(צו זיין פופציקסטן געבוירנטאָג אין 1930)

.1

אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן פון אָנהייב דעצעמבער, 1912, בין איך געקומען צו פּרצן זיך געזעגנען, פאַר מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע. יעקב דינעזאָן איז אָנגעקומען און ביידע האָבן זיי מיר געווונטשן הצלחה אין דער נייער וועלט. בעת איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט דינעזאָן זיך פּלוצלינג באַרעכנט, אַז עס וואָלט זייער גוט געווען מיר מיטצוגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו עטלעכע יידיש־אַמעריקאַנישע גדולים — און טון זאָל עס טאַקע פּרץ. אָבער פּרץ האָט זיך געדונגען, אַז שרייבן רעקאָמענדאַציע־בריוו זאָל דווקא דינעזאָן, מחמת ער שרייבט זיך איבער מיט דער גאַנצער וועלט און זיין וואָרט האָט מער וואָג. דינעזאָן האָט בשום־אופן נישט מסכים געווען, אַז זיין וואָרט האָט ערגעץ מער וואָג, ווי פּרצס... האָבן זיך ביידע גוטמוטיק געאַמפּערט, ביז מיטאָמאָל רופט פּרץ אויס, ממש מיט פרייד:

— גוט! איך וועל שרייבן צו יהואשן!

אָבער באַלד איז ער זיך מיישב:

— און אפשר נישט... יהואש איז אַ יושב־אוהל. וואָס

*) געשטאָרבן אין 193.

קאָן ער פּאַר עמעצן טון? שאַט, ווייסט איר גאָר וואָס? איך וועל שרייבן צום ליטוואַק!

דינעזאָן האָט שוין קענטיק געוווּסט וועמען פּרץ מיינט, מחמת ער האָט תּיכּף מסכּים געווען, אַז דאָס איז דער ריכטי־קער אַדרעס.

— אַ טייערער ליטוואַק! — האָט פּרץ פריילעך זיך צו מיר אַ קער געטון, — אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש און שטענ־דיק גרייט צו טון אַ טובה. גיט אים איבער אַ האַרציקן גרוס פון מיר און דינעזאָנען.

ווער דער ליטוואַק איז, ווייס איך נאָך אַלץ נישט כאָטש פון דער התפּעלות, מיט וועלכער פּרץ רעדט פון אים, פאַר־שטיי איך, אַז ער איז מאנשי שלומנו. ענדלעך פרעג איך פּרצן וועמען ער מיינט.

— זאָג אים דו! — ווענדט ער זיך צו דינעזאָנען. און דינעזאָן איז מיר גלייך מגלה דעם סוד:

— א. ש. זאַקס!

דער נאָמען איז מיר געווען גוט באַקאַנט. אין די ראַ־דיקאַלע גרופּן, צו וועלכע איך האָב געהערט, האָט מען גע־שלונגען א. ש. זאַקסעס אַרטיקלען און גרעסערע אַרבעטן איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאַליזם און נאָך אַזעלכע ענינים, אָבער אין אַ פּאַרלעגנהייט בין איך. בטבע האָב איך פיינט זיך אַרומצוטראָגן מיט רעקאָמענדאַציעס און די אַמפּעריי צווישן פּרצן און דינעזאָנען איז דעריבער געווען לחלוטין איבעריק. איך זאָג דאָס פּרצן און ער פּרווט אפילו נישט מיך איבערצוצייגן, אַז איך דאַרף יאָ רעקאָמענדאַציעס. אַנשטאָט דעם זאָגט ער מיר.

— אָבער זאַקסן זאָלט איר אויפזוכן באַלד ווי איר שטעלט אַראָפּ אַ פוס פון שיף.

דערנאָך פאַרפירט זיך אַ שמועס מכּוח זאַקסן, זיינע וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן, און פּרץ, דער רבי, רעדט דאָסמאָל ווי אַ חסיד וועגן אַן אַנדערן. פּרץ דערוואַרט גאָר־גאָר אַ סך פון אָט דעם ליטוואַק „דאָס איז, זאָגט ער, אַ ליטוואַק מיט אַ האַרץ

פון אַ פוילישן חסיד״. ווי נעמט מען אַ סך אַזעלכע ליטוואַקעס ?״ — און אין פּרצן, דעם קינסטלער, וועקט זיך בעת־מעשה אויף דער אַמאָליקער פּרץ, דער אָנהויבער, וואָס איז אַרויס מיט זיין פּראָגראַם „בילדונג״, בעת ער אַליין האָט געשריבן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, אויפצוקלערן און באַלערנען דעם עולם.

דינעזאָן הערט זיך צו מיט הנאה צו פּרצן, שטעלט פון צייט־צו־צייט אַריין אַ באַמערקונג. מיטאַמאָל כאַפּט זיך פּרץ, אַז ער האָט אַ פּאָרלעזונג. ער וואַרפט אויף זיך אַרויף די פּאַלעדינע און מיר לאָזן זיך אין גאַס אַריין. אויפן גאַנצן וועג האַלט פּרץ אָן דעם שמועס וועגן זאַקסן.

.2

קיין אַמעריקע האָב איך געטראָגן אַ באַזונדערע, פון פּרצן אינספּירירטע, באַוווּנדערונג פאַר א. ש. זאַקסן. און מאָדנע: מיין איינדרוק איז געווען, אַז זאַקס איז שוין אַ ייד אין די יאָרן, מיט אַ לאַנגער „פאַרגאַנגענהייט״ הינטער זיך. דער איינדרוק איז נישט אָפּגעווישט געוואָרן אפילו ווען איך האָב זיך די ערשטע וואָך פון מיין אָנקומען אין ניו־יאָרק באַקענט מיט א. ש. זאַקסן אין דעמאָלטיקן יידישן ליטעראַטן־קלוב אויף הענרי סטריט. זינט דעמאָלט זענען אַריבער אַכטצן יאָר און אָט הער איך, אַז מען גרייט זיך צו פייערן זאַקסעס פופציקיעריקן יובילײ פון זיין געבוירן ווערן.

ערשט דאַן, אין 1930, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דעמאָלט, מיט אַכטצן יאָר צוריק, איז זאַקס געווען נאָך אַ יונגערמאַן, סך־הכל 32 יאָר אַלט. אין זכרון וויל איך אַרויסרופן דעם „אַמאָליקן״ זאַקס און אים פאַרגלייכן מיט דעם איצטיקן, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז צווישן זיי איז קיין אונטערשיד נישטאָ. ער איז דעמאָלט געווען נישט יונגער און היינט—נישט עלטער, גיכער איז ער שוין לעצטנס יונגער, יעדנפאַלס ענערגישער, אַגרעסיווער און ליטעראַריש־פּראָדוקטיווער.

זיין „אויסגעהאַלטנקייט״ אין אויסזען, פירט מיך נישט־

ווילנדיק צו אַ פאַרגלייך מיט זיין פּאָליטישער פיזיאָנאָמיע. און אויך דאָ איז צו זען אַ פעסטע, פּרינציפּיעלע אויסגעהאַלטנקייט. אין די אַכטצן יאָר, זענען איבער דער וועלט, נישט נאָר דער פיזישער, נאָר אויך דער גייסטיקער — אין דער וועלט פון אידייען — אַדורכגעגאַנגען מוראדיקע שטורעמס, איבערקערע־נישן. פעסטונגען, גרויסע, שטאַרקע, זענען פאַנאַנדערגעפאַלן, ווי קאָרטנשטיבלעך; פירנדיקע פיגורן זענען געשטרויכלט גע־וואָרן. זאַקס אָבער איז געבליבן דערזועלבער. ער האָט נישט פאַרלאָרן זיך און דערפאַר אויך קיינעם נישט. אפילו קאָמוניסטן, וואָס דאָס וואָרט „פאַרעטער" גייט נישט אַראָפּ פון זייערע ליפּן, האָבן נאָך דאָסדאָזיקע, אַמאָל שרעקלעך און איצט באַנאַל־גע־וואָרן, וואָרט אויף אים נישט געשליידערט.

וואָרום זאַקס איז דער מענטש פון קלאָרקייט, אַפילו דער שווערסטער קאָמפּליצירטסטער ענין ווערט ביי אים קלאָר — און גאָרנישט קאָן אים פאַרפלאָנטערן, אָראָפּציען פון וועג. ער ווייסט, וואָס סאָציאַליזם איז, און מעג מען אין די סאָציאַליס־טישע בתי־מדרשים זיך פּשטלען אַהין און אַהער, דרייען מיטן גראָבן פינגער. ווער צו־לינקס, ווער צו־רעכטס, בלייבט ער אויף זיין אָנגעצייכנטער פּאָזיציע, מחמת אין סאַמע אָנהויב פון זיין סאָציאַליסטישער אַרבעט האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַ קלאָר־פעסטע פאָרמולע פון סאָציאַליזם, און קיינער קאָן אים נישט פאַררעדן. נישט אומזיסט איז זיין בוך „די לערע פון סאָציאַ־ליזם" אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג אין אַלע סאָציאַ־ליסטישע קרייזן, אין די יידישע, ווי אין די דייטשישע און ענגלישע, ווען דאָס בוך איז אין די שפּראַכן איבערגעזעצט געוואָרן, און איז צווישן די פאַרשפּרייטסטע יידישע ביכער אין ראַטנפאַרבאַנד, כאָטש זאַקס איז נישט אין קאָמוניסטישן לאַגער.

אָבער זאַקסעס וויסנשאַפטלעכע ביכער, צי זיי זענען וועגן סאָציאַליזם און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועגן דער פּאַריזער קאָ־מונע, אָדער וועגן באָטאַניק, האָבן נאָך אַ גרויסע מעלה, וואָס ציט־צו און געווינט דאָס האַרץ פון לעזער: — נישט נאָר זע־נען זיי וויסנשאַפטלעך קלאָר, אויסגעהאַלטן און איבערצייגנדיק,

נאָר זיי פאַרמאָגן אויך דיכטערישע, קינסטלערישע וואַרעמקייט. זיין וויכנשאַפטלעכע אַרבעט איז אַ סינטעז פון אינטעלעקט און נשמה, פון געדאַנק און עמאָציע. און דאָס מאַכט אים נאָענט אפילו צו יענעם לייענער, וואָס איז נישט מסכים מיט זיינע מאַרקסיסטישע אויספירן, מיט זיין מאַטעריאַליסטישער וועלט-אַנשויונג.

און זאַקס רעדט וועגן זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, טאַקע ווי אַ דיכטער מכּוח זיינע לידער, אָדער דערציילונגען. אָט שפּאַציר איך מיט זאַקסן איבער איסט-בראָדוויי. מיט ממש קינדערשער פרייד רעדט ער וועגן זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק, פריידט זיך מיטן דערפאָלג פון זיין בוך איבער סאָציאַליזם אין דער ענגלישער איבערזעצונג. איך דערמאָן זיך אָן פּרצעס כאַ-ראַקטעריסטיק פון אים, אַז ער איז אַ ליטוואַק מיטן האַרץ פון אַ פּוילישן חסיד. און זאַקס. ווי ער וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען, רופט פּלוצלינג אויס:

— איר ווייסט, אַלמי, ביי מיר געפינט זיך אַ בריוו פון פּרצן וועגן אייך!

דאָס איז פאַר מיר אַן אמתע איבעראַשונג, וואָרום נאָכ-דעם ווי איך האָב זיך אָפּגעזאָגט מיטצונעמען רעקאָמענדאַציעס, איז מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז פּרץ האָט זאַקסן פאַרט אָנגעשריבן אַ בריוו און אים געשיקט דורך פּאָסט. אָבער פּרץ האָט דאָס מסתמא געטון אונטערן איינדרוק פון יענעם פרי-מאָרגנדיקן שמועס וועגן „דעם ליטוואַק" און געהאַט אַ פאַרלאַנג אים צו שרייבן. דערצייל איך שוין זאַקסן מכּות דעם „זאַקס-פרימאָרגן" ביי פּרצן אין הויז... און זאַקס איז פול מיט התפּעלות. מיטן חסידישן ברען צערעדט ער זיך וועגן דעם גרויסן פּרץ.

.3

איך האָב פריער דערמאַנט זאַקסעס מאַטעריאַליסטישע וועלט-אַנשויונג, אָבער עס איז אַ מאָדנער מאַטעריאַליזם ביי אים. ער האָט דעם מאַטעריאַליזם אָנגעטון אַן אידעאַליסטישע קאַפּאָ-

יטע — איך וואָלט אַפילו געזאָגט אַ חסידישע קאַפּאָטע... איך מיין נישט דאָ אַריינצוגיין אין אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון זאַקסעס ווערק איבערן סאָציאַליזם און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס וואָלט געדאַרפט באַגלייט ווערן מיט לענגערע ציטאַטן — איך רעד דאָ בלויז פון איינדרוק. — און אַזאַ איינדרוק האָבן געמוזט האָבן אַלע אָביעקטיווע לייענער פון זאַקסעס ביכער: סוף כל-סוף זענען זאַכן דאָס, וואָס און ווי מיר זעען זיי. אַזוי איז עס אויך מיט אידייען. אַ קאַלטער, טויטער פּסוק איז איין זאַך ביים מתנגד און אַן אַנדער זאַך ביים חסיד. טויטע סובסטאַנץ ווערט לעבעדיק לייב, ווען מען בלאָזט דערין אַריין וואַרעמען אָטעם.

און זאַקס איז אַ חסיד. אפשר אַליין נישט וויסנדיק האָט ער זיך געראַנגלט קעגן דעם טרוקענעם מאַטעריאַליזם, וואָס זיין רבי מאַרקס האָט אים אונטערגעטראָגן. און דער מאַטעריאַליזם איז אין זיינע הענט געוואָרן גייסטיק-פאַראיידלט. אַז זאַקס איז בטבע אַ חסיד איז נאָך בולטער צו זען פון זיין בוך „חרובע וועלטן", ווו ער שילדערט אויף אַ האַלב-בעלעטריסטישן אופן דעם אונטערגאַנג פון זיין שטעטל, און וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג סיי אויף יידיש, סיי אין דער ענגלישער איבערזעצונג. אין דעם בוך אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז די רעליגיעזע נשמה פון מחבר, וואָס דאָס איז גאָרנישט קיין געוויינטלעכע זאַך פאַר אַ מאַטעריאַליסט. זיין אידעאַליסטישע טבע האָט אים אָפּגעהיט געשטרויכלט צו ווערן אין מאַטעריאַליזם — צו דערגיין צו אַטעיזם, צו יענעם אפּיקורסות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די ערשטע לערער פון סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס. ער באַזינגט די שיינקייטן און הייליקייטן פון יידישן שטעטל און מיט טיפן ווייטיק באַקלאָגט ער זייער אונטערגאַנג. זיינע „חרובע וועלטן" זענען אַ מאָדערנער „איכה" אויפן יידישן לעבן אין אַ ליטווישער קהלה.

ה. ד. נאָמבערג

(אימפּרעסיע)

נאָמבערג האָט עס – אויף זיין קלוג-טרויעריקן שטייגער — באַאַרבעט די אינדישע לעגענדע וועגן דער וועלט-באַשאַפונג: גאָט האָט די וועלט באַשאַפן מיט אַ געגעץ, אַ געגעץ געטון— און די וועלט איז געוואָרן...

נאָמבערג פילט זיך נענטער צו ווישנאַ, ווי צו יעהאָווע. אויך זיין, נאָמבערגס, וועלט — קינסטלערישע וועלט — איז מ י ט און פ ו ן אַ געגעץ באַשאַפן געוואָרן.

נאָמבערג האָט אַ געגעץ געטון און — געקומען פליגעלמאַן, שוואַרצוואַלד, די גאַנצע ריי מערקווירדיקע געשטאַלטן.

איז עס בשום-אופן נישט לגנאי דעם קינסטלער — שעפערישער געגעץ איז אַזוי געטלעך און מענטשלעך, ווי דאָס שעפעריש וואָרט.

יעהאָווע האָט די וועלט באַשאַפט מ י ט ן וואָרט, ד ו ר כ ן וואָרט און — אפשר אויך פ אַ ר ן וואָרט. דאָס וואָרט איז געוואָרן דער אלף, דער תוך, די אימאַנענטע אידייע פון דער קרעאַטור. שם-המפורש, גאָטס וואָרט. וואָרט-פּלפּול. מיטן וואָרט שאַפט מען וועלטן. מיטן וואָרט צעשטערט מען וועלטן.

יעהאָוועס וועלט איז רייך, פילפאַרביק, ווייל — וואָרטשפּיל, ניואַנסנפול, בויגיק. וועגן און א ו י ס ו ו ע ג ן אָן אַ שיער...

וואַרטער לאָזן זיך טייטשן.
אַ געזעץ אָבער נישט.

דער געזעץ איז שטענדיק לאַנגוויַיל, שלאָף, מידקייט און לאַנגוויַיל, שלאָף און מידקייט פירן צו איין ברעג — טויט.

יעהאָוועס וואָרט איז פאַנאַנדערגעגאַנגען אין טויזנט אָפּשטראַלונגען — דורכן יידנטום, קריסטנטום, איסלאַם — אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט.

ווישנאָס געזעץ איז געבליבן אין אינדיע.

און פון ווישנאַן צו בודאַן. בודאַ, גאָטס אויסשטראַלונג גאָטס פאַרקערפערונג אויף דער ערד.

בודאַ ווייזט אַ וועג, ד ע ם וועג, דעם איינציקן וועג — נירוואַנע. ווידער געזעץ. ווידער דאָס פעלן פון וואָרט. נירוואַנע איז נישט דער טויט ווי ביים יידנטום, קריסטנטום, ביים איסלאַם. ביי זיי איז דער סוף אַ נייער אָנהויב. דער טויט — אַ נייע געבורט.

נירוואַנע איז אַבסאָלוט אויפהערן, כדי צו ווערן איינס מיטן קאָסמאָס; א ו י פ ל ע ז ו נ ג, כדי אויסגעלעזט צו ווערן פון פיין און יסורים. ס'איז די לעצטע מדרגה. די העכסטע מדרגה.

און דאָס איז אויך דער ווילן פון נאָמבערגס מענטשן. נישט זיין, אויפגעלעזט ווערן — א ו י פ ג ע ל ע ז ט — כדי צו ווערן א ו י ס ג ע ל ע ז ט. קיין אויסלעזונג אָן אויפלעזונג איז נישטאָ פאַרן יחיד. אַ כלל ווערט אויסגעלעזט, ווען עס גייט איבער פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, פון פרעמדאָך צו אייגן-הערשאַפט. דער יחיד, ווען ער וויל זיך באַפרייען פון דעם ברענענדיקן פיין און ליידן, אַנטוישונג, לאַנגוויַיל, שרעק — וווהין זאָל ער גיין?

וועגן זענען פאַראַן עטלעכע: אַסקעטיזם — אויסטון זיך פון זיך און פון דער וועלט, זיין און דאָך נישט זיין — אָבער וואָס איז דער זין דערפון? צוליב וואָס? איז שוין נישט בעסער איינגאַנצן צו פאַרטיליקן דעם אַסקעטיש-מיאוסן גוף. איינגאַנצן אויפהערן? סטאָיציזם? פאַרגליווערן זיך, איינ-

פירין? זאָל דאָס האַרץ ווערן שטאָל, פון וואַנען די גיפטיק-פיילן פון דער עקזיסטענץ זאָלן צוריקשפּרינגען? פילאָזאָפיש טעאָרעטיש איז עס אפשר מעגלעך. פראַקטיצירן איז עס שווער, אוממעגלעך פאַר ס׳רוב יחידים.

און אַז וואָס טויג דאָס אַלץ?

אבי אָנצוהאַלטן דאָס זיין! איינגראָבן זיך מיט די נעגל אין לעבן, ווי ביטער און פינסטער עס זאָל נישט זיין? און וואָס איז עס דען אינגאַנצן? —

אַ שאָטן איז דעם מענטשנס לעבן,
אוי, יאָ, עס איז אַזוי.

— — — — —
— — — — —

ער יאָגט דאָס און טרעפט דערנעבן.
ער יאָגט און פאַלט. אוי-אוי!

— — — — —
— — — — —

כאַ-כאַ! די וועלט באַגליקט!
אוי-וויי, די נויט דערשטיקט!

— — — — —
— — — — —

איך שעלט די וועלט מיט האַק און פאַק.

— — — — —

און שלאָגט די וועלט זיך קאָפּ אָן וואַנט.
זיי רויק האַרץ, זיי קלאָר פאַרשטאַנד.
אוי-וויי און כאַ-כאַ-כאַ, אוי-אוי!

אַזוי זינגט נאָמבערג אין איינס פון זיינע לעצטע לידער, אפשר טאַקע דאָס לעצטע ליד זיינס.

דאָס איז דאָס נירוואַנע-ליד פון פליגעלמאַן. שוואַרצוואַלד פון זיינע אַלע קורסיסטקעס, סטודענטן און לערער.

דאָס איז דאָס נירוואַנע-ליד נאָמבערגס.

מיר דאַכט זיך, אַז קיין קינסטלער איז נישט אַזוי איינס און איינס מיט זיינע געשטאַלטן, ווי נאָמבערג.

נאָמבערג, וואָס שאַרט זיך אָן אַ זייט, ביי די ווענט, בעת ער גייט אין גאַס. נאָמבערג מיט זיין אייביקן מהיכי-תיתא. נאָמבערג — ווער האָט נאָמבערגן געזען בעת אַ פאָרלעזונג, וואַרטנדיק אויף זיין ריי צו רעדן? אָט אַזוי איינדרימלענדיק אויף דער טריבונע זעט ער פונוויטנס אויס ווי אַ בודאַ-סטאַטוע.

עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע אין אונזער ליטעראַטור, וועלכע האָבן נאָמבערגן אויפגעוואָרפן זיינע פליגעלמאַנס און שוואַרצוואַלדס. ווער דאַרף זיי? זיי זענען אומגעזונט פאַר אונזער ליטעראַטור, פאַר אונזער לעבן.

האָב איך געלייענט און זיכער געווען, אַז —

דאָס רעדן טאַקע אַזוי פליגעלמאַן און שוואַרצוואַלד...

זיי האָבן זיך אין שפיגל דערזען און — דערשראָקן זיך פאַר זיך אַליין.

געזונטע מענטשן האָבן נישט קיין מורא פאַר אַ שאָטן, בפרט שאָטענס מיט נשמה, מיט אַזויפיל ליריזם — ווי ביי נאָמבערגן.

דער רושם, וואָס פליגעלמאַן, די קורסיסטקע מיטן פלעשעלע ציאַן-קאַלי, שוואַרצוואַלד אין „צווישן בערג", האָבן אויף מיר געמאַכט, וועט, דאַכט זיך מיר, קיינמאָל נישט אויסגעריעפט ווערן.

פליגעלמאַנס און שוואַרצוואַלדס זענען אויך פאַראַן ביי ג. שאָפמאַן, ז. י. אנכי, ביי אייניגע פון די יונגערע. אָבער קיינער האָט זיך אין זיי אַזוי טיף נישט אַריינגעלעבט, מיט-געלעבט און איבערגעלעבט ווי נאָמבערג – ווייל קיינער איז נישט אַזוי איין לייב און נשמה מיט פליגעלמאַנען, ווי נאָמבערג.

פליגעלמאַן.

שווייג שוועסטער.

צווישן בערג.

די אַנדערע זאַכן —

אומעטום, אייגנטלעך, דערזעלבער פליגעלמאַן. פליגעל־מאַן זוכט דעם טויט אין דער וויסל. שוואַרצוואַלד געפינט דעם טויט צווישן די אַלפּן־בערג. אָבער דער קינסט־לער נאַמבערג ווייזט אונז אומעטום אַן אַנדער פּאָזיציע, אַן אַנדער אַטמאָספער.

נאָר דער וועג איז שטענדיק איינער — דער וועג צו נירוואַנע, צו אויפלעזונג.

זיינע מענטשן לעבן, נישט ווייל זיי האָבן עפּעס אין לעבן, ווייל זיי דערוואַרטן נאָך עפּעס פון דער וועלט, נאָר ווייל— מ'קאָן אויך מאָרגן שטאַרבן...

מ'דאַרף נאָר שטענדיק גרייט זיין.

אַט דאָס מיידל מיטן פלעשעלע ציאַן־קאַלי. שטענדיק האָט זי עס ביי זיך. ווי עס מאַכט זיך — זאָל זי דעם טויט האָבן אונטערן האַנט, נישט דאַרפן גיין אים זוכן.

ווי גאָענט דער איבערגאַנג צו נירוואַנע איז: איין טרונק — און נישטאָ. איין שלונק — און געענדיקט איז בייז און צער, אַנטוישונג און האָפנונגסלאָזיקייט.

אָדער שוואַרצוואַלד.

אים ווייזט דער קינסטלער נאַמבערג אין אַן אַטמאָספער פון יוגענט, ליבע און שיינקייט, ווי אויף להכעיס, ווי נאָך שטאַרקער אונטערצושטרייכן דעם שוואַרצן פלעק אויף דעם וויים־זילבערנעם שניי פון די אַלפּן.

ער האָט געקאָנט שטאַרבן אונטן, שוואַרצוואַלד. דעם טויט קאָן מען אומעטום געפינען. האָט ער אָבער דערזען דעם טויט אויבן, גליטשנדיק זיך אַראָפּ־צו מיט זיין שליטעלע האָט ער דערזען דאָס אָפענע מויל פונם אָפּגרונט — און ער האָט זיך אויפגעלעזט, פאַרשוווּנדן. נאַמבערג זאָגט נישט אויס, צי ס'איז געווען אַן אומגליקס־פאַל אָדער אַ באַוווּסטזיניק אומ־ברענגען זיך. ער דאַרף עס נישט זאָגן. מיר דערפילן פון דער ערשטער שורה אָן, אַז דאָס פאַטאַלע וועט געשען.

פליגעלמאַן האָט ווייניקער מזל. ער ווערט אַרויסגעצויגן פון דער ווייסעל. נירוואַנע וואַרט אָבער אויף אים. די אויפלעזונג איז אין אים. אַזעלכע, ווי ער, קאָנען נישט לעבן. גאָרנישט דאָ אין לעבן, וואָס זאָל זיי צוהאַלטן.

עס פעלט זיי דער אַרכימעדען-פונקט...

נישטאָ אויף וואָס אָנצושפּאַרן זיך, און אויפגעלעזט ווערן איז דער איינציקער ענטפער, דער איינציקער אַבסאָלוטער אויסגאַנג.

זיי גייען אַרום אין טראַנס, נאָמבערגס מענטשן, מיטן שטענדיקן געגעץ אין זייערע נשמות.

און די שטענדיקע באַדערפעניש צו שלאָפן פולשטענדיק, פון צעבראָכענעם לעבנסלאַזן לעבן צום גאַנצן, פולן, טויטן טויט.

נאָמבערג האָט אויך אַנדערע געשטאַלטן, אין דער ישיבה אין חסידישן הויז. זיי זענען אָבער ווייניק. נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין שאַפן, כאָטש אויך אין זיי פילט זיך דער פליגעלמאַנישער טאָן.

אין ווישנאַס געגעץ-וועלט איז נאָמבערג אין דערהיים. באָמבערג, וואָס איז אין דער ליטעראַטור אַריינגעקומען גלייך פון דער ישיבה, איז גייסטיק נענטער דער אינדישער, ווי דער יידישער וועלט-אויפפאַסונג, וועלט-באַנעם.

האָט דאָך אויך, אייגנטלעך, די ישיבה אין זיך עפּעס שווערערס, שלעפעריקס, אינדישעס — יעדנפאַלס נישט-יידישעס.

פון וואַנען קומט צו אונז דער מיסטיציזם, די קבלה? ווו האָט משה דע לעאָן גענומען דעם זוהר, די נשמה פאַרן זוהר? אינדיע, פערסיע, מצרים.

און נירוואַנע?

דאָס איז אימאַנענט ביי נאָמבערגן. אַ ייד אין מזרח-אייראָפּע, אין פוילן, מיט אַ נשמה פון אינדיע.

אויב אַלע יידישע נשמות, פון אָנהייב ביזן סוף פון די

שדרות, זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני, איז נאָמבערגס נשמה געווען צן אויסנאַם — —

די האָט זיך געשפּילט אויף בודאָס שויס, איידער זי איז אַריין אינם גוף פון דעם פּוילישן ייד ה י ר ש ד ו ד...

IV

קונסט אין פילאזאפישן ליכט

וו. נאטאנסאָן איז מיר אידייש-נאָענט מיט זיין צוגאַנג צו קולטור און ציוויליזאַציע, אַוודאי און אוודאי מיט זיינע רע- ליגיעז-פילאָזאָפישע השגות; אָבער מיר איז לחלוטין פרעמד און אפילו דערווידער זיין אויפנעמען און אויסטייטשן קונסט, דעם קינסטלערישן מהות און באַטייט. די אָנווענדונג פון פילאָזאָ- פישן מעטאָד, וואָס ער קנעלט אים מיט אונז שוין יאָרן-לאַנג און וואָס ער האָט אים איצט מיט אַזאַ רחבות און פילזייטיקער ערודיציע אַנטוויקלט און פאַנאַנדערגעלייגט אויף די 545 גע- דיכט-געזעצטע זייטן פון זיין ניי בוך „אינטעליגענט, קונסט און קינסטלער"[*]—די אָנווענדונג פון אָט-דעם מעטאָד זעט מיר אויס קוידער- וועלש, און כאָטש דאָסדאָזיקע ווערק האָט מיר פאַרשאַפט ע ס ט ע ט י- ש ע ה נ א ה מיט זיין סטיליסטישער שיינקייט און קינסטלע- ריש-געקייטלטער, בילדלעכער אַרגומענטאציע, האָט עס פונ- דעסטוועגן מיך גישט איבערגעצייגט מער אין דער ריכטיקייט און גערעכטיקייט פון זיין פילאָזאָפישן מעטאָד, ווי די תשובע, וואָס דער אייגענער מחבר ו[illegible]ז געהאַט פאַרעפנטלעכט אין דער „פ. א. ש." אין 1-טן און 8-טן נאָוועמבער, 1929, אויף מיינעם אַ פעליעטאָ-

---

[*] וו. נאטאנסאָן: „אינטעליגענט, קונסט און קינסטלער", קונסט אין ליכט פון פילאָזאָפיע, פארלאג ב. קלעצקין 1932.

ניסטישן אַרויסטריט קעגן זיין „פילאָזאָפיש ליכט", אין שייכות צו ליטעראַטור און קונסט בכלל.

איך האָב אונטערגעשטראָכן די ווערטער „עסטעטישע הנאה", נישט כדי צו רייצן זיך מיט נאַטאַנסאָנען, לאמר אַזוי צו זאָגן: איר גייט-צו — און ווילט, אַז אַנדערע זאָלן צוגיין — צו קינסטלערישע ווערק מיט אַ פילאָזאָפיש ליכט, נעם איך, אייך אויף להכעיס, און האָב אַ ריין-קינסטלעריש עסטעטיש פאַר־געניגן פון אַ קריטיש-פילאָזאָפיש ווערק. חלילה! דאָס איז נישט קיין ענין פון להכעיס, נייערט פון אַ פאַקטישער רעאַק־ציע, פון אַן אוממיטלבאַרער הנאה, וואָס מיר האָבן, אפילו ביים לייענען אַ פילאָזאָפישן חבור, אויב נאָר ער איז סטיליסטיש-שיין און מיט קינסטלערישער באַהאַרצטקייט געשריבן. אַזאַ עסטע־טישן גענוס האָבן מיר, בשעת מיר לייענען די ווערק פון אַ קאַמיל פלאַמאַריאָן, אַ דזשיימס דזשינס, אַן עדינגטאָן, אַ בערג־סאָן און פון נאָך אַזעלכע וויסנשאַפטלייט און דענקער, וואָס זענען ווער בתוך קינסטלער און ווער אויך קינסטלער. דעם קינסטלעריש-עסטעטישן תענוג האָט דאָ אפילו אַזעלכער — און אפשר גראָד אַזעלכער! — וואָס איז בטבע נישט געניגט צו פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע חקירות און די פילאָזאָפיע — אָדער וויסנשאַפט — ווערט אין אים אומבאַוווסטזיניק פאַרדייט אין דעם — און דורך דעם — קינסטלערישן גענוס, ווי דער פשוטער חי-וקים, וואָס ווייסט לחלוטין נישט פון דיעטע און די גאַנצע שפייז-וויסנשאַפט איז אים פרעמד, פאַרדייט פונדעסטוועגן אַלערליי פראָטעינען און וויטאַמינען מיט דער שפייז, פון וועל־כער ער האָט הנאה, און וואָס גיבן אים די געהעריקע ווי־טאַליטעט..

פונקט אַזוי קאָן אפילו אַן אפיקורס גמור אַן אוממיטל־באַר עסטעטישן גענוס האָבן פון דער סדרה בראשית, אפילו פון דעם מיסטישן „זוהר", איבערהויפט פון די אָפטיילן „רעיה מהימנא", „אדרא רבא" און „ספרא דצניעות", ווי אַן אויסגע־שפראָכענער קעגנער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם קאָן זיך קוויקן מיט פערדינאַנד לאַסאַלס מייסטערהאַפטע און בילדער־

רייכע סאָציאַל-פּאָליטישע שריפטן, וואָרום אַלדאָס געשריבענע איז קודם-כּל ליטעראַטור, און וואָס טיפער דורכגעלעבט און װאָס שענער אין פאָרם און אין אינהאַלט, אַלץ העכער אויף דער מדרגה פון קונסט איז עס. און נישט נאָר מיטן געשריבענעם, נאָר אויך מיטן גערעדטן וואָרט איז עס אַזוי. איר הערט אַ גוטן רעדנער—און אייך באַצווינגט זיין אָראַטאָרישע קראַפט, אייך היפּנאָטיזירט זיין וואונדערלעכער סטיל פון רעדן און זיין שפּראַך איז מוזיק פאַר אייערע אויערן. איר קאָנט זיך ממש נישט אָפּרייסן. איר האָט אַן עסטעטישע הנאה, וואָרום בעת-מעשה טראַכט איר גאָרנישט מכּוח זיין אַרגומענטאַציע און עס איז מעגלעך, אַז שפּעטער, שוין אחר-המעשה, ווען דער היפּנאָז פון דער רעדע וועט זיך אַביסל אויסוועפּן, וועט איר זיך כאַפּן, אַז אַלץ, וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט, איז דורכאויס דער היפּוך פון אייערע אייגענע מיינונגען און איבערציי־גונגען. אַזאַ געפיל האָב איך נישט איינמאָל געהאַט, נאָכדעם ווי דער היפּנאָז פון פּרצעס אַ קינסטלעריש-קרעפטיקער רעדע, אָדער רעפעראַט, האָט זיך פון מיר אָפּגעטון.

וואָס איז דערפון געדרונגען? דערפון איז געדרונגען, אַז אפילו לייענענדיק, אָדער הערנדיק, פילאָזאָפישע, וויסנשאַפט־לעכע, רעליגיעזע, אָדער אפילו פּאָליטישע אָפּהאַנדלונגען, האָבן מיר קודם-כּל אַן עסטעטישן תענוג, אויב די ווערק זענען, ווי דער אָנגעוויזענער וויכטיקסטער תנאי איז, קינסטלעריש דורכגע־לעבט און געפאָרעמט; און דערפאַר איז נאָר יענער פילאָזאָף, טעאָלאָג, אָדער פּאָליטיקער, וואָס איז געבענטשט מיט קינסטלע־רישן גאָב, ביכולת צו באַשאַפן אַ יש, אַ בנין פון זיינע רעיונות שפּיי־ונגען און זעונגען, וואָס זענען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד און משפּיע זיין אַנדערע, פּונקט ווי דאָס איז דער פאַל ביים „ריינעם" קינסטלער, דאָס הייסט ביי דעם, וואָס זיינע מאָטיוון און תכליתים זענען ריין-קינסטלערישע. מיט סתם קינסטלערישע בייגונגען און רעגונגען שאַפט מען נישט קיין קונסט. מיט סתם פילאָזאָפישע טראַכטענישן און חקירות שאַפט מען נישט קיין פילאָזאָפיע. זיי — און אויך דער טעאָלאָג און דער פּאָלי־

שיקער — מוזן בכוח זיין צו באַהערשן זייער שטאָף און דער-
פון אויפבויען אַ געבײ, אַ קאָנקרעטע סטרוקטור. גאַטאַנסאָן
ווענט זיך אויף אָט דעם פונקט נישט אַמפערן מיט מיר. דאָ
און דאָרט איז ער אין זיין ביי ווערק מרמז אויף אַזאַ השגה.
און געוויס אָנערקענט ער זייער שטאַרק דעם אוממיטלבאַרן גע-
נוס און עמאָציאָנעלן אויפנעם פון דער וועלט און פון קולטור-
ווערטן; נישט מער, וואָס ער גיט די בכורה דער פילאָזאָפיע,
ווי דעם ערשטן און לעצטן סך-הכל, ווי דעם העכסטן פוסק אין
קונסט-ענינים. אין אַ געוויסן זינען גיב איך נאָך דאָ גאַטאַנ-
סאָנען אַ געווער אין האַנט אַריין. ער קאָן זאָגן אַזוי; אויב
מ'האָט עסטעטישע הנאה פון פילאָזאָפישע, רעליגיעזע און פאָ-
ליטישע ווערק, פאַרוואָס זיך נישט אויסמאָלן די מעגלעכקייט —
און נייטיקייט — פון אַ פילאָזאָפישן מעטאָד אין שייכות צו לי-
טעראַטור, צו קונסט?

וועל איך דערויף ענטפערן, אַז איך קאָן זיך טאַקע יאָ
אויסמאָלן אַזאַ זאַך. אַ סימן, קאָלעגע גאַטאַנסאָן באַנוצט זיך —
און פרעדיקט — דעם פילאָזאָפישן מעטאָד, און עס שאָדט אים
חלילה, נישט צום געזונט. עס איז אפילו פאַר מיר נאַטירלעך
און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער „פראָפעסיאָנעלער" פילאָ-
זאָף זאָל צוגיין צו אַלצדינג פון אַ פילאָזאָפישן שטאַנדפונקט,
מיט פילאָזאָפישע כוונות. אָבער אַ גאַנץ אַנדער מעשה איז עס,
ווען ער קומט צו אונז אַלעמען, דאָס הייסט צו אַלע, וואָס
האָבן וואָסער-נישט-איז שייכות צו קונסט, מיט דער פאָדערונג
אָנצונעמען און אָנצווענדן דעם פילאָזאָפישן מעטאָד אויף קינסט-
לערישע שאַפונגען, וואָרום לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג
איז עס פונקט אַזוי לאָגיש און גערעכט ווי מאַכן די עסטעטיק
פאַר דעם וויכטיקסטן פוסק איבער פילאָזאָפישע, סאָציאַלע און
פאָליטישע ווערק, בכן, זיי ווירקן אויך — און אויף אַנדערע
איבערהויפט — עסטעטיש. און וואָס איז עפעס מיט די, וואָס
דער עיקר זענען ביי זיי די סאָציאַלע מאָטיוון אין דער לי-
טעראַטור און ווילן האָבן דעם מאַרקסיזם פאַר דעם וויכטיקסטן
פוסק? ערשט ווו זענען די אַנדערע „איסטן", צווישן זיי די

מעסיאַניסטן? האָט דען נישט יעדער פּונקט אַזאַ זכות-אבות
אויף דער בכורה אין דער קונסט, ווי די פילאָזאָפיע? זאָל מען
דערפאַר אפשר „באַפרידיקן" אַלע צדדים און איר וועט זען
וואָס עס וועט ווערן. האָט דאָך מאַקס נאָרדוי גאָר אָנגעווענדט
אַ מעדיצינישן שטאַנדפּונקט אויף דער ליטעראַטור און דער
פּועל-יוצא איז געווען, אַז די גרעסטע מייסטער פון דער אייראָ-
פּעישער ליטעראַטור זענען אַרויס פון אונטער זיינע הענט בשינ-
יען, נעוראַסטעניקער, משוגעים, קראַנקע, צעדרייטע און סתם
לא-יצלחס. דאָס איז, ווען מ'טרעט אַריין אין היכל פון דער
קונסט נישט מיט קינסטלערישע און עסטעטישע „מעטאָדן", נאָר
מיט זייטיקע שטאַנדפּונקטן. פון דער קונסט ווערט דאַן, וואָס
פון דער קאַץ אין דעם אַנעקדאָט מיט דער יידענע, וואָס די
קאַץ האָט ביי איר אויפגעגעסן אַ פונט פלייש. ווען די יידענע
האָט די קאַץ איבערגעוויגען און דערזען, אַז זי וועגט פּונקט
אַ פונט, האָט זי אויסגערופן: „דאָס פונט פלייש האָב איך שוין,
אָבער וווּ איז די קאַץ?". פילאָזאָפיע איז שוין דאָ, מעסיאַ-
ניזם איז דאָ, מאַרקסיזם איז דאָ — און וווּ איז די קונסט
אַליין?...

נאַטאַנסאָן האַלט, אַז בלויז אוממיטלבאַרע הנאה איז אַ
נידעריקערע מדרגה און ער ברענגט אַ משל מיט די פּירות פון
אַ בוים. „הנאה צו האָבן — זאָגט ער — פון די פּירות פון
אַ בוים איז אַלגעמיין-וועזנטלעך און נישט ריין-מענטשלעך,
מחמת דאָס קאָן אַ חיה אויך. הנאה צו האָבן אָבער פון דעם
אויסזען פון אַ בוים, פון דער ווייסקייט פון זיינע בליונגען, פון
דער גרינקייט פון זיינע בלעטער און פון דער סימעטרישער
פאַנאַנדערצווייגונג פון זיין שטאַם— איז שוין ספּעציפיש-מענטש-
לעך, ווייל די חיה איז שוין קוים פעיק אויף דעם. טאָ פאַרוואָס
זאָל עס נישט זיין נאָכמער מענטשלעך, און במילא, נאָך אַ הע-
כערע מדרגה פון געניוס, הנאה צו האָבן, בעת מ'קוקט אויפן
בוים, פון די געדאַנקען, וואָס די שיינקייט רופט אַרויס? — גע-
דאַנקען וועגן דער קראַפט פון לעבן, וואָס זעצט זיך דורך אין
דעם דאָזיקן בוים, אַזוי גוט ווי דורך אַלע אַנדערעביימער...?

און וואָס קאָן נאָך זיין מער מענטשלעך, ווי אַריבערצוגיין פון דער קראַפט, וואָס באַלעבט אַלץ, פון גרעזעלע ביזן מענטש — צו דער גייסטיקער קראַפט, וואָס באַזעלט אויף אַ גאַנץ באַזונדערן אופן דעם מענטש בכלל, און דעם הויך־אַנטוויקלטן מענטש בפרט — און טאַקע ביז צו דער אַלהעכסטער קראַפט אין דער וועלט...?" א. ז. וו. אָט דאָס פרעגט נאַטאַנסאָן און אין דעם דריקט זיך אויס, ווי מיר דאַכט זיך, דער תמצית פון זיין פילאָזאָפישן געדאַנקענגאַנג אין שייכות צו קונסט. און עס איז באמת זייער שיין געפרעגט.

יאָ, זייער שיין, אָבער — די פראַגע רופט אַרויס פאַרוואונדערונג: ווער זאָגט דען, אַז קוקנדיק אויפן בוים, צי אויפן אויסגעשטערנטן הימל, צי אויף אַ גרעזעלע, אָדער פליגעלע, צי אויף אַן עפל, טאָר מען נישט טראַכטן אָט די אַלע טראַכטענישן? נישט נאָר מען מעג, נאָר ס'איז טאַקע זייער ווויל צו טראַכטן, אויב עס טראַכט זיך. די פראַגע איז דאָך דאָ אַ גאַנץ אַנדערע — מכּוח אַ באַשטימטן, פאָרויס־צוגעשניטענעם מעטאָד, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אין דער קונסט־אויפפאַסונג אויף דרש, אויף אַן עלעמענט, וואָס מיט זיין אַריינמישן זיך, מוז ער צעשטערן די אוממיטלבאַרע הנאה דאָרט, וווּ דער אוממיטלבאַרער עסטעטישער גענוס איז דער סאַמע עיקר. בעת איינער עסט אַן עפל, קאָן ער בעת־מעשה באַוואונדערן די שיינקייט פון בוים, פון וועלכן ער האָט דעם עפל גענומען און ער קאָן אין געדאַנק אַוועקוואַנדערן כ'ווייס־ווו, אָבער די הנאה פון זאַפטיקן עפל איז די ערשטע רעאַקציע, וואָס ער פילט מיט זיין גומען בפועל־ממש, און די הנאה און דערנערונגס־שטאָף, וואָס דער עפל גיט, זענען דאָס „כאַראַקטעריסטישע" און מהיתדיקע פון דעם עפל — און נישט די רעיונות, וואָס קאָנען בעתן־קייען קומען אויפן זינען... זאָל ער אָבער, פאָלגנדיק נאַטאַנסאָנען, פריער פון אַלץ זיך אַריינטראַכטן אין די עולמות־העליונים, בעת ער נעמט דעם עפל אין מויל אַריין, קאָן זיך, חלילה, דער עפל אוועקשטעלן אין האַלז פאַפּעריק, נישט אַראָפּצושלינגען און נישט אויסצושפּייען; אָדער עס קאָן גאָר פּאַסירן, אַז דער איני־

האַלט פון עפּל איז אַ ווערעמדיקער און דער פאַרטראַכטער בעל-דבר קאָן, באַהיט זאָל מען ווערן, אַראָפּשלינגען דעם עפּל מיטן וואָרעם... אָדער לאָמיר נעמען אָנשטאָט אַן עפּל — געלעכטער. געלעכטער איז אַ טיפער ענין פאַר פילאָזאָפן פון טהאַלעס ביז בערגסאָן. פאַרוואָס לאַכן מיר? ווען און ווי-אַזוי לאַכן מיר? פון וואַנען האָט זיך דאָס געלעכטער גענומען? אַלץ אינטערעסאַנטע קשיות. נאָר פּראָבירט, אדרבא, אָנווענדן דעם פילאָזאָפישן מעטאָד בנוגע געלעכטער, בעת „דער נאַר שטופּט אייך” צום לאַכן, בעת איבער אַלע אייערע אברים לויפט אַריבער, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, אַ קיצלדיק געפיל און שפּאַרט זיך אַרויס דורכן האַלז אין הילכיקע טענער. דאַ-מאָלט איז, נאַטירלעך, פונקט דער ריכטיקער מאָמענט זיך אַריינ-צולאָזן אין אַ חקירה מכוח דעם מהות פון לאַכן!... אויך דער קוש איז אַ טיפער ענין. פאַראַן אַלערליי וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע שיטות וועגן דעם אַנטשטיי און אַנטוויקלונג פון קוש און וועגן דעם, פאַרוואָס עס ציט אונז צום קושן, אָבער דער טעם פון אַ קוש איז אַ גאַנץ אַנדערער... איר זאָלט זיך נישט דערוועגן צוצוטרעטן צו אַ פאַרליבט פּאָרל, אין סאַמע פּראָצעס פון אַ קוש, מיט פילאָזאָפיע, ווי טיף און ווי שיין זי (די פילאָזאָפיע) זאָל נישט זיין. עס וועט אסור קיין טעם נישט האָבן צו פאַרשטערן דעם פאַרשפּורנדיקן טעם פון אַ קוש מיט פילאָזאָפישער חקירה. נו, פונקט אַזאַ טעם האָט דער פי-לאָזאָפישער מעטאָד אין יעדן פאַל, ווו מיר געניסן פון לעבן, אָדער פון דער קונסט, אוממיטלבאַר, ספּאָנטאַן, סטיכיש.

נאָר איך וועל זיך אומקערן צום עפּל מיטן מעגלעכן וואָרעם, מחמת דאָרט גרייך איך אַ פונקט אין דער „פילאָזאָפי-שער קריטיק”, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן „סכנה פאַר דער קונסט” — אַ פונקט, אגב, וואָס איך האָב אים שוין באַרירט זײ, מיין אַמאָליקן פעליעטאָן וועגן נאַטאַנסאָנס מעטאָד, אין שייכות צו לוצקיס זייגערל*). וואָס פאַראַ סכנה איז דאָס? די

*) זע מיין בוך „ליטעראַרישע נסיעות”.

סכנה איז. וואָס אויב איינער שטעלט דעם טראָפּ אויף פילאָזאָפישער חקירה אין דעם צוגאַנג צו קונסט, קאָן טרעפן—און עס טרעפט טאַקע – אַז דערדאָזיקער זאָל פאַרזען די הויפּט-אייגנשאַפטן פון און די הויפּט-פאָדערונגען צו אַ קינסטלעריש ווערק וואָרום פילאָזאָפישע געדאַנקען קאָן מען אַרויסציען פון אומקינסטלערישע, אפילו דורכויס-טאַלאַנטלאָזע ווערק, פונקט ווי פון קינסטלעריש-עכטע, און אפשר נאָכמער, וואָרום דער טאַלאַנטלאָזיקייט פאַרדעקט זיך אָפט מיט וואַזשנער געדאַנקלעכקייט, מיט געפליגלטע פילאָזאָפישע רעיונות און מיט אינטעלעקטועלן מאַניעריזם. זענט איר, ביים צוטריט צו אַ ווערק פאַרנומען מיט דעם ציל צו פאָמפּען דערפון פילאָזאָפיע, שטערט עס אייער עמאָציאָנעלן, חושימדיקן אויפנעם פון דעם ווערק און נישט נאָר וואָס איר זענט דערמיט מבטל אייער אוממיטלבאַרע רעאַקציע, נאָר איר שטעלט זיך אויך אין דער לאַגע אָפּגענאַרט צו ווערן און דערנאָך אָפּצונאַרן אַנדערע, מחמת עכטקייט, אָדער אומעכטקייט פון אַ ווערק קאָן מען דערשפּירן בלויז עמאָציאָנעל אינטויִטיוו — דורך די עסטעטישע און שעפערישע, אָדער מיטשעפערישע, חושים.

נאָר לאָמיר אויף אַ ווײַלע צולאָזן דעם פילאָזאָפישן מעטאָד צו דער ליטעראַטור און זען, צי לוינט זיך בכלל אים אָנצווענדן, אויב אפילו ער זאָל נ י ש ט באַזיצן די אַלע חסרונות, וואָס אויף זיי האָב איך אָנגעוויזן. וואָסער געווינס וועט ער אונז אַזוינס ברענגען, אַז ער זאָל פאַרדינען די בכורה איבער אַלע אַנדערע קונסט-באַטראַכטונגען און עס זאָל כדאי זיין צוליב אים צו פאַרשטערן אונזער אוממיטלבאַרן עסטעטישן געניסז לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די גאַנצע פילאָזאָפיע מיט פלאַטאָ, אַריסטאָטעל, שפינאָזאַ, קאַנט, בערגסאָן און די אַנדערע גרויסע דענקער איז מיטאַמאָל אָפּגעמעקט געוואָרן פון פנים פון דער ערד און ס'איז נישט געבליבן קיינער, וואָס זאָל געדענקען כאָטש אַן איינציקן פילאָזאָפישן געדאַנק, וואָס די דערמאָנטע און נישט-דערמאָנטע, האָבן אַרויסגעזאָגט — צי וואָלט מעגלעך געווען צונויפצושטעלן כאָטש איין-איינציק פילאָזאָ-

פיש סיסטעם, באַשאַפן איין־איינציק וועלט־בילד פון דער פילאָ־זאָפיע, וואָס דער פילאָזאָפישער קריטיקער וועט אַרויסדרענגען און אַרויסדריינגען פון די טויזנטער און טויזנטער ליטעראַרישע און אַלגעמיין קינסטלערישע ווערק? נאַטאַנסאָן אַליין וועט זי־כער מודה זיין, אַז דאָס וועט בשום־אופן נישט מעגלעך זיין. פאַרוואָס? ווידער די אייגענע מעשה: מחמת דער שעפערישער מאָטיוו און דאָס שעפערישע ציל פון דער קונסט איז נישט פילאָזאָפיע, נייערט — קונסט. די פילאָזאָפיע, וואָס מ׳קאָן צו־נויפשאַרן פון דער קונסט, איז אין בעסטן פאַל - שיחות־הולין אַ שורה דאָ, אַ שורה דאָרט מיט אַביסל פילאָזאָפישע קערנדלעך. (סיידן מ׳זאָל די גאַנצע פאַבולע פון אַ ווערק טייטשן סימבאָליש אָדער אַלעגאָריש, וואָס דאָס איז דאָך קיין פילאָזאָפיע נישט און אפילו דאָס וועט אויך נישט באַרייכערן דעם מענטשלעכן געדאַנק) — איז דעריבער קאָן דאָס גאַנצע קלייבעניש פון פי־לאָזאָפישע קערנדלעך אין דער קונסט, געדעקט ווערן מיט דעם ווערטל: גיין צו דער גאַנז נאָך האָבער...

נאַטאַנסאָן ברענגט אַ סך ציטאַטן — פון שיר־השירים ביז וואָלט וויטמאַן — צו אילוסטרירן זיין פילאָזאָפישן מעטאָד. איך וועל אָנכאַפּן וויטמאַנס שורות פון זיין „געזאַנג וועגן זיך זעלבסט", ווו ער זאָגט צווישן אַנדערע: „איך האָב געהערט, וואָס די רעדנער האָבן גערעדט, דעם גערייד וועגן דעם אָנהייב און דעם סוף, אָבער איך רעד נישט וועגן דעם אָנהייב, אָדער דעם סוף — — — עס איז קיינמאָל נישט געווען מער התחלה, ווי עס איז פאַראַן איצט, אויך נישט מער יוגנט, אָדער עלטער, ווי עס איז פאַראַן איצט, און נישט זיין וועט קיינמאָל מער פולקומענהייט, ווי עס איז פאַראַן איצט. — — — דראַנג און דראַנג, כּסדר דער שאַפנדיקער דראַנג פון דער וועלט, פון דער טונקלהייט שטייגן צוויי אַנטקעגנגעזעצטע גלייכע, כּסדר סוב־סטאַנץ און פאַרמערונג, כּסדר געשלעכט, כּסדר אַ פאַרקניפּונג פון זעלביקייט, כּסדר אונטערשיידונג, כּסדר אַן אויסבריי פון לעבן". און דער מחבר פון „אינטעליגענט, קונסט און קינסט־לער" באַמערקט צו דעם ציטאַט: „איך לייען און איך פרעג

מיך: וואָס האָט דאָ, אין דידאַזיקע שורות, איבערגעגעבן דער פּאָעט וויטמאַן — אַ געדאַנק, אָדער אַ געפיל? און מיין ענטפער איז: ביידע, אי אַ געפיל, אי אַ געדאַנק. עס איז קודםכל אַ געפיל, מחמת דער יעניקער אפילו, וואָס וועט נישט פאַרשטיין, אָדער וועט זיך נישט פאַראינטערעסירן מיט די פילאָזאָפישע פראַגן פון אַבסאָלוטהייט און רעלאַטיוויטעט און זייער שייכות צו די באַגריפן פון אָנהייב און סוף, גוט און שלעכט, פולקומענהייט און אומפולקומענהייט — אויך דער אפילו, זאָג איך, וועט הנאה האָבן פון דידאָזיקע פּאָעטישע שורות. אמתע הנאה פון זיי קאָן גאַראַנטירט ווערן אפילו דעם, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהערט דעם נאָמען העגעל, דעם נאָמען פון דעם פילאָזאָף, וואָס בויט גאַנצע וועלטן אויף דעם באַגריף פונם זעלביקן אין דעם אַנדערש און דעם אַנדערשטיקן אין דעמזעלביקן; אָדער פון נאָמען בערגסאָן, ביי וועמען באַשאַף באַטייט פאַרמערונג און נישט אַרויסוויקלונג פון סובסטאַנץ א. אז. וו. א. וו."

וואָס־זשע לערנען מיר פון דעם וויטמאַן־ציטאַט און נאָטאַנסאָנס קאָמענטאַר? מיר לערנען, אַז ס'איז אַ גרויס נס, וואָס ס'איז געווען אַ העגעל און ס'איז דאָ אַ בערגסאָן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט פילאָזאָפישע בנינים — אַנדערש וואָלטן וויטמאַנס רייד מכּוח אָנהייב און סוף, סובסטאַנץ און פאַרמערונג געווען בלויז (און דאָס זענען זיי טאַקע) פּאָעטישע שפּירונגען, וואָס זענען אויף אונז משפּיע מיט זייער פּאָעטישער קראַפט; קיין פילאָזאָפיש סיסטעם וועגן סובסטאַנץ, און אָנהייב און סוף וואָלט מען פון וויטמאַנס פּאָעמע נישט געקאָנט באַשאַפן, און אַזוי ווי פילאָזאָפישע סיסטעמען וואָס נעמען אַריין דידאָזיקע באַגריפן, זענען שוין יאָ דאָ, קאָנען וויטמאַנס שורות צו זיי גאָרנישט מוסיף זיין, אויף קיין האָר זיי נישט באַרייכערן... טאָ צו וועלכע גוטע יאָר זאָל איך מטריח זיין די פילאָזאָפיע מיט אירע געניאַלע בויער, בעת איך לייען וויטמאַנס פערזן? דאָס אייגענע איז, ווען אַ דיכטער זינגט וועגן אוניווערסאַלער איינהייט, וואָס ער שפּירט בחוש — און דיכטער

האָבן טאַקע וועגן דעם געזונגען טויזנטער יאָרן — אָבער אַ מעכטיק פילאָזאָפיש געבײַ פון אָט דעם איינהייט-געדאַנק האָט אויסגעבויט נישט קיין פּאָעט, נאָר דער פילאָזאָפיש-מאַטעמאַטיש-דענקענדיקער ברוך שפינאָזאַ. און דאָס איז מכוח פּאָעזיע, דאָס איז אומגעהויער נענטער צו דער פילאָזאָפיע, ווי וועלכע אַנדערע קונסט, בפרט די אינטעלעקטועלע פּאָעזיע, ווו דאָס באַוווסטזיניקע דענקען דאָמינירט דאָס אומבאַוווסטזיניקע, סטיכיש-עמאָציאָנעלע שפּירן. דאָך איז עס פאָרט פּאָעזיע און נישט קיין פילאָזאָפיע און זי מוז דערפאַר צו זיך האָבן אַ פּאָעטישע — און נישט קיין פילאָזאָפישע — באַציונג.

כדי גערעכט צו זיין צום חשובן אויטאָר וועל איך דאָ פאַרצייכענען, אַז ער איז נישט אויסן דווקא ווערק מיט פילאָזאָפישע כוונות פאַר זיין פילאָזאָפיש ליכט, דאָס הייסט אַזעלכע אינטעלעקטועלע און טענדענציעזע חבורים, וואָס טייטשן זיך אַליין... אדרבא, סיי אין זיינע עסייען „קונסט און אומבאַוווסטזיניקע געדאַנקלעכקייט" און „עמאָציעס אין קונסט", סיי אין זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן טאָלסטאָי און ראָלאַן (אַלץ אין דעמזעלבן בוך) זאָגט ער זיך אַרויס פאַר ריין-קינסטלערישע ווערק. אַזוי, צום ביישפּיל, האַלט ער, אַז אין טאָלסטאָיס „קריג און פרידן" איז פון די צוויי פרויען-געשטאַלטן, נאַטאַשע און מאַריע, די ערשטע אַ סך געראָטענער, „אויסגעהאַלטן פון אָנהייב ביזן סוף", ווייל זי האָט באַשאַפן טאָלסטאָי דער קינסטלער, אָן פילאָזאָפישע כוונות, בעת מאַריען האָט באַשאַפן טאָלסטאָי דער פילאָזאָף. מיט איין וואָרט: דער פילאָזאָפישער קריטיקער שטרעבט איבערצוהויפּט איבערצושעצן עמאָציעס — אין געדאַנקען; דאָס אומבאַוווסטזיניקע — אין באַוווסטזיניקן. אָבער וואָס מיינט דאָס אין תוך? עס מיינט, אויב אַזאַ מעטאָד זאָל זיך אפילו איינגעבן, צו פאַרבייטן איין וואָרט אויף אַן אַנדער וואָרט, מחמת סוף-כל-סוף אָפּערירן סיי דער דיכטער, סיי דער פילאָזאָף מיטן וואָרט-שטאָף, נישט מער, וואָס ביידע בויען פון אָט דעם מענטשלעכן וואָרט פאַרשידנאַרטיקע בנינים. דער ערשטער — אַ קינסטלערישן; דער צווייטער — אַ פילאָזאָפישן.

דאָס, ווי עס איז צו זען, לייקנט בשום־אופן נישט אָפּ די שייכותן צווישן פאַרשידענע קולטור־אויסדרוקן, אָבער זיי, אָט די שייכותן, באַשטייען נישט, ווי נאַטאַנסאָן מיינט, דערין, וואָס מ׳וועט באַווייזן, אַז די קונסט איז אויך פילאָזאָפיע, נאָר אין דער געמיינשאַפטלעכקייט פון דעם מענטשלעכן וואָרט, וואָס יעדער פון זיי באַנוצט פאַר אַ באַזונדערן צוועק; ווי אויך דערין, וואָס סיי די פילאָזאָפיע (ווי אַלע אַנדערע קולטור־אויסדרוקן) זענען דער פּועל־יוצא פון אונזערע בענקענישן און דראַנגען, פון אונזער ווילן צו געפינען זיך און באַפעסטיקן זיך אין דער וועלט און די וועלט אין אונז, פון אונזער נטיה זיך צו באַטייליקן אין די מעשי־בראשית, דער קינסטלער אויף זיין שטייגער; דער פילאָזאָף, אויף אַן אַנדער שטייגער און דער קאָמפּאָזיטאָר און מאָלער, אויף זייערע שטייגערס. אָט אַזוי איז עס אין דער גאַנצער יצירה: פאַרשידנאַרטיקייט פון פאָרמען און אויסדרוקן, כאָטש אומעטום און אין אַלץ זענען די אייגענע עטלעכע עלעמענטן און צוזאַמען איז אַלצדינג איין אוניווערסאַלער איינס.

דער מענטש, דער מיטשאַפער פון דער וועלט, באַשאַפט אויך פון זיך אַרויס אַלערליי וועלטן, כלערליי געשטאַלטן. פאַרשידענע הימלען און ערדן. און מיר מוזן יעדע פון דעם מענטש־געשאַפענער וועלט אָבסערווירן אין איר אייגן ליכט, זוכן אין איר דעם טעם און די פאַרב, וואָס זענען בלויז איר אייגן, ווי מיר האָבן אַן אַנדער „באַציונג״ צום צעדערבוים, ווי צום פייגנבוים, צום עפּלבוים, ווי צום סאָסנע־בוים, כאָטש אַלע זענען זיי — בוים. ביי אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג וועלן מיר אפשר אַנטדעקן אין דעם צעדערבוים געוויסע אייגנשאַפטן, וואָס זענען אויך דאָ אין עפּלבוים, אָבער דאָס וועט נישט זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם צעדערבוים... פונקט אַזוי ווי די פילאָזאָפיע איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קונסט. און דערפאַר האָב איך פריער געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע עסק לוינט זיך נישט, מחמת די פילאָזאָפיע, וואָס מ׳קאָן פון דער גאַנצער קונסט אַרויספּאָמפּן, קאָן זיך באַהאַלטן ביי אַ שפּינאָזאַ, אָדער

ביי אַ העגעל אונטערן מינדסטן נאָגל. טאָ צוליב וואָס זוכן עפּלבוימדיקס אין צעדערבוים? און נישט נאָר איז אַזאַ מעטאָד נישט כּדאַי, נאָר ער אַרבעט אפילו נישט, ווען עס קומט צו פּראַקטישער און פאַקטישער אָנווענדונג אויף דער קונסט, יעדנפאַלס וואָס עס איז שייך נאַטאַנסאָנען. כּל-זמן נאַטאַנסאָן רעדט אַבסטראַקט און טעאָרעטיש מכּוח פילאָזאָפישער קריטיק און אילוסטרירט זיין תּורה מיט אַ ציטאַט פון דעם און יענעם דיכטער, האַלט ער זיך אויף זיין אָנגעצייכנטער ליניע; קומט ער אָבער צום קאָנקרעטן טייל פון זיין בוך, וו ער נעמט אַרום גאַנצע שרייבער, גאַנצע ווערק און דאַרף זיי אילוסטרירן מיט זיינעם אַ פילאָזאָפישן רעיון, אָדער אויספיר — דאַן ווערט זיין פילאָזאָפישער מעטאָד בטל. דער קריטיקער פאַרגעסט זיך ממש, אַז ער איז אַ פילאָזאָפישער און מיר האָבן פאַר זיך קריטיק ווי אין פּסוק שטייט — קריטיק, וואָס יעדער נישט-פילאָזאָפישער קריטיקער וואָלט געמעגט אויף איר שטאָלץ זיין, אַ מין סינטעז פון עקספּרעסיאָניסטישער, אימפּרעסיאָניסטישער און עסטעטישער אויפפאַסונג, פאַרבראָקט בלויז דאָ און דאָרט מיט אַ פילאָזאָפישער ראָזשינקע. עס זעט אויס ווי דער קריטיקער האָט זיך אַזוי פאַרכלּיניעט אין דער גרויסמייסטערשער קונסט, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט, אַז ער האָט פאַרגעסן זיין פילאָזאָפישע מיסיע.

נישט אומזיסט האָט טאָלסטאָי, וועלכער האָט מבטל געווען דעם ענין טייטשן אַ קונסטווערק, אויך מבטל געווען קריטיק בכלל, וואָרום וואָס איז דען קריטיק, אויב נישט טייטשן? נישט מער, וואָס נאַטאַנסאָן רופט דאָסדאָזיקע טייטשן „פילאָזאָפיע”. אין אַלגעמיין דאַכט זיך מיר, אַז דער אונטערשיד צווישן נאַטאַנסאָנס באַציונג צו קונסט (אין פּראָצעס פון אַקטועלן באַהאַנדלען זי) און דער באַציונג פון אַנדערע לייענער — און קריטיקער — באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אַ פילאָזאָפיע מכּוח פילאָזאָפישער קריטיק, און נאָכמער אפשר אין דעם, וואָס ער רופט-אָן זאַכן מיט אַנדערע נעמען, מיט אַן אַנדער סאָרט טערמינאָלאָגיע. למשל, ווען נאַטאַנסאָן רעדט וועגן נאַטאַשען

אין „קריג און פרידן", זאָגט ער, אַז אָט די וווּנדערלעכע פּרוי „באַווירקט און באַאײַנפֿלוסט (די נשמה) קולטוריש". אַנדערע וואָלטן דאָ, אָנשטאָט קולטוריש, אַוועקגעשטעלט אַן אַנדער וואָרט... ווען נאַטאַשע שטייט בײַם בעט פֿון גוססדיקן אַנדריי און אַנדריי ציט צו איר אויס די האַנט, פֿרעגט דערבײַ נאַטאַנסאָן: „און ציען זיך דען נישט אויך אונזערע הענט צו איר?" זיכער. אָבער נישט דערפֿאַר, וואָס דאָס איז קולטוריש, אָדער פֿילאָזאָפֿיש, נייער דערפֿאַר, וואָס טאָלסטאָי, דער געניאַלער קינסטלער, האָט באַשאַפֿן אַ וווּנדערלעכע, גייסטיק־דערהויבענע און פֿיזיש פּרעכטיקע פּרוי, אַזוי פֿול מיט אָטעם, מיט ריטם, מיט לעבן, אַז אויך מיר, די לייענער, פֿאַרליבן זיך אין איר, ווי אַנדריי. איז דאָס נישט די העכסטע מדרגה פֿון קונסט, דער גרעסטער שבח פֿאַר אַ קינסטלער? אָדער אין האַמסונס „מיסטעריען", ווו נאַגל זאָגט וועגן די סינגאַלעזן, אַז „זיי שטייען פֿאַרן פֿרעמדן אָנגעטון אין שמאַטעס, אָבער בעת זיי רעדן, צווינגען זיי אים פֿונדעסטוועגן אַראָפּצולאָזן פֿאַר זיי די אויגן", דערגייט נאַטאַנסאָן צו אַזאַ אויספֿיר: „און דאָ איז, שרייבט ער, דער שליסל צו דער גרויסקייט פֿון ווערק מיסטעריען. עס צווינגט די ציוויליזאַציע אַראָפּצולאָזן אירע אויגן פֿאַר דער קולטור. עס צווינגט דיווירקלעכקייט (צו) בייגן דעם קאָפּ פֿאַרן חלום. א. אַז. וו." נו, אַ נישט־פֿילאָזאָפֿישער קריטיקער וואָלט מסתמא געקומען צו אַ גאַנץ אַנדער סך־הכּל פֿון האַמסונס „מיסטעריען", אַ חוץ דעם, וואָס ווי ווייניק אייבער זאָל נישט האַלטן פֿון ציוויליזאַציע, וועט אים ממש אוממעגלעך זײַן מסכּים צו זײַן, אַז די סינגאַלעזן האָבן מער קולטור ווי די אייראָפּעער, בלויז דערפֿאַר, וואָס די לעצטע האָבן אויך ציוויליזאַציע און די ערשטע — נישט... נאָר דאָס איז שוין אַ זײַטיקער ענין. אָבער אויך דאָס מאַכן אַ צופֿעליקע פֿראַזע, אָדער שילדערונג, בקיצור, אַ טפֿל פֿאַר דעם אויסגאַנגס־פּונקט, דעם שליסל. פֿון אַ ווערק, איז נישט דווקא כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ פֿילאָזאָפֿישן קריטיקער. דאָס טוען אויך אַנדערע סאָרטן קריטיקער.

די אונטערשטע שורה איז, אַז גערעכט איז נישט נאַטאַנ־סאָן, נאָר טאָלסטאָי, וואָס זאָגט אין זיין בוך „וואָס איז קונסט" אַז „אויב דאָס ווערק רעגט נישט אָן די מענטשן, וועלן קיין אויסטייטשונגען נישט מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל אָנהייבן רעגן. אויסטייטשן די ווערק פון אַ קינסטלער קאָן מען נישט. ווען מ'זאָל קאָנען מיט ווערטער אויסטייטשן דאָס, וואָס דער קינסט־לער האָט געוואָלט זאָגן, וואָלט דער קינסטלער עס געזאָגט אין ווערטער. און ער האָט עס געזאָגט מיט זיין קונסט דערפאַר, וואָס אויף אַן אַנדער אופן האָט מען נישט געקאָנט איבער־געבן דאָס געפיל, וואָס ער האָט דורכגעלעבט. דאָס אויס־טייטשן אין ווערטער די ווערק פון קונסט, באַווייזט נאָר, אַז דער, ווער עס טייטשט, איז נישט פעיִק באַווירקט צו ווערן פון קונסט. אַזוי איז דאָס, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען. קריטיקער זענען אַלעמאָל געווען מענטשן, וועלכע זענען ווי־ניקער פאַר אַנדערע פעיִק געווען זיך אָנצושטעקן מיט קונסט, און דערפאַר האָבן דידאַקטיק מענטשן מיט זייער שרייבן באַ־דייטנדיק געווירקט און ווירקן איצט אויף דער פאַרדאָרבונג פונם געשמאַק פון יענעם עולם, וועלכער לייענט זיי און גלויבט זיי". אָט אַזוי האָט געשריבן טאָלסטאָי (ציטירט פון נאַטאַנ־סאָנען) און טאָלסטאָי איז געווען אי אַ גרויסער קינסטלער, אי אַ פילאָזאָף. קאָן דאָ דעריבער קיין רייד נישט זיין פון איינ־זייטיקייט — ער האָט געקאָנט רעדן פאַר ביידן; דאָ קאָן אויך נישט אויפקומען דער ווילער חשד, אַז טאָלסטאָי זאָל האָבן געהאַט אַ הארץ אויף קריטיקער, ווי חכמים האָבן עס ליב אַ וואָרף צו טון יעדן, ווער עס זאָגט אַ קרום וואָרט אויף אַ קריטיקער — ווער־ווער, טאָלסטאָי איז זיכער נישט געקריוודעט געוואָרן פון דער קריטיק, און סיי־ווי איז ער פון איר נישט אָפּהענגיק געווען... מ'קאָן דאָ בלויז זאָגן, אַז טאָלסטאָי האָט פאַראַלגעמיינערט דעם באַגריף קריטיק, ווארום עס איז אויך פאַראַן אַ קריטיק, וואָס טייטשט נישט, נאָר וואָס פּראָבירט צו ברענגען אין אָרדנונג די אימפּרעסיעס און עסטעטישע הנאות, וואָס אַ קונסט־ווערק האָט אַריינגעקוואָלן אין דעם קריטיקער.

לייענער; איז עס טאַקע גוט, וואָס אויך נאַטאַנסאָן, בעת ער פאַרגעסט — און צום גליק פאַרגעסט ער אָפט — אַז ער איז אַ פילאָזאָפישער קריטיקער — גיט אונז איז גרויסן טייל אַזאַ סאָרט עסטעטיש-אימפּרעסיאָניסטישע קריטיק. זאָל מען נאָך דאָ און דאָרט ענדערן זיין טערמינאָלאָגיע, און מיר וועלן איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די אָפּהאַנדלונגען וועגן טאָלסטאָיען, ראָלאַנען, האַמסונען, דאָסטאָיעווסקין און טאָמאַס מאַנען האָט געשריבן אַ פילאָזאָפישער קריטיקער. איך קריג זיך דעריבער מיט נאַטאַנסאָן דעם טעאָרעטיקער פון פילאָזאָפישער קריטיק און נישט מיט נאַטאַנסאָן דעם שרייבער פון קריטיק, ווו די פילאָזאָפיע ווערט, צום גליק, בטול בששים אין שטראָם פון עסטעטישע איבערלעבונגען.

דער נס איז דאָ אפשר, וואָס מיט די פינף ריזן פון דער וועלט-ליטעראַטור, וואָס ער באַהאַנדלט אין זיין בוך, גייט ער אויף אַ זיכערער בריק. די סכנה ליגט דעריבער איבערהויפּט דאָרט, ווו מ׳קומט מיט דעם פילאָזאָפישן ליכט צו שריפטשטע-לער, וואָס זייער אַרבעט מוז ערשט אָפּגעשאַצט — און פאַר דער וועלט אַרויסגעפירט — ווערן, בפרט, ווען דידאַקטיק זע-נען ווייט נישט אַזעלכע טיטאַנען, וואָס זייער קונסט זאָל דעם פילאָזאָפישן קריטיקער אַזוי פאַרשיכורן, אַז ער זאָל גאָר פאַר-געסן אָן דער מיסיע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, ווער שמועסט שוין, אַז ער שלאָגט זיך אָן אָן געשיקטע קונסט-אימיטאַטאָרן, וואָס זיי ווייסן די קונץ ווי צו פאַרנאַרן אין זאַך אַריין, איבערהויפּט איינעם, וואָס זוכט אין דער קונסט רמזים און פילאָזאָפישע געדאַנקלעכקייט — דאַן איז די געפאַר זייער גרויס. און נאַטאַנסאָן איז שוין טאַקע נישט איינ-מאָל פאַרפירט געוואָרן, בשעת ער האָט געשריבן וועגן יידישע שריפטשטעלער. נאָר דאָ וועל איך זיך אָפּשטעלן.

אין יאר 632 נ. פ.

אין יאָר 632 נ. פ. (נאָך פאָרדן, הייסט עס) וועלן די צוויי מעכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער מעכאַניזירונג פון דער וועלט: דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרדיזם און דער סאָציאַלער קאָמוניזם — שוין האָבן, ווי צוויי רינגען פון איין קייט, איינגעשלאָסן די מענטשלעכע געזעלשאַפט און פולשטענדיק ליקווידירט יעדע גייסטיקייט. ביידע באַזירט אויפן עקסטן מאַטעריאַליזם; ביידע קאָלעקטיוויסטיש, ביידע פיינטלעך צום אינדיווידמיט זיין אייגנאַרטיק נשמה־לעבן, זענען פאַרשמאָלצן אין א סינטעז *). די מאַשין האָט נישט נאָר מנצח געווען דעם מענטש, נאָר אויך דעם מענטש אַליין אין אַ מאַשין פאַרוואַנדלט. ס'איז אַ וועלט פון לויטער אויטאָמאַטן, פון „ראָבאָטן". שטענדיק און אומעטום — אידיליש, פרידלעך, רויִק, וואָרום די מענטשן פון יענער עפּאָכע ווייסן נישט פון קאָנפליקטן — נישט מיט זיך, נישט מיט אַנדערע. נישטאָ אין זייער בלוט און נערוון קיין האַס, אָבער אויך נישט קיין ליבע, קיין אייפערזוכט, קיין פאַרלאַנגען און דראַנגען. און דערפאַר איז אויך נישטאָ קיין פּאָעזיע, קיין קונסט.

*) איצט דאַרף מען אויך מוסיף זיין די באַוועגונג פאַר טעכנאָקראַטיע — הערשאַפט פון טעכניקער און אינזשענירן — וואָס איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן אין אַמעריקע.

אָט־די „גליקלעכע" עפּאָכע מאָלט אַלדוס האָקסלי, דער גרויסער ענגלישער מייסטער, אין זיין פאַנטאַסטישן ראָמאַן „ברייוו ניו וואָרלד" (די בראַווע, נייע וועלט). ס'איז די גראָטנסטע סאַטירע אויף דער מאַטעריאַליסטיש־וויסנשאַפטלעכער, נשמהלאָזער צוקונפט, וואָס איז ווען־ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן — אַ סאַטירע, וואָס קילט דאָס בלוט אין די אָדערן און מיט שרעק פרעגט מען: אָט דערצו גייען מיר? אפילו די הומאָריסטישע שטעלן אין האָקסליס אוטאָפּיע רופן נישט ארויס קיין שמייכל — אַזוי שרעקלעך זעט אויס דאָס בילד פון דער וועלט, וואָס ציילט אירע יאָרן נאָך הענרי פאָרדן, ווי פאָרד איז דער דערלייזער, דער משיח, און „זיין" ווערק „מיי לייף ענד וואָירק" (מיין לעבן און אַרבעט, וואָס, אגב, אַן אַנדערער האָט פאַר אים געשריבן) איז די ביבל פון דער מענטשהייט.

געוויס, ס'איז בלויז אַ פאַנטאַזיע, אַן אוטאָפּיע. אָבער אוטאָפּיעס רעאַליזירן זיך. לעבן מיר דען נישט איצט טיילווייז אין די אוטאָפּיעס פון טאָמאַס מור, עדוואַרט בעלאַמי, הערצקא, זשול ווערן? וואָס נעכטן איז געווען אוטאָפּיע, איז היינט — ווירקלעכקייט, רעאַליטעט. די אימפּעטיקע אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, דער פּאָרדיזם. אָט דער שרעקלעכער קאַפּיטאַליסטישער מאָנסטער, וואָס גיט דעם טויטן אויטאָמאַט די ממשלה איבער דעם לעבעדיקן מענטש און וואָס איז גראָד אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד געוואָרן דער סימבאָל פון העכסטער דערגרייכונג; די ליקווידאַציע פון דאָס אינדיווידועלע אונטער דעם קאָמוניסטיש־קאָלעקטיוויסטישן רעזשים; די נייע אַפּאַראַטן און פּרעפּאַראַטן, וואָס ווערן כסדר דערפונדן - דאָס אַלץ דערוועקט אין אונז דעם פחד, אַז האָקסליס אוטאָפּיע איז די ווירקלעכקייט פון מאָרגן, פון דעם מאָרגן, ווו דער מענטש איז שוין אַן אויטאָמאַט, אַ ליימענער גולם, וואָס ווערט רעגולירט ווי יעדע לעבנסלאָזע מאַשין.

מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער רייכקייט פון קינסטלערישע פאַרבן שילדערט האָקסלי די בראַווע נייע וועלט. טייל פון

זיינע העלדן טראָגן נעמען, וואָס זענען אַ קאָמבינאַציע פון פאַרשידנאַרטיקע פערזענלעכקייטן אין דער קעגנוואַרטיקער עפּאָכע, ווי, למשל: מוסטאַפאַ מאָנד, בעניטאָ הוווער, בערנאַרד מאַרקס, לעניגאַ קראַון וכדומה. דער מחבר פירט אונז אַרום אין זיין אוטאָפּיע, צווישן כּלערליי מענטשן, אין אַלערליי אינסטיטוציעס און לאַבאָראַטאָריעס און מיט אַזאַ עכטקייט שילדערט ער פאַר אונז דאָס יאָר 632 נ. פ., אַז אונז נעמט זיך אַזש אויסווייזן ווי מיר אַליין וואָלטן געלעבט אין יענער ערע. אַ נס, וואָס אַ מרה-שחורה הויבט אָן צו נאָגן דאָס האַרץ, צוזעענדיק די דעגראַדירונג פון דעם מענטשלעכן מין, און מיר דערמאָנען זיך, אַז אין דער מעכאַניסטישער געזעלשאַפט איז שוין נישטאָ קיין מרה-שחורה, ווי ס'איז נישטאָ קיין פרייד. טאָמער דערוועקט זיך פאָרט אין אַ מענטש אַ פּיצל אומעט — אַן אַטאַוויזם פון די באַרבאַרישע צייטן — איז פאַראַן אַ קיי-גומי (ווי די, וואָס די היינטיקע אַמעריקאַנער קייען), וואָס האָט די אייגנשאַפט צו פאַרטרייבן די עצבותדיקע שטימונג.

ס'איז אויך דאָ אַ סאָרט קיי-גומי, וואָס גיט סעקסועלע באַפרידיקונג, אויב אין עמעצן טאַיעט זיך אויף דער געשלעכטלעכער אַטאַוויזם, מחמת קינדער ווערן אין יענער צייט פּראָדוצירט אין וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס. ביי דער פּרוי[illegible]איז נאָך פאַרבליבן איין מענטשלעך געפיל — שאַנד. זי האַלט עס פאַר דער גרעסטער חרפּה צו האָבן קינדער „אויפן אַלטן גוטן שטייגער", און די לאַבאָראַטאָריעס אַרבעטן טאָג און נאַכט „אויסצובריען" אייער, וואָס פון זיי פּיקן זיך אַרויס „קינדער", צו 96 שטיק פון איין איי, לויט דעם כעמישן פאָרמול פון פּראָפ. באָדאַנאָווסקי — אַלע שוין דערוואַקסענע, פאַרטיקע מענטשן (דערדאָזיקער איינפאַל איז אויך דאָ ביי בערנאַרד שאָו אין זיין „צוריק צו משותלח"); און אַלע זענען זיי אויך גלייך אין אויסזען, ווּקס, פאַרשטאַנד און כּוח. בעת זיי געפינען זיך נאָך אין איי, ווערן די מענטשן „אָנגעטאָנט" — איטלעכער פאַר זיין באַרוף, אויפגאַבע, באַשעפטיקונג, לויט דער „מאַרק" פון דער געזעלשאַפט פאָדערט דאָס,-און איינמאָל „אָנגעטאָנט",

אין עס אויף שטענדיק, ביזן טויט אַריין. דער טויט איז נאָך דערווייל נישט ליקווידירט.

דער טויט איז נישט דער איינציקער איבערבלייב פון די „ווילדע" צייטן. דער אַטאַוויזם איז אַ בייז אַנשיקעניש, האַלט ער אין איין אַרויסרוקן אינסטינקטן, סטיכיעס, עמאָציעס. אמת, ס'זענען דאָ אַלערליי מיטלען זיי קינסטלעך צו באַפרידיקן, אָדער באַקעמפן, ווי, אַ שטייגער, די פריער־דערמאָנטע קיי־גומיס, אָבער אַמאָל איז דער אַטאַוויזם אין אַ צו־שאַרפער פאָרם און מ'קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. אָט נעמט אַזאַ ווילער בירגער פון יאָר 632 נ. פ., ווי בערנאַרד מאַרקס, און פאַר־ליבט זיך אויפן אַרכאַישן, אַלטפרענקישן שטייגער אין לעינינאַ קראַון. ער האָט אפילו דעם באַגער צו זיין מיט איר אַליין, און אַזוי שטאַרק און צודרינגלעך איז דערדאָזיקער פאַרלאַנג זיינער, אַז ער זעצט זיך מיט איר אַריין אין אַ ראַקעט־לופט־שיף (דאָס קומט פאָר אין צענטראַלן טייל פון לאָנדאָן) און פליט מיט איר קיין ניו־מעקסיקא. אָט דאָרט קומט דער קלי־מאַקס פון דער געשיכטע: דאָס פּאָרל אנטדעקט אין יענער געגנט אַ מוראדיק ווילד שבט פון 60.000 נפשות. אַזוי ווילד איז יענער שבט, אַז עס כאַפּט פּשוט אָן אַ גרויל! שטעלט זיך נאָר פאָר, אַז די פּראים זענען אויפגעצויגן געוואָרן אויף שעקספּירן און דער ביבל, האָבן קינדער אויפן פּאַרצייטישן אופן, ליידן פון ליבע, אייפערזוכט, בויכווייטיק און — פאַרנע־מען זיך מיט קונסט...

דאָס איז דער תמצית פון האָקסליס אוטאָפּיע. אַ ווונ־דערלעך מייסטערווערק! — זאָגן די קריטיקער, אָבער... צופיל גוזמא — אפילו פאַר אַן אוטאָפּיע. די רייכע פאַנטאַזיע האָט דעם מחבר דערפירט צו אַבסורדן. גלויבט האָקסלי באמת, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אַזאַ ראַבאָט־געזעלשאַפט, וואָס פאַרד איז איר גאָט? ס'וואָלט געווען צו שרעקלעך, ווען עמעצער פון אונז זאָל אפילו קאָנען בלויז גלויבן אין דער מעגלעכקייט דערפון. און די קריטיקער טרייסטן זיך: ס'איז דאָך נאָר אַ מעשה.

אַ סאַטירישע דערציילונג, און אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא נישט...

אָבער, אויב מ׳קאָן ביי האַקסלין האָבן די טרייסט, אַז ס׳איז נאָר אַ מעשה — זאָל אפילו זיין אַ מעשה פון העכסטער קונסט — האָט מען נישט אַזאַ טרייסט, בעת מ׳לייענט בערטראַנד ראַסעלס „עי סייענטיפיק אויטלוק״ (אַ וויסנשאַפטלעכער אויסקוק), וואָס איז דערשינען אין איין צייט מיט האַקסליס אוטאָפּיע. דאָ האָבן מיר צו טון מיט וויסנשאַפט, מיט קאַלטן וויסנשאַפטלעכן שכל. בערטראַנד ראַסעל איז איינער פון די וויכטיקסטע דענקער — אַ מאַטעמאַטיקער — פון דער היינטיקער צייט, דערצו אַ מאַרקסיסט. און ראַסעל זאָגט אין וויסנשאַפטלעכע טערמינען דאָס אייגענע, וואָס האַקסלי אין קינסטלערישע בילדער. ביידע שטעלן אונז פאַר די מענטשהייט פון דער צוקונפט ווי אַן אויטאָמאַטן־געזעלשאַפט, מ׳לדער געזאָגט: אַ געזעלשאַפט פון מענטשלעכע בינען, אָדער מוראַשקעס. ביידע אָטעמען אויף אונז מיט דעם פינסטערסטן פּעסימיזם. ס׳איז קיין צופאַל נישט, וואָס ביידע ביכער — דאָס קינסטלערישע און דאָס וויסנשאַפטלעכע — זענען אַרויס אין איין יאָר (1932), זיי זענען אַ וואָרנונג צום מענטש: אָט צו וואָס מיר וועלן דערגיין, אויב מ׳וועט נישט באַצייטנס אָפּשטעלן דעם אימפּעט פון דעם מעכאַניזירונגס־פּראָצעס, פון דער טעכניק און—דעם אומפּערזענלעכן קאָלעקטיוויזם!

דער יחיד וועט אין דער צוקונפטיקער — וויסנשאַפטלעכער — געזעלשאַפט, וואָס ראַסעל (ווי האַקסלי) ווייזט זי אונז, נישט שפּילן די מינדסטע ראָל. ער וועט נישט האָבן קיין שום פרייהייט, קיין שום פּריווילעגיע. זיין יעדע באַוועגונג וועט זיין קאַלקולירט וועדליק דעם נוצן פאַר דעם כּלל. אויב אַ מענטש וועט זיך אַרויסווייזן פאַר „אומניצלעך״, דאָס הייסט: ער וועט נישט קאָנען דינען דער געזעלשאַפט לויט דער פונקציע, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן; אָדער ער וועט אַרויסווייזן אינדיווידועלע נייגונגען, די טענדענץ צו לעבן און דענקען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע — וועט ער פּשוט ל י ק ו י־

ד י ר ט ווערן, אַט ווי מ'טוט עס טיילווייז שוין איצט אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד און אין דער בינען-געזעלשאַפט. דאָס-זעלבע וועט מען טון מיט גאַנצע גרופּן מענטשן, וואָס די גע-זעלשאַפט וועט זיך נישט נייטיקן אין זיי.

אין ראָסעלס, ווי אין האָקסלים, געזעלשאַפט וועלן נישט זיין אין די מענטשן קיין עמאָציעס, קיין אינסטינקטן, קיין לי-בע, קיין פרייד, קיין שום אינדיווידועלע איבערלעבענישן און דערפאַר וועט אויך נישט בנמצא זיין קיין קונסט — קיין טע-אַטער, קיין ליטעראַטור. די מענטשהייט וועט איינגעטיילט ווערן אין צוויי קלאַסן: איין קלאַס, דער גרויסער רוב, וועט באַשטיין פון אַרבעטער, און דער צווייטער קלאַס, אַ קליינע מינערהייט — פון הערשער. די קינדער פון ערשטן קלאַס וועלן פון דער פריסטער קינדהייט אָן דערצויגן ווערן צו דינען, צו געהאָרכן; און די קינדער פון צווייטן קלאַס — צו פירן, צו קאָמאַנדעווען. אָבער אויך דידאָזיקע פּריווילעגירטע קלאַס איז נישט פריי, נאָר פירט און רעגירט על-פּי פעסט-אויסגעאַר-בעטע כללים, אין דעם אינטערעס פון דער געזעלשאַפט, פון דער מענטשהייט.

אויסער אָט-די סאָציאַלע קלאַסן-פאַרטיילונג, וועט אויך זיין אַ פיזישע קלאַסיפיצירונג — און קוואַליפיצירונג — פון די מענטשן, דערהויפּט, וואָס עס איז שייך דער ווייטער-פלאַנצונג פונם מענטשלעכן מין. בלויז אַ קליינע צאָל מענער און פרויען וועט אויסגעוויילט ווערן פאַר דעם צוועק — אַרום פינף פּראָ-צענט מענער און אַרום פינף-און-צוואָנציק פּראָצענט פרויען. זיי וועלן באַשטימט ווערן צו פּראָדוצירן קינדער. איין מאַן וועט דעריבער דאַרפן באַפרוכפּערן עטלעכע פרויען און יעדע פרוי וועט מוזן האָבן זיבן, אָדער אַכט קינדער. די איבעריקע מע-נער און פרויען וועלן סטעריליזירט ווערן. דאָס הייסט, אַז די גרויסע מערהייט פון דער מענטשהייט וועט באַשטיין פון טומטום, געשלעכטלאָזע... די קינדער וועלן, נאַטירלעך, דערצויגן ווערן פון שטאַט — און דער שטאַט וועט זיין אַן אוניווערסאַלער;

איין רעגידונג איבער דער גאַנצער וועלט, מיט דער מלוכה־רעזידענץ אין אַמעריקע.

דאָס איז בלויז אַ מאָגערער תּמצית פון ראַסעלס טרויע־ריק צוקונפט־בילד. דער מחבר פאַרזיכערט, אַז ער וואָלט אין אַזאַ געזעלשאַפט נישט געוואָלט לעבן, און כּדי אַביסל צו פאַר־גרינגערן דעם לייענערס געמיט, פאַרענדיקט ער מיט דער האָפע־נונג, אַז די מענטשהייט וועט נאָך אפשר באַצייטנס איינזען, אַז זי גייט אויף אַ געפערלעכן וועג און זיך פאַרנעמען אין אַן אַנדער ריכטונג. אָבער וועלכע ריכטונג? ראַסעל איז, ווי געזאָגט, אַ מאַרקסיסט, דאַרף ער דערפאַר גלויבן, אַז מיר דער־נענטערן זיך צו אַ מאַרקסיסטישער אָרדנונג, אַז נאָך דעם קאַ־פּיטאַליזם, וואָס פאַרענדיקט זיין עפּאָכע, קומט דער סאָציאַליזם איבערנעמען די וועלט. פון דעם צוקונפט־בילד, וואָס ער מאָלט אויס, זעט זיך נישט אַרויס זיין מאַרקסיסטישער גלויבן. אָדער — אפשר האַלט ער טאַקע — ווי דאָס האַלט האָקסלי, — אַז דער מאַרקסיזם, צוזאַמען מיט דער אימפּעטיקער טעכניק, מיטן פאָרדיזם, וואָס אַלע זענען זיי באַזירט אויף קאָלעקטיוויזם, — דערפירט צו אַזאַ געזעלשאַפט ווי די, וואָס ער שטעלט אונז פאָר? טאָ וואָס פאַראַ אַנדער ריכטונג קאָן ער אויסן זיין?

מאַרקס האָט פאַרגעזען די מעכטיקע אַנטוויקלונג פון דער טעכניק. ער האָט אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט פאָראויס־זען אַזאַ אימפּעט, אַזעלכע אומגעהייערע וויסנשאַפטלעכע אויפטוונגען, וואָס גייסטיק קאָנען מיר זיי נישט נאָכהאַלטן און דעריבער ווערן מיר ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן פון דער מאַשין, אַנשטאָט צו ווערן אירע הערשער, זי צו מאַכן אונטערטעניק צום לעבעדיקן מענטשן. מאַרקס האָט אוודאי און אוודאי נישט געקאָנט חלומען, אַז אין יאָר 1932 וועט מען פאַנאַנדערטיילן דעם אַטאָם, פאַרוואַנדלען איין עלעמענט אין אַן אַנדערן. אין זיין צייט איז די וויסנשאַפט נאָך געווען איבערגעצייגט אין דעם בוכשטעבלעכן מיין פון דעם גריכישן וואָרט אַ־טאָם — „נישט־צעברעכעוודיק". אָבער דער אַטאָם איז פאַנאַנדערגעטיילט און ס'איז נאָך אפילו לעת־עתּה נישט מעגלעך

צו זאָגן וואָס פאַראַ קאָלאָסאַלע כּוחות און ענערגיעס מ'וועט
קאָנען „אַרויסציען״ פון אַ זעמדעלע, פון אַ שטויבעלע, פון אַ
טראָפּן וואַסער. נישט אומזיסט האָבן די גוואַלטיקע דערגריי-
כונגען פון דער וויסנשאַפט נישט אַרויסגערופן קיין פרייד ביי
אַזעלכע געניאַלע וויסנשאַפטלעכע דענקער ווי, אַ שטייגער, סער
אָליווער לאָדזש, נאָר, אדרבא, אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ געדיכטע
מרה-שחורה בנוגע דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

„דער מענטש, — טענהן זיי — איז נאָך גייסטיק נישט
רייף צו באַזיצן דאָס געהיימניש פון אַטאָמישער ענערגיע.
טעכניש זענען מיר האַלב-געטער. עטיש זענען מיר נאָך אַלץ
באַרבאַרן״. איז ווו און וואָס איז דער אויסוועג? טייל וויסנ-
שאַפטסלייט רופן צו אַ „צען-יאָריקן פּלאַן״ פון שטילשטאַנד אין
דער טעכניק. דאָס הייסט: כאָטש צען יאָר זאָלן קיין נייע
דערפינדונגען נישט געמאַכט ווערן, כדי צו געבן דעם מענטש
אַ געלעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, גייסטיק — אויף וויפל-
נישט-איז — צו באַלאַנסירן זיך מיט דער טעכניק, מיט דער
טויטער מעכאַניק. נאָר דער רוף בלייבט ווי אַ קול אין מדבר.
מיר האָבן מיטן וויסנשאַפטלעכן שם-המפורש אַרויסגערופן די
געהיימע כּוחות פון דער נאַטור און קאָנען זיי נישט אָפּשטעלן.
זיי דראָען אונז צו פאַרטיליקן — אומצוברענגען דאָס מענטש-
לעכע אין מענטש. און בלינדערהייט גייען מיר ווייטער אויף
דעם געפערלעכן וועג, פאַרכשופט פון אונזער אויפטו, געררייצט
פון אונזער נייגיער. האָקסלי און ראָסעל זענען נישט די
איינציקע, וואָס האָבן אונז אַ ווייז-געטון די צוקונפט, וואָס צו
איר דערפירט דער מאַטעריאַליזם פון די טעכנישע און סאָציאַ-
לע וויסנשאַפטן. אָבער ווער וועט אונז ווייזן דעם וועג צוריק,
אָדער אַ וועג אַ נייעם, אַ בעסערן?

און אָט ווען מיר פרעגן זיך אָט די קשיא — מכּוח אַן
אויסוועג — איז פאַר אונז, דאַכט זיך, נישטאָ קיין אַנדער
ברירה ווי שלום צו מאַכן מיט דער מאַשין. דער „מאַשינען-
שטירמער״ האָט שוין לכתחילה איינגעזען זיין אוממעכטיקייט

לגבי דער טעכניק און פון צוריקגיין צום פרימיטיוון שפינראַד קאָן קיין רייד נישט זיין. אַלץ, וואָס אונז בלייבט צו טון, איז זיך צו קלינגן איבער דער מאַשין, אָנווענדן אונזער שכל און אונזערע אַלע כּוחות צו פאַרזיכערן אונזער הערשאַפט איבער דעם מעכאַניזם. דאָס איז דער וויכטיקסטער אויפגאַב פון דעם איצטיקן מענטש — נישט נאָר מאַקסימאַל אויסצונוצן די מאַשין פאַר אונזער באַקוועמלעכקייט, נאָר אויך זי אונטערטעניק צו מאַכן צו אונז.

אין אונזער באַציונג צו דער מאַשין זענען מיר קודם-כּל אונטערן היפּנאָז פון אַ וואָרט — טאַקע דאָס וואָרט מאַשין. און מאַשין מאַלט זיך אונז אויס ווי דער שאַרפסטער קאָנטראַסט פון לעבן, פון לעבעדיקער איניציאַטיוו, פון לעבעדיקן ווילן און שכל. דערפאַר שוידערט אונז אַזוי דער אומגעהייערער וווּקס און אימפּעט פון דער טעכניק אויף אַלע געביטן פון לעבן. דידאַזיקע שרעק פאַר דער מאַשין איז גורם אַ פלעגמאַטישע אָפּ-הענדיקייט. מיר וויינען און קלאָגן אויפן גורל פון דעם מענטש, וואָס ווערט אַרויסגעשטופּט פון דעם מאַשין און אין פינסטערן יאוש שרייען מיר: פאַרפאַלן! פאַרפאַלן!

מיר פאַרגעסן דערביי לחלוטין, אַז די מאַשין איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון ערגעץ אַן אַנדער פּלאַנעט, ווי אַן אָנשיקעניש, אַ פּלאָג אויף דעם מענטש, נאָר איז אונזער אייגענער אויפטו, אַ פּראָדוקט פון דעם זוכנדיקן, פאָרשנדיקן מענטשלעכן גייסט, פון אונזער אומרויִקן געדאַנק — בקיצור, אַ לעגיטים קינד פון אונזער גייסטיקער עוואָלוציע. מיר ווילן פשוט נישט זען דאָס גרויסע ווונדער פון דער מאַשין, דעם טיפן מענטשלעכן — און קאָסמישן — פאַרשטאַנד, וואָס אַנט-פּלעקט זיך אין די שרייפעלעך, רעדער און וואַלצן פון דעם מעכאַנישן באַשאַף. אפילו די פון אונז, וואָס זענען אין דער גאַנצער נאַטור די שליטה פון גייסט (אין היפוך צום אני-מאמין פון די מאַטעריאַליסטן) מוזן דאָך מודה זיין, אַז דער קאָסמי-שער גייסט דעמאָנסטרירט זיך אין דער יצירה דורך מעכאַניסטישע געזעצן, פונקציאָנירט דורך מאַשינאַרטיקע איינריכטונגען און

דעגולאַציעס. אַזאַ מאַשין איז דער מענטשלעכער קערפּער. אַזאַ מאַשין איז יעדער אַנדערער קערפּער, אָרגאַנישער ווי אומ־אָרגאַנישער, אין דער נאַטור. און אַקוראַט ווי דער קאָסמישער גייסט אַנטפּלעקט זיך אין דעם מעכאַניזם פון דער נאַטור, אַנט־פּלעקט זיך דער מענטשלעכער גייסט (וואָס איז ווידער אַ חלק פון דעם אוניווערסאַלן) אין דעם מעכאַניזם פון דער אייזן־שטאָלענער מאַשין.

די וויסנשאַפט, ווי די קונסט, רייסט אַרויס סודות פון דער נאַטור און מאַכט איר נאָך, ווערט אַ שותּף צו די מעשׂי־בראשית. וואָס מער סודות מיר קריגן אַרויס פון דער נאַטור, אַלץ בעסער ווייסן מיר ווי זיך צו שיצן קעגן אירע כּוחות, אירע אייביק־בושעווענדיקע עלעמענטן; אַלץ העכער שטייגן מיר, אַלץ מעכטיקער ווערן מיר. די מאַשין, ווי די קונסט, מאַכט דעם מענטש פאַר אַ מיט־גאָט. מיט דעם מאַשין־אַפּאַראַט אין האַנט ווערן מיר נישט נאָר די פולשטענדיקע באַלעבאַטים פון דער ערד, נאָר מיר קאָנען זיך אויך אַוועקלאָזן אין די עולמות־העליונים. וואָס האָבן מיר געוווסט וועגן אוניווערס, וועגן די אַנדערע שטערן און פּלאַנעטן, איידער דער טעלעסקאָפּ איז דערפונדן געוואָרן? די מאַשין לאָזט הערן די מענטשלעכע שטים פון איין עק וועלט צום אַנדערן און דיזעלבע ראַדיאָ וועט אונז אפשר מיט דער צייט מעגלעך מאַכן זיך צונויפצו־רעדן מיט אַנדערע פּלאַנעטן. גאָט האָט אונז נישט געגעבן קיין פליגל צו פליען, ער האָט אונז אָבער געגעבן שׂכל, אויס־צוטראַכטן דעם עראָפּלאַן...

ווי ס'איז צו זען איז אויך די מאַשין אַ גאָט־זאַך... יעדנ־פאַלס איז זי גאָרנישט אַזוי ווייט פון גייסט, ווי ס'קאָן זיך אין פלוג אויסדאַכטן. די פראַגע איז בלויז מכּוח העגעמאָניע: דער מענטש איבער דער מאַשין, אָדער די מאַשין איבערן מענטש. דאָס ווענדט זיך שוין, ווי מיר טרעטן צו דערצו און — ווער עס טרעט צו. אויב די מאַטעריאַליסטן וועלן קריגן די שליטה איבער דער מאשין, וועלן זיי גורם־זיין די פאַר־קנעכטונג פון מענטש צו דער מאַשין און ס'וועלן מקוים ווערן

די נביאות פון אָלדוס האָקסלי און בערטראַנד ראָסעל. און עס בלייבט דעריבער פאַר די אידעאַליסטן (פאַר די, וואָס גלויבן אין דער גייסטיקייט פון דער וועלט, אין אַ שעפעריש-געטלעכער קראַפט) זיך צו פעדערן און צו פאַרכאַפּן דעם קאָנטראָל איבער דער טעכניק, אַריינוואַרפן זיך אין די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַוועגונגען, אָדער באַשאַפן אַ נייעם סאָציאַליזם, געבויט, נישט אויפן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, נייערט אויפן היסטאָרישן אידעאַליזם, אויף די גייסטיקע השפעות אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אָבער כדי גרייט צו זיין פאַר אַזאַ באַוועגונג, מוזן זיי קודם שלום מאַכן מיט דער מאַשין, נישט נאָר איינזען איר נייטיקייט, איר ברכה פאַרן מענטש, נאָר אויך איר גייסטיקייט.

די אַנטוויקלונג פון דער מאַשין אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, ווו אַלץ איז באַזירט אויף פּראָפיט — פּראָפיט פאַר אַ קליין הייפעלע — איז לעת-עתה געוואָרן אַ קללה פאַר מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען באַזייטיקט געוואָרן פון באַשעפטיקונג און פאַרמשפּט צו הונגער. אָבער אונטער אַ סאָציאַל-יושרדיק סיסטעם, ווו אַרבעט און די פּראָדוקטן פון אַרבעט ווערן גלייך פאַרטיילט, אָן פּראָפיטן, וועט די מאַשין זיין די גרעסטע ברכה. דורך אַ מינימאַלער אַרבעטס-צייט — אַ דריי-פיר שעה אַ טאָג — וועט יעדער מענטש פאַרזאָרגט זיין מיט אַלץ, וואָס איז אים נייטיק, און די פרייע צייט וועט ער קאָנען ווידמען סיי דעם פיזישן, סיי דעם גייסטיקן גענוס. די מאָס (און די פאָרם) פון גייסטיקער פאַרטיפונג און אַנטוויקלונג ווענדט זיך ווידער דערין, ווער עס וועט שטיין בײַם רודער פון דער נייער סאָציאַלער געזעלשאַפט — מאַטעריאַליסטן, וואָס פאַרלייקענען יעדע גייסטיקייט, אָדער יענע, וואָס גלויבן אין דער אויבערהערשאַפט פון גייסט און מענטש, ווי אין דער גאַנצער נאַטור.

ווי ס'איז צו זען, איז זיך נישטאָ וואָס צו שרעקן פאַר דער מאַשין, אויב זי וועט זיין כחומר ביד היוצר. אפילו די טעכנאָקראַטישע באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַמעריקע

און וואָס באַצוועקט די הערשאַפט פון טעכניקער און אינזשי־ניערן, וואָס זאָלן פאַרנעמען דאָס אָרט פון קאַפּיטאַליזם און אויך פון פּראָלעטאַרישער הערשאַפט, איז נישט אַזוי שוואַרץ, ווי עס זעט אין פלוג אויס. כל־זמן די אינזשיניערן און טעכ־ניקער וועלן, אונטערן קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט, פאַרנע־מען זיך בלויז מיט דער מאַשין און מיט דער פיזישער ענער־גיע פונם מענטש, נישט זיכנדיק אויסצולייזיקן דעם מענטש פון זיין גייסטיקן תוך און פון דער אינדיווידועלער עמאָציאָליטעט, ווי אַ קרבן (אַן אומנייטיקן) אויפן מזבח פון קאָלעקטיוו, ווי דאָס ווילן דווקא די קאָמוניסטן.

דערווייל איז די געפאַר גרויס, אַז מיטן כּוח פון דער מאַשין זאָלן די פאַרשידענע מאַטעריאַליסטן נישט דערפירן די מענטשהייט צו דער שרעקלעכער אוטאָפּיע, וואָס האָקסלי און ראָסעל שילדערן. איז עס דעריבער טאַקע די העכסטע צייט פאַר די אַלע, וואָס דער מאַטעריאַליסטישער שטאַנדפּונקט איז זיי דערווידער, זיך אַריינצוואַרפן אין די סאָציאַלע באַוועגונגען און זיי קערעווען צו רוחניותדיקע הויכן, אָדער גרינדן אַ נייע באַוועגונג, אַ באַוועגונג, וואָס זאָל באַטאָנען נישט נאָר אונזער פיזישע, נאָר אויך גייסטיקע נויטן און אינטערעסן; אויסנוצן די מאַשין פאַר דעם גייסטיקן וווילזיין פון דעם יחיד און דעם כּלל, ווי פאַר דער לעזונג פון די עקאָנאָמישע פּראָ־בלעמען. און אָט דערפאַר איז, ווי געזאָגט, קודם נייטיק זיך צו באַפרייען פון דער איבערגעטריבענער מורא, וואָס די טעכ־ניק האָט אין אונז אַרויסגערופן, נאָר זי אויפצונעמען ווי אַ חיכטיקן חלק פון דעם מענטשנס גייסטיקע דערגרייכונ־גען, ווי אַ ברכה פון און פאַר אונזער פיזישער און ספּיריטו־עלער עוואָלוציע.

דער נאַקעטער גאָט

פון די הונדערטער מלחמה־בילדער — מלחמה, איבערגעגעבן מיט פּינזל און פאַרב אויפן לייוונט — האָט זיך איינס אָפּגעדרוקט אין מיין זכרון און וועט דאָרט פאַרבלייבן ביז דער לעצטער שעה; אַ בילד אַזוי פּשוט און נאַקעט און אויך — אָדער אפשר טאָקע דערפאַר — אַזוי שרעקלעך, אַזוי אומפאַרגעסלעך; אַ פּשטות, וואָס גרוילט, וואָס רויבט די רו, און ס׳איז גענוג צו הערן דאָס וואָרט „מלחמה״, אַז עס זאָל זיך, ווי נאָר־וואָס געזען, אַ שטעל־טון פאַר די אויגן, אָט דאָס בלוט־קילנדיקע בילד פון ווערעשטשאַגין: אַ באַרג שאַרבנס. גאָרנישט מער — אַ באַרג מענטשלעכע שאַרבנס און איבער אים — שוואַרצע קראָען. ממש אָן פאַרב געמאָלן. ווייס, שוואַרץ. אויסגעטרוקנטע ביינער פון מענטשלעכע קעפּ, אויסגעפּיקטע אויגן־לעכער קוקן אין דער טויטער לערקייט אַריין און שרייען אָן ווערטער, דערציילן מער ווי טויזנטער מלחמה־באַריכטן און פאַרקלאָגן און מאָנען – מאָנען ביי יעדן פון אונז.

דער רוס ווערעשטשאַגין, וואָס האָט אַליין צוגעזען די גרוילן פון קריג, אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, האָט מיט זיין בילד אונטערגעצויגן אַ סך־הכל, דעם לעצטן סך־הכל פון דעם קריגס־„העראָיזם״: אַ הויפן שאַרבנס. און מ׳וואָלט אָט דאָס נאַקעט־פּשוטע געמעל געדאַרפט אויפהענגען אויף אַלע סקווערן,

אויף אַלע עפּנטלעכע ערטער, ווו מענטשן קומען זיך צונויף און ווו ס'הערן זיך נאָך רייד וועגן דעם ראָמאַנטיזם און העראָיזם פון קריג: וועגן נאַציאָנאַלער ערע, וואָס מוז אויסגעפּאָכטן ווערן מיטן שווערד, און פּאַטריאָטישע פליכטן, וואָס דער געטרייער בירגער מוז מקיים זיין אויפן שלאַכטפעלד — און מיר דאַכט זיך, אַז דער אָנבליק פון די ווייס-אויסגעטרוקנטע שאַרבנס מיט די שוואַרצע קראָען איבער זיי וואָלט שטאַרקער געווירקט ווי אַלע שאַרפע שיין-קלינגנדיקע שלום-רעדעס.

דאָס, וואָס ווערעשטשאַגין האָט געטון מיט פּינזל און פאַרב, האָט רעמאַרק געטון מיט פען און טינט — פאַרטריבן יעדע אילוזיע פון קריג. און דאָס איז דאָך דער סאַמע עיקר: אויסטון מאַרסן דעם מלחמה-גאָט, נאַקעט: אָט זעט, איר אַלע קריגסלייט, גענעראַלן און פעלדמאַרשאַלן, דיפּלאָמאַטן און פּאַטריאָטן — אייער גאָט איז נאַקעט, נאַקעט און מיאוס. אפילו דער שר פון מלחמה דערשרעקט זיך, ווען די אילוזיע אַרום דעם שלאַכט-הויז צערינט. נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט זיך צוריקגעקערט פון שלאַכט-פעלד אַ דערשלאָגענער. ס'איז גענוג, האָט ער געזאָגט, איין קוק צו טון אויף די טויטע זעלנער און פערד, כדי נישט צו וועלן מער קיין מלחמה. און עפּעס ענלעכס האָט מיט אַ צייט צוריק געזאָגט דער ענגלישער גענעראַל אַלענבי. אָבער ביי אָט די הערן איז מלחמה אַ פּראָפעסיע און זיי פאַרגעסן שנעל דעם מאָמענטאַנעם מענטשלעכן אויפריר אין זיי. ווידער גרייטן זיי די געטרייע בירגער צו „פליכט", ציען ווידער אַרויף אויף מאַרסן דאָס פאַנטאַסטיש-אַטרעקטיווע קלייד פון ראָמאַנטישן העראָיזם. די פרוי, וואָס האָט אַלעמאָל „אינספּירירט" דעם מאַן צו „העלדישע טאַטן", וועט ווידער שיקן אַ לופט-קוש דעם בלוטיקן גאָט און אַ שמייכל — דעם באַוואָפנטן מאַנסביל. דער פרויען-שמייכל — ער איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מער מלחמות, ווי אַלע פעלדמאַרשאַלן און גענעראַלן צוזאַמענגענומען...

איינשטיין האָט אַן עצה: דאָס פאָלק זאָל זיך אָפּזאָגן צו ווערן זעלנער, צו גיין אויפן שלאַכטפעלד. זייער פּשוט. אָבער דער המון-דורות-אַלטע פּחדנות בויגט אים קאָפּ און קנ

פאַרן באפעל פון די „העכערע“; דערצו — דערדריקט, אייביק באַהערשט און מינערווערטיק ביי זיך — האָט ער אַ באַהאַלטענעם דראַנג זיך אַרויסצעווייזן, צו קעמפן, העלדיש צו זיין (פרווידיאַניזם!). ער מאַרשירט צום טאַקט פון אָרקעסטער־געברויז, באַוואָרפן מיט בלומען, מיט הוראַ־געשריי אין די אויערן און דעם פרויען־שמייכל אין בלוט. אָט דאָס אַלץ נוצן געשיקט אויס די מלחמה־אַפּאָסטאָלן, וואָס ווייסן ווי צו באַווירצן דאָס קאַנאָנענפלייש מיט בשמים: פאָטערלאַנד... פליכט... נאַציאָנאַלע ערע... און דער המון מאַרשירט צו דער שחיטה.

דער קינסטלער, דער אויפריכטיקער, ערלעכער — אויף אים איז געפאַלן דער חוב צו פאַרמעסטן זיך קעגן מלחמה־גאָט, אַראָפּרייסן פון אים דעם פורפור־מאַנטל, און אַ שוידער כאַפּט אַרום, בעת מ'לייענט טאָלסטאָיס „קריג און פרידן“, אָדער די מלחמה־ווערק פון די מאָדערנע באַרביס, סטאַלינג, גיבס, לאַצקי, העמינגוויי, האַשעק און אַנדערע. אָבער ביי זיי — צופיל קונסט, צופיל ליטעראַרישקייט. די אילוזיע פון דער קונסט פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער צושטערטער אילוזיע פון קריג. די קינסטלערישע מייסטערשאַפט פאַרכאַפּט אינגאַנצן דעם לייענערס פאַנטאַזיע און רעיון און דער עיקר ווערט פאַרגעסן... דערפאַר האָט דווקא דער נישט קינסטלער, דער פשוטער יונגערמאַן רעמאַרק אַזוי אויפגעטרייסלט די וועלט. ער האָט דערגרייכט די מדרגה פון ווערעשטשאַגינס הויפן שאַרבנס — און אַזויווי ווערעשטשאַגין, אַ יוצא־מן־הכלל אין דער קונסט.

דאָ קום איך צו צו אונזער רעמאַרק — יצחק פרידמאַן, אַ יידישער אַקטיאָר, וואָס האָט, אַלס אַמעריקאַנער זעלנער, איבערגעלעבט דאָס מלחמה־גיהנום אויפן פראַנצויזישן פראָנט און פאַרעפנטלעכט זיינע איבערלעבענישן אין אַ בוך „אַ יאָר צווישן לעבן און טויט“, מיט אַן אַריינפיר פון אַב. קאַהאַן. גערעכט איז קאַהאַן — מ'דאַרף זיך נישט אַריינלאָזן אין פאַרגלייכונגען. אָבער מ'קאָן זיך נישט העלפן — ס'פאַרגלייכט זיך אַליין: עריך מאַריאַ רעמאַרק און יצחק פרידמאַן. פרידמאַן האָט באַוויזן דאָס, וואָס רעמאַרק — אויסצוטון נאַקעט דעם קריגס־גאָט. אַלע אילוזיעס

צערינגען. העראָיזם — אַ ליגן. אַ פּחדן איז דער זעלנער, דער
גרעסטער פּחדן — ער האָט מורא זיך נ י ש ט צו שלאָגן.
אומפליית, מיאוסקייט, עפּוש, בלוט, בלוט און בלוט — אָט דאָס
איז די אַטמאָספערע פון שלאַכטפעלד. ס׳איז אויך דאָ שיין־
מענטשלעכס, דווקא אין דערדאָזיקער עקלדיקער אַטמאָספערע
ווייזט עס זיך אַרויס; אָבער דאָס שיין־מענטשלעכע איז נישט
סאָלדאַטיש. אדרבה, ס׳איז אין שאַרפן קאָנטראַסט צו דער מלחמה־
ברוטאַליטעט. ס׳איז דאָס אויפטויכן פון דאָס תוכיק־מענטשלעכע,
וואָס ראַטעוועט דעם זעלנער פון גייסטיקן אונטערגאַנג און באַ־
לעבט אין אונז אַלע די האָפענונג, אַז דער מענטש וועט סוף־
כל־סוף גובר־זיין די חיה־רעה אין אים.

אָט צומבייַשפּיל — דער עפּיזאָד מיט דער ציג. מ׳ליגט
פאַרגראָבן אין די טראַנשייען, פאַרבלוטיקט, פאַרלויזיקט, פאַר־
מאַטערט, און איבער די קעפּ פייפן און זושען קוילן, שראַפּ־
נעלן. אַרויסשטעקן דעם קאָפּ מיינט — טויט. אָבער פון דער־
ווייטן, פון נאָענטן דערפל דערהערט זיך אַ געוויין — אַ ציג
וויינט. דער מחבר פאַרגעסט די סכנה, שאַרט זיך אַוועק אויפן
בויך, ראַטעווען די ציג. ס׳איז איינע פון די וווּנדערלעכסטע און
ריירנדיקסטע שילדערונגען אין בוך. פרידמאַן דערציילט עס אַזוי
איינפאַך, אָן פאַרפוצונגען. מיר זעען די ציג אַן אויסגעדאַרטע,
צוגעבונדן צו אַן איבערגעקערט בעט, אין אַ חרובדיק שטיבל.
פרידמאַן באַפרייט זי פון שטריק, גיט איר וואַסער, נאָר ווען
ער הויבט־אָן אַוועקצוגיין, וויינט זי ווידער, די ציג. און דער־
נאָך, לייענענדיק ווייטער דאָס בוך, קלינגען כסדר אין אונזערע
אויערן דעם מחברס ווערטער: „אַ ציג וויינט... אויפן שלאַכטפעלד
וויינען אַלע...״

אָדער די שילדערונג מיטן משוגע־געוואָרענעם מיידל, וואָס
וואַרפט זיך אַרויף, פאַר איר מוטערס אויגן, אויף פרידמאַנס
חבר, הערשל, אים קושן, אָנגעצונדן פון וואַנזיניקן לוסט. אַזוי־
סצענע נאָך סצענע, אַ שפּיל צווישן מענטש און חיה — אָט ראַ־
טעוועט מען אַ פאַרהונגערטע ציג און אָט רייסט מען אַראָפּ פון
אַ גוססדיקן זעלנער די שטיוול, די קליידער. דער יידישער מחבר

ברענגט אומפארמיידלעך אריין אויך יידישע מאמענטן — די באַציונגען צווישן יידישע און קריסטלעכע סאָלדאַטן. אויפן שלאַכטפעלד ברענגט יעדער מיט זיינע פאָראורטיילן און אַבערגלויבנס. מיר הערן זידלווערטער אויפן חשבון פון די „דזשוס". נאָר צום סוף — בלוט מישט זיך אויס. טויט פאַרייניקט, מ'איז זיך מוחל. דער הויפן נאַקעטע שאַרבנס וואַקסט און די שוואַרצע קראָען פּיקן גלייך אַלעמענס טויטע אויגן, אָן אונטערשיד פון ראַסע, פון נאַציאָנאַליטעט.

פרידמאַן, ווי רעמאַרק, האָט אוועקגעשטעלט פולשטענדיק הויל דעם בלוטיק-גרויזאַמען מלחמה-גאָט. ס'איז אַ ווונדערלעך און שרעקלעך בוך — ווונדערלעך אין זיין שרעקלעכקייט און שרעקלעך אין זיין ווונדערלעכקייט — אָט די שילדערונג פון אַ יאָר צווישן לעבן און טויט. פרידמאַן איז אונזער רעמאַרק און וואָס מער מענטשן דאַרפן לייענען זיין ווערק, איבערהויפּט די יוגנט — זאָל יעדער זען וואָס מלחמה איז, ווי אַ שלאַכטפעלד זעט אויס; אַ באַרג מענטשלעכע שאַרבנס, טשאַטעס קראָען איבער זיי, און מאַרס, אַ נאַקעטער, אַן עקלהאַפטיקער, טאַנצט אויף די חורבות פון מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, טרעט אויף אַלע שיינע אידעאַלן און חלומות. נאָר די ציג וויינט אויפן גרויסן בראָך. אויפן שלאַכטפעלד וויינען אַלע...

א. אַלמי

אַרום מאַגנאָליאַ סטריט

בעת מאַכמעד האָט געענטפערט זיינע אָפּאָנענטן און זיי געוואָלט איבערצייגן אין דער געטלעכקייט פון דעם קאָראַן, האָט ער זיי אָנגעוויזן — נישט אויף דעם אינהאַלט פון בוך, נישט אויף די דאָקטרינען און עיקרים דערין, — נאָר אויף זיין סטיל, אויף זיין שיינער פאָרם, „וואָס קיין שום מענטש קאָן נישט אַזוינס פּראָדוצירן, אפילו קיין איין קאַפּיטל נישט, סיידן ברוח-הקודש"... און אָלדוס האָקסלי, דער באַוווסטער ענגלישער שריפטשטעלער, קומט צום אויספיר, אַז דער גרינדער פון איסלאַמיזם איז גערעכט געווען: דער טריאומף פון אַן אידייע, צי דאָס איז אַ פילאָזאָפישע, אַ רעליגיעזע, אָדער קינסטלערישע אידייע, איז דערהויפּט געווענדט אין דעם אופן ווי זי ווערט אַרויסגעבראַכט — אין דעם סטיל. דאָס, וואָס איז אמת וועגן קאָראַן, איז נאָך אמתער וועגן דער ביבל און וועגן דעם קריסטנטום. וואָלטן צווישן די אַפּאָסטאָלן נישט געווען קיין גלענצנדיקע סטיליסטן, איבערהויפּט פּוילוס, וואָלט דאָס קריסטנטום זיך נישט אויסגעשפּרייט, נישט איינגענומען די וועלט.

אייניקע ביישפּילן באַשטעטיקן דעם געדאַנק — אגב, נישט קיין נייער, אָבער תמיד אינטערעסאַנטער געדאַנק: כסענאָפאָן האָט געשריבן וועגן סאָקראַטעסן, אָבער ווען עס זאָל נישט זיין קיין אַנדער סאָקראַטעס-ליטעראַטור, וואָלט דער אַטענישער חכם פאַר-

בליבן אַן אומבאַדייטנדיקע פיגור אין דער געשיכטע פון מענטש־לעכן געדאַנק. כסענאָפאָן איז געווען אַ לאַנגווייליקער שרייבער, און ס'האָט געדאַרפט קומען פּלאַטאָ, איינער פון די גרעסטע וואָרט־אַרטיסטן, וואָס האָט אַמאָל געלעבט, כדי אונז צו געבן סאָקראַטעסן, אים לעבעדיק צו מאַכן פאַר דער אייביקייט. דער־פאַר איז אונז סאָקראַטעס אַזוי נאָענט און פּיטאַגאָרעס — אַזוי ווייט, אַזוי פרעמד. פּיטאַגאָרעס האָט נישט געהאַט זיין פּלאַטאָ...

דאָס אייגענע אין דער קונסט, נישט די טעמע, די פּאַ־בולע — מעג עס אפילו זיין אַ ספּור־המעשה פון העכסט־שפּאַ־נעדיקן און גרויסן פאַרנעם, — באַשטימט דעם גורל פון אַ ווערק, אויך נישט די אידייע, נייערט דער סטיל. לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל פון דער יידישער ליטעראַטור. מ'האָט ביי אונז געשריבן חסידיש, חסידישע מעשיות פאַר פּרצן, בשעת פּרצן און נאָך פּרצן, אָבער פּרץ איז געווען און וועט פאַרבלייבן דער מייס־טער פון דער חסידישער מעשה. ביי אַנדערע חסידישע שרייבער געפינט מען אַמאָל טיפערן אינהאַלט, אַ נעענטערן צוטריט צו דער חסידישער נשמה, אָבער קיינער האָט עס אונז נישט דערלאַנגט אַזוי אַרטיסטיש־גראַציעז, אַזוי שיין, אַזוי פול מיט קינסטלערישן שיק, ווי פּרץ.

דער פראַנצויז האָט עס וויל געזאָגט: „דער סטיל — דאָס איז דער מענטש". און מ'קאָן אויך זאָגן: „קונסט — דאָס איז סטיל", אָדער ווי דער קלוגער וואָלטער האָט דעפינירט זיין באַ־ציונג צו קונסט: „יעדער סאָרט קונסט איז גוט, אויסער די, וואָס איז לאַנגווייליק". אַ ווערק פון שיינעם, אייגנאַרטיקן סטיל קאָן נישט לאַנגווייליקן, עס פאַרכאַפּט אונז מיט דער שיינקייט, מיט דער ד ע ר צ י י ל ע ר י ש ק י י ט — און נישט מיט דעם ד ע ר צ י י ל ט ן. אַ קינסטלער איז נישט דער, וואָס האָט עפּעס צו דערציילן — אַזוינע זענען פאַראַן אין די טויזנטער, אויב נישט אין די מיליאָנען — נייערט דער, וואָס ווייס ווי צו דערציילן, וואָס איז געבענטשט מיט סטיל.

מה־דאָך אַ פּשוטער אַנעקדאָט, איינער דערציילט אים אייך

און איר גענעצט, איר כאַפּט אפילו נישט דעם „שפּיץ”; אַ צווייטער דערציילט אייך דעמזעלבן אַנעקדאָט און איר קייכט פון געלעכטער. דער צווייטער האָט סטיל — אַ פּשיטא שוין אין קונסט. אָבער סטיל איז נישט דווקא, ווי טייל מיינען, עפּעס צירלעך-מאַנירלעכס, אַ גלאַט פּאַרקעמטער קאָפּ, מיט אַ שריגט אויפן ריכטיקן אָרט. ס׳קאָן זיין אַ ווילדער, צעשויבערטער סטיל (אַ ראיה דאָסטאָיעווסקי)—עס איז אָט דאָס, וואָס דער פראַנצויז מיינט טאַקע: דער סטיל, וואָס איז דער מענטש. און די מאמינים פון פּראָלעטאַרישער קולטור מעגן געדענקען אָט דעם אַלטן און אייביק-נייעם אמת; וועט דער פּראָלעטאַרישער שרייבער זיין געבענטשט מיט סטיל, וועט זיין אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, מיט דער בלויזער כוונה צו באַפרידיקן אַ טענדענץ, אָדער אידייע, וועט אַזוינס נישט זיין.

פאַרוואָס באַרוישט אונז אַזוי „רות”, דידאָזיקע פּשוטע מעשה, אָן שפּאַנענדיקע פּאַסירונגען, אָן גרויסע כוונות? איר כוח ליגט אינם סטיל, אין דער וווּנדערלעכער דערציילערישער שיינקייט און פּשטות, וואָרצלט דער אומגעהייערער כישוף פון אָט דער מגילה, איר אייביקייט. און מ׳קאָן אַזוי גיין פון איין ווערק צום אַנדערן, אויף די וועגן און שטעגן פון לאַנגע דורות, ביז מיר וועלן קומען צו רעמאַרקן. אַ גרויסע מלחמה-ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן, אייניקע ווערק פון גרויסן פאַרנעם, טיפע, אויפטרייסלענדיקע, אָבער רעמאַרקס „אויפן מערב-פראָנט איז שטיל” דווקא אָט דאָס נישט טיפע, נישט פּרעטענציעזע ווערק, דערהויבט זיך הויך און העכער איבערן ריזיקן באַרג פון מלחמה-ביכער.

איר וווּנדערט זיך אַליין: פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? אפשר אַ טעות? איר ווילט זיך אַליין אָפּוועדן, נאָר... פאָרט... אַ באַהאַלטענער כוח דרינגט אין אייך אַריין פון רעמאַרקס שורות. דער וווּנדערלעכער, אַזוי פּשוטער, אַזוי כמעט אומליטעראַרישער סטיל, האָט אייך געפּאַקט. ס׳איז די מגילה פון אונזער טראַגישער צייט — נישט מגילת רות, נאָר מגילת איכה, אַ ווערק פאַר דורות.

כ׳בין אפשר צו ווייט אַוועק פון אָנגעצייכנטן פּלאַן, מחמת שרייבן האָב איך נאָר געוואָלט וועגן „מאַגנאָליאַ סטריט״, די דערציילונג פון דעם יידיש-ענגלישן שריפטשטעלער לויִס גאָלדינג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אומגעהייערן רושם סיי אין ענגלאַנד, סיי אין אַמעריקע,—אַ ליטעראַרישע סענסאַציע, וואָס קאָן זיך בלויז פאַרגלייכן מיט דער דערשיינונג פון רעמאַרקס מלחמה-בוך.

„מאַגנאָליאַ סטריט״. דער קאָלעגע, וואָס האָט מיר רעקאָמענדירט צו לייענען דאָסדאָזיקע בוך, קלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע: לייענט, לייענט — ס׳איז אַ גרויס ווערק.

און וואָס דערציילט זיך דאָרט?

— וואָס?... גאָלדינג שילדערט אַ גאַס אין דומינגטאָן (געמיינט מאַנטשעסטער), אויף איין זייט — יידן, אימיגראַנטן, אויף דער אַנדערער זייט — גוים, ענגלענדער.

— דאָס אַלץ?

נו, פאַרשטייט זיך... מ׳קאָן נישט אַזוי איבערגעבן, מ׳דאַרף אַליין לייענען...

און איך האָב געלייענט. איבערגעלייענט — און וואָס אַזוינס דאָרט געפונען?

באמת, מ׳קאָן נישט איבערגעבן. דערציילן קאָן מען אַ מעשה, אָבער נישט קיין סטיל. און גאָלדינגס בוך איז אַ בוך פון סטיל, פון גרויסער מייסטערשאַפט. דידאָזיקע מייסטערשאַפט האָט פאַרכאַפּט מיליאָנען מענטשן. די דרוק-מאַשינען אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע ווערפן כסדר אַרויס נייע אויפלאַגעס און דער עולם צעכאַפּט זיי.

לויִס גאָלדינג איז נישט קיין אָנהייבער, אַ סך ווערק פריער געשריבן, גרעסערע און קלענערע, דערציילונגען, לידער, עסייען. אָבער ערשט איצט, מיט זיין „מאַגנאָליאַ סטריט״, איז ער אַריין אין דער וועלט-ליטעראַטור. אין „מאַגנאָליאַ סטריט״ האָט זיין סטיל דערגרייכט אַרטיסטישע שלימות.

די קריטיקער קאָנען זיך נישט אָפּלויבן. אַ נייער זאַנגוויל, אַ נייער סינקלער לויִס... וואָס פאַר אַ פאַרגלייך?... — הערט זיך אַ פּראָטעסט — אומגעהייער גרעסער!... ס׳קומט אים און נישט

קיין אַנדערן, די נאָבל-פּרעמיע! — רופט דאָ און דאָרט אַ קול. „מאַגנאָליאַ סטריט" ווערט דראַמאַטיזירט, האָליוואָוד איז שוין אויך אויף די פיס: זי וויל אַ פילם פון "מאַגנאָליאַ סטריט".

גאָלדינג, גאָלדינג, גאָלדינג.

לייען איך נאָכאַמאָל דעם ראָמאַן. איך שפּיר דעם כּישוף, וואָס דרינגט אין מיר אַריין פון די שורות. און איך ראַנגל זיך: אָבער ס'איז דאָך כּמעט קיין פּאָזיטיווע גישטאָ — וואָס-זשע קאָן דאָ דראַמאַטיזירט ווערן פאַר דער בינע? יידן, גוים, צוויי וועלטן, פרעמדע, ווייטע וועלטן, כאָטש אויף דערזעלביקער גאַס, איינע אַנטקעגן די אַנדערע, דאַן די מלחמה, ביידע זייטן גאַס ברענגען קרבנות — מ'דערקענט זיך, מ'דערנענטערט זיך, איבערהויפּט דער יינגער דור... דער אַלטער דור שטאַרבט אָפּ. יינגוואַרג פאַרברענגט צוזאַמען... געמישטע חתונות... און דאָס אַלץ אין דרייסיק יאָר: פון 1900 ביז 1930.

קיין טיפע קאָנפליקטן, קיין יחידישע איבערלעבענישן, קיין נשמה-ראַנגלענישן—און דאָס אַלץ איז דאָך געווען, געמוזט זיין, נאָר גאָלדינג ווייזט דאָס אונז נישט. ער גיט אונז די גאַס, דעם קאָלעקטיוו, סילועטן פון יחידים, דער יחיד אויף וויפיל ער קומט אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע יחידים, אויף וויפיל ער דערגאַנצט דאָס אַלגעמיינע בילד; קיין איין פיגור אין דעם גאַנצן בוך שטאַרט נישט אַרויס ווי די וויכטיקסטע — און דאָך ווערט מען פאַרכאַפּט פון אַ פאַרבאָרגענעם כּוח. דער כּוח איז, ווי געזאָגט, דער סטיל. ווען איר פאַרמאַכט די טאָוולען, פילט איר, אַז איר האָט געלייענט אַ וויכטיק בוך, כאָטש איר קאָנט גאָרנישט איבערדערציילן און קאָנט די וויכטיקייט נישט דעפינירן.

האָט איר אַמאָל געזען די „מאָנאַ ליזאַ"?

אַ פרוי שמייכלט פון לייוונט אַראָפּ, וואָס-זשע איז? ווייניק געמעלן פון שמייכלדיקע פרויען זענען פאַראַן? אָבער עפּעס איז אין דעם שמייכל פון דער „מאָנאַ ליזאַ" דאָ אַזוינס, וואָס פאַרכּישופט דורות.

אַ שמייכל צו אַ שמייכל איז נישט גלייך, אַ ווערק צו אַ ווערק איז נישט גלייך, ס'ווענדט זיך אָן דער האַנט פון מייס-

טער, אָן סטיל, אָן — ווער קאָן, אייגנטלעך, זאָגן, וואָס סטיל איז אַזוינס? מיר ווייסן בלויז, אַז ס׳איז, אָבער נישט פאַרוואָס און וויאַזוי עס איז.

יאָ, אַ שמייכל צו אַ שמייכל איז נישט גלייך. אויך דער גורל פון ביכער איז נישט גלייך.

בעתן לייענען גאָלדינגס „מאַנגאָליאַ סטריט" איז מיר געקומען אויפן זינען שלום אַשס „שטעטל". געוויס דאַרף מען קיין ביכער נישט פאַרגלייכן, נאָר טיילמאָל קאָן מען זיך נישט העלפן. האָב איך אויפסניי איבערגעלייענט דאָס ווערק, וואָס דערמיט איז אַש אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור און... אין ליכט פון דעם „שטעטל" איז פאַרטונקלט געוואָרן „מאַגנאָליאַ סטריט".

אין ביידע: סטיליסטישע מייסטערשאַפט, אָבער אַשס דערציילערישקייט איז אַזוי פיל מענטשלעכער, האַרציקער, וואַרימער.

האָט גאָרקי אַמאָל באַדויערט, וואָס די רוסישע ליטעראַטור האָט נישט אַזאַ שטעטל, מעגן מיר אַלע באַדויערן, וואָס אַשס „שטעטל" איז אומבאַקאַנט דער גרויסער וועלט, אומבאַקאַנט — נישט ווייל אויף יידיש, וואָרום אַש האָט שוין לאַנג אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון דער יידישער ליטעראַטור — נאָר מחמת די וועלט קאָן אַזאַ שבתדיק-שטעטל נישט תּופס זיין, ס׳איז איר לחלוטין פרעמד.

גאָרקי איז אַן אויסנאַם, אָבער אפילו ער — צי האָט ער פאַרנומען דעם גאַנצן טהות פון אַשס אידיליע?

נאָר אויב אַשס „שטעטל" איז פרעמד דער נישט יידישער וועלט, וואָלט געווען אַ יושר, אַז גאָלדינגס „מאַגנאָליאַ סטריט" זאָל נישט בלייבן פרעמד דער יידישער וועלט, צוליב דער פרעמדער שפּראַך אויף וועלכער ס׳איז געשריבן, מחמת אין „מאַגנאָליאַ סטריט" האָבן מיר אַ בילד פון דער יידישער אימיגראַציע, פון די גאָמבינער יידן, וואָס זענען אויסגעריסן פון דער זייער פאַרוואָרצלטקייט און אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַ נייעם באָדן.

ס׳איז נישט בלויז מאַנטשעסטער — ס׳איז ניו-יאָרק און יאָהאַנעסבורג; סאַן-פראַנציסקאָ און מעלבורן; מאָנטרעאַל און „אומעטום”, ווו יידן ווערן אַריבערגעפלאַנצט אויף נייער ערד, צווישן נייע שכנים.

מענטש און אינזעקט

אַ מיק האָט גובר געווען דעם מעכטיקן טיטוס. שפינען האָבן געבראַכט פייער צו פאַרברענען דאָס בית־המקדש. פרומע יידן האָבן דערפאַר מוראדיק פיינט שפינען און אין דער יידישער שפּראַך האָבן זיך פאַרוואָרצלט אַזעלכע ווערטלעך ווי „כ׳האָב אים (אָדער זי, אָדער דיך) פיינט ווי אַ שפין", „ווי אַ שפין אין די אויגן". אָבער אויך אין דער מיטאָלאָגיע פון אַנדערע פעלקער שפּילן אינזעקטן אַ גרויסע ראָל. ביי די אינדיאַנער פון אַמעריקע פאַרנעמען אינזעקטן אַ גרויס אָרט אין דער באַשאַפונג פון דער וועלט. אומעטום ווערט אָט די קליינינקע באַשעפענישלעך צוגעשריבן אַן אומגעהייערע גבורה.

דער פּרימיטיווער מענטש האָט זיך נישט טועה געווען. ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס די וויסנשאַפט פון ביינצבנטן און צוואָנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך צו זיי דערשלאָגן מיט שווערער מי, דורך לאַנגע עקספּערימענטן, האָט ער, דער פּרא־אדם, דערשפּירט סטיכיש, אינטויטיוו. ווען דער מענטש איז געקומען אויף דער וועלט, האָט ער שוין דאָ געטראָפן דעם אינזעקט. דער אינזעקט איז עלטער פון מענטשלעכן מין מיט אַרום פערציק מיליאָן יאָר. דער אינזעקט וועט נאָך לעבן, ווען דער מענטש וועט שוין לאַנג זיין אָפּגעמעקט „פון פנים פון דער

ערד״. אויף דער לעצטער פוילער פלאנץ וועט שטיין א פלי־געלע און זויגן דאס לעצע ביסל זאפט פון לעבן.

דער מענטש פירט אן אייביקע מלחמה, א פארביסענע מלחמה מיטן אינזעקט, מיט די קריכנדיקע און פליענדיקע בריאהלעך — אזוי זינט ער געדענקט זיך. ער האט געקעמפט מיטן לייב, מיטן טיגער, מיטן וואלף, מיט די קראקאדילן – און זיי גובר געווען. אבער קעגן דעם פליגעלע און דעם ווערימל איז ער אוממעכטיק. דער לייב און דער העלפאנט איז קעגן זיי פונקט אזוי אומבאהאלפן, ווי דער מענטש. פאבל־שרייבערס האבן שוין ברייט אויסגענוצט די טעמע: א קאמאר אויפן רוקן ביים קעניג פון די חיות. דער לייב, וואס קאן מיט זיינע ציין צעבייסן און מיט די לאפעס צערייסן אן אקס, קאן זיך קיין עצה נישט געבן מיט א נישטיקער מאסקיטע, וועלכע דאקוטשעט און פייניקט אים.

אדער מאלט זיך אויס דאס קאמישע בילד פון א פליגע־לע אויף דעם פיינעם פליך פון א וואזשנעם דיפלאמאט, וואס לענדער און פעלקער ליגן אין זיינע הענט. איז דא נאך א חוצפהדיקער באשעפעניש ווי א פליג? דאס ווערטל: „ער (אדער זי) האט זיך אנגעזעצט ווי א פליג״, איז די בעסטע כא־ראקטעריסטיק פאר א נודניק. און עס איז נישטא קיין ערגע־רער טעם, ווי געפייניקט צו ווערן פון אן אמתער פליג. דעם געדולדיקסטן מענטש ברענגט זי ארויס פון די כלים, באזונ־דערס אין א הייסן זומערטאג. אט זיצט זי אייך אויפן שטערן, באלד אויפן נאז און אט זינגט זי אייך אין די אויערן אריין דעם לאנגווייליקן אינזעקטן־הימן, וואס קלינגט נאך ערגער און נארישער פון „באזשע צאריא כראני״, „גאד סייוו דהי קינג״ און „דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס״.

די פליג איז אויך א בעלן צו פארזוכן אייער זופ, אייער וויין, אדער די סמעטענע, מיט וועלכער איר קוויקט זיך. טרעפט אמאל, אז א פליג באשליסט צו באגיין זעלבסטמארד, קלייבט זי דווקא אויס אייער גלאז מילך, אדער בארשט. און אז א פליג וויל מאכן א ראנדעווו מיט א געליבטער, איז עס נישט

אַנדערש, ווי ביי אייך אויפן פּליך, אָדער אין אַן אויער, וואָס דינט זיי פאַר אַן אינטים באַהעלטעניש. דאָס ערגסטע איז, וואָס זי גייט אייך אויך אין ברויט אַריין — זי באַפאַלט אייערע פעלדער, אייערע תבואות, פּרעסט, רויבט, מאכט אַ תל. דער שאָדן, וואָס אינזעקטן טוען אָפּ אויף די פעלדער פון דער וועלט, באַטרעפט די קיילעכיקע סומע פון צוויי מיליאַרד דאָלער אַ יאָר.

דאָס איז גאָר קיין שפּאַס נישט. און עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס די געלערנטע ענטימאָלאָגן וואָרענען אונז קעגן דעם אינזעקט. ער איז דעם מענטשנס ערגסטער שונא, פאַרזיכערן זיי אונז. ער איז מער צוגעגרייט צו אַלערליי באַדינגונגען, קלימאַטן און ענדערונגען, ווי דער מענטש. דער אינזעקט איז דעריבער אומגעהייער שטאַרקער פון אונז. זיין פּרוכטבאַרקייט איז ממש לעגענדאַר. קיין שום אַנדער באַשעפעניש קאָן זיך דאָ נישט פאַרמעסטן מיט אים. הבה נתחכמה! וואָרנען זיי — וואָרום אויב נישט, וועט דער אינזעקט פאַרטיליקן די מענטשלעכע ראַסע.

„די אינזעקטן געפאַר" — דאָס איז דער נאָמען פון דעם ביי סטן בוך, וואָס רופט דעם מענטש צו מלחמה קעגן אינזעקט. דער מחבר, ד"ר ל. אָ. האָוואַרד, איינער פון די באַרימטסטע ענטימאָלאָגן, קלאַפּט טרעוואָגע. די אינזעקטן פרעסן אויף אונזער ברויט, מאַכן אומגליקלעך די פויערן, פאַרשפּרייטן קראַנקהייטן, מגפות. דאָס אינזעקטנטום וועט פאַרטרייבן פון דער ערד דאָס מענטשנטום, אונז פאַרפליצן און פאַרטרייבן, וויבאַלד מיר וועלן נישט געהעריק מאַביליזירן אונזערע כוחות, אונזערע גייסטיקע פעיקייטן.

קליין, נישטיק, נעבעכדיק ווי יעדעס אינזעקטל באַזונדער זעט אויס, איז אָבער דאָס אינזעקטנטום אינגאַנצן גענומען דער דערפאָלגרייכסטער מין פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד — שרייבט ד"ר האָוואַרד. „שטאַרק, אַגרעסיוו, אָנגרייפעריש און פאַרמערט זיך מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס מיר קאָנען גאָרנישט משיג זיין". אַ פּחד באַפאַלט ממש, ווען איר לייענט דאָס דער-

מאָנטע בוך. יעדעס פליגעלע און ווערמל ווערט אייך ווי „אַ שפּין אין די אויגן״. דער פרומסטער וועגעטאַריער וועט, נאָכן איבערלייענען ד״ר האָוואַרדס וואָרנונג, זיך אַרויסלאָזן שיסן און קוילענען מאָסקיטן און אַנדערע שרצים, צו פּאַרטיליקן און פאַרניכטן, אַז קיין שריד ופליט זאָל פון זיי נישט בלייבן.

באמת, ווער קאָן האָבן אַ גוט וואָרט פאַר אָט די באַשעפענישן, וואָס פאַרשפּרייטן חולאתן, צעפרעסן די תבואות אויף די פעלדער און די פרוכט אין די סעדער, זשומען אונז אין די אויערן און לאָזן אונז זומער נישט שלאָפן? אַ פרומער ייד (און מסתמא אויך אַ פרומער גוי) גלויבט, אַז אויב גאָט האָט זיי באַשאַפן, דאַרפן זיי זיין. דער רבונו-של-עולם וועט דאָך נישט סתם אַרויסברענגען עפּעס פון זיינע הענט אָן נוצן, אָן אַ פּלאַן. פונדעסטוועגן וועט דער פרומסטער מענטש מיט פאַרגעניגן אַ פּאַטש טון אַ פליג, וואָס דערגייט אים די יאָרן, און זי דערהרגענען. ער פאַרגעסט אינגאַנצן אָן גאָטס חכמה. נאַטירלעך קאָן מען דאָס אויך באַרעכטיקן: דער בורא האָט טאַקע באַשאַפן אינזעקטן, אָבער דערביי האָט ער דעם מענטש געגעבן שכל און הענט זיי צו ממיתן.

אין אינדיע איז פאַראַן אַ סעקטע, וואָס אירע מיטגלידער װעלן ביינאַכט נישט אַרויס פון זייערע געצעלטן, אפילו איר זאָלט זיי אָפּגילטן, כדי זיי זאָלן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט חלילה נישט צוטרעטן אַ ווערימל; אַ סך פון זיי, די גאָר פרומע, פאַרהענגען זיך אפילו מויל און נאָז מיט אַ טיכל, זיי זאָלן ביים אָטעמען נישט אַריינציען אין זיך אַ פליגעלע — אַזוי הייליק איז ביי זיי דאָס לעבן פון יעדער בריאה. נאָך אַ נס, וואָס דידאָזיקע סעקטע איז אַ קליינע. אַ נישט וואָלטן שוין פון דעם מענטש לאַנג קיין זכר נישט געווען און די אינזעקטן וואָלטן געזונגען הימנען אויף זיין קבר.

דערפאַר איז דאָ אַן אַנדער רעליגיע, וואָס פּרעדיקט מלחמה קעגן אינזעקטן—דאָס איז די רעליגיע פון די פּאַרסיס, אויך אין אינדיע. שוין דערפאַר אַליין דאַרפן מיר באַדויערן, וואָס די מאַכמעדאַנער האָבן די פּאַרסיס פאַרטריבן פון פּערסיע און בלויז

א הונדערט טויזנט פון זיי איז איצט איבערגעבליבן אין אינדיע. זאַראַאַסטער, דער לעגענדאַרישער באַשאַפער פון דער „זענד־אַוועסטאַ”, האָט געזען צוויי כּוחות געוועלטיקן אין אוניווערס — דער כּוח פון פינסטערניש און שלעכטס אין דער געשטאַלט פון אחרימון; און דער כּוח פון ליכטיקייט און גערעכטיקייט, אין געשטאַלט פון אַהורא־מאַזדאַ. צווישןביידע כּוחות גייט אָן אַן אייביק געראַנגל און עס איז די הייליקע עובדה פון דעם מענטש אָנטייל צו נעמען אין אָט דעם געראַנגל, אויף דער זייט פון דעם גוטן און ליכטיקן גאָט, העלפן אים פאַרטרייבן פינסטערניש און שלעכטס.

פליגעלעך, ווערים — זיי זענען צווישן די גרעסטע העלפער אחרימונס; אַלץ, וואָס צעשטערט, וואָס ברענגט נישט קיין נוצן, וואָס דערגייט דעם מענטשן די יאָרן, געהער צו אחרימונס בייזער הערשאַפט. דעריבער האָט זאַראַאַסטער גערופן דעם מענטש מלחמה צו האַלטן קעגן די אינזעקטן אין הויז און אין גאַס, אומעטום, ווו ער קאָן. דער מענטש, וואָס רייניקט־אָפּ אַ פעלד פון די שרצימלעך, איז אַ צדיק, לויט די פּאַרסישער רעליגיע, און ער פאַרזיכערט זיך דערמיט דאָס גן־עדן. זאַראַאַסטער האָט, אַלזאָ, מיט טויזנטער יאָרן צוריק געטענהט דאָס אייגענע, וואָס ד״ר האָוואַרד און אַנדערע פאָרשטייער פון דער ענטימאָלאָגישער וויסנשאַפט אין דער איצטיקער צייט.

איבערהויפּט אין די הייסע חדשים פון יאָר איז יעדער פון אונז אַ זאַראַאַסטיאַנער אין אָט דעם זינען; ווער שמועסט שוין, בעת איר פאָרט זיך אָפּרוען „אויפן שויס פון דער נאַטור” און אַלערליי פליגן לאָזן אייך נישט כאַפּן קיין דרימל, אָדער מאָסקיטן צעבייסן אייך, בעת איר זיצט אינדרויסן און באַוואונדערט די נאַטור, צי איר פירט מיט אַ פריינד אַ געמיטלעכן שמועס מכּוח פּאָליטיק, ליטעראַטור און פילאָזאָפיע; אָדער איר זענט נאָך יונג גענוג צו פאַרברענגען מיט אַ געליבטער. פאַרזונקען אין טיפע ראָמאַנטישע געפילן און בעת־מעשה מוזט איר גאָר טרייבן די קליינע בריאהלעך פון זיך און צוזען ווי אייער געליבטערס שיינע פּיס זענען צעביסן — און אָנגעשוואָלן

געוואָרן — פון די נידערטרעכטיקע פליענדיקע בלוט-זויגערלעך — דאַמאָלס, אָ, דאַמאָלס זענט איר פרומער פון דעם פרומסטן פּאַרסי אין קאַמף קעגן פליגנטום.

דעריבער איז לייכט צו פאַרשטיין יענע, וואָס ווילן נישט וויסן פון ספּיריטואַליזם, אויב אויך אינזעקטן לעבן נאָכן טויט. ווײַבאַלד אין די אַנדערע וועלטן ווערט דער מענטשלעכער גייסט געביסן פון גייסטיקע פּאַראַזיטן — איז שוין, זאָגן זיי, בעסער נישט צו לעבן נאָכן טויט. מילא, אַ לעבעדיקע מאָסקיטע קאָן מען דערהרגענען, אָבער אַ גייסטיקע מאָסקיטע איז דאָך מסתמא אייביק, ווי אַלץ, וואָס איז גייסטיק און וויפל איר זאָלט זי נישט פּאַטשן, בלייבט זי אַלץ ווי געווען און זשומעט זיך ווייטער איר נודנע, טאַלאַנטלאָזן לידעלע. איז טאַקע נישט גוט. עס איז דאָך געגוג, אַז מ׳ווערט געמוטשעט פון אינזעקטן אויף דער ערד, אין פיזישן לעבן, טאָ וועלכער משוגענער וועט דאָס וועלן ווידער געפּייניקט ווערן פון זיי אין די „הויכע ספערן״?

זאָל עס מעגלעך זיין, אַז פּונקט ווי מיר קומען אויף דער וועלט קעגן אונזער ווילן און מיר שטייען אויס אַלערליי צרות, אַזוי אויך מוזן מיר שפּעטער פירן אַן אייביקע עקזיסטענץ, צי מיר ווילן, אָדער נישט, און אויסשטיין אומאויפהערלעך, אומענדלעך די אַטאַקעס פון מחנות גייסטיקע פליגן? די איינציקע טרייסט בלייבט אונז, אַז אינזעקטן זענען אפשר יאָ שטערבלעך, זייערע גייסטער, הייסט עס, לעבן נישט נאָכן טויט. עס וואָלט דאָך געווען זייער שרעקלעך, אויב אַנדערש. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן אַ באַגעגניש מיט די גייסטער פון טויזנטער, אפשר מיליאָנען פליגעלעך, מאָסקיטן און אַנדערע אינזעקטן, וואָס איר האָט אין פאַרלויף פון אייער ערדישער עקזיסטענץ דערהרגעט?

די בעסטע זאַך וועט אויף יעדן פאַל זיין, אויב די וויסנשאַפט וועט אַנטדעקן עפּעס אַ מיטל צו פאַרמיידן דאָס געבורט פון נייע אינזעקטן, אַ מין געבורטס-באַשרענקונגס-סיסטעם פאַר די זלידנע פליגן פון אַלע מינים. אויף דעם טאַקע

האָפּט ד״ר האָוואַרד און די אַנדערע ענטימאָלאָגן. זאָל גאָט בענטשן זייערע מוחות, אַז זיי זאָלן אַזאַ רפואה וואָס שנעלער אויסגעפינען. אויב נישט, איז דער מענטשהייט גאָרנישט מקנא צו זיין.

א. אלמי

חעגן לשון

ד״ר אײלעס הערדיצקא איז א באַרימטער אַנטראָפּאָלאָג. זײַן נאָמען איז שוין לאַנג אַריבער די גרענעצן פון אַמעריקע און זײַן יעדעס װערק מכּוח ראַסן-פּראָבלעמען רופט אַרױס אומגעהײערע פאַראינטערעסירטקײט אין דער גאַנצער װיסנשאַפטלעכער װעלט.

אין זײַן לעצט װערק װײַזט אונז דער געלערנטער דעם אַמעריקאַנער אין הונדערט יאָר אַרום. דאָס איז נישט סתּם קײן נביאה אַלאַ עדװאַרד בעלאַמי, װאָרום עס האָט לחלוטין נישט צו טון מיט סאָציאַלע, פּאָליטישע אָדער טעכנישע פאַרװאַנדלונגען, נײַערט מיט דער עװאָלוציע פון אַמעריקאַנישן טיפּ, װי ד״ר הערדיצקא זעט דאָס, לױט פאַרשידענע סימנים. אין היפּוך צו אַנדערע אַנטראָפּאָלאָגן, װאָס האָבן אַמאָל אַרױסגעזאָגט די סברא, אַז דער אַמעריקאַנער װערט, אונטער דער װירקונג פון דער אַמעריקאַנישער אַטמאָספערע, אינדיאַניזירט און אין דער צוקונפט װעט ער װי צװײ טראָפּנס װאַסער גלײַך זײַן צום אינדיאַנער, קומט ד״ר הערדיצקא צום אױספיר, ברענגענדיק דערױף אַ גאַנצע רײ ראיות, אַז אױב דער היגער ראַסן-געמיש האָט אַביסל אָפּגענײגט דעם אַמעריקאַנער פון דעם ענגלענדער, איז קענטיק אַצינד אַ צוריקקער צום שורש, צום איבערװעגנדיקן אַנגלאָ-סאַקסישן עלעמענט.

סיי פיזיש, סיי גייסטיק וועט דער אַמעריקאַנער פון דער צו־קונפט זיין אַן ענגלענדער.

אָבער, ווי זאָגט מענדעלע מוכר ספרים — נישט דאָס בין איך אויסן. וואָס מיך אינטערעסירט דאָ דער עיקר איז ד״ר הערדיצקאס הנחה, לויט וועלכער ער קומט צו אָט דעם אויס־פיר — דאָס איז די ענגלישע שפּראַך. דער באַרימטער אַנטראָ־פּאָלאָג האַלט די שפּראַך פאַר דעם וויכטיקסטן אינסטרומענט אין פאָרמירן דעם מענטשן, אין געשטאַלטן גוף און נשמה. דער פאַקט, וואָס די אַמעריקאַנער און די ענגלענדער האָבן איין שותפותדיק לשון, איז אויף אייביק גורם זייער קעגנזייטיקע באַ־העפטונג, זייער קוק אויף דער וועלט, זייערע סענטימענטן.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס?

אַנטקעגן יענע יידן אונזערע, וואָס קוקן אויף שפּראַך ווי אויף עפּעס אַן ענין, וואָס עס לוינט זיך גאָרנישט דערמיט אָפּ־צוגעבן. וואָס איז דען, טענהן זיי, פאַר אַ חילוק וואָסער לשון יידן רעדן און וועלן רעדן, אַבי זיי וועלן זיין יידן? לויט זיי קאָנען זיין יידן אויף ענגליש, אויף דייטש, אויף טערקיש, אויף האָטענטאָטיש — די הויפּט־זאַך איז דאָס פּינטעלע ייד. און אַז איך האָב אַמאָל — עטלעכע מאָל — פּאַראַפראַזירט לודוויג פייער־באַכס פּאָפּולער־געוואָרן ווערטל, וואָס זאָגט, אַז „דער מענטש איז דאָס, וואָס ער עסט״, אויף: „דער מענטש איז דאָס, וואָס ער רעדט״, האָט מיך אַ קאָלעגע שיער נישט צעריסן אַ לע־בעדיקן פאַר מיין אפּיקורסות און דערביי אָפּגעזאָגט ווי אַ מזמור די גוט־באַקאַנטע אַרגומענטן מכוח די פאַרשידענע לשונות, וואָס יידן האָבן שוין גערעדט; און, פאַרשטייט זיך, אויך נישט פאַר־געסן די יידן אין דייטשלאַנד, וואָס „שפּרעכן״ דייטש, די יידן אין איטאַליע, וואָס רעדן איטאַליעניש; ערשט די האָלענדישע יידן, ספּרדישע יידן — אַ כבול פון רייד, אַ ים פון אַרגומענטן.

אָט די יידן דערמאָנען מיך אָן יענעם בעל־עגלה, וואָס דערהערנדיק די בשורה, אַז דער רב איז נפטר געוואָרן, האָט ער אַ מאַך געטון: „ניפטער־פּיפטער — אָבער פּרנסה האָט ער?״. וואָס דאַרפן מיר זיך זאָרגן, טאָמער גייט יידיש אונטער, אַבי יידן

בלייבן יידן! אָבער איז עס באמת אַזוי? מילא קודם דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט, ווען איין פאָלק רעדט אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, נאָר נישט קיין אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך. מען דאַרף אַליין זיין אַ גייסטיקער טומטום, כּדי צו קאָנען שלום מאַכן מיט אַזאַ צושטאַנד. אין אַזאַ מעמד קאָן קיין שפּור נישט זיין פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, אַ חוץ וואָס ייד מיט ייד פון פאַרשידענע לענדער קאָן זיך נישט צונויפרעדן. איצט איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, אויב ייד בלייבט טאַקע ייד, בעת ער רעדט אַ נישט־יידישע שפּראַך.

שפּראַך איז נישט קיין טויטער מעכאַניזם. שפּראַך איז מיט טויזנטער פעדים געקניפּט און געבונדן מיט דער גאַנצער פּסיכיק, מיטן כאַראַקטער פון דעם מענטשן. רעדן מיינט טראַכטן, פילן, איבערלעבן, בענקען, ליבן, האַסן, שטרעבן אין דעם לשון וואָס מ׳רעדט. צוויי מענטשן, וואָס שווייגן, זענען זיך פרעמד. צוויי מענטשן, וואָס רעדן זיך צונויף, ווערן זיך אייגן. דער גאַנצער מענטש לעבט זיך אויס אין לשון. דעריבער — אַ ייד, וואָס רעדט אויף אַ נישט־יידישער שפּראַך, טראַכט נישט־יידיש, שטרעבט נישט־יידיש. ער ווערט ביסלעכווייז אָפּגעריסן פון דעם פאָלק, וואָס צו אים געהערט ער לויט זיין בלוט, און ווערט צוגעבונדן צו דעם פאָלק, וואָס זיין שפּראַך רעדט ער — בלוט איז טאַקע קיין וואַסער נישט, אָבער שפּראַך איז שטאַרקער פון בלוט. שפּראַך איז פּאַקטיש געוואָרן דאָס בלוט פון דער נייער מענטשהייט, מחמת דורך דער שפּראַך דריקט זיך אויס יעדעס פאָלק, אין דער שפּראַך און דורך דער שפּראַך רעדט די קולטור, דער גייסטיקער תּוך און תּוכן פון יעדער נאַציע.

שפּראַך איז געווען מינדערוויכטיק, ווען רעליגיע האָט געשפּילט די ערשטע פידל. אַזוי איז געווען ביי זיי און אַזוי — ביי אונז. די רעליגיע פאַרנעמט מער נישט איר אַמאָליק גרויס אָרט. איר באַטייט ווערט אַלץ קלענער. קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער דייטש שלאָגן זיך מער נישט פאַר רעליגיע. קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער פראַנצויז זענען גלייך — פראַנצויז. דעם קאַטוילישן פלעמער פון בעלגיע איז נענטער דער פּראָטעס־

טאַנטישער האָלענדער איבער דער גרענעץ, ווי דער קאַטוילישער וואַלאָנער, וואָס לעבט מיט אים אויף איין טעריטאָריע, אונטער דערזעלביקער רעגירונג, ווייל דער פלעמער און דער האָלענדער האָבן איין שפּראַך. ווען מען מאַכט אַ פּלעביסציט, ווערט עס געטון נישט לויט די רעליגיעזע גלויבנס פון דער באַפעלקערונג, נאָר לויט די שפּראַכן, וואָס זי רעדט. דאָס הויפּט-געוויכט ווערט אומעטום און כסדר געלייגט אויפן לשון.

וואָס עס איז שייך יענע יידן, וואָס זיי אַרט כלומרשט נישט וועלכע שפּראַך יידן רעדן, כל-זמן זיי בלייבן יידן, ווילט זיך זיי פרעגן, וואָס פאַרשטייען זיי אונטער יידישער קולטור? היינע איז געווען אַ נאַציאָנאַלער ייד, אָבער דאָס וואָס ער האָט געשאַפן, איז בשום-אופן נישט קיין יידישע קולטור, נאָר דייטשישע; זאַנגוויל איז געווען אַ נאַציאָנאַלער ייד, אָבער זיינע ווערק זענען אַ טייל פון דער ענגלישער ליטעראַטור, נישט פון דער יידישער; וואָס דער נאַציאָנאַלער ייד לודוויג לויסאָן שאַפט, איז אַנגלאָ אַמעריקאַנישע קולטור; עס איז נישט וויכטיק ווי נאַציאָנאַל-יידיש אַ ווערק איז אין אינהאַלט. אויב דאָס לשון איז נישט יידיש, איז די שאַפונג נישט יידיש. אויב מיר זאָלן פאַררעכענען פאַר יידישער קולטור אַלץ, וואָס איז פון יידישן אינהאַלט, דאַרף מען דאָך אַריינרעכענען אין חשבון לאָרד באַיראָנס יידישע מאָטיוון, דזשאָרדזש עליאָטס „דניאל דעראָנדאָ" און אַנדערע אַזעלכע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור.

קלאָר, אַז יידישע קולטור איז דאָס, וואָס ווערט געשאַפן אויף דער יידישער שפּראַך. אַ יידישער שרייבער מעג מחבר זיין אַ ווערק אויף אַ גוישער טעמע, איז דאָס ווערק אַ טייל פון דער יידישער ליטעראַטור, וויבאַלד עס איז געשריבן אויף יידיש. דער און יענער מעג צו אים טענות האָבן, פאַרוואָס ער קלויבט ליבערשט נישט אויס קיין יידישע טעמעס, נאָר פאַרלייקענען זיין שאַפונג אַלס טייל פון דער יידישער ליטעראַטור, וועט קיינער נישט קאָנען. נאָך מער: אַ יידישער שריפטשטעלער קאָן אפילו אויף יידיש פאַרפאַסן אַן אַנטי-יידישן חיבור, איז עס אַלץ יידישע ליטעראַטור, — פאַרשטייט זיך, אויב דאָס ווערק האָט בכלל

אַ ליטעראַרישן ווערט. דערמיט, וואָס מענקען און אַ ריי אַנדערע אַמעריקאַנישע שריפטשטעלער האָבן מיט אַ צייט צוריק געמאַכט דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק אויסצודרייען, איז דאָס זאַמלבוך, ווו זיי האָבן זייערע „אַנטי-אַמעריקאַנישע" מאמרים געשריבן, נישט געוואָרן אויס ענגליש, אויס אַמעריקאַניש.

ס'מעג קלינגען מאָדנע, אַז דאָס, וואָס דער דייטש רודאָלף ראָקער שרייבט אויף יידיש, איז יידישע קולטור און דאָס, וואָס דער ייד לודוויג לויסאָן שרייבט, איז אַנגלאָ-אַמעריקאַנישע ליטעראַטור, מחמת ער שרייבט אויף ענגליש, אָבער אַזוי איז עס פּאָרט. אייגנטלעך איז אַזאַ זאַך נאָר מאָדנע ביי אונז, ווייל מיר זענען נישט געוווינט, אַז נישט-יידן זאָלן שרייבן אויף יידיש. ביי די אומות העולם איז עס אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג צו האָבן אין זייערע ליטעראַטורן קולטור-גרים. אָט איז דער פריער דערמאָנטער ד"ר הערדיצקא אַ טשעך, אָבער ער שרייבט זיינע ווערק אויף ענגליש, וועט קיינעם נישט קומען אויפן רעיון אפילו, אַז ער באַרייכערט די טשעכישע ליטעראַטור. באַרייכערן באַרייכערט ער די וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור, וואָס אויף איר שפּראַך זאָגט ער אַרויס זיינע געדאַנקען. דאָס איז אַזוי זעלבסט-פאַרשטענדלעך, וואָס זעלבסטפאַרשטענדלעכער קאָן גאָרנישט זיין.

שוין נישט צו רעדן פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע און אפילו אינטערנאַציאָנאַלע, אוניווערסאַלע טעמים, צוליב וועלכע מיר דאַרפן מיט אַלע כוחות שטרעבן, אַז יידן זאָלן האָבן אַן אייגענע און איינהייטלעכע שפּראַך, איז אפילו דער איינציקער טעם פון האָבן אַ קולטור אויך גענוג. אָן אַן איינהייטלעכער יידישער שפּראַך האָבן מיר נישט קיין נאַציאָנאַלע קולטור, קיין נאַציאָנאַלע קונסט, האָבן אונזערע קינסטלער נישט קיין היים און אונזערע ווערטן, אונזערע גייסטיקע פאַרמעגנס זענען הפקר. מיר וועלן דאַן אָפּקומען מיט לויזן די פרעמדע ליטעראַטורן און דאָרט כסדר אַנטדעקן יידן, אָבער רייכער וועלן מיר דער-פון נישט ווערן, נאַקעט וועלן מיר בלייבן. קאָן עמעצער באמת וועלן אַזאַ צושטאַנד?

מיר דאַכט זיך, אַז ווען יענע יידן, וואָס מאַכן אַוועק

מיטן האַנט דעם ענין שפּראַך, וואָלטן זיך טיפער אַריינגע־טראַכט אין דעם, וואָלטן זיי געמוזט איינזען דעם אונזין פון זייערע אייגענע רייד און זיי וואָלטן סוף־כל־סוף באַגריפן, אַז דער גרעסטער, וויכטיקסטער און געזונטסטער פאַקטאָר אויפֿ־צוהאַלטן אונזער קיום, ווי אַ נאַציאָנאַל־לעבעדיקן אָרגאַניזם, איז דאָס יידישע לשון. דעריבער מוזן מיר דער שפּראַך שענקען אונזער גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, אַרבעטן פאַר איר כסדרדיקן וווּקס און אַנטוויקלונג און תמיד אין זינען האָבן, אַז אויב פאַר די פעלקער וואָס לעבן אויף זייערע אייגענע טעריטאָריעס און פירן בכלל אַ נאַציאָנאַל געזונט און נאָרמאַל לעבן, איז די שפּראַך אַזוי וויכטיק, אַ פשיטא שוין פאַר אונז, וואָס מיר זענען עקס־טעריטאָריאַל, פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט, אַרומגערינגלט פון אַלערליי איינפלוסן און מעכטיקע שונאים — פאַר אונז איז דאָס לשון דער סאַמע לעבנס־תוך.

א. אלמי

גראַם־שטראַם *)

ייִדן האָבן פֿון תמיד אָן ליב גראַמען, און דערפֿאַר טאָקע האָבן מיר דערצו אַזאַ גוטברודערישע און גוטמוטיקע גרינגשעצונג, ווי צו אַלץ, וואָס מיר האָבן ליב. ס'האָט זיך בײַ אונדז געשאַפֿן אַ גאַנצע ריי ווערטלעך מכּוח גראַמען און בדחנות, ווי „גראַם־שטראַם, מאַך מיר אַ לעטניק" און ענלעכע, אָבער אין דער אייגענער צייט לעבט אַ ייִדישער פֿאָלקס־מענטש די פֿיגער פֿון אַביסל בדחנות. ער באַוווּנדערט דעם אינהאַלט פֿון דעם בדחנס זאָגעכץ, אָבער נאָכמער די געשיקטקייט, מיט וועלכער ער פֿלעכט צונויף די גראַמען. די בדחנים זענען געווען אונדזערע ערשטע דיכטער און אפֿילו ביז גאָר נישט לאַנג צוריק האָבן די „מאַרשעליקעס" געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין ייִדישן לעבן. ס'איז אפֿילו געווען אַ צײַט, ווען דער בדחן

---

*) דאָסדאָזיקע אַרטיקל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געווען אין דער ניו־יאָרקער „פּ. א. ש." דעם 13־טן נאָוועמבער, 1931. אַלזאָ, אַ שטיק צײַט פֿריִער, איידער ס'זענען דערשינען ב. י. ביאַלאָסטאָצקיס צוויי בענדער לידער און עסייען (סוף 1932), וווּ ער איז מרעיש־עולם וועגן גראַמען — דעם שייכות פֿון וואָרט צו וואָרט; און דערפֿאַר איז אין אָט־דעם אַרטיקל גאָרנישט דאָ וועגן דער גראַמען־דעבאַטע, וואָס ב. י. ב.'ס עסיי האָט אַרויסגערופֿן. מײַן גראַם־פֿילאָזאָפֿיע האָב איך שוין אָבער פֿריִער געהאַט אַרויסגעזאָגט אין מײַן בוך „ליטעראַרישע נסיעות" און ביאַלאָסטאָצקי פֿאַררופֿט זיך אויף דעם אין זײַן עסיי. (א. א.)

איז געווען נישט נאָר אַ ווערטל-זאָגער און פריילעך-מאַכער, נאָר אויך אַ מין לעבעדיקע צייטונג, וואָס האָט אין גראַמען אינפאָרמירט דעם עולם וועגן וויכטיקע פּאַסירונגען אין יידישן און אין אַלגעמיינעם לעבן.

דאָס איז געווען איבערהויפּט דאַן, איידער עס איז אויפ־געקומען אַ יידישע פּרעסע אין רוסיש־פּוילן. אַ גרויסע ראָל האָט געשפּילט דער בדחן משה שלייפשטיין, באַקאַנט אַלס „משה ליאַלקעמאַכער", וועלכער פלעגט מכּוח יעדער פּאַסירונג אַרויס־געבן אַ געגראַמטע מגילה, וואָס דער ברייטער עולם פלעגט תיכּף אויפכאַפּן. האָט מען אין וואַרשע דערהרגעט אַ יידישן ביוריסט, פייגעלעס, אָדער אין דער „דייטשישער שול" איז צו דער מגילה פאָרגעקומען אַ געדראַנג, צוליב אַ געשריי „עס ברענט", און עטלעכע מענטשן זענען צעטראָטן געוואָרן, אָדער מען האָט אין סערביע דערמאָרדעט דאָס קעניגלעכע פּאָר, אַלעקסאַנדער און דראַגאַ — האָט משה ליאַלקעמאַכער באַלד פאַרפאַסט אַ מזמור אין גראַמען און דאָס פאָלק האָט עס צע־כאַפּט ווי מצה־וואַסער, פאַרגעלייענט עס אומעטום, אָדער עס אויסגעזונגען.

דער יידישער גראַם, געבוירן אין פאָלק און נישט אין פּראָצעס פון דיכטערישן שאַפן, האָט זיינע אייגנאַרטיקע חנען און תנועות, אָבער ס'איז געווען אַ פּראָסטע, נאַיווע און אָפט מגושמדיקע שיינקייט, ביז דער יידישער דיכטער האָט זיך גע־נומען צו אים, צום גראַם, אים געפיילט און געשליפן, אויסגע־איידלט און אויסגעמייסטערט. זינט פּרץ האָט זיך געקלאָגט אויפן יידישן גראַם פון „ווידער שאַך און ווידער שעצל; עס האָט אַ טעם ווי לאַקריץ־פּלעצל", האָט דער גראַם אונזערער דורכגעמאַכט אַ גרינטלעכע עוואָלוציע און עטלעכע רעוואָלוציעס; דער גראַם האָט זיך ענטוויקלט אינאיינעם מיט דער גאַנצער יידישער שפּראַך, מיטן יידישן וואָרט. דיכטער נאָך דיכטער איז אויפגעקומען און יעדער האָט — ווי אברהם רייזען דער־ציילט — „אין פינסטערע נעכט... לידער געשריבן... ווערטער און ר י י מ ע ן ווי פּערל געקליבן". דער גראַם איז אין

דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע געוואָרן נישט קיין קלענערער מחותן, ווי אין דעם אַלטן בדחנות. דער דיכטער האָט זיך געפּלייסט עפּעס מחדש צו זיין אין גראַם און אַז דאָס איז אים געראָטן, האָט עס אים אַ גרויסע הנאה געטון. ער האָט שטאָלצירט דערמיט.

מיט יאָרן צוריק (אַרום 1912) האָט נח פּרילוצקי (אין ליטווינס „לעבן און וויסנשאַפט") אָנגערופן, אין אַ קריטיק, דוד איינהאָרנס לידער „אַ נשמה אָן אַ גוף"; ווייל די פאָרם פון זיינע לידער, איבערהויפּט זיין גראַם, איז אים נישט געפעלן. צווישן די מעלות אויף אַ דיכטער איז די מעלה פון גוטע, אָריגינעלע גראַמען נישט געווען פון די קלענסטע. אדרבא, דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר גאָר אַ גרויסן קאָמפּלימענט. יהואש גיט אַוועק – אין זיין באַוווסטער פּאָעמע „ווי ס'ווערן לידער פאַרפאַסט" – אַ גרויס אָרט דעם גראַם. זיין פּיקטיווער באַקאַנטער, וואָס חידושט זיך אַזוי שטאַרק אויף דער קונציקער קונסט צו פאַרפאַסן לידער, וויל אויך זייער וויסן ווי „ס'קלעבט זיך און גראַמט זיך צוזאַמען דאָס וואָרט מיט די גראַמען". און נישט נאָר דעם פּשוטן לייענער, נאָר אויך די ליטעראַטור-קריטיקער, איז דער ענין נישט איבעריק קלאָר און צווישן זיי הערשט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ חלוקי-דעות איבער דער האָר-שפּאַלטנדיקער פראַגע, צי דער גראַם איז אַ לעגיטימער און אָרגאַנישער טייל פון פּאָעטישן שאַפן, אָדער בלויז מלאכה; אין אַנדערע ווערטער: איז דער גראַם אַ געזעצלעך קינד, באַפרוכפּערט פון דער קינסטלערישער אינטויציע, אָדער אַ ממזר, אונטערגעוואָרפן פון באַלמעלאָכישן מוח?

לערער פון פאַרשידענע אומות באַקלאָגן זיך, אַז זיי זענען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט יעדעס מאָל, וואָס אַ שילער פרעגט זיי, אויב די לידער פון אַ געוויסן דיכטער זענען געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט די גראַמען. כדי נישט צו פאַרשווערכן דעם דיכטערס הויך-פּאָעטישע קונסט פאַרזיכערן זיי ס'רוב זייערע תלמידים, אַז די לידער זענען אַרויס ווי זיי שטייען און גייען, מיט די גראַמען, הייסט עס, פון דיכטערישן טראַכט. די אייגענע דערפאַרונג האָבן מסתמא אויך לערער פון יידישע שו

לעס. און זיי זענען תמיד אין אַ פֿאַרלעגנהייט, מחמת וואָס און ווי זיי זאָלן נישט ענטפֿערן זייערע נייגעריקע תּלמידים, פֿילן זיי, אַז עפּעס איז עס נישט דאָס...

דער פֿאַקט איז אָבער, אַז וואָס מען זאָל נישט זאָגן וועגן גראַמען און זייער שייכות צום פּאָעטישן שאַפֿן, איז עס אמת און נישט־אמת. עס טרעפֿט נישט זעלטן ביים דיכטער, אַז אַ ליד פֿאַלט אים ווי פֿון הימל־אַראָפּ, מיט הענט און פֿיס, מיט גראַם און שטראָם; אַן אַנדער מאָל מוז ער, נעבעך, שוויצן זוכנדיק אַ גראַם, אָדער גאָר בלייבן, צוליבן מאַנגל אין אַ פּאַסיקן גראַם, שטעקן אין מיטן, ווי פֿערד און וואָגן, אויף אַ בלאָטיקן וועג, און דערווייל לאָזן די אינספּיראַציע פֿאַרקילט ווערן... ווידער טרעפֿט עס נישט איין מאָל, אַז אַ גראַם סוגעסטירט מיט זיין ווילקלינגעוודיקייט און אומגעריכטקייט אַ גאַנצע פּאָעטישע שאַפֿונג. בקיצור, עס ווענדט זיך ווי אַמאָל. דער גראַם איז קאַפּריזנע ווי אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט שאַפֿן, מיט טעטיקייט, מיט געדאַנקלעכקייט און עמאָציע.

אין די לעצטע יאָרן האָט דער גראַם סיי דער יידישער, סיי דער נישט־יידישער, דורכגעמאַכט אַן אמתן קדחת, דער שרעקלעכער שונא פֿון גראַם, דער „ווערז ליבר", דער בלאַנקער פֿערז, אָדער יידישער גערעדט — דאָס נישט געגראַמטע ליד — איז אַרויף אויפֿן טראָן און זיך אַזוי בּרייט צעזעצט, אַז מ'איז זיכער געווען אין זיין אומזיגבאַרקייט, און מ'האָט אָפּגעזאָגט אַ רבנן קדיש אויפֿן גראַם. קיינער האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דער גראַם וועט אויפֿשטיין תּחית־המתים, אפֿילו ווען משיח וועט קומען און אַלע מתים וועלן לעבעדיק ווערן. אָבער דער גראַם האָט אַן אייזערנע גבורה. אפֿילו יענע דיכטער, וואָס האָבן דעם גראַם באַרעדט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, געזאָגט, אַז ער איז אַ וויסט אָנשיקעניש, וואָס פֿענטעט דעם דיכטער און לאָזט אים קיין פֿרייען קער נישט טון — אפֿילו זיי האָבן זיך מיטן גראַם איבערגעבעטן און זייערע לידער זענען מער נישט וויס, נאָר רויט.

אָבער איינס האָט דער אַנטי־גראַמיזם אויכגעפֿירט, דער

גראַם האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מוז. מען ווייסט, אַז דער עיקר איז דאָס ליד, דער טאַלאַנט פון דיכטער, און נישט דער פאַקט צי זיין געזאַנג איז מיט גראַמען, אָדער אָן גראַמען. איין און דערזעלביקער דיכטער קאָן היינט שרייבן געגראַמטע פערזן און מאָרגן בלאַנקע פערזן. כמעט אין יעדן בוך לידער פון אַ היינטיקן דיכטער וועט איר געפונען סיי געגראַמטע שורות, סיי בלאַנקע שורות, סיי פרייע שורות און קיינער האַלט דאָס נישט פאַר אַ חסרון, אָדער נישט־אויסגעהאַלטנקייט. דער אמת איז, אַז כסדר גראַמען ווערט נמאס און שוין פרצן האָט עס דערעסן און ער האָט דאָס גראַמעריי אָנגערופן „קלאַפּן טשוועקעס"; און גראָד דער מאָדערנער קריטיקער ב. ריווקין, האַלט, אין אַ רעצענזיע איבער י. י. סיגאַלס לידער, אַז אָט די „טשוועקעס" פעסטיקן צו דעם דיכטער צו דער שוואַרץ־ערד פון דער דיכטונג. א. לעיעלעס, דער הויפּט־פירער פון דער אינזיכיסטישער גרופּע וועלכע האָט אַריינגעטראָגן אַ סך חידושים אין גראַם (כאָטש דער „ווייסער פערז" און „פרייער פערז" זענען ביי איר געווען חשוב) איז אַלעמאָל געווען אַ וואַרימער פּאַרטייזיקער פון גראַם.

אין דעם איצטיקן מאָמענט איז דער מצב פון גראַם אויף דער דיכטערישער וועלט־בערזע אַזוינער, וואָס מען רופט אויף יידיש „פיפטי־פיפטי"; קיינער אַטאַקירט אים נישט און קיינער צאַצקעט זיך מיט אים נישט צופיל. און אין אָט אַזאַ צייט איז אַרויס אַ „יידישער גראַמען־לעקסיקאָן" צוזאַמענגעשטעלט פון נ. סטוטשקאָוו (פאַרלאַג „לעקסיק", ניו־יאָרק, 1931) אין וועלכן עס זענען אַריין 35.000 יידישע ווערטער, וואָס גראַמען זיך. דערדאָזיקער לעקסיקאָן עפנט זיך מיט אַ פאָרוואָרט, ווו דער צונויפשטעלער ווייזט אַרויס אַ סך בקיאות אין דעם ענין גראַם, איבערהויפּט אין דער געשיכטע פון גראַמען־לעקסיקאָנען אין אַנדערע שפּראַכן. אויב מיר נעמען אָן דעם שטאַנדפּונקט, אַז אונזער ליטעראַטור דאַרף האָבן אַלץ וואָס אַנדערע ליטעראַטורן האָבן, האָט סטוטשקאָוו מי שוין דערפאַר אַליין זיך געלוינט.

נאַטירלעך האָט דער צונויפשטעלער נישט דערוואַרט, אַז אַ יידישער דיכטער וועט, שרייבנדיק אַ ליד, זיך כאַפּן צו זיין

לעקסיקאָן, כּדי דאָרט אויפצוזוכן אַ גראַם. אָבער סטוטשקאָוו האָט זיין אַרבעט געטון טיכטיק, מיט אַ סך פלייס און זיין אויפטו וועט זיכער זיין אַ געווינס פאַר אַ סך, וואָס נויטיקן זיך אין גראַמען, ווי די מחברים פון טעאַטער-קופּלעטן און אָפּע-רעטן-ליברעטאָס, איבערהויפּט טאַקע פאַר פּראָפעסיאָנעלע בדחנים, וואָס פעלן אויך נישט אין אונזער צייט, ווי אויך אפשר פאַר קינדער פון יידישע שולעס. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז אפילו אַ פּאָעט איז אַמאָל נישט „קורץ" אין אַ גראַם. דער צונויפשטעלער פון גראַמען-לעקסיקאָן גיט איבער פון ציטראָנס מעמוּאַרן וועגן אַ גראַמען-רייסטער, וואָס אליקום צונזער האָט ביי זיך געהאַט. נאָר ער איז ווייט נישט געווען דער איינציקער. איך דערמאָן זיך ווי ה. ד. נאָמבערג האָט אַמאָל, אין רעדאַקציע פון דער וואַרשעווער „ראָמאַן-צייטונג", אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ לאַנגן בויגן מיט גראַמען און אויסגערופן: „טרעפט וועמענס דאָס איז?" עס איז געווען ר׳ מרדכילעס (טשעמערינסקי). אמת, דאָס זענען געווען קאָמישע און עקזאָטישע גראַמען, די טשיקאַווסטע יידישע ווערטלעך, אויסגעמישט מיט רוסיש, פויליש, דייטשמעריש און לשון-קודש, דאָך פאָרט אַ פּאַרטיקער גראַמען-רעגיסטער און מיר האָבן געהאַט אַ סך שפּאַס, ווען נאָמבערג און משה ברכהן (אַ פאָלקסטימלעכער יידישער דיכטער) האָבן גענומען צושטעלן פּאָעטישע שורות צו די פּאַרטיקע גראַמען. אין וואַרשע האָט מען דאַן געשמועסט, אַז דוד פרישמאַן האָט צונויפגעשטעלט פאַר זיך אַליין אַ היפּשן רייסטער פון העברעישע ווערטער, וואָס גראַמען זיך.

געצל זעליקאָוויטש האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ יידישן גראַמען-לעקסיקאָן. ער האָט שוין אפילו אויסגעצאַצקעט אַ שער-בלאַט, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל: „אַ גראַם מיט אַ טעם" און דער „אונטער-קאָפּ" האָט זיך געלייענט אַן ערך אַזוי: „פיר בדחנים און משוררים, ווי פיר אַלע, וואָס ווילן זיך אַמוזירן, צו זינגען און צו זאָגן". ער האָט מיר דאַמאָלט דערציילט, אַז ער פירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער „היברו פּאָבלישינג" אַרויסצוגעבן זיין „גראַמען-לעקסיקאָן",

נאָר עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן, אָדער אפשר געפינט זיך דער מאַנוסקריפּט נאָך ביי דער דערמאָנטער פאַרלאַג־געזעלשאַפט, צי ערגעץ אַנדערש.

מסתמא האָבן נאָך אַנדערע צונויפגעשטעלט אַזעלכע גראַמען־רייסטערס; יעדנפאַלס איז עס אַ באַוווּסטער פאַקט, אַז יידישע דיכטער, איבערהויפּט די אַמאָליקע, האָבן זייער ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט גראַמען, נישט נאָר בעת זיי האָבן געשאַפן, נאָר סתם אַזוי, צוליב פאַרוויילונג. פרץ, למשל, פלעגט גאַנץ אָפט שרייבן געגראַמטע בריוו (זע פּרצס געזאַמלטע רעדעס און בריוו, צונויפגעשטעלט פון נחמן מייזיל). אויך פרוג האָט געהאַט אַזאַ טבע. איינמאָל, נאָכדעם ווי ער האָט, מיט גרויס מי, אַרויסגעקריגן פון „וואָסכאָד״ עטלעכע רובל, וואָס ער האָט זיך, אגב, אין זיי שטאַרק געניטיקט, האָט ער ביי דער קאָסירשע איבערגעלאָזט אַזאַ געגראַמטע קבלה:

איך שווער ביי גאָט,
אַז פון „וואָסכאָד״,
האָב איך באַקומען
דריי רובל מזומן...

(ציטירט פון נח פּרילוצקין)

אין דעם „גראַמען־לעקסיקאָן״ ברענגט סטוטשקאָוו אויך אַ רשימה פון עקרדיקע יידישע ווערטער — ווערטער, וואָס צו זיי זענען קיין גראַמען נישטאָ. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אַ צאָל פון דידאָזיקע עקר־ווערטער וואָלט מען געקאָנט באַפּרוכפּערן מיט גראַמען, אַמאָל אופן גלייכן וועגן און אַמאָל מיט אַ אַ דריידל, אַ קאָמבינאַציע. אָט, למשל, דאָס וואָרט „אתרוג״, וואָס געפינט זיך אין לעקסיקאָן צווישן די „טויטע״ האָט מאָריס ראָזענפעלד געגראַמט מיט „ועסריק״; „אין מחזור איז מוטנע און ועסריק... צענומען די סוכה. פאַרוועלקט איז דער אתרוג״; דאָס „טויטע״ וואָרט „קאַטשעלקע״ האָט ח. נ. ביאַליק אַמאָל באַגראַמט — אמת אויף שפּאַס און אין אַ פּריוואַט געזעמל — מיט פּאַטש עלקע: — „פּאַטש עלקע מיט דער קאַ־

טשעלקע". דאָס באַווייזט, אַז נישט נאָר אַ בדחן, נאָר אפילו אַן עכטער דיכטער קאָן זיך אַן עצה געבן, ווען ער דאַרף אַ גראַם.

צום סוף וויל איך נאָך אָנווייזן אויף עפּעס, וואָס אונזערע פאָלקלאָריסטן פאַרזעען גאַנץ אָפט — און דאָס איז, אַז פאָלקס-לידער קאָן מען לויט זייערע גראַמען דערקענען פון וועלכער געגנט זיי שטאַמען. אויב אין אַ ליד גראַמט זיך סימן אָדער שטימען מיט געקומען, אָדער געגומען, איז קלאָר, אַז עס איז געבוירן אין פּוילן; אַ גראַם ווי טאַטע מיט קאַפּאָטע איז בעסאַראַביש, מחמת אין בעסאַראַביע זאָגט מען טאָטע, מיט אַ קמץ; גויט, ברויט, טויט מיט גייט, קייט, ברייט קאָן נישט זיין אַנדערש ווי ליטוויש. נאַטירלעך זענען די אָנגעוואָרפענע ביישפּילן בלויז עטלעכע פון אַ סך; און נאַטירלעך זענען פאַראַן געווען אַנדערע סימנים, וואָס לויט זיי קאָן מען באַשטימען דעם אָפּשטאַם פון אַ פאָלקס-ליד, אָבער דער גראַם קאָן דינען פאַר אַ וויכטיקן וועג-ווייזער אויף די וועגן און שטעגן פון געגראַמטן יידישן פאָלקס-שאַפן און אין געוויסע פאַלן זיין אפילו דער איינציקער סימן מובחק בנוגע דעם געבוירן-אָרט פון אַ יידישן פאָלקס-ליד.

א. אלמי

דייבעס

(1)

דער גלגול פון אַ נגון קייקלט זיך אָפּט אַ סך ווייטער און טיפער, ווי אין פּרצס מעשה. נישט נאָר מען קאָן אַמאָל דערקענען אין דעם ליד פון אַ גאַסנזינגער דעם „הייליקן שורש" פון דעם צדיקס געזאַנג — מ׳קאָן דערין אויך טיילמאָל פאַרנעמען די קולות פון אונזערע אור-שטאַמען, די טריט פון ווייטע ראַסן אין דעם נעפּלדיקן באַגינען פון דער מענטשלעכער קולטור. א וואָרט, אַ קלאַנג — און א פאַרשוווּנדענע ציוויליזאַציע ציטערט-אויף. אַ טאָן, אַ מעלאָדיע — און איר דערזעט דעם רויטן פּאָדעם פון יחוס, פון אָפּשטאַם. אין אַ דערפּל פון דער ליטע, אָדער פון אונגאַרן דערהערט איר פּלוצלינג דאָס גערויש פון גאַנגעס, אָדער פון יאַנג-טצע; פון נילוס, אָדער פון טיבער, צי פון ירדן. דער מענטש האָט געוואַנדערט איבערן פּנים פון דער ערד נאָך מיט טויזנטער יאָרן פריער, איידער ס׳איז געבוירן געוואָרן דער שאָטן פון דעם חלום וועגן באַנען, דאַמפשיפן און עראָפּלאַנען. פעלקער און גאַנצע ראַסן האָבן געוואַנדערט, געטריבן פון אַ געהיימען אומפאַרשטענדלעכן דראַנג; אַמאָל האָט געשטויסן די אומרו פון דעם פּרימיטיוו; אַמאָל — גייעג נאָכן בלאָען פויגל פון גליק;

אַמאָל — און אפשר ד אָ ס דער עיקר — די לוסט צו רויב, מאַכט און אויסשפּרייטונג — ווי אין די זיגרייכע מאַרשן פון אלעקסאַנדער מוקדון, געגניס כאַן, די רוימישע צעזאַרס, די איסלאַמישע און קריסטלעכע דעראָבערער.

די אַנטראָפּאָלאָגיע און די עטימאָלאָגיע האָבן פאַר זיך אַן אומגעהייער־אינטערעסאַנטע, אָבער גוואַלטיק־שווערע, אוממעגלעכע עובדה: אויפצופלאָנטערן דעם קנויל פון ראַסן, פעלקער און שפּראַכן, קלאָר צו מאַכן „ווער איז ווער״ אין דער מענטשהייט, זיך צו דערגראָבן צום מקור, צום שורש. אָבער די ראַסן און שפּראַכן זענען אַזוי פאַרמישט און צעמישט איינע אין די אַנדערע, אַז ס׳גלויבט זיך נישט, דאָס מ׳זאָל ווען־נישט־איז קאָנען דערגיין אַ טאָלק. גערעכט זענען יענע ראַסן־פאָרשער, וואָס זענען געקומען צום אויספיר, אַז ריינע ראַסן זענען אַבסאָלוט נישט בנמצא. יידישע נאַציאָנאַליסטן ווילן דווקא האָבן אַן אויסנאַם פון כלל אין דער יידישער ראַסע — בכן אונזער שטרענגע אָפּגעצאַמטקייט, דורך אַ גאַנצער ריי דינים, פון דער איבעריקער וועלט. אונזער נישט משדך־זיין זיך מחוץ אונזער ראַסן־גדר א. א. וו. אָבער וואָס איז מכוח די שטראָמען בלוט פון גאַנצע פעלקער־גרופּן, וואָס האָבן זיך אריינגעגאָסן אין אונזערע אָדערן אַריין, ווי, למשל, פון די כאַזאַרן? איז אפשר גערעכט ד״ר מאָריס פישבערג, ווען ער קומט צום אויספיר, אַז די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן זענען מער מאָנגאָליש, ווי סעמיטיש... און אין דער אייגענער צייט קומען־אויף השערות בנוגע אַנדערע פעלקער, שוין נישט צו רעדן וועגן די אינדיאַנישע שבטים פון מעקסיקאָ, אַז זייער אָפּשטאַם איז אַ יידישער. די „בריטיש איזראַעליטס״ זענען איבערצייגט, אַז די ענגלענדער זענען די אמתע בני ישראל... און אָט קומט אַרויס דער יאַפּאַנישער געלערנטער, פּראָפ. אַיאַבע, מיט דער טעאָריע, אַז יאַפּאַן, אָדער „ניפּאָן״, וואָס זאָל זיין פאַרגרייזט פון העברעאישן „צפון״, איז געגרינדעט געוואָרן פון צוויי יידישע שבטים— סמנים: יאַפּאַנישע ימים־טובים פון קענטיקן ביבלישן כאַראַקטער; נעמען פון שטעט און מענטשן, ווי אויך ווערטער אין

דער יאַפּאַנישער שפּראַך, וואָס קלינגען העברעיִש. אַ חידוש, וואָס ער דערמאָנט נישט, אַז אויך אין דער שינטאָאיִסטישער רעליגיע איז פאַראַן אַ שכינה — אָט אַזוי טאַקע ווי אין העברעיִש — שכינה. דאַרף מען נאָך מער ?...

אָט זיצן אין אייראָפּע מאַגיאַרן, פינען, טערקן, וואָס זייער יחוס איז אַ מאָנגאָלישער; די רומענער שטאָלצירן מיט רוימישן זכות־אבות, און דאָס וויגעלע פון די ליטווינער און לעטן זאָל האָבן געשטאַנען אין אינדיע. זייערע לשונות האָבן אויפגעהאַלטן „אַ גוזמא שרשים און גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען פון סאַנסקריט", ווי ס'דערמאָנט אונז אוריה קאַצענעלענבאָגען, דער יידישער איבערזעצער און פאַרטייטשער פון די ליטווישע און לעטישע „דיינעס" (פאָלקסלידער). נישט נאָר פון סאַנסקריט, נייערט אויך פון פּאַלי, די צווייטע קלאַסישע שפּראַך פון אינדיע, דאַרף מען דאָ מוסיף זיין. אָבער דאָס אינדישע שפּיגלט זיך אָפּ נישט בלויז אין דער שפּראַך. ערטערוויַיז אויך אין דעם מהות פון די פאָלקסלידער, אין דער באַציונג צו די נאַטור־כוחות, וואָס דריקט זיך דורך זיי אויס, אין זייער אויפנעמען די וועלט — מיר דערפילן דעם הויך פון די וועדאַס, פון דער מאַהאַ־באַראַטאַ און פון דער ראַמאַיאַנאַ, הגם לייכטער אין טאָן און אין געמיט, ווי די אינדישע, שווער־באַלאָדענע, פאָלקסשאַפונגען. אויך דאָס וואָרט ד י י נ אַ שטאַמט, ווי מיר דאַכט זיך, פון סאַנסקריטישן „דהייאַנאַ", וואָס מיינט אינטויִציע, עקסטאַז. קיין ספק איז ביי מיר נישט, אַז דאָס וואָרט „מאַראַ", וואָס ווערט דערמאָנט אין די „דיינעס", איז נישט פאַרגרייזט פון „מאַריע" (יעזוסעס מוטער), לויט דער אָנגענומענער מיינונג, וואָס קאַצענעלענבאָגען גיט־איבער, נאָר, אַז דאָס איז מאַראַ פון דער אינדישער מיטאָלאָגיע. אמת, ביי די ליטווינער איז מאַראַ די געטין פון גליק און ביי די אינ־דוסן — דער גאָט פון בייז, דער שטן; אָבער אַזעלכע מעטאַ־מאָרפאָזן זענען קיין נייעס נישט אין דער פילאָלאָגיע. גענוג צו דערמאָנען, אַז דער סאַנסקריטישער ד ע ו אַ, וואָס מיינט

אַ גוטער מלאך, אַ געטלעכער שליח, איז אין די אייראָפּעיִשע שפּראַכן געוואָרן — טייוול, דעוויל...

אַז די ליטווינער און לעטן (וועלכע זענען אַמאָל געווען איין פאָלק) שטאַמען פון אינדיע — דאָס ווערט באַטראַכט פאַר אַ היסטאָרישן פאַקט. אָבער ווען האָט זייער אויסוואַנדערונג פּאַסירט — בעת די איצטיקע אינדיער, אָדער אינדוסן, האָבן שוין באַהערשט דאָס לאַנד פון דעם גאַנגעס, אָדער פריער, בעת דאָרט האָט נאָך געהערשט די דראַווידיאַנישע ציוויליזאַציע? אויף דעם איז נאָך נישטאָ — און וועט אפשר קיינמאָל נישט זיין — קיין ענטפער. און דווקא דאָס איז פון גרעסטן אינטערעס פאַר די היסטאָריקער, מחמת די אָריגינעלע אינדוסן, די דראַווידיאַנער, וואָס זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די אַריינדרינגער, האָבן נאָך זיך געלאָזט אַ זייער שוואַכן אָנדענק, און די היסטאָריקער מאַטערן זיך צו דערגיין עפּעס וועגן זיי. דאַרף מען אפשר זוכן די דראַווידיאַנישע שפּורן ביי די ברעגעס פון דעם ניעמאַן און דער דווינע? וואָרום די איצטיקע איינוווינער פון אינדיע זענען אַ צווייג פון דער אַרישער ראַסע, וואָס ציילט זיבן „פאַמיליעס”: אינדוסן, פּערסיער, גריכן, רוימער, קעלטן, טויטאָנען און סלאַוון. און ס׳איז אָנגענומען, אַז די לעצטע דריי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַזיע קיין אייראָפּע דורך קאַווקאַז, איבערן קאַספּישן ים.

דאָס קאָן הייסן, אַז די אייראָפּעיִשע פעלקער קומען פון אַזיע און די אינדוסן — פון אייראָפּע, בעת די אָריגינעלע איינוווינער פון אינדיע זענען ערגעץ שפּורלאָז פאַרשוווּנדן... אָדער אַזוי: די אַריער שטאַמען אָריגינעל פון אַזיע, האָבן פאַרפלייצט אייראָפּע, דערנאָך איז אַ טייל פון זיי — מיט אַלעקסאַנדער מוקדון, 2500 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג — צוריק פאַרטראָגן געוואָרן קיין אינדיע; אָדער גאָר אַזוי... נאָר, עס זענען דאָ אַ סך „אָדערס”, וואָס וועלן און ערגעץ נישט דערפירן. ס׳איז דערווייל נישטאָ דער מאַגישער שפּרוך, וואָס זאָל קאָנען אויפּפלאָנטערן דעם קנויל פון ראַסן און פעלקער. פאַראַן אַ סך פעדעם און פעדעמלעך,

אָבער זיי פאַרלירן זיך באַלד. פאַראַן אַ סך טעאָריעס, היפּאָטעזעס — נאָר ווער קאָן פאַרנימפטיק פאַרזיכערן, אַז אָט־די און־די איז ריכטיק און די אַנדערע איז פאַלש? מיר ווייסן נישט! און נאָר דעמאַגאָגן קאָנען אויפבויען „וויסנשאַפטן" מכּוח ריינע ראַסן, ווי דאָס טוען געוויסע גערמאַנישע היפּער־פּאַטריאָטן, פריער טשעמבערליין (אַן ענגלענדער, וואָס האָט זיך געשמדט אויף אַ דייטש), שפּעטער די היטלעריסטן; צי די „נאָרדיקס" פון אמעריקע און ענגלאַנד, וואָס שרייען מכּוח דער ריינקייט און סופּעריאָריטעט פון דער נאָרדישער ראַסע.

(2)

די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז אַ גלגול פון אַ נגון. נישט איין גלגול. אַ סך גלגולים — און גלגול אין גלגול. עס מישן זיך בלוטן, טענער און פאַרבן. קיינער ווייסט נישט, ווו הייבט זיך אָן אַ ראַסע און ווו ענדיקט זי זיך. נישטאָ קיין גלייכע אָפּשניטן, קיין אויסגעטיילטע גרענעצן. אין יעדן ליד קלינגט דאָס געזאַנג פון דער מענטשהייט. דאָ און דאָרט דערקענען מיר אין דעם ליד, אָדער אין דעם וואָרט פון אַ רוסישן „מוזשיק", צי פון אַ דייטשיש „מעדכען" אַ טאָן, אַ קלאַנג פון אַזיאַטישן שורש, ווי מיר דערהערן אַמאָל אין דעם קלאָג־ליד פון דעם אינדישן סודראַ — דאָס געוויין פון דעם רוסישן פויער. דערפאַר, וואָס נענטער צום פּרימיטיוו — אַלץ שאַרפער זענען די שפּורן פון יחוס, פון אָפּשטאַם. אין פאָלקלאָר, אין די פאָלקס מעשהס און פאָלקסלידער, וואָס זענען אַזוי ענלעך איינע צו די אַנדערע ביי די פאַרשיידנסטע פעלקער — אין זייער טעמאַטיק, איינפאַל און „פילאָזאָפיע" — פאַרנעמען מיר דייטלעכער די טריט פון ראַסן, פון פעלקער־וואַנדערונגען, איידער אין די שפּעטערדיקע שאַפונגען פון דער מענטשלעכער קולטור, בעת ס'האָבן זיך שוין אויסגעפאָרמט נאַציעס, שטאַטן. אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט, אַ מאָטיוו,

אַ טאָן, א ריטמישער ציטער — און מיר גיבן זיך אַ כאַפּ: אָט דאָס איז דאָך אינדיע, טיבעט, אַראַביע. מער נישט. ווייטער פאַרלירן זיך די וועגן, ווערן פאַרווישט אינם נעפּל פון די פּרעהיסטאָרישע צייטן.

בלויז אין איין ווינקעלע און אין אַ צווייטס פון דעם ערד־קויל הערן זיך די ווייטע טריט אַביסל קלערער; די ווייטע טענער — אַביסל נענטער און אָפטער. אַזוי איז עס אין ליטע און אין לעטלאַנד — און דאָס איז צו פאַרשטיין. ביידע לענדלעך ליגן אַזוי ווייט אַוועק פון די גרויסע מערב־אייראָפּעישע קולטור־צענטרען, ווו עס דריקט שוין איין קולטור־שיכט אויף דער אַנדערער. ליטע און לעטלאַנד האַלטן נאָך ביי דער ערשטער שיכט פון זייער קולטור און ציוויליזאַציע. פאַררוקט אין אַ ווינקל, איזאָלירט און אונטער דער רוסישער הערשאַפט — דערשטיקט; הערט זיך נאָך דאָרט דאָס אור־קול, די שטים פון דעם פּרימיטיוו, פון דעם געצנדינער אין וואַלד. אַזוי ווי אין דעם „שי־קינג" פון די כינעזער און אין דעם „בוך פון מאַנו" פון די אינדאָ־אַריער, הערן מיר אין די „דיינעס" דעם אָפּקלאַנג פון אַ ווייטן גראָען אַמאָל, פון דער קינדהייט פון אַ פאָלק. ווייניק נייע טענער זענען צוגעקומען אויף די ברעגעס פון ניעמאַן און דווינע, וואָס זאָלן פאַרטונקלען די אור־קלאַנגען, און די „דיינעס" האָבן זיך אויפבעוואָרט אין זייער אַנטיקער שיינקייט, אַרכאַאישער עכטקייט און אין פולן פּעגאַניסטישן פּראַכט.

אוריה קאַצענעלענבאָגען האָט די „דיינעס" — די ליטווישע און לעטישע — איבערגעזעצט פון אָריגינאַל; און די אַרבעט איז אים אַזוי געראָטן, אַז מיר פילן זייער זעלטן, אַז ס'איז איבערזעצונג. ער גיט אונז נישט בלויז וואָרט און אינהאַלט, נאָר אויך דעם נוסח און דעם ספּעציפישן ריטם פון דער „דיינע". אויך זיינע אַריינפירן (פאַרוואָס „איינלייטונגען"?) און דערקלערונגען זענען זייער באַלערנדיק. לײדער האָבן די „דיינעס" ביי אונז נישט אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיי פאַרדינען. און דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס אין

אונזער ליטעראַרישער גאַס קוקט מען נאָך אַלץ קרום אויף יענע, וואָס פירן אַריין דעם יידישן לייענער אין ווייטע וועלטן. מ׳האַלט בײַ אונז פעסט פאַרשפּאַרט דאָס פענצטער פאַר פרעמדע ווינטן און אַז עמעצער גיט אַן עפן דאָס פענסטער, דערשרעקט מען זיך פאַר אַ פאַרקילונג... נישט אַנדערש ווי אַ כינעזישע מויער וויל מען אַרום אונזער קולטור, אַ גייסטיקע געטאָ, און מ׳פאַרגעסט גאָר, אַז אָט די „פרעמדע״ אוצרות, אָט די עקזאָטישע אַנטיקן, וואָס דער און יענער פירט אַריין פון מרחקים, מאַכט אויך רייכער, פאַרביקער און אָנציִענדיקער אונזער אייגענע ליטעראַטור.

זאָלן טאַקע געבענטשט זיין יענע, וואָס די אַרומיקע גלייכגילטיקייט שרעקט זיי נישט אָפּ און זיי ציִען מיט זייערע קאַראַוואַנען איבער די טראַקטן פון אומפּאַקאַנטע לענדער, נאָך קאָלירדייכע טעפּיכער און שימערירנדיקע איידלשטיינער.